STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08913

# IN DI TEG FUN DI ERSHTE NEVIIM

Solomon Simon

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער פאַרלאַג „קיום" דריקט אויס זיין אָנערקענונג דעם ה׳ מאיר (מאַקסימאָ) קופפערשמיד און פרוי חנה, פאַר זייער ווירדיקן בייטראָג צום אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך. מיט דעם האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ טיפע איבערגעגעבנקייט צו די אייביקע גייסטיקע ווערטן פון אונדזער פאָלק און האַרציקע באַציאונג צו דער יידישער ליטעראַטור.

שלמה סימאָן

# אין די טעג פון די ערשטע נביאים

# 14

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

שלמה סיימאן

# אין די טעג פון די ערשטע נביאים

בוענאָס-איירעס
תשי״ט-1959

משה פייגענבלום.

געווידמעט מיין חבר דעם שריפט־
שטעלער ר׳ משה שענדעריי, וואָס
זיין חברשאַפט האָט מיך דערהויבן
אין מיינע אייגענע אויגן.

# אַרײַנפֿיר

## I

## נבואה און נביאים

נבואה, ווי אַ גײַסטיק־עטישע באַוועגונג, וואָס האָט געדויערט אַרום אַכט הונדערט יאָר, איז דורכאויס אַ יידישע דערשיינונג. די נביאים האָבן אַוועקגעלייגט זייער שטעמפּל אויף דער וועלט־געשיכטע. אָן דעם תנ״ך וואָלט איצט די וועלט געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע. נישט קיין בעסערע נאָר גאָר אַ סך אַן ערגערע.

ביי אַלע פעלקער זענען געווען צוקונפט־פאָרויסזאָגער, מכשפים, מאַגי־קער, גורל־וואַרפער, שטערן־זעער, אָראַקל־אויסטייטשער, וואָס האָבן זיך באַ־רימט, אַז זיי קאָנען אויפהייבן דעם דיקן פאָרהאַנג, וואָס פאַרשטעלט די צו־קונפט, און פאָרויסזאָגן דאָס נאָך נישט געשעענע. כשוף־מאַכער, אַסטראָ־לאָגן (שטערן־זעער), צויבערער האָבן געשפילט אַ גרויסע ראָלע אין דער גע־שיכטע פון פעלקער. אָבער אַ גרויסער תהום, אַפּגרונט, ליגט צווישן די חרטו־מים און מאַגיקער, אַלערליי קונצן־מאַכער און די נביאים.

זאָגט ה. ג. וועלס, וואָס איז נישט געווען איבעריק באַגייסטערט פאַר דער יידישער אמונה: „די נביאים־ביכער זענען די בעסטע עדות פון דער דערשיינונג פון אַ נייעם מין פירערשאַפט אין דער מענטשהייט״.

דער גרונט־חילוק צווישן די נביאים און אַלע אַנדערע „נאַבוס״ און „געטלעכע מענטשן״ פון אַלע אַנדערע פעלקער איז, וואָס די נביאים האָבן געגלייבט, אַז די וועלט האָט אַ פעסטע אָרדענונג. אַלץ איז איינגעשטעלט לויט פעסטע יסודות און זיי קומען אין דער שליחות פון גאָט, וואָס פירט די וועלט. דער כביכול איז דער גאָט פון יושר און גערעכטיקייט, ער איז דער גאָט פון שלימות. ער האָט געשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט און אויסגעקליבן דאָס פאָלק ישראל צו רעאַליזירן מלכות שדי, גאָטס קעניגרייך, דאָ אויף דער וועלט. ער האָט געשיקט די נביאים צו שטראָפן די יידן, צו לערנען זיי און וואָרענען.

די מאַגיקער, די אָראַקל־אויסטייטשער, די כישוף־מאַכער און אַלערליי וואונדער־טוער ביי אַלע פעלקער האָבן אויך געהאַלטן, אַז די נאַטור־כוחות

זענען איינגעשטעלטע און פעסטע. אָבער זיי, די מכשפים, חרטומים און מאַ־גיקער, האָבן געהיימע שפּרוכן, מאַגישע פאָרמולעס צו צווינגען די נאַטור און די געטער צו פאָלגן, וואָס מען פאַרלאַנגט פון זיי. אין אַנדערע ווערטער די חרטומים פון מצרים, די פּריסטער פון די גריכישע טעמפּלען, די נאַבוס פון בבל און אשור האָבן זיך געהאַלטן פאַר שטיקלעך געטער, וואָס זענען נישט אונטערגעוואָרפן אונטער קיין שום עטישע געבאָטן און אַנזאָגונגען. גאָר אַנ־דערש, להבדיל, איז געווען מיט די נביאים, זיי האָבן זיך נישט געהאַלטן פאַר כל־יכולס, זיי זענען געווען בלויז שליחים פון גאָט. זיי זענען אויסדערוויילט געוואָרן צו ברענגען גאָטס וואָרט צו די מענטשן, צו וואָרענען זיי, צו שטראָפן זיי און פירן זיי אין גאָטס גערעכטע וועגן.

דערפאַר איז כישוף געווען אַ משפחה־ענין. דער טאַטע האָט איבערגע־געבן די סודות פון דער מאַגיק צו זיין זון. נבואה איז בדרך כלל, ווי ווייט עס איז פאַרשריבן אין תנ״ך, נישט איבערגעגאַנגען בירושה. דער נביא איז גאָטס קנעכט, גאָטס שליח. עס רוט אויף אים די נבואה דורך דעם חסד פון גאָט. ווען מען גאָט ווילט אויס יענער ווערט נביא. נישט משהס קינדער ווערן נביאים, נאָר זיין תלמיד יהושע ווערט נביא.

די נביאים זענען אויפגעקומען פון נישט איין קלאַס פון דער באַפעלקע־רונג. עס זענען געווען נביאים כוהנים ירמיהו און יחזקאל; נביאים פון קליי־נעם יחוס, — פּאַסטעכער, פּויערים — עמוס, מיכה; נביאים פון קעניגלע־כער משפחה — ישעיה און צפניה. עס זענען אויך געווען פרויען נביאהס: מרים, דבורה און חולדה. דבורה און חולדה האָבן געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע. דבורה הנביאה האָט פאַראייניקט אַ צאָל שבטים און באַפעסטיקט דעם יידישן כיבוש, באַהערשונג פון ארץ־ישראל. פינף הונדערט יאָר שפּעטער האָט די נביאה חולדה באַפעסטיקט די גייסטי־קע רעוואָלוציע, וואָס איז געקומען אין דער צייט פון יאשיהו. ס׳איז געווען אין אָנהייב פון ירמיהוס נביאות־זאָגן, און דער גרויסער נביא איז נאָך גע־ווען יונג און נישט באַקאַנט.

די גמרא גיט אָן סימנים ווי אַזוי מיר זאָלן דערקענען וועלכער נביא איז געווען אַ בעל־יחוס און פון וועלכער שטאָט דער נביא שטאַמט:

„ווען עס ווערט דערמאָנט דער נאָמען פון דעם נביא און דער נאָמען פון זיין פאָטער איז אַ סימן, אַז דער טאַטע איז אויך געווען אַ נביא. ווען עס ווערט דערמאָנט בלויז דער נאָמען פון דעם נביא איז אַ סימן, אַז דער טאַטע זיינער איז נישט געווען קיין נביא. ווען עס ווערט דערמאָנט די שטאָט פון דעם נביא מיינט, אַז דער נביא שטאַמט פון יענער שטאָט. ווען די שטאָט

ווערט נישט דערמאָנט איז אַ סימן, אַז דער נביא שטאַמט פון ירושלים.״ (מגילה ט״ו עמוד א׳).

וויפל נביאים זענען געווען ביי יידן? זאָגט די אגדתא:

— אַ סך, גאָר אַ סך נביאים זענען אויפגעקומען ביי יידן, טאָפּלט ווי אַרויסגייער פון מצרים (פון מצרים זענען אַרויסגעגאַנגען לויטן חומש זעקס הונדערט טויזנט יידן). אָבער די נביאות, וואָס האָבן געהאַט אַ ווערט פאַר די צוקונפטיקע דורות זענען פאַרשריבן געוואָרן. די נביאות, וואָס האָט נישט געהאַט קיין ווערט פאַר די צוקונפטיקע דורות זענען נישט פאַרשריבן געוואָרן.

יעדער נביא האָט געהאַט זיין סיגנון, זיין אופן פון זאָגן נביאות — זאָגט די גמרא: אויף אונדזער מאָדערנעם לשון קאָן מען זאָגן, אַז אַלע נביאים האָבן באַהאַנדלט איין טעמע — די גרויסקייט פון גאָט, זיין אַבסאָלוטע הערשאַפט פון דער וועלט און זיין פאָדערונג פון אַ גערעכטן, יושרדיקן, ריינעם און הייליקן לעבן. אָבער יעדער נביא האָט עס געזאָגט אויף זיין אופן. זיינע נביאות זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין צייט, פאַר זיין סביבה, פאַר זיין אָפּשטאַם און זיין אייגענער פערזענלעכקייט. זאָגט די אגדתא:

— יחזקאל האָט געזען גאָט מיט דער התפעלות פון אַ ישובניק, אַ דאָרפסמאַן וואָס זעט זעלטן דעם מלך. דערציילט ער וואָס ער האָט געזען באריכות. יחזקאל דערציילט לאַנג און אַ סך וועגן דער מעשה מרכבה. ישעיה האָט געזען גאָט ווי אַ גרויס־שטאָטיקער זעט דעם מלך. ער פאַלט נישט אַריין אין קיין גרויסער התפעלות און דערציילט עס קורץ און איז נישט מאריך.

געווען נביאים וואָס האָבן געקראָגן זייערע נביאות דורך וויזיעס, געטלעכע וויזיעס, בילדער און געשטאַלטן. אַנדערע נביאים, אָדער אַפילו אַמאָל די זעלביקע נביאים האָבן געהערט גאָטס קול. אַנדערע האָבן גערעדט פאַרשטעלט. קיין צוויי נבואות זענען נישט גלייך איינע צו דער אַנדערער, זאָגט דער מדרש, עמוס האָט געזען גאָט ווי ער שטייט, מיכה האָט געזען גאָט ווי ער זיצט, משה רבנו האָט אים געזען ווי אַ גיבור, דניאל האָט אים געזען ווי אַן אַלטן מאַן.

די נביאים האָבן נישט געחנפעט גאָט. זאָגט די גמרא: די נביאים ווייסן גאָטס גרויסקייט און חנפענען אים נישט. אַ גוטער ביישפּיל איז ווי ירמיהו זאָגט צו גאָט אַן שרעק: „איך ווייס גאָט, אַז גערעכט ביסטו בלייבן, דאָך וויל איך זיך אויסטענהן מיט דיר: פאַרוואָס באַגליקט דער וועג פון דעם רשע און עס לעבן רואיק אַלע די וואָס באַגייען פאַלשקייטן?״ (ירמיהו י״ב, א).

אין אַ יאָר פון טריקעניש אין אַ הונגער־יאָר זאָגט ירמיהו צו גאָט: פאַרוואָס זאָלסטו זיין ווי אַ צעטומלטער מענטש (אָדער דערשראָקענער

מענטש), ווי אַ העלד וואָס קאָן נישט העלפן? (ירמיהו י״ד, ט׳). שיין זאָגט דער מדרש: די נביאים האָבן זיך נישט געשעמט צו פאָדערן ביי גאָט פאַר יידישע הצטרכותן, יידישע נויטן, אָט ווי אַ פרוי שעמט זיך נישט צו בעטן ביי איר מאַן אויף שטוב הוצאות (פסיקתא דרב כהנא י״ב בחודש השלישי).

דער סימן מובהק פון אַלע אמתע נביאים איז וואָס זיי הייבן אָן מיט שטראָף־רייד און לאָזן אויס מיט טרייסט־רייד, מיט נחמות און ישועות אויף יידן.

אין תנ״ך ווערן צעטיילט די נביאים אויף נביאים ראשונים „פריערדי־קע נביאים״ אָדער „ערשטע נביאים״ און נביאים אחרונים „שפּעטערדיקע נביאים״. פון די פריערדיקע נביאים, אָדער ווי מען רופט זיי אויפן מאָדער־נעם לשון מינדלעכע נביאים, זענען נישט געבליבן קיין לענגערע נבואות. אַלץ וואָס עס איז פון זיי פאַראַן זענען מעשיות און קורצע נבואות. דער אויסנאָם איז די שירה פון דבורה. פון די נביאים אחרונים זענען געבליבן גאַנצע ספרים. דערפאַר רופט מען זיי „שריפט־נביאים״, אָדער „ליטעראַרי־שע נביאים״. אָבער מען דאַרף פאַרשטיין, אַז אויך די שריפט־נביאים האָבן געווירקט בעיקר מיט זייער גערעדטן וואָרט.

די ספרים יהושע, שופטים, שמואל (א׳ און ב׳), מלכים (א׳ און ב׳) ווערן באַצייכנט ווי „נביאים ראשונים״. ישעיה, ירמיהו, יחזקאל און תרי עשר (הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי (זענען די ספרים פון די „נביאים אחרונים״ — די שריפט־נביאים, די ליטעראַרישע נביאים.

אין גאַנץ תנ״ך זענען דאָ פיר און צוואַנציק ספרים: עשרים וארבעה. צוליב דעם רופט מען דעם תנ״ך אויף יידיש „שוואַרבע״ — אַ פאַרקירצונג פון עשרים וארבעה.

***

אין איצטיקן באַנד „אין די טעג פון די ערשטע נביאים״ וועלן מיר באַ־האַנדלען די נביאים ראשונים, די מינדלעכע נביאים. מיר וועלן באַשרייבן דאָס לעבן פון יעדן נביא, זיין תקופה, די סביבה און אַרויסברענגען די ספּעצ־יפישע געדאַנקען און יידישן וועלט־מהות פון יענער צייט.

די מעשיות און אויפטואונגען פון די נביאים ראשונים זענען נישט נאָר אינטערעסאַנט און צוציענדיק, נאָר ווייזן קלאָר אַז דער אויפקום פון די נבי־אים אחרונים, די שריפט־נביאים, איז נישט קיין צופעליקער. אַ סך מיינען אַז די נביאים אחרונים זענען געווען אַזוי עטיש הויך, אַזוי טיף אָריגינעל אין זייער אויפפאַסונג פון גאָט, מצוות, לאַנד, פאָלק און באַנעם פון יושר און

געדעכטיקייט, אַז זיי זענען געווען אינגאַנצן פרעמד צום פאָלק. דער לייענער פון דעם בוך ווייסט זען אַז יעדער נביא איז געווען אין תוך דאָס קול פון יידישן פאָלק. קיין נביא האָט נישט געשאַפן קיין יש מאין — עפּעס פון גאָרנישט. דער יסוד פון אַלע נביאים איז געווען די תורה און איר מסורה, אַפּט מצוות וואָס מען האָט זיי נישט אָפּגעהיט, נישט אָנגענומען נאָך. אָבער יעדער נביא האָט געצויגן זיין יניקה פון דער טיף פאַרוואָרצלטער יידישער טראַדיציע.

„די דערשיינונג פון די נביאים, די שלוחים פון גאָט, איז נישט געקו־מען פון דער פּערזענלעכער אינדיווידואַליסטישער אמונה פון דעם נביא און פון זיין וועלט־באַנעם, נאָר איז געווען טיף פאַרוואָרצלט סאָציאַל־היסטאָריש. דער נביא איז געשיקט געוואָרן צום פאָלק, און זיין דערשיינונג, אויפקום, איז געווען פאַרבונדן מיט דער אמונה פון פאָלק, אַז זיין גאָט איז גרייט און האָט דעם הרגל (די געוווינהייט) צו שיקן שלוחים צו זיין פאָלק" (יחזקאל קויפמאַן).

דעם נביאס באַגריף פון גאָט און זיין יושרדיקן איינשטעל איז קיינמאָל נישט געווען אינגאַנצן פרעמד צו די יידן פון זיין צייט. יעדע נבואה, ווי ניי און רעוואָלוציאָנער זי האָט זיך אויסגעדוכט, האָט אין תוך געהאַט אַן אָנ־שפּאַר אויף אַן אַלטער מסורה.

ביי אַ גרויסן טייל פון אונדזערע אינטעלעקטואַלן איז אָנגענומען, אַז די נביאישע רייד זענען געווען פרעמד פאַר די יידן און זיי האָבן זיך אַלעמאָל געשטעלט קעגן גאָטס שלוחים און זיי פאַרפאָלגט. דער קוק פּאַסט זיך אַריין אין דער קריסטלעכער פאָרמולע, אַז יידן האָבן שטענדיק פאַרמיאוסט גאָטס וואָרט און אָפּגעזאָגט זיך צו אָננעמען די נביאים. אַזוי האָט אויך פּאַסירט, לויט זייער באַנעם, ווען דער „גרעסטער נביא" איז געקומען צו די יידן. זיי האָבן אים געטויט און דערפאַר זענען יידן פאַרשטויסן און פאַרלאָזן פון גאָט.

ס'איז נישט אמת, ס'איז אַ פאַלשער באַגריף וועגן נבואה און יידן. מיר ווייסן, אַז די דריי גרויסע נביאים: ישעיהו, ירמיהו און יחזקאל האָבן גע־האָט תלמידים און נאָכפאָלגער. ישעיה האָט געהאַט תלמידים ווי ער זאָגט: „פאַרזיגל די וואָרעניש, פאַרחתמט די תורה צווישן מיינע לערנערס־תלמי־דים". ירמיהו האָט געהאַט זיין תלמיד און סעקרעטאַר ברוך בן נריהו. אַ חוץ אים האָט דער נביא געהאַט חסידים און נאָכפאָלגער צווישן די הויכע שררות פון דער מלוכה, ווי די משפחה פון שפן און אַנדערע שררות. צו יחזקאלן אין שטוב פלעגן קומען די זקנים צו האַלטן זיך עצות מיט אים און זיך נאָכ־פרעגן אויף נייע נבואות. וועגן אַנדערע נביאים ביז שיבת ציון ווערט נישט דערמאָנט, אַז זיי האָבן געהאַט נאָכפאָלגער. אָבער דער עצם פאַקט,

אַז עס האָט זיך געפונען אַן עמיצער, וואָס האָט פאַרשריבן דעם נביאס רייד, איז אַ סימן אַז דעם נביאס רייד האָבן געהאַט אַן אָפּרוף. דער עיקר אָבער איז, וואָס יידן האָבן אויפגעהיט די נביאות, וואָס זיי האָבן געהערט. דאָס אויפהיטן פון די נביאישע רייד איז אפשר געווען אַ גרעסער נס און וווּנדער ווי די נבואה־דערשיינונג. אין גאַנץ תנ״ך איז אין ערגעץ נישטאָ קיין אָנדייט, אַז וועלכער ס׳איז נביא האָט געמיינט, אַז ער קומט מיט עפּעס ניי צום פאָלק. ס׳איז אויך נישטאָ קיין רמז, אַז די יידן האָבן געהאַלטן וועלכן ס׳איז נביא עפּעס אַנדערש ווי דעם שליח פון יידישן גאָט. נבואה האָט איר שורש, איר וואָרצל, אין דער אידייע פון דעם בונד צווישן דעם אייך־און־אייניקן גאָט און זיין פאָלק ישראל. „די דערשיינונג פון דעם ערשטן נביא־שליח (משה) פאַר יידן איז אויך דער אָנהייב פון דער יידישער געשיכטע״.

קיינער פון די נביאים איז נישט געקומען מיט קיין נייער תורה, מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן עטישן באַגריף, אָדער אַ נייעם גאָט־באַנעם, ווי עס האַלטן אַ סך נישט־יידישע און אויך יידישע פאָרשער. די נביאים האָבן בלויז באַטאָנט אידייען, געבאָטן און באַשטימטע מצוות, וואָס זענען געווען באַקאַנט צו יידן מקדמונים אָן, נאָר זיי זענען נישט אַלעמאָל אָפּגעהיט געוואָרן ווי עס באַדאַרף צו זיין. די נביאים האָבן באַטאָנט די חשיבות פון די דאָזיקע געבאָטן. גערעכט איז די גמרא וואָס זאָגט: „די נביאים האָבן גאָרנישט נישט צוגעגעבן אָדער געמינערט פון וואָס עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין דער תורה, חוץ לייענען די מגילה אום פורים״ (מגילה דף י״ד עמוד א׳).

## II

## פאַרוואָס נביאים בלויז ביי די יידן?

די נביאים האָבן געשטראָפט די יידן און פאָרויסגעזאָגט אומגליק און גלות נישט ווייל יידן זענען געווען די ערגסטע פון די פעלקער, נאָר ווייל די יידן זענען געווען גאָטס קינדער. אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער זענען געווען די יידן צדיקים. עס איז פאַר אונדז אוממעגלעך צו שילדערן די סאָציאַלע אומרעכטן און די פאַרדאָרבענע מאָראַל ביי אַלע פעלקער פון אַלטערטום. מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיט צוויי ביישפּילן פון צוויי פעלקער: אַלט־מצרים און רוים.

די פראַנצויזישע עגיפּטאָלאָגין ג. ר. טאַבאָי און דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער פון עגיפּטן דזשעימס הענרי ברעדסטעד זענען ביידע גרויסע פאַר־

ערערס פון אַלט־עגיפּטן. אַט וואָס זיי שרייבן וועגן דעם סאָציאַלן און מאַ־ראַלישן מצב פון אַלט־עגיפּטן:

„ווי אַזוי זענען איינגעשטעלט געוואָרן די פּרעכטיקע טעמפּלען און אָבע־ליסקן און די פּיראַמידן — גרויסע קברים? זיי זענען אויפגעשטעלט געוואָרן מיט די גרויזאַמע קרבנות פון די פרייע בירגער און איבערהויפּט מיט די פאַרשקלאַפטע בעלי־חובות, וואָס האָבן נישט געקאָנט באַצאָלן וואָס עס קומט פון זיי, אויך מיט מלחמה־געפאַנגענע און פאַרברעכער. געבויגענע אונטער דער ברענענדיקער זון און אַלע מאָל אונטער דעם גרייטן שטעקן פון באַצווינ־גער, האָבן זיי געשלעפּט די גיגאַנטישע אָבעליסקן און זעכציק פוסיקע קאָ־לאָסן... די פּויערים, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון די רייכע שייכן, האָבן געהאָרעוועט פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, זיי האָבן גערוט בלויז די צוויי הייסע שעה פון טאָג; געלאָשן זייער דורשט מיט בלאָטיק וואַסער און געשטילט זייער הונגער מיט טרוקענע הירזש־פּלעצלעך, געשלאָפן אויף דעם אָרט, וואָס זיי האָבן געאַרבעט און געפרוירן אין די קאַלטע נעכט פון עגיפּטן. קיין זאַך האָט נישט געקאָנט פאַרהיטן פון צוואַנג־אַרבעט דעם פרייען אַרבעטער און דעם פּויער און אַפילו דעם שטאַטישן פאַכמאַן.

„אָבער אויב מען האָט גערדאַרפט רחמנות האָבן אויף עמעצן האָט מען געדאַרפט רחמנות האָבן אויף די אומגליקלעכע, וואָס האָבן געאַרבעט אין די מינעס פון סיני... די עגיפּטער האָבן אויסגעגראָבן זייערע איידלשטיינער, זייער קופּער און זייער גאָלד מיט אוממענטשלעכע ליידן, וואָס מען קאָן זיך באַר פאַרשטעלן. די פרויען און די קינדער פון די באַזיגטע לענדער זענען גע־נומען געוואָרן אַהין און זיי האָבן געאַרבעט ווי מענער — טאָג און נאַכט אָן טרינקען, אָן שלאָפן, שטענדיק געדראָט פון די שפּיזן פון די זעלנער. ליבער איז פאַר זיי געווען דער טויט״. (דאָס לעבן פון אַטאַנכאַמען פון ג. ר. טאַבאָי, איבערגעזעצט אין ענגליש פון ג. ר. דאַבאַיע, זז׳ 247־248).

שרייבט ברעדסטעד:

„די באַראַקן פון די צוואַנג־אַרבעטער זענען געווען גרויסע געביידעס אונטער איין דאַך מיט לאַנגע קאָרידאָרן צווישן די צימערן. גאַנצע קוואַר־טאַלן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין די פּיראַמידן־שטעט אָדער לעבן די פּיראַמידן. די פּיזישע אומשטענדן אין וועלכע די אָרעמע קלאַסן האָבן גע־לעבט זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן נישט גורם געווען צו פירן אַ מאָראַ־לישן לעבן. אָבער די הייזער פון די רייכע און נאָבלליט זענען געווען גרויסע, ברייטע און שיינע, למשל. דער נאָבלמאַן מעטען האָט געבויט אַ הויז פאַר זיך, וואָס איז געווען איבער דריי הונדערט איילן אין דער ברייט און אין דער לענג. אַ גרויסע מחנה פון באַדינערס און שקלאַפן האָבן שטענדיק באַדינט

די שרדות. דאָס עסן איז געווען פאַרשיידנאַרטיק און רייך. אַלע טאָג פלעגט מען סערווירן צענערליי פליישן און פינפערליי עוף־פלייש, זעכצנערליי ברויטן און לעקעך, זעקסערליי ווייַנען, פירערליי ביר, עלפערליי פרוכטן, אַחוץ זיס־קייטן און אַנדערע דעליקאַטעסן" (דהי היסטאָרי אָוו עדזשיפּט פון דזשעימס הענרי ברעדסטעד, זז' 86־90).

די אומווירדיקייטן פון מצרים קאָנען נישט אַרויסגעבראַכט ווערן אויפן פּאַפּיר. אָט זענען עטלעכע „קלייניקייטן":

„דער קאַיאַר איז נאָך נישט אויסגעבראָכן, ווען פּרעה האָט געזאָגט צו וויזיר: ברענג מיר עפּעס גרינגער צו מאַכן מיין האַרץ. דער וויזיר ענטפערט: איך האָב געבראַכט אַ באַרזשע און ביי די רודערס זענען די שענסטע מיידלעך פון דיין האַרעם. און טאַקע באַלד וויזט זיך איבער די וואַסערן אַ באַרזשע, וואָס ווערט געטריבן פון צוואַנציק נאַקעטע פרויען באַדעקט מיט גילדענע נעצן... דאָס איז געווען פּרעהס שעה. אַרום אים האָבן געשוועבט זיינע קעבסווייבער בייגזאַמע, נאַקעטע. דער גאַנצער גוף פאַרזיכטיק געראַזירט, די ליפּן אָנגעפאַרבט, די אויגן־ברעמען שוואַרץ, די נעגל פון די פינגער און די פיס געפאַרבט רויט".

„די עגיפּטישע ווייבער האָבן געקאָנט ברענגען ווי אַ ראיה דעם גאָטס אַמאָן־רעס ברייטהאַרציקייט, אַז די מענער זייערע דאַרפן אויך זיין „נאָבל" און ברייטהאַרציק און נישט קימערן זיך אויב זייערע ווייבער זיינען מזנה. אויב אַ מיידל איז געהייליקט געוואָרן צו גאָט און זי איז געוואָרן אַ קדושה, האָט זי געהאַט אַ רעכט איבערצוגעבן זיך צו וועמען זי האָט געוואָלט. די פּראָפעסיע האָט געבראַכט כבוד און אַ סך פּרנסה".

„די אַלע געהייליקטע מיידלעך האָבן געדאַרפט צוהעלפן אין דער דינסט פון טעמפּל, שפּילן אויף די צימבלען און פאָכן מיט דער מאַגישער בייטש אָוועקצוטרייבן די רוחות. די פּראָסטערע מיידלעך זענען געווען נידעריקער פון וועלכער עס איז מאָראַל. זייערע גופים זענען געווען גרייט צו יעדן אייגעם, וואָס האָט זיי אויפגעפאָדערט צו זנות" (ג. ר. טאַבאַי, דאָס לעבן פון טומאַנכאַמען, זז' 227, 228, 236, 239).

און דאָס אַלץ האָט מען אויסגעקריצט מיט גאווה אויף די מצבות לדורות עולם. קיינער האָט גאָרנישט נישט געטראַכט, אַז דאָס זענען אומווירדיקייטן.

אויב ברעדסטעד איז דער באַגייסטערטער היסטאָריקער פון אַלט־עגיפּטן איז דזשאָן לאָרד דער ענטוזיאַסטישער פאַרהערלעכער היסטאָריקער פון אַלטן רוים. שרייבט ער:

„מיר האָבן איצט באַשריבן אַלץ, וואָס עס איז געווען גרויס און שיין אין

דער הערלעכסטער אימפעריע פון אַלטערטום — אָבער די אויסערלעכע גלאַ־ריע איז געווען אָפּנאַרעריש. די מדינה איז געווען צעפוילט און פוסט פון אינעווייניק. ס'איז אַ שוידערלעך בילד פון אונטערדריקונג, אומ־רעכט, אָרעמקייט פון פאָלק, זינדיקייט און אומווירדיקייט, וואָס איך וועל איצט פאָרשטעלן פאַרן לייענער... ס'איז געווען אַ אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע, אַ דעספּאָטיזם פון איין מענטשן, וואָס זיין וואָרט, ביין זיין קאַפּריז, איז געווען געזעץ, אַפּילו ווען אָט דער דאָזיקער הערשער איז געווען אינגאַנצן משוגע... די גרויסע נאָבליים זענען געווען שטיין־רייך. זייערע פאַרמעגנס האָבן זיי אַרויסגעקוועטשט פון די פּראָווינצן, ווו זיי האָבן געוועלטיקט מיטן אימפּע־ראַטאָרס חסד. מען האָט אויסגערעכנט אַז דער יערלעכער איינקונפט פון די רייכסטע סענאַטאָרן האָט אָנגעטראָפן, לויט אונדזער געלט, פינף מיליאָן טאָ־לער (דער איינקונפט אַ יאָר, נישט דער פאַרמעגן. אויך יעדער טאָלער איז אין יענע יאָרן ווערט געווען לויט היינטיקע מקחים מער ווי היינט צען טאָ־לער). מען האָט געפרעסן, געזויפט און מזנה געווען. מענטשלעך לעבן איז געווען ביליק. דער נאָבלמאַן האָט באַהאַנדלט זיינע קנעכט שטרענג, ווען עס האָט אים אַליין, דעם נאָבלמאַן אָנגערירט. אָבער ער איז געווען גאַנץ גלייכ־גילטיק וועגן די פאַרברעכנס פון זיינע קנעכט. ווען דער נאָבלמאַן האָט באַ־פוילן אַ קנעכט צו ברענגען וואַרעמע וואַסער און דער קנעכט האָט עס נישט אַזוי גיך געבראַכט איז ער באַשטראָפט געוואָרן מיט הונדערט שמיץ. אָבער אויב דער זעלביקער קנעכט איז באַגאַנגען אַ מאָרד, האָט דער נאָבלמאַן באַ־מערקט גלייכגילטיק: אָט דער קנעכט איז אַ נוצלאָזער און נאַכלעסיקער נפש, וועט ער עס ווידער טאָן וועט מען אים דאַרפן באַשטראָפן מיט עפּעס. אַלטע לייט און קינדער האָט מען געלאָזן שטאַרבן. קיינער האָט צו זיי נישט אַרויס־געוויזן קיין ברעקל רחמנות.

„ווי, די העכערע קלאַסן, האָבן געלעבט מיטן הייבט, זיי זענען געווען גלייכגילטיק צו די אינטערעסן פון פאָלק און צו די ליידן פון די אָרעמע. זיי האָבן דערנידעריקט די פרוי, זיי האָבן אונטערדריקט די אָרעמע, זיי האָבן געלאַכט פון צדקה געבן, זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט אין זינען די צו־קינפט. קאָרופּציע איז געווען אַזוי פאַרשפּרייט, אַז אַ באַאַמטער אין יועלכן עס איז וויכטיקן אַמט איז געוואָרן רייך אין גאָר אַ קורצער צייט. די פּראַ־צענטן אויף הלוואות זענען געווען אַזעלכע הויכע, אַז אָפט אין געציילטע חדשים האָט דער פּראָצענט פון דער הלוואה אָנגעטראָפן די געליענע סומע“. (אָלד ראָמאַן וואָרלד פון דזשאָן לאָרד. די ציטאַטן זענען פון קאַפּיטל צען, זז' 387 ביז 436).

מיר האָבן אַרומגענומען בלויז עטלעכע געציילטע פאַקטן פון דעם ים

פון אכזריות, זנות, צעלאָזנקייט, לוקסוס, עלנט און רשעות. און אַט די רשעותן זענען אויך געווען אין די אימפּעריעס פון אשור און בבל און ווו נישט? דאָך זענען נישט אין רוים, נישט אין עגיפּטן, נישט אין בבל און נישט אין אשור נישט אויפגעקומען קיין נביאים. דער שאַרפער קאָנטראַסט פון אָרעם און רייך, די גרויסע ליידן פון די קנעכט, פון דעם אָרעמען פאָלק, די דעגענעראַציע פון די פּרויען האָט נישט אַרויסגעבראַכט קיין מוכיחים, וואָס האָבן געוואָגט צו שטעלן זיך קעגן דעם מלך, קעגן די שררות, קעגן די נגידים, קעגן די לאַנד־באַזיצער און קעגן זינד און אומווירדיקייט בכלל. ביי יידן האָבן אַ סך קלענערע אומרעכטן אַרויסגעבראַכט נביאים, וואָס האָבן פאַראויסגעזאָגט אומגליק, שטראָף, הונגער, גלות, און נישט נאָר פאַר די רייכע, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק, וואָס דערלאָזט צו אַזעלכע אומרעכטן.

מען דאַרף אויך פאַרשטיין, אַז די שילדערונגען פון די נביאים זענען נישט געווען קיין רעאַלע אָפּשפּיגלונג פון טאָג־טעגלעכן לעבן. ס׳איז געווען פּאָעטישע איבערטרייבונג. ווען דער נביא ישעיה זאָגט צו די פירער פון ירושלים „הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר פירער פון סדום, פאַרנעמט די תורה פון אונדזער גאָט, איר פאָלק פון עמורה". איז דאָך קלאָר, אַז ירושלים איז נישט געווען סדום. אין סדום איז נישט געווען קיין איין צדיק. סדום און עמורה זענען געווען דער סימבאָל פון טאָטאַלער רשעות און פאַרדאָרבנקייט. און די מלאכים אורחים זענען געקומען צו לוטן, שטייט געשריבן ואנשי העיר אנשי סדום נסבו על הבית (בראשית י״ט, ד׳) און די מענטשן פון שטאָט, די מענטשן פון סדום, האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז, דאָס מיינט, אַז קיינער איז נישט געווען וואָס האָט זיי צוריקגעהאַלטן (מדרש רבה, סדרה וירא, פּרשה נ״ט). אָבער ישעיה האָט גערעדט אויף די גאַסן אין ירושלים און קיינער האָט אים נישט נאָר געשטערט, נאָר זיי האָבן זיך צוגעהערט צו אים. אַ סימן, מען האָט אויפגעשריבן און אָפּגעהיטט זיינע נבואות. אַ סך פון די אומרעכטן, וואָס די נביאים רעכענען אויס זענען געווען נישט מער ווי פּאָעטישע אויסדרוקן. אַט ווי די אַטריבוטן, וואָס זיי האָבן באַשריבן גאָט. ווען דער נביא זאָגט אויף גאָט „און אונטער זיינע פיס", „די אויגן פון גאָט", „די אויערן פון גאָט" און נאָך אַזעלכע אויסדרוקן, איז עס געווען לויט דעם פאַרשטאַנד פון די מענטשן וואָס קאָן נאָר באַגרייפן אַנטראָפּאָמאָרפישע פאַרגלייכונגען. די תורה רעדט אין מענטשלעכן לשון (רמב״ם, הלכות יסודי התורה, פּרק א׳, סעיף ט׳). אַזוי זענען אויך געווען אַ סך שילדערונגען פון יידישער פאַרדאָרבנקייט.

אָבער אַפילו מיר זאָלן אָננעמען די אַלע שילדערונגען פון די נביאים

ווי רעאַלע בילדער פון טאָג־טעגלעכן לעבן, זענען דאָס אויך געווען אַזעלכע חטאים, וואָס זענען גאַנץ געוויינלעך אין אַלע צייטן אין אַ העכערער מדרגה פון ציוויליזאַציע. איז פאַרוואָס זענען ביי יידן אויפגעקומען נביאים און געשטראָפט מיט אַזאַ אויפברויזנדיקן כעס און צאָרן?

דער תירוץ איז, ווייל די יידן האָבן געהאַט אַן אַלטע איינגעוואָרצלטע טראַדיציע פון אויסדערוויילטקייט, אויך די „טראַדיציע״, אַז די געזעצן זייערע זענען נישט געגעבן געוואָרן פון מענטשן נאָר פון גאָט, דער גאָט פון יושר און גערעכטיקייט. אַפילו די געמיינשאַפטלעכע סאָציאַלע געזעצן און געבאָטן, וואָס די יידן האָבן געהאַט בשותפות מיט די אַנדערע פעלקער, האָבן געהאַט אַ ספּעציפישן יידישן שטריך „דאָס ספּעציפיש יידישעס אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן געזעץ־בוך איז דער סינטעז פון דריי יסודות, וואָס איז געוואָרן אַן אָרגאַנישע איינהייט: „דער געזעצלעכער יסוד, דער עטישער און דער רעליגיעזער״ אָט דער סינטעז פון די דריי יסודות אין איין גאַנצער איינהייט איז נישט געווען ביי קיין פאָלק: נישט אין בבל, נישט אין אשור און נישט ביי די חתיים. די יידישע טראַדיציע ווייס נישט פון אַ סעקולאַרן געזעצגעבער (אָט ווי סאָלאָן אָדער האמוראבי), וואָס שאַפט אַ געזעץ־בוך. נישט די גאַנצע עדה, נישט דער מלך און נישט די זקנים, די עלטסטע פון פאָלק, שאַפן געזעצן. לויט דעם יידישן וועלט־באַנעם איז דער געזעץ־שאַפער בלויז דער נביא — משה, וואָס איז גאָטס שליח. די זקנים, די מלכים זענען שופטים, ריכטער, רעגירער אָבער נישט קיין געזעצגעבער. די שטראָף־רייד פון די נביאים זענען באַזירט אויפן געדאַנק, אַז גאָט האָט געגעבן די יידן געזעצן און געבאָטן און מיט דעם געמאַכט אַ בונד מיט יידן. ווען די לאַנגע מלחמות מיט ארם האָבן זיך געענדיקט מיט אַ זיג אין ירבעם דעם צווייטנס צייטן, און דאָס פאָלק איז פאַראָרעמט געוואָרן, זענען אויפגעקומען מלחמה־גבירים, קאָנטיק פון די רעגירער־קרייזן פון די שררות. דאָס פאָלק, וואָס איז לכתחילה באַשטאַנען פון פויערים מיט ספּעציפישע רעכט, די ערד איז איבערגעגאַנגען בירושה און נישט געקאָנט פאַרקויפט ווערן — דאָס אַלץ איז מיטאַמאָל צעבראָקלט געוואָרן. עס איז אויפגעקומען אַ גרויסע צאָל אָרעמעלייט, וואָס האָבן גאָרנישט און אַ קליינע צאָל פון שררות און גבירים וואָס האָבן געלעבט אין לוקסוס, דערפאַר איז אויפגעקומען און איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער צאָרן פון נבואה. אומזיסט איז דאָך געווען די גאַנצע בחירה. דאָס פאָלק האָט פאַרשוועכט גאָטס נאָמען, האָט געבראָכן זיין בונד מיט זיין שעפער פון צדק און גערעכטיקייט. גאָט וועט שוין מער נישט ווינען צווישן זיין פאָלק. וואָס גייט אָן גאָט די אַלע ימים־טובים וואָס דאָס פאָלק פייערט, ווען ער פאָלגט נישט אויס די געבאָטן פון גערעכטיקייט און יושר? גאָט וועט נישט פאַרגעבן די

זינד פון זיין פאָלק סיידן „עס וועט קוועלן ווי וואַסער גערעכטיקייט און גוטסקייט ווי אַ שטאַרקער שטראָם" (עמוס ה׳, כ"ד). (זע יחזקאל קויפמאַן, תולדות האמונה הישראלית, כרך שלישי, ספר ראשון, דאָס קאַפּיטל עמוס און פּירוש על שמות פון מ. ד. קאַסוטאָ, ז׳ 180).

די באַלדיקע סיבה פון דעם אויפקום פון די נביאים איז געווען די אומ־גלייכקייט פון די באַזונדערע קלאַסן ביי יידן און די סאָציאַלע פאַרברעכנס און זינד פון יידישן פאָלק. אָבער די סיבה, די אור־סיבה, איז געווען וואָס די יידן זענען געווען ביי די נביאים אין די אויגן דאָס אויסדערוויילטע פאָלק פון גאָט, פון גאָט פון גערעכטיקייט, פון אַבסאָלוטן יושר און רחמים. דאָס פאָלק וואָס האָט געקראָגן אַ תורה פון גאָט. דערפאַר האָט נבואה נישט גע־קענט אויפקומען ביי קיין אומה ולשון, קיין פאָלק, חוץ די יידן, האָבן נישט געהאַט די ירושה פון גאָטס תורה.

# די נביאה דבורה

# די כנענים אין די שטעט

ווי עס שטייט געשריבן אין ספר שופטים האָט יהושע נישט באַזיגט גאַנץ ארץ־ישראל. די יידן האָבן פאַרנומען די פליינען, דאָס פלאַכלאַנד, אָבער די בערג און די שטעט זענען געבליבן אין די הענט פון דעם כנעני. איבערהויפּט איז דער כנעני געווען שטאַרק פוןביידע זייטן פון עמק יזרעאל. ער האָט פאַרנומען אַ ריי שטעט, וואָס האָבן זיך געצויגן פון בית שאָן אין מזרח־זייט ביז מגידו אין מערב־זייט. אָט די שטעט, האָבן ווי מיט אַ שנור, אָפּגעטיילט די יידישע ישובים, וואָס זענען געווען אין צענטער פון לאַנד, פון די יידישע ישובים אין צפון.

ס׳זענען אַוועק קרוב הונדערט יאָר זינט יהושעס טויט. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרמערט און פאַרגרעסערט, אָבער איז אַלץ געבליבן איינגעהאָמעוועט אין פלאַכלאַנד. די כנענים האָבן קאָנטראָלירט די באַפעסטיקטע שטעט און די הויפּט־וועגן, וואָס האָבן דורכגעשניטן דעם טאָל יזרעאל. יידן האָבן נישט געוואָגט צו פירן קיין קאַראַוואַנען „און די וועג־גייערס פלעגן גיין אויף קרומע שטעגן״.

ס׳איז געקומען אַן איבערבראָך־צייט, אַ קריזיס, אין דער לאַגע פון לאַנד. די כנענים זענען געווען גרעסער אין צאָל ווי די יידן, זיי האָבן פאַרנומען אַלע סטראַטעגישע פונקטן און זיי זענען געווען בעסער באַוואָפנט פון די יידן. דבורה הנביאה דערציילט, אַז עס האָט זיך נישט געזען קיין שילד און שפּיז צווישן די פערציק טויזנט איינוווינער פון ישראל, אָדער מענער פון ישראל. אונטער דער ענערגישער און שטאַרקער פירערשאַפט פון סיסרא, דער הויפּט חייל־פירער פון דער יבין־דינאַסטיע פון חצור, האָט דער כנעני־שער קעניג באַשטימט איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו צעשלאָגן די יידן אַזוי, אַז זיי זאָלן בלייבן אונטערטעניק אויף אייביק.

די סכנה פאַר יידן איז געווען גרויס, ווייל זיי זענען נישט באַדראָעט געוואָרן פון אַ דרויסנדיקן שונא, וואָס קומט צו באַזיגן דאָס לאַנד און אַרויפּלייגן אַ צינז אויף דער באַפעלקערונג. דאָס איז טאַקע שלעכט, אָבער גאָר סכנותדיקער איז ווען עס קומט צו אַ געראַנגל צווישן צוויי באַזונדערע פעלקער אין לאַנד גופא, ווען יעדעס פאָלק זוכט די אויבערהערשאַפט. און ווען עס וואָלט טאַקע געלונגען די כנענים צו באַזיגן די יידן אין דבורהס צייטן, וואָלטן די יידן געוואָרן די „העקער פון האָלץ און די שעפּער פון וואַסער״ ביי די כנענים.

די גרויסע סכנה, וואָס איז געשטאַנען פאַר די יידן, האָט פאַראייניקט אַ טייל פון די שבטים אַנטקעגן דעם שונא. און אַ נס איז געשען. אַ נס, וואָס האָט זיך גאָר אָפּט איבערגעחזרט אין דער יידישער געשיכטע. „די פילע זע־נען איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די ווייניקע און די שטאַרקע — אין די הענט פון די שוואַכע". ס'איז אַזוי געשען אין משהס צייט, אין דבורהס צייטן, אין גדעונס צייטן, אין די צייטן פון די חשמונאים און אין דער איצ־טיקער באַפרייאונגס־מלחמה. אַלץ די זעלביקע דערשיינונג: אַ קאַמף פון שוואַכע קעגן שטאַרקע, פון ווייניק קעגן פיל — און דער גערעכטער זיגט.

## דבורה און ברק

אין יענער צייט האָט זיך באַוויזן די נביאה דבורה. לויט דער טראַדי־ציע און אויך ווי מען קאָן אַרויסדרינגען פון פסוק, האָט שוין דבורה געמשפט די יידן, עס מיינט, אַז זי איז געווען די פירערין פון פאָלק ישראל, פאַר אַ גאַנץ לאַנגער צייט, נאָך פאַר דער מלחמה.

„און דבורה אַ פרוי אַ נביאה, די ווייב פון לפידותן, האָט געמשפט די יידן אין יענער צייט. זי איז געזעסן אין באַרגלאַנד פון אפרים אונטער אַ טייטלבוים, וואָס מען האָט גערופן דבורהס טייטלבוים. און די בני ישראל פלעגן קומען צו איר צו משפטן זיך".

ווי די מעשה ווערט דערציילט אין שופטים קענען מיר זען, וואָס פאַר אַ חשיבות דבורה האָט געהאַט ביים פאָלק, און ווי גרויס איר ווירקונג איז גע־ווען אויף די יידן.

„און זי האָט געשיקט און האָט גערופן ברקן דעם זון פון אבינועם, פון קדש־נפתלי, און זי האָט געזאָגט צו אים:

— דער גאָט פון ישראל האָט באַפוילן: גיי צום באַרג תבור און נעם מיט דיר צען טויזנט מאַן פון שבט נפתלי און פון שבט זבולון. און איך, גאָט, וועל צוברענגען סיסראַן צום טייך קישון, יבינס חייל־פירער, מיט זיינע רייט־וועגן און זיין מחנה. און איך וועל אים איבערגעבן אין דיין האַנט.

האָט ברק געזאָגט צו איר:

— אויב דו וועסט גיין מיט מיר, וועל איך אויך גיין. אויב דו וועסט נישט גיין מיט מיר וועל איך נישט גיין.

און זי האָט געזאָגט:

— גיין וועל איך גיין מיט דיר, אָבער קיין כבוד וועט דיר נישט פאַר־

שאַפן דער וועג אויף וועלכן דו גייסט, ווייל מען וועט זאָגן אין דער האַנט פון אַ פרוי האָט גאָט איבערגעגעבן סיסראַן.

דער פירער פון שבט נפתלי און זבולון, וואָס מען האָט אים געררופן צוליב זיין מוט און שנעלקייט ברק — בליץ, האָט געוווּסט ווי גרויס עס איז געווען דבורהס איינפלוס אויפן פאָלק און ער האָט פאַרקוקט, מוחל געווען אויף זיין כבוד.

עס האָט אויסגעקוקט ווי סיסרא וועט האָבן אַ גרינגן זיג איבער די בני ישראל. ער האָט געהאַט ניין הונדערט רייטוועגן. דאָס פלאַכלאַנד פון יזרעאל פאַסט זייער גוט פאַר אַן אַטאַקע מיט רייטוועגן. די יידן זענען געווען שלעכט באַוואָפנט און קליין אין צאָל. נישט אַלע שבטים האָבן געוואָלט אָנטיילנע־מען אין דער מלחמה, אָדער געקענט אָנטיילנעמען אין דער מלחמה. סיסרא האָט געקענט זיך שנעל באַוועגן מיט זיינע פערד און רייטער און רייטוועגן. ווי נאָר ער האָט דערהערט, אַז ברק מיט זיין אַרמיי איז געקומען צום באַרג תבור האָט זיך סיסרא אַ לאָז געטאָן אַהין נישט צו דערלאָזן ברקן זיך צו־צוגרייטן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

## די שלאַכט

ברק האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט גענומען זיין קליינע אַרמיי און זיך אַ לאָז געטאָן צום פלאַכלאַנד פון יזרעאל צו באַגעגענען דעם שונא. די כנענים האָבן טאַקע געהאַט די איבערהאַנט אין צאָל און אין וואָפן. אָבער ברקס אַרמיי איז געווען אַ געקליבענע. יעדער איינער אַ פרייוויליקער, וואָס האָט געפאָלגט דעם רוף „קומט גיבורים צו גאָטס הילף, קומט!‟ און ווי אַלע־מאָל צו די וואָס גלויבן, קומט גאָטס הילף דורך פאַרשיידענע וועגן. גלייך אין אָנהייב פון דער שלאַכט איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם: שוואַרצע וואָלקנס, אַ שלאַקס־רעגן, דונערן און בליצן, „די ערד האָט געציטערט. די הימלען האָבן געגאָסן, די וואָלקנס האָבן מיט וואַסער געגאָסן... פון הימל האָט מען מלחמה געהאַלטן, די שטערן פון זייערע שטעגן האָבן מלחמה גע־האַלטן מיט סיסראַן‟.

דער שווערער שטורעם האָט פאַרוואַנדלט דעם פעטן באָדן פון דעם פלאַכלאַנד אין אַ טיפן זומפּ. די רייטוועגן זענען געבליבן שטעקן אין דעם קלייאיקן געדיכטן קייט. די כנענישע קריגער, וואָס זענען געווען געניטע מלחמה צו האַלטן נאָר אין רייטוועגן — האָבן זיך צעטומלט און זיך אָנגע־הויבן צעלויפן צופוס. אַ סך רייטער האָבן זיך אַ קער געטאָן צום טייך קישון,

וואָס איז געווייגלעך אַ רואיק טייכל, און אין זומער ווערט עס אינגאַנצן אויסגעטריקנט. אָבער איצט, צוליבן צופלוס פון די שטורעם־וואַסערן, איז דער קישון געוואָרן אַ יאַגנדיקער שטראָם. די שטראָמענדיקע וואַסערן האָבן פאַרטראָגן, פאַרשווענקט די פערד, די רייטער און רייטוועגן גלייך אין ים אַריין. ווייניק כנענישע זעלנער האָבן זיך געראַטעוועט. נאָך ווייניקער וואָלטן געבליבן לעבן, ווען די איינוווינער פון דער שטאָט מרוז וואָלטן צוגעשטאַנען צו ברק און דבורהס אַרמייען, און אָפּגעשניטן דעם וועג פאַר די אַנטלויפער.

סיסרא איז אַנטלאָפן צופוס. ער איז געוואָרן מיד און ער האָט זיך פאַר־נומען צו אַ געצעלט פאַר אַ פאַרבינדעטן, חבר (כעווער) פון דעם קלאַן קיני. אָבער יעל, חברס ווייב, האָט געהאַלטן מיט די יידן. זי האָט אים געגעבן אַ געלעגער און ער האָט ביי איר געבעטן אַ טרונק וואַסער. זי האָט אים דער־לאַנגט אַ קרוג שמאַנט. זי האָט געזען, אַז ער איז אַזוי צעטומלט און צע־שראָקן, אַז ער האָט נישט געוווסט וואָס זי האָט אים געגעבן צו טרינקען. ווען ער האָט זיך איינגעבויגן צו נעמען דעם קרוג, האָט זי אים געגעבן אַ קלאַפּ מיטן אַרבעט־האַמער אין שלייף און אים געטויט. סיסרא איז גע־הרגעט געוואָרן פון אַ פרוי. ער איז געשטאָרבן מיט דעם ערגסטן טויט, פון וואָס אַ מלחמה־העלד קאָן שטאַרבן, לויט דעם באַגריף פון יענער צייט.

## די וויכטיקייט פון דעם זיג

דער זיג פון דבורה און ברק איבער סיסראַן האָט געמאַכט אַ סוף צו דער סכנה פון די כנענים. פון דעמאָלט אָן זענען די כנענים נישט געווען מער קיין שטער פאַר דעם וווקס פון יידן אינעם לאַנד. די כנענים זענען געוואָרן אונטערטעניק האַלב, אָדער גאַנץ, פאַרקנעכט צו די יידן.

די חז״ל האַלטן, אַז די שלאַכט אַרום דעם טייך קישון איז געווען אַזוי וויכטיק ווי די הויפּט־שלאַכט פון יהושע מיט דעם מלך פון חצור. ווי אין יהושעס צייטן איז די מלחמה געווען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט — ס׳איז געווען אַ שלאַכט פאַר דעם באַזיץ פון לאַנד. זאָגט דער מדרש:

„האָט געזאָגט ר׳ ינאי: צוויי און זעכציק מלכים זענען דאָרטן געווען. איין און דרייסיק אין יריחו אין יהושעס צייטן און איין און דרייסיק אין די טעג פון סיסרא. ווען ער (סיסרא) איז געגאַנגען מלחמה האַלטן מיט ישראל זענען זיי געהרגעט געוואָרן מיט אים. צוליב וואָס זענען זיי געגאַנגען מיט אים? ווייל זיי האָבן געגלוסט צו טרינקען די וואַסערן פון ארץ־ישראל. און זיי האָבן זיך געבעטן ביי סיסראַן און געזאָגט צו אים: מיר בעטן דיך לאָז

אונדז מיט דיר צו מלחמה האַלטן מיט זיי. יעדער מלך וואָס האָט געוואָלט גיין אויף דער מלחמה האָט געצאָלט און געדונגען מענטשן פאַר געלט צו העלפן אים. זיי האָבן געזאָגט צו סיסראַן: מיר ווילן פון דיר גאָרנישט, מיר וועלן גיין אומזיסט, ווייל מיר גלוסטן אָנצופילן אונדזער בויך מיט וואַסער פון יענעם לאַנד. ווי עס שטייט געשריבן: „מלכים זענען געקומען מלחמה האַלטן, דעמאָלט האָבן מלחמה געהאַלטן די מלכים פון כנען, און תענך אויף די וואַסערן פון מגידו — קיין רויב און זילבער האָבן זיי נישט גענומען". (מדרש רבה במדבר כ"ג, ז').

אין אונדזער הייַנטיקן לשון מיינט עס, אַז זיי זענען נישט געקומען בלויז צו רויבן און אַרויפלייגן צינזן אויף דער באַפעלקערונג, נאָר זיי האָבן געוואָלט טאַקע אָוועקנעמען דאָס לאַנד פון די יידן. ס'איז געווען אַ מלחמה אויף לעבן און טויט. די יידן האָבן געזיגט.

פאַר אונדז איז אינטערעסאַנט, וואָס די פעלקער אַרום ארץ־ישראל האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן די וואַסערן פון לאַנד. וווּנדער איבער וווּנדער ווי די געשיכטע חזרט זיך איבער. אויך איצט פאַרמעסטן זיך די יידישע שכנים־פעלקער אויף די וואַסערן פון מדינת ישראל.

## דבורהס נבואה־ליד

שירת־דבורה איז איינע פון די עלטסטע עפּישע לויב־לידער וואָס איז אונדז געבליבן. דאָס ליד איז קינסטלעריש און שטאַרק אַפילו לויט אונדזערע הייַנטיקע באַגריפן. דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט אַ לויב־געזאַנג. דערנאָך דערציילט דבורה די לאַגע פאַר דער מלחמה און שילדערט די לאַגע איצט נאָך דער מלחמה — „פריער איז געווען שרעק און קיין געווער איז נישט געווען צו פאַרטיידיקן זיך און איצט, דערציילט, איר אַלע וואַנדערער און וועגגייער, ווי מען פרייט זיך אומעטום ביי די שעפּ־ברונעמער". זי דערציילט פון דעם אָפּרוף צו איר אויפרוף. זי רעכנט אויס די שבטים, וואָס זענען געקומען. זי מאָלט אויס די מלחמה, דעם שטורעם, גאָטס הילף און די ראָלע וואָס דער טייך קישון האָט געשפּילט. זי באַדויערט דעם פאַרראַט פון דער שטאָט מרוז, און פאַרשילט זי. זי שילדערט יעלס בראַוקייט, ווי זי האָט דערהרגעט סיסראַן און באַלד גייט זי אַריבער צו סיסראַס מוטער. דבורה מאָלט די שרעק און ליידן פון סיסראַס מוטער. די מאַמע שטייט און קוקט אַרויס דורכן פענצטער און וואַרט אויפן זון, וואָס דאַרף זיך אומקערן פון מלחמה. דער לייענער קריגט רחמנות אויף דער אומגליקלעכער מוטער, מחמת

ער ווײסט דאָך, אַז סיסרא איז שוין טויט, און ער איז געשטאָרבן מיט אַ מיאוסן טויט. אָבער באַלד באַרעכטיקט דבורה דער מוטערס לײדן. ז י א י ז נ י ש ט ב ע ס ע ר פ ו ן ז ו ן, ווײל מיט וואָס טרײסט זי זיך? ער האָט זיך פאַרזאַמלט צוליב דעם רויב, וואָס ער האָט אָנגערויבט אין דער נישט גערעכטער מלחמה און ער טײלט זיך מיט חברים די געפאַנגענע מײדלעך. מיר באַרעכטיקן דבורהס אויסרוף: „אַזוי זאָלן פאַרלאָרן גײן אַלע פײנט פון גאָט!"

דאָס דבורה־ליד דערגאַנצט די שילדערונג פון דער מלחמה. עס גיט אויך איבער דעם היסטאָרישן הינטערגרונט בעסער ווי די פּראָזע־דערצײלונג אין דעם קאַפּיטל פון פאַר דער שירה פון דבורה. גאָר וויכטיק איז וואָס אין דער אָדע פון דבורה איז נישטאָ קײן פאַרהערלעכונג פון מלחמה, נאָר די גלאָריפיקאַציע פון דער גרויסקײט פון גאָט, וואָס פירט די וועלט.

האָט געזונגען דבורה און ברק אין יענעם טאָג אַזוי צו זאָגן:
ווען פירער פירן אין ישראל
און ס'פאָלק גײט פרײוויליק —
לויבט גאָט!
הערט, מלכים, פאַרנעמט, פירשטן:
צו גאָט וועל איך זינגען,
איך וועל שפּילן צו גאָט, דעם גאָט פון ישראל.
גאָט ווען דו ביסט פון שעיר אַרויס,
ווען דו האָסט געשפּרײזט פון אדומס פעלד —
האָט די ערד געציטערט און די הימלען האָבן געטריפט,
יאָ, וואָלקנס האָבן וואַסער געטריפט.
בערג זענען צערונען פאַר גאָט,
פאַר גאָט, דעם גאָט פון ישראל.

אין די טעג פון שאגר, דעם זון פון ענת,
האָבן קאַראַוואַנען אויפגעהערט,
און די וועג־גײערס פלעגן גײן אויף קרומע שטעגן.
נישט געווען מער קײן אָפענע שטעט אין ישראל, נישט געווען.
ביז איך, דבורה, בין אויפגעשטאַנען,
בין אויפגעשטאַנען אַ מוטער אין ישראל.
האָט מען אויסגעקליבן נײע געטער —
האָט מען געקעמפט אין די טויערן.

צי האָט מען געזען אַ שילד און אַ שפּיז
צווישן פערציק טויזנט אין ישראל?

מיין האַרץ — מיט די פירער פון ישראל
און מיט די פון פאָלק, וואָס גייען פרייוויליק —
לויבט גאָט!
איר, וואָס רייט אויף אייזעלינס רויטלעכע,
איר, וואָס זיצט אויף טעפּיכער,
און איר, וואָס גייט צופוס אויף די וועגן,
דערציילט!

האָרך ווי מען פרייט זיך
ביי די שעפּברונעמער,
דאָרטן דערציילט מען גאָטס גרויסקייט,
זיין גערעכטיקייט צו די שטעט פון ישראל,
ווען גאָטס פאָלק האָט געגידערט צו די טויערן.

דערוואַך, דערוואַך, דבורה,
דערוואַך, דערוואַך און זינג אַ ליד!
שטיי אויף, ברק, און פיר דיינע פאַנגער, זון פון אבינועם!
טייל ישראל איז אַרונטער, דאָס פאָלק פון גאָט איז אַרונטער
ווי די העלדן.
פון אפרים זענען געקומען די, וואָס וואָרצלען אין עמלק,
נאָך זיי בנימין מיט זיינע מחנות.
פון מכיר זענען אַרונטער די פירערס,
און פון זבולון — די וואָס האַלטן דעם שרייבער־שטעקן
און די האַרן פון יששכרן — מיט דבורהן,
און יששכר איז ווי ברק,
די פוסגייערס געשיקט אין טאָל.
אָבער ביי די משפחות פון ראובן
איז גרויס די וואַקלעניש.
וואָס זשע זיצסטו צווישן די שאָף געהעפטן,
צו הערן דאָס מעקן פון סטאַדעס?
ביי די משפחות פון ראובן
איז גרויס דער איבערקלער.

ש ל מ ה   ס יי מ אָ ן

גלעד בלייבט אויף יענער זייט ירדן
און דן, פאַרוואָס בלייבט ער ביי די שיפן?
אשר זיצט ביים ברעג ים
און ביי די איינגוסן רוט ער.
זבולון איז אַ פאָלק,
וואָס שטעלט איין דאָס לעבן
און נפתלי — אויף די הייכן פון שלאַכטפעלד.

מלכים זענען געקומען, מלחמה געהאַלטן.
מלחמה האָבן געהאַלטן די מלכים פון כנען,
אין תענך, ביי די וואַסערן פון מגידו —
קיין רויב פון זילבער האָבן זיי נישט גענומען!
פון הימל האָט מען מלחמה געהאַלטן!
די שטערן פון זייערע שטעגן
האָבן מלחמה געהאַלטן מיט סיסראַן.
דער טייך קישון האָט זיי פאַרשווענקט —
אַלטער טייך, טייך קישון!

טרעט אויף מיט מאַכט, מיין זעל!
אַך, עס האָבן געקלאַפּט די טריט פון די פערד,
פון דעם יאָגן, פון דעם יאָגן פון זיינע העלדן.
שילט מרוז, האָט געזאָגט דער מלאך פון גאָט,
שילטן שילט אירע איינוווינערס,
ווייל זיי זענען נישט געקומען צו הילף,
צו גאָט צו הילף צווישן די גיבורים.

מער פון אַלע פרויען זאָל זיין געבענטשט יעל,
די פרוי פון חבר דעם קני.
מער פון אַלע פרויען אין געצעלט זאָל זי זיין געבענטשט!
וואַסער האָט ער געבעטן, מילך האָט זי געגעבן,
אין אַ פירשטן־קרוג האָט זי דערלאַנגט אים שמאַנט,
איר האַנט האָט זי געשטרעקט צום פלאָקן,
איר רעכטע האַנט צום אַרבעט־האַמער
און געהאַמערט סיסראַן, געקלאַפּט זיין קאָפּ,
געשפּאַלטן, געלעכערט זיין שלייף.

צו אירע פיס האָט ער געקניט,
געפאַלן, געבליבן ליגן,
ווו ער האָט געקניט איז ער טויט געבליבן.

דורכן פענצטער האָט אַרויסגעקוקט סיסראס מוטער,
זי האָט אַרויסגעבליקט דורך די שטאַכעטן.
— וואָס זאַמט זיך זיין רייטוואָגן צו קומען?
וואָס פאַרשפעטיקט זיך דאָס קלאַפּן פון זיינע רייטוועגן?
די קלוגע צווישן אירע האַרינטעס ענטפערן,
אויך זי אַליין רעדט זיך איין:
— נו, יאָ, זיי געפינען, זיי טיילן רויב,
אַ מיידל, צוויי מיידלעך פאַר יעדן מאַן,
רויב פון געפאַרבטע קליידער פאַר סיסראַן
איין געוועבטער טוך, צוויי געוועבטע טיכער פאַר יעדן
פרויען־האַלדז!

אַזוי זאָלן אומקומען אַלע דיינע פיינד, גאָט,
און דיינע פיינד — ווי דער אויפגאַנג פון דער זון אין איר
שטאַרקייט.

# דער נביא שמואל

## דער לעצטער פון די שופטים און דער ערשטער פון די נביאים

די יידן זענען אַריינגעדרונגען אין כנען אונטער דער פירערשאַפט פון משהס תלמיד — יהושע, וואָס האָט געקראָגן אַ כוח־הרשאה, פולמאַכט צו באַזיגן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד.

ישראל איז נישט אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן איינצונעמען אַ פרעמד לאַנד, נאָר איז געקומען צום לאַנד פון זיין ירושה, וואָס גאָט האָט אים צו־געזאָגט נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק. דער גאָט פון זיינע אבות איז דער הערשער איבער דער גאַנצער וועלט און איז דער גאָט פון גערעכטיקייט. ער האָלט זיין צוזאָג. אָבער די מלחמה איז נאָר מיט די שבעה עממים, די זיבן פעלקער פון ישראל. נישט מיט קיין אַנדערע פעלקער.

די יידישע אומה אונטער דער פירערשאַפט פון יהושע האָט געהאַט פאַר זיך אַ באַגרענעצטן ציל — באַהערשן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד. דערפאַר, איז ווי יונג דאָס פאָלק איז געווען, ווי שטאַרק און מוטיק עס איז געווען אויפן שלאַכטפעלד — איז עס נישט פאַרשיכורט געוואָרן פונעם זיג איבער די מלכים פון כנען און איז נישט געוואָרן קיין קריגעריש פאָלק מיט אימפּע־ריאַליסטישע אַמביציעס.

דאָס איז איין סיבה פאַר יידישער נישט־קריגערישקייט.

נאָך אַ סיבה איז געווען, וואָס אין אָנהייב פון זייער געשיכטע זענען יידן געווען זייער ווייט פון דעם געדאַנק פון אַ מלך, וואָס גיט איבער זיין הערשאַפט בירושה. עס האָט נישט געקאָנט אויפקומען ביי זיי אַפילו קיין קאַסטע פון כוהנים־הערשער, ווי ביי אַ סך פעלקער אין אַזאַ מצב. אין דעם עצם אויפקום פון יידישן פאָלק איז געווען דער גרונט־געדאַנק, וואָס האָט נישט דערלאָזן צו אַ מושל, וואָס גיט איבער זיין ממשלה בירושה. משה איז געווען נישט מער ווי אַ שליח פון גאָט. יהושע איז משהס יורש דורך דעם חסד פון גאָט. אויך די זקנים זאָגן נביאות דורך דעם חסד פון גאָט.

צוליב די סיבות האָט פּאַסירט, אַז נאָכן כיבוש (איינמעמען) פונעם לאַנד איז דער קריגערישער גייסט אָפּגעשוואַכט געוואָרן סיי ביים פאָלק און סיי ביי די פירער. דער צוזאַמענבונד צווישן די שבטים איז כמעט אינגאַנצן צע־ריסן געוואָרן. יעדער שבט האָט געזאָרגט פאַר זיינע אייגענע הצטרכותן. עס זענען אויפגעקומען פופצן שופטים פון יהושעס טויט ביז דער זאַלבונג פון שאול. די שופטים קומען נישט איינער נאָכן אַנדערן, ס'איז שטענדיק דאָ אַן איבעררייס אין צייט, ווייל דאָס זענען פירער, וואָס שטייען אויף נאָר דורך

דעם חסד, גנאָד, פון גאָט. דער שופט הערשט ווייל „דער גייסט פון גאָט האָט גערוט אויף אים". דער גייסט פון גאָט האָט גערוט אויף אים בלויז כדי אַרויסצוזעמען די יידן פון אַ צרה, אָבער נישט ער זאָל ווערן אַ הערשער און איבערגעבן די הערשאַפט בירושה און באַזיגן די אַרומיקע פעלקער. כמעט קיין איין שופט איז נישט געווארן קיין שופט איבערן גאַנצן פאָלק.

די חז״ל, וואָס האָבן אַלעמאָל גערעדט מיט אָנדייטן, מיט רמזים, זאָגן וועגן יענער תקופה:

„משה האָט געלאָזן נאָך זיך דעם גרויסן סנהדרין, און יהושע און פנחס זענען געווען מיט זיי. זיי האָבן דאָך געדאַרפט גיין און אַרומבינדן זייערע לענדן מיט אייזערנע קייטן, פאַרשאַרן די פּאָלעס ביז איבער די קני און אַוועקלאָזן זיך איבער די שטעט: איין טאָג אין בית אל, איין טאָג אין חברון, איין טאָג אין ירושלים און אַזוי איבער אַלע יידישע ישובים און לערנען מיט יידן דרך־ארץ, אַ יאָר צוויי, דריי — ביז די יידן וועלן זיך איינזעצן אין זייער לאַנד, כדי עס זאָל געגרויסט ווערן זיין נאָמען... אָבער זיי האָבן עס נישט געטאָן. ווי זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין ארץ־ישראל, איז יעדער איינער אַריין אין זיין וויינגאַרטן, צו זיין ווייַן און צו זיין פעלד און געזאָגט: שלום עליך נפשי, ס׳איז מיר גוט און ווויל, ס׳איז פרידן אויף מיין זעל." (תנא דבי אליהו רבא, פרק י״א, זייט 86; וואַרשע 1883).

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל פון תנא דבי אליהו ווערט אויך געזאָגט:

„די יידן אין דער צייט פון די שופטים זענען געווען ווי קינדער, חדר־ייִנגלעך, וואָס מען האָט זיי אָפט געדאַרפט באַשטראָפן."

ווען עס ווערט גאָר שלעכט דעמאָלט קלייבט אויס גאָט אַליין די שופטים. ער קלייבט זיי אויס נישט צוליב זייער יחוס אָדער רייכקייט, נאָר צוליב זייער גיין אין די וועגן פון גאָט. עס זענען געווען שופטים, וואָס האָבן געשטאַמט פון יחוסדיקע משפחות: עתניאל בן קנז — כלבס ברודער פון שבט יהודה. אבצן פון בית לחם איז געווען פון אַ רייכער משפחה. אָבער גדעון האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמער, נישט וויכטיקער משפחה, יפתח איז געווען דער זון פון אַ קעפּסווייב, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר אַ נחות־דרגא. ס׳איז דאָ אַפילו אַ פרוי אַ שופט — דבורה. (תנא דבי אליהו רבה, פרק ט׳).

אַ שופט איז אין דער בחינה פון אַ נביא, וואָס ירשנט נישט זיין מדרגה, נאָר מוז זי פאַרדינען. זאָגט דער תנא דבי אליהו: מה טיבה של דבורה שהיא היתה שופטת את ישראל? וואָס איז געווען די מעלה מיט דבורהן, וואָס זי האָט געמשפט די יידן?... אַני מעיד עלי את השמים ואת הארץ — איך שטעל עדות הימל און ערד אַז סיי אַ ישראל סיי אַ געצנדינער סיי אַ מאַן סיי אַ פרוי, הכל לפי המעשה שהוא עושה כך רוח הקודש שורה עליו, בלויז נאָך

די גוטע מעשים וואָס יעדערער טוט, רוט אויף אים דער רוח הקודש, דער גייסט פון גאָט.

עלי איז געווען דער פערצנטער שופט. ער איז געווען אַ כוהן — דער כוהן גדול אין שילה. זיין כהונהשאַפט איז איבערגעגאַנגען צו זיינע קינדער בירושה. אָבער זיין פירערשאַפט ווי אַ שופט — נישט. עליס יורש, ווי אַ שופט, איז שמואל, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער משפחה פון לוים.

שמואל איז געווען דער לעצטער פון די שופטים. ער איז אָבער געווען מער ווי אַ שופט, — ער איז אויך געווען דער ערשטער פון די נביאים־פירער. ביי שמואלן ווערט נישט קיין נביא אָנגערופן ביי זיין נאָמען, מען רופט אים „איש אלקים״, „מלאך ה׳״. שמואל איז דער ערשטער פון די נביאים, חוץ משה, וואָס ווערט אָנגערופן ווי אַ נביא מיט זיין נאָמען.

## שמואל הנביא אין דער יידישער געשיכטע

אין תנ״ך ווערט צוויי מאָל דערמאָנט שמואלס נאָמען אינאיינעם מיט משהס. ווען ירמיהו האָט זיך געשטעלט איינטענהן מיט גאָט און תפילה טאָן צו אים און בעטן אים אַז ער זאָל העלפן די יידן אין צייט פון הונגער, ענט־פערט אים גאָט:

„אַפילו ווען משה און שמואל זאָלן אויפשטיין פאַר מיר, וועל איך מער נישט ווייזן קיין גנאָד צו דעם דאָזיקן פאָלק״. (ירמיהו ט״ו, א׳).

אין תהילים ווערט געזאָגט:

„משה און אהרן זענען געווען זיינע כוהנים און שמואל צווישן די וואָס רופן זיין נאָמען, וואָס טוען תפילה צו אים, זיי פלעגן רופן צו גאָט און ער פלעגט זיי ענטפערן״. (תהילים צ״ט, ו׳).

דערפאַר זאָגט טאַקע די גמרא:

„שמואל איז אַזוי חשוב און גרויס ווי משה און אהרן אינאיינעם״. (ברכות ל״א).

די גמרא האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט שמואלס גרויסקייט. ער איז איינער פון די גרויסע יידישע געשטאַלטן, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אַ צייט פון אַ טיפן פאָלקס־קריזיס.

עליס זין זענען געטויט געוואָרן אויפן שלאַכטפעלד, דער ארון פון גאָט איז אַוועקגענומען געוואָרן פון די פלישתים. דער אַלטער כוהן־שופט עלי איז געשטאָרבן, ווען ער האָט דערהערט די דערציטערנדיקע נייעס. די פלישתים

זענען אַריין אין שילה און צעשטערט דעם אַלטן הייליקן טעמפּל, וואָס איז געווען די היים פון דעם ארון מיט די לוחות.

שילה, דער יידישער צענטער, זינט יהושעס צייטן, איז חרוב געוואָרן. שמואל איז געוואָרן דער שופט און דער נביא־פירער.

שמואל האָט פאַרשטאַנען, אַז שאַפן אַ נייעם פיזישן צענטער קאָן נאָך פאַרערגערן די שלעכטע לאַגע. קיין צענטער קאָן נישט טראָגן אויף זיך די הייליקייט פון שילה, ווו יהושע און די גאַנצע עדה פון ישראל האָבן אויפגעשטעלט דעם אוהל־מועד נאָך דעם ווי זיי האָבן באַזיגט די פעלקער פון כנען. דער נייער צענטער קאָן נאָך פאַרשטאַרקן דעם פירוד צווישן די שבטים, יעדער שבט וועט ווערן אייפערזיכטיק אויף דער חשיבות, וואָס דער אויסגעקליבענער שבט וועט קריגן. האָט שמואל אַרויסגעוויזן גלייכע חשיבות צו די פיר עקזיסטירנדיקע צענטערס: בית אל, גלגל, מצפה און רמה, ווו ער האָט געוווינט. ער האָט יעדער איינע פון די שטעט באַזוכט אַלע יאָר און קיין איינע פון זיי נישט געמאַכט דעם צענטער, ווי עס שטייט פאַרשריבן אין ספר שמואל:

„און ער פלעגט גיין יאָר־איין יאָר־אויס און ער פלעגט זיין אין בית אל דערנאָך אין גלגל און דערנאָך אין מצפה. ער פלעגט משפטן ישראל אין די דאָזיקע ערטער. דאָס וואָס ער פלעגט זיך אומקערן קיין רמה איז, ווייל דאָרט איז געווען זיין היים. און אויך דאָרט האָט ער געמשפט ישראל, און דאָרטן האָט ער געבויט אַ מזבח צו גאָט." (שמואל א', ז' ט"ז, י"ז).

„אַנשטאָט אַ צענטער האָט ער באַטאָנט גאָטס פירערשאַפט, אַן אידייע, וואָס קאָן פאַראייניקן דאָס פאָלק אָן אַ שטענדיקן אָרט פון משכן, מזבח און ארון. גאַנץ ארץ־ישראל איז געוואָרן ביי אים אזוי וויכטיק ווי גאָטס משכן." (של"ג).

שמואל האָט שוין אַרויסגעבראַכט דעם אָנהייב פון געדאַנק, וואָס איז שפּעטער געוואָרן קלאָרער ביי די שריפט־נביאים, אַז חורבן מיינט נישט דער סוף פון דער אומה. שילה איז חרוב געוואָרן צוליב די זינד פון ישראל; זאָלן יידן נישט מיינען אַז די געטער פון די פלישתים האָבן זיך געשטאַרקט איבער דעם גאָט פון ישראל. די געצן פון די פלישתים זענען קיין געטער נישט. זאָגט שמואל:

„איר זאָלט זיך נישט אָפּקערן פון גאָט, ווייל אויב יאָ, וועט איר זיך אַ קער טאָן צו די נאַרישקייטן, וואָס נישט זיי קענען נוצן און נישט זיי קענען מציל זיין פון שלעכטס, ווייל נישטיקייטן זענען זיי." (שמואל א', י"ב, כ"א).

ס'איז אויך נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר די פלישתים ווייל:

„גאָט וועט נישט פאַרלאָזן זיין פאָלק צוליב זיין גרויסן נאָמען, ווייל גאָט האָט געוואָלט אייך מאַכן פאַר אַ פאָלק פאַר אים.״ (דאָרט, כ״ב).

ער האָט אויך אַוועקגעשטעלט תפילה ווי אַ גרויסן עיקר אין דינסט צו גאָט. תפילה איז פון איר עצם אויפקום נישט צוגעבונדן צו קיין באַשטימטן הייליקן אָרט.

ער האָט אויך אָרגאַניזירט, ווי עס ווייזט אויס, די וואַנדערנדיקע נזי־רים און אויך די לוים, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, נאָכן חורבן־שילה — אין באַזונדערע חבורות. די חבורות זענען צו אונדז באַקאַנט ווי די „בני הנביאים״. שמואל האָט געלערנט מיט די חבורות און אָנגעפירט מיט זייערע עקסטאַטישע אַרויסטרעטונגען.

„האָבן זיי געזען אַ מחנה נביאים זאָגן און שמואל שטייט איבער זיי און פירט מיט זיי אָן.״ (אָדער לערנט זיי — „ושמואל עומד נצב עליהם״). (שמואל א׳, י״ט, כ׳).

אָבער מער פון אַלץ זעען מיר זיין גרויסקייט אין דער גרינדונג פון דער מלוכה. ער האָט דערזען, אַז ער קאָן נישט איבערגעבן די פירערשאַפט צו זיינע קינדער — נבואה קאָן מען נישט איבערגעבן בירושה. די פלישתים, די עמונים און די אַלע פעלקער אַרום די יידן האָבן געקרויגט מלכים איבער זיך. מען מוז האָבן אַ קעניג כדי צו פאַראייניקן די שבטים. אָבער אַ קעניג איז דאָך ווידערשפּעניקונג קעגן גאָט? נו, ס׳איז אמת. אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. און גאָט איז מסכים. ער הייסט אויך שמואלן מסכים זיין. שמואל גיט אויף זיין הערשאַפט און גיט עס איבער שאולן. אין מאָ־דערנעם לשון קאָן מען זאָגן: בלויז אַ גרויסע און שטאַרקע פּערזענלעכקייט קאָן זיך אונטערגעבן, ווען זי פאַרשטייט, אַז די צייט פאָדערט עס. שמואל האָט אויפגעגעבן זיין הערשאַפט ביי זיין לעבן. ס׳קאָן זיין אַז דערפאַר האָט דער „מדרש״ אַוועקגעשטעלט שמואלן נאָך העכער פון משה רבנו. זאָגט דער מדרש רבה:

„קום און זע דעם חילוק צווישן משה און שמואל. משה פלעגט אַריינ־גיין צו גאָט (אין אוהל־מועד) צו הערן זיינע רייד, אָבער צו שמואלן פלעגט גאָט קומען צו אים. פאַרוואָס איז עס אַזוי? דער הקדוש־ברוך־הוא האָט גע־זאָגט: על פי דין און לויט גערעכטיקייט פיר איך זיך אויף מיט מענטשן. משה איז געזעסן און ווער עס האָט געהאַט אַ משפט — פלעגט קומען צו אים זיך משפּטן. ווי עס שטייט געשריבן „און משה האָט זיך געזעצט צו משפּטן דאָס פאָלק״. אָבער שמואל האָט זיך מטריח געווען און איז געגאַנגען פון מדינה צו מדינה און געמשפּט, כדי מען זאָל נישט דאַרפן קומען צו אים. ווי עס שטייט געשריבן: „און ער פלעגט גיין יאָר־איין יאָר־אויס און ער

פלעגט זיין אין בית־אל אאַז״וו אאַז״וו. האָט דער הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט: משה, וואָס איז געזעסן אויף איין אָרט דאַרף קומען צו מיר אין אוהל־מועד צו הערן מיין וואָרט. אָבער שמואל, וואָס איז געגאַנגען איבער די יידישע שטעט און געמשפּט יידן וועל איך גיין און ריידן מיט אים. ווי עס שטייט געשריבן: „אמתע וואָג און וואָגשאָלן זענען ביים משפּט פון גאָט.״ (שמות רבה, פּרשה ט״ז, ד׳).

שמואל איז דער ערשטער פון די מינדלעכע נביאים, נביאים ראשונים, וואָס ווערט אָנגערופן ביים נאָמען און דער איינציקער פון זיי, וואָס האָט זוכה געווען צו האָבן אויף זיין נאָמען אַ ספר פון צוויי טיילן (שמואל א׳ און שמואל ב׳). ער איז אויך דער איינציקער פון אַלע נביאים וואָס זיין לעבן ווערט באַשריבן, מיט קליינע איבעררייסן, פון זיין געבורט ביז זיין טויט און איין עפּיזאָד פון נאָכן טויט.

די גמרא זאָגט, אַז אַ גרויסער טייל פון ספר שמואל, דער ערשטער ספר, איז געשריבן געוואָרן פון דעם נביא אַליין. ס׳איז גאַנץ וואַרשיינלעך. עס פילט זיך אין גאַנצן ספר, שמואלס רואיקייט און בטחון.

אַ אידילישע שטילקייט איז דאָ אין ערשטן ספר שמואל. און ס׳איז דאָך מאָדנע. בעצם איז עס אַ ספר פול מיט יידישע צרות: מלחמות, חורבן־שילה, די געפאַנגענשאַפט פון אָרון און די לוחות, געראַנגל צווישן די שבטים וועגן דער מלוכה, געראַנגל צווישן דוד און שאולן, זינדיקייט פון יידן און גאָטס צאָרן. ועל כולם די פלישתים — אַ שונא וואָס הערשט מיט אַן אייזערנער האַנט. דאָך ווען מען לערנט ספר שמואל א׳, פילט זיך ווי מען וואָלט גע־שפּאַצירט אויף אַ וועג ווו פון ביידע זייטן זענען פעלדער מיט צייטיקע זאַנ־גען און פון ווייטן זעט מען וויינגערטנער און סעדער. איבערן גאַנצן ספר פילט זיך די יוגנטלעכקייט פון יידישן פאָלק און די גרויסקייט און שטאַרקייט פון גאָט, דעם געטרעכטן גאָט, וואָס האָט אויסדערוויילט יידן צו זיין אַ פאָלק פאַר אים. פאַרנעמען די פלישתים דעם אָרון — איז וואָס? זיי וועלן מוזן אים אומקערן. זיי האָבן דאָך אָנגערירט דעם יידישן גאָט. די עמונים, די פלישתים און די עמלקים דריקן די יידן — איז וואָס? ס׳איז דאָך בלויז כדי יידן זאָלן תשובה טאָן. און יידן וועלן תשובה טאָן, מוזן תשובה טאָן. יידיש פאָלק איז אייביק ווי גאָט ברוך־הוא איז אייביק און —

„גאָט וועט נישט פאַרלאָזן זיין פאָלק, צוליב זיין גרויסן נאָמען, ווייל גאָט האָט געוואָלט אייך צו מאַכן פאַר אַ פאָלק פאַר אים.״ (שמואל א׳, י״ב, כ״ב).

איז וואָס איז דאָ זיך צו שרעקן?

אַט דער בטחון־גייסט שוועבט איבערן גאַנצן ספר שמואל א׳. ס׳איז קענטיק אַז שמואל האָט עס געשריבן.

## שמואל הנביאס יוגנט

און עס האָט געלעבט אַ מאַן אין רמתים־צופים, אין דעם באַרגלאַנד אפרים, און זיין נאָמען איז געווען אלקנה; אַ מאַן פון אַ מיוחסדיקער משפחה פון שבט אפרים. און אלקנה האָט געהאַט צוויי ווייבער, דער נאָמען פון איינער איז געווען חנה און דער נאָמען פון דער צווייטער — פנינה. און פנינה האָט געהאַט קינדער און חנה האָט נישט געהאַט קיין קינדער. און אלקנה האָט זיך געפירט, אַז יאָר־איין יאָר־אויס פלעגט ער אַרויפגיין פון זיין שטאָט קיין שילה, ווו עס איז געווען אַן אַלטער הייליקער טעמפּל, נאָך פון יהושעס צייטן, זיך בוקן דאָרט און צו ברענגען קרבנות צו גאָט.

און עס איז געווען איינמאָל ווען אלקנה איז ווי אַלעמאָל געקומען קיין שילה און געבראַכט קרבנות, האָט ער געגעבן זיין ווייב פנינה און אַלע אירע זין און טעכטער יעדן איינעם אַ חלק פלייש, אָבער חנהן האָט ער געגעבן אַ טאָפּלטן חלק, ווייל ער האָט זי ליב געהאַט.

אָבער חנה האָט געוויינט און נישט געגעסן, ווייל פנינה האָט זיך גערייצט מיט איר: זע, חנה, דו ביסט אַן עקרה.

האָט אלקנה איר מאַן געזאָגט צו איר:

— חנה, פאַרוואָס וויינסטו? פאַרוואָס עסטו נישט, און פאַרוואָס איז דיין האַרץ פאַראומערט? בין איך דיר נישט טייערער ווי צען קינדער?

חנה האָט נישט געענטפערט. אַלע האָבן געגעסן אָבער זי האָט זיך נישט צוגערירט צום פלייש. און נאָכדעם ווי די אַנדערע האָבן געגעסן און געטרונקען איז זי אויפגעשטאַנען און אַריין אין טעמפּל און זיך געשטעלט פאַר גאָט. און עלי דער כהן איז געזעסן אויף אַ שטול ביים אַריינגאַנג פון גאָטס טעמפּל.

און חנהס האַרץ איז געווען שווער און איר געמיט ביטער און זי האָט אָנגעהויבן תפילה טאָן צו גאָט און זי האָט שטאַרק געוויינט. שטיל אין זיך האָט זי אַ נדר געטאָן:

— גאָט פון די חיילות, אויב דו וועסט זיך דערמאָנען און דערזען די פּיין פון דיין דינסט און דו וועסט מיר געבן אַ קינד, אַ ייִנגל, וועל איך אים אָפּגעבן דיר אויף זיין גאַנצן לעבן. ער וועט זיין אַ נזיר, קיין שערמעסער וועט נישט אַרויפקומען אויף זיין קאָפּ.

און זי האָט מתפלל געווען לאַנג און עלי האָט איר נאָכגעקוקט און געזען אַז אירע ליפּן שעפּטשען, אָבער קיין קול הערט זיך נישט, האָט ער געמיינט אַז זי איז שיכור, האָט ער געזאָגט צו איר:

— ביז וואַנען וועסטו שטיין אַ שיכורע? ניכטער זיך אויס!

און חנה האָט געענטפערט:

— ניין, מיין האַר, איך בין נישט שיכור, נאָר אַ פרוי מיט אַ שווערגעמיט בין איך און איך האָב אויסגעגאָסן מיין ביטער האַרץ פאַר גאָט.

האָט עלי געענטפערט און געזאָגט:

— גיי אין פרידן און דער גאָט פון ישראל זאָל דערפילן דיין בקשה, וואָס דו האָסט געבעטן פון אים.

און זי האָט געענטפערט:

— איך דאַנק, מיין האַר, וואָס איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן.

און חנה האָט דערפילט אַ פאַרגרינגערונג. זי האָט זיך געזעצט עסן און דער גאַנצער טרויער און שווערער געמיט זענען אַוועק פון איר.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן זיי זיך געפעדערט, געבוקט זיך פאַר גאָט און זיי זענען אַוועק אַהיים.

און עס איז אַוועק אַ קורצע צייט און חנה איז טראָגעדיק געוואָרן און געבוירן אַ זון און זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן שמואל — שאול מאל — פון גאָט האָב איך אים אויסגעבעטן.

און עס איז געקומען די צייט פון יאָר ווען די משפחה פלעגט גיין קיין שילה, האָט חנה געזאָגט צו איר מאַן:

— איך וועל גיין קיין שילה ערשט ווען איך וועל אַנטווינען דאָס קינד. דעמאָלט וועל איך אים ברענגען מיט מיר און ער וועט דאָרטן בלייבן אויף שטענדיק.

און עס איז געווען ווען זי האָט אים אַנטווינט, האָט זי אים אַרויפגעבראַכט מיט זיך, מיט אַ דריי־יאָריקן אָקס, אַ מאָס מעל און אַ לאָגל ווייַן.

און זיי האָבן מקריב געווען דעם קרבן און זיי האָבן געבראַכט דאָס קינד צו עלין און חנה האָט געזאָגט:

— מיין האַר, דאָס בין איך די פרוי, וואָס איך בין געשטאַנען לעבן דיר און געבעטן גאָט. אויף דעם דאָזיקן ייִנגל האָט איך תפילה געטאָן. און גאָט האָט דערפילט מיין געבעט, וואָס איך האָב אים געבעטן. אויך איך דערפיל מיין צוזאָג, מיין נדר, און איך ליי אים צו גאָט אויף אַ גאַנץ לעבן.

און עלי האָט זיך געבוקט צו גאָט מיט דאַנק.

און אלקנה מיט זיינע ווייבער זענען אַוועק קיין רמה. און דאָס ייִנגל

איז געבליבן אין שילה. און ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונג קינד. און דער כוהן עלי האָט אויף אים אַכטונג געגעבן.

## עליס זין — חפני און פנחס

און אין שילה האָבן געדינט די כוהנים חפני און פנחס, די צוויי זין פון עלי. און זיי זענען געווען פאַרדאָרבענע יונגען און נישט געוואָלט וויסן פון גאָט. ווען אַ ייד האָט געבראַכט אַ קרבן, האָבן עליס קינדער נישט געוואַרט, ווי די תורה האָט אָנגעזאָגט, ביז דער ייד וועט אים, דעם כוהן, געבן די ברוסט און דעם שולטער פון קרבן. זיי האָבן געשיקט זייערע משרתים מיט אַ דרייצייניקן גאָפּל. און זיי פלעגן אַריינשטעכן דעם גאָפּל אין די פלייש, וואָס האָט זיך געפונען אין קעסל, טאָפּ אָדער פאַן, און וואָס דער גאָפּל האָט אָנגעשטאָכן האָבן זיי צוגענומען. זיי האָבן אויך נישט געוואַרט ביז מען האָט מקריב געווען דעם פעטס, דעם חלב, אויפן מזבח, זיי פלעגן נעמען רוי פלייש. טאָמער האָט עמיצער געוואָלט זיך שטעלן אַנטקעגן, האָבן זיי געדראָעט צו נעמען דאָס פלייש מיט גוואַלד.

נאָך אַ גרעסערן פאַרברעכן פלעגן זיי באַגיין — זיי האָבן מזנה געווען מיט די פרויען, וואָס האָבן באַדינט דעם טעמפּל.

און שמואל איז געווען אַ דינער פאַר גאָט, די מאַמע פלעגט קומען און אים זען נאָר איין מאָל אַ יאָר. זי פלעגט אים דעמאָלט ברענגען אַ קליין מאַנטעלע, וואָס זי האָט אויפגענייט פאַר אים. און הגם ער איז געווען אַ קליין יינגל — איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ ליינענעם „אפוד״, ווי אַ דערוואַקסענער כוהן, און ער האָט געדינט פאַר גאָט אין טעמפּל.

און גאָטס וואָרט איז געווען אַ זעלטנקייט אין יענער צייט. נישט געווען קיין אָפטע נבואות אין ישראל.

## גאָט אַנטפּלעקט זיך צו שמואלן

און עלי איז געוואָרן אַלט, זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן טונקל צו ווערן. ער האָט שוין נישט געקענט זען גוט.

און עס איז געווען אין יענער צייט איז עלי געלעגן אויף זיין שטענדיקן אָרט. ס׳איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, אָבער דער נר תמיד, גאָטס ליכט, איז נאָך נישט פאַרלאָשן געוואָרן. שמואל איז געלעגן אין דער עזרה פון טעמפּל און געהאַלטן ביים איינשלאָפן — און מיטאַמאָל האָט זיך גע־

הערט אַ קול פון טעמפּל, ווו דער אָרון איז געשטאַנען. און דער קול האָט גערופן: שמואל! און שמואל האָט געענטפערט: דאָ בין איך!

און דאָס יינגל האָט געמיינט, אַז עלי האָט אים גערופן, איז ער צוגע־לאָפן צו עלין און געזאָגט: דאָ בין איך, דו האָסט מיך גערופן.

און עלי האָט געענטפערט: ניין, איך האָב דיך נישט גערופן, גיי לייג זיך צוריק.

און שמואל איז אַוועק און האָט זיך געלייגט. און גאָט האָט ווידער גע־רופן צו שמואלן און דאָס יינגל האָט ווידער געמיינט, אַז עלי האָט אים גע־רופן, איז ער צוגעגאַנגען צו עלין און געזאָגט: דאָ בין איך, דו האָסט מיך גערופן. האָט ער אים געענטפערט: איך האָב דיך נישט גערופן, גיי לייג זיך צוריק.

ווען גאָט האָט אים גערופן צום דריטן מאָל, האָט שמואל אַלץ געמיינט, אַז עלי רופט אים, ווייל דאָס וואָרט פון גאָט האָט זיך נאָך נישט אַנטפּלעקט צו אים. אָבער ווען שמואל איז צום דריטן מאָל צוגעגאַנגען צו עלין, האָט דער אַלטער כוהן פאַרשטאַנען, אַז גאָט רופט דעם יינגל. האָט עלי געזאָגט צו שמואלן:

— גיי, לייג זיך, און עס וועט זיין, אַז מען וועט רופן צו דיר זאָלסטו ענטפערן: רייד, גאָט, ווייל דיין קנעכט הערט.

און שמואל איז אַוועק און זיך צוריקגעלייגט אויף זיין אָרט, און גאָט איז געקומען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט און האָט גערופן ווי די פריער־דיקע דריי מאָל: שמואל, שמואל!

און דאָס יינגל האָט געענטפערט:

— רייד, ווייל עס הערט דיין קנעכט.

און גאָט האָט געזאָגט צו שמואלן:

— איך וועל אָפּטאָן אַזאַ זאַך אין ישראל, אַז דער וואָס וועט עס הערן, וועלן זיינעביידע אויערן קלינגען. איך האָב פאַרמשפּט עליס הויז אויף איי־ביק, פאַר די זינד, וואָס ער האָט געוווסט, אַז זיינע זין זענען באַגאַנגען און ער האָט זיי נישט געשטערט. דערפאַר האָב איך געשוואָרן אַז די זינד פון עליס הויז וועט נישט פאַרגעבן ווערן מיט קרבנות אויף אייביק.

און שמואל איז געלעגן ביז אין דער פרי, און ער האָט געעפנט די טויערן פון טעמפּל. און ער האָט מורא געהאַט צו דערציילן די נבואה צו עלין. און עלי האָט גערופן שמואלן און געזאָגט צו אים: שמואל מיין זון, וואָס האָט גאָט גערעדט צו דיר? זאָלסט קיין זאַך נישט פאַרלייקענען פאַר מיר.

און שמואל האָט אים דערציילט אַלץ וואָס גאָט האָט צו אים גערעדט. און עלי האָט געענטפערט:

— ער איז גאָט, זאָל ער טאָן וואָס עס איז רעכט אין זיינע אויגן.

און שמואל איז געוואַקסן און גאָט איז געווען מיט אים און אַלע נבו־אות, וואָס דער יונגער שמואל האָט געהאַלטן, זענען מקוים געוואָרן. און גאַנץ ישראל, פון דן ביז באר שבע, האָט געוווסט, אַז שמואל איז באַשטימט גע־וואָרן פאַר אַ נביא צו גאָט.

## די נבואה ווערט מקוים

דער יאָך פון די פלישתים אויף די יידן איז געוואָרן שווערער און שווע־רער. די זקנים פון ישראל זענען אַרויס אין אַ קאַמף קעגן שונא. ווי לאַנג עס האָט געדויערט די צוגרייטונג צו דער מלחמה און וואָס איז געווען די דירעקטע סיבה פון דער מלחמה — ווערט נישט דערציילט. דער פסוק הייבט אָן אָן קיין שום דערקלערונגען:

— און ישראל איז אַרויס אויף מלחמה אַנטקעגן די פלישתים. און די פלישתים האָבן אויסגעשטעלט זייער חייל קעגן ישראל, און די מלחמה האָט זיך פאַרשפרייט. און ישראל איז געשלאָגן געוואָרן פאַר די פלישתים.

דאָס איז געווען די ערשטע אויספרווו־שלאַכט. די זקנים, די עלטסטע, האָבן דערפילט, אַז עס פעלט אַ פירער אויפן שלאַכטפעלד, צו וועמען זיי זאָלן אַרויפקוקן. עלי איז אַלט און זיינע זין זענען נישט באַליבט ביים פאָלק. דעמאָלט האָבן זיי געזאָגט:

— לאָמיר ברענגען דעם אָרון פון גאָט, ער וועט אונדז העלפן.

און די זקנים זענען אַוועק קיין שילה און געבראַכט דעם אָרון און מיטן אָרון זענען געקומען עליס צוויי זין חפני און פנחס.

אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. אין דער גרויסער שלאַכט וואָס איז באַלד פאָרגעקומען זענען די יידן אינגאַנצן צעשלאָגן געוואָרן. דרייסיק טויזנט מאַן זענען געפאַלן אין דער שלאַכט און די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן. און דער אָרון פון גאָט איז צוגענומען געוואָרן פון די פלישתים און עליס צוויי זין זענען געטויט געוואָרן.

עלי איז דעמאָלט אַלט געווען אַכט און ניינציק יאָר. די אויגן זענען שוין ביי אים געווען פאַרצויגן און ער איז שוין געווען אינגאַנצן בלינד. און ער איז געזעסן אויף אַ שטול ביים וועג אויסקוקנדיק אויף אַן אָנזאָג פון דער מלחמה, ווייל דאָס האַרץ האָט אים געציטערט וועגן דעם אָרון פון גאָט. און

אַ מאַן פון שבט בנימין איז אַנטלאָפן פון שלאַכטפעלד און איז געקומען קיין שילה. ווען ער איז אָנגעקומען אין שטאָט איז געוואָרן אַ טומל און אַ געשריי. האָט דער אַלטער בלינדער עלי געפרעגט: וואָס איז דער ליאַרם?

און דער פּליט איז צו אים צוגעלאָפן און געזאָגט:

— איך קום פון שלאַכטפעלד און איך בין אַנטלאָפן פון שלאַכטפעלד.

דאָס פּנים פון פּליט האָט דער אַלטער נישט געקענט זען, אָבער לויט דעם קול און לויט די רייד „איך בין אַנטלאָפן פון שלאַכטפעלד" האָט ער געוווּסט, אַז קיין גוטע בשורה האָט דער אַנזאָגער נישט געבראַכט. דאָך האָט ער געפרעגט רואיק:

— ווי איז עס געשען, מיין זון, וואָס דו ביסט אַנטלאָפן?

און דער פּליט זאָגט:

ישראל איז זיך צעלאָפן, אַ גרויסע מפּלה פאַרן פאָלק, דיינע ביידע זין זענען געטויט געוואָרן.

דער אַלטער כּוהן הערט און רירט זיך נישט פון שטול. אַוודאי האָט ער ליב זיין פאָלק, זיכער זענען אים טייער זיינע צוויי זין, אָבער מען טאָר נישט נאָכטראַכטן גאָטס וועגן. „ער איז גאָט, זאָל ער טאָן, וואָס עס איז רעכט אין זיינע אויגן".

— און דער אָרון פון גאָט איז אַוועקגענומען געוואָרן.

אָט דעם קלאַפּ האָט שוין דער אַלטער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. און דער פּסוק דערציילט:

— און עס איז געווען, ווי ער האָט דערמאָנט דעם אָרון פון גאָט, אַזוי איז ער אַראָפּגעפאַלן פון שטול אויף אַהינטער און זיין נאַקן האָט זיך צעבראָכן און ער איז געשטאָרבן.

***

די פּלישתּים זענען אַריין אין שילה און חרוב געמאַכט דעם טעמפּל. ישראל איז געוואָרן אינגאַנצן אונטערטעניק צו די פּלישתּים.

אין אָט דער שלעכטער צייט איז שמואל הנביא געוואָרן שופט איבער די יידן. מיר הערן פון אים נישט קיין פולע צוואַנציק יאָר. וואָס איז געשען נאָך די צוואַנציק יאָר?

## חורבן שילה

נאָך דעם נצחון, וואָס די פּלישתּים האָבן געהאַט איבער ישראל, זענען זיי אַריין אין שילה און חרוב געמאַכט דעם משכן. אין ספר שמואל ווערט

חורבן־שילה נישט דערמאָנט. אָבער חורבן־שילה איז אַ גרויסע היסטאָרישע געשעעניש און האָט געלאָזן טיפע שפּורן אין פאָלק, און איז פאַררעכנט ווי איינער פון די גרויסע אומגליקן אין דער יידישער געשיכטע. פינף הונדערט יאָר שפּעטער זאָגט דער נביא ירמיהו, אַז אויב יידן וועלן נישט תשובה טאָן וועט דער בית המקדש אין ירושלים האָבן דעם זעלביקן סוף ווי דער משכן אין שילה:

„ווייל גייט צו מיין אָרט, וואָס אין שילה, וואָס דאָרטן האָב איך צו ערשט געמאַכט רוען מיין נאָמען און זעט וואָס איך האָב צו אים געטאָן, צו־ליב די זינד פון מיין פאָלק — — — און איך וועל טאָן צו דעם דאָזיקן הויז, וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים, וואָס איר פאַרזיכערט זיך אויף אים, און צו דעם אָרט, וואָס איך האָב געגעבן צו אייך און צו אייערע על־טערן, ווי איך האָב געטאָן צו שילה.״ (ירמיהו ז׳ י״ב, י״ד).

דער זינגער פון תהילים באַשרייבט חורבן־שילה מיט אַ סך פּרטים:

„גאָט האָט געהערט און איז געוואָרן אין כעס און ער האָט זייער פאַר־מיאוסט ישראל. און ער האָט פאַרלאָזן דעם משכן פון שילה, דעם געצעלט, וואָס ער האָט פאַר זיין ווינונג געמאַכט צווישן די מענטשן. און ער האָט איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט זיין אָרון, און זיין פּראַכט אין דער האַנט פון פיינד. און ער האָט איבערגעענטפערט זיין פאָלק צו דער שווערד און איז בייז געוואָרן אויף זיין נחלה. זיינע בחורים האָט פאַרצערט דאָס פייער און צו זיינע יונגפרויען האָט מען קיין חתונה־געזאַנגען נישט געזונגען. זיי־נע כוהנים זענען געפאַלן דורך דער שווערד און זיינע אלמנות האָבן זיי נישט באַוויינט.״ (תהילים ע״ח, נ״ט־ס״ג).

די פלישתים האָבן צעשלאָגן די יידישע חיילות, חרוב געמאַכט שילה און געפאַנגען דעם אָרון פון גאָט. זיי האָבן געהאַלטן דעם אָרון זיבן חדשים און דערנאָך זענען זיי געווען געצוווּנגען אומצוקערן דעם אָרון, ווייל גאָט האָט געבראַכט אויף זיי איין מגפה נאָך דער אַנדערער. זיי האָבן אומגע־קערט דעם אָרון פאַר וועלכן זיי האָבן זיך געשראָקן. אָבער זיי האָבן אים נישט אומגעקערט קיין שילה, אָדער אין וועלכער ס׳איז אַנדער וויכטיקער שטאָט ווי מצפה, גלגל, בית־אל. זיי האָבן אַריינגעשטעלט דעם אָרון אין קרית־יערים, אַ שטאָט, וואָס איז געווען נאָענט צום גרענעץ פון די פלישתים און אויפגעשטעלט אַ כוהן אָדער אַ לוי, צו באַדינען דעם ארון־הברית.

אויף אונדזער היינטיקן לשון מיינט עס, אַז די פלישתים האָבן געשלאָסן אַ פרידן מיט די יידן. אָבער דער פרידן איז געווען אינגאַנצן לטובת די פלישתים. די יידן זענען געבליבן אונטערטעניק צו זיי.

ש ל מ ה   ס י י מ אָ ן

# צוואַנציק גורלדיקע יאָרן

עס זענען אַריבער פולע צוואַנציק יאָר. אין אָט דער צייט פון חורבן און יאוש איז שמואל געוואָרן פירער ביי די יידן. ער האָט זיך נישט אונטערגענומען אויפצושטעלן אַ משכן, אַ הייליקטום אין איינע פון די אַלטע הייליקע שטעט און שאַפן דאָרטן אַ צענטער. ביי שמואלן איז נישט געווען וויכטיק קיין צענטער און קיין הייליקטום. ער האָט געקראָגן זיין כוח הרשאה צו משפטן דאָס פאָלק דורך דירעקטער התגלות, אַנטפּלעקונג, נישט בירושה. גאָטס אַנטפּלעקונג איז נישט צוגעבונדן צו קיין באַשטימטן אָרט.

ער האָט געמאַכט גאַנץ ארץ־ישראל פאַרן צענטער. ער־האָט אָנגעהויבן שאַפן אַ גייסטיקן באַגריף פון יידישקייט, וואָס זאָל פאַראייניקן די שבטים. ער האָט געמאַכט די גאָט־אידייע פאַרן צוזאַמענבונד פון ישראל — נישט קיין הייליקטום־צענטער.

שמואל הנביא איז געווען דער פאָרלויפער, דער אָנזאָגער פון די שפּעטערדיקע נביאים אין צוויי עיקרים. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם ערשטן עיקר אויף אויסצופאָלגן גאָטס מצוות, נישט אויף קרבנות און ריטואַל און הייליקטום, און ער האָט געגעבן אַ דערקלערונג פאַרן חורבן און די נצחונות פון די פלישתים. שפּעטער האָבן עס ישעיה, ירמיה, יחזקאל און די אַנדערע נביאים אַרויסגעבראַכט אויף זייער אייגענעם נוסח.

שמואל האָט געלערנט דאָס פאָלק, אַז דער עיקר פון אַלע עיקרים דאַרף זיין ביי יידן אויספאָלגן גאָטס רצון. קרבנות, ריטואַלן זענען אויך נישט מער ווי אָנזאָגונגען פון גאָט. וויבאַלד אַזוי קאָנען נישט קיין קרבנות פאַרגעבן דאָס זינד פון ווידערשפּעניקייט, פון נישט אויספאָלגן אַנדערע געטלעכע אָנזאָגונגען. אויב מען פאָלגט נישט גאָט און מען גייט נישט אין זיינע וועגן — וועט גאָט נישט פאַרגעבן און נישט אָפּטאָן זיין צאָרן אויב מען וועט אַפילו ברענגען קרבנות פון די פעטסטע קעלבער און געשטאָפּטע רינדער. אויספאָלגן איין געבאָט קאָן נישט פאַרגעבן דאָס נישט אויספאָלגן פון אַן אַנדער באַפעל. זאָגט שמואל:

„צי דען וויל גאָט בעסער בראַנדאָפּפער און שלאַכטאָפּפער ווי צוהערן זיך צו גאָטס קול? צוהערן זיך איז בעסער ווי שלאַכטאָפּפער. פאָלגן איז בעסער פון פעטס פון ווידערס. ווידערשפּעניקייט איז אַזאַ שווערע זינד ווי כישוף. נישט פאָלגן איז אַזאַ גרויסע זינד ווי געצנדינסט און פרעגן ביי די תרפים.״ (שמואל א׳, ט״ו כ״ב, כ״ג).

— די מפּלה, וואָס די יידן האָבן געליטן אויפן שלאַכטפעלד — זאָגט שמואל — איז נישט ווייל דער פלישתימשער געץ איז שטאַרקער פון כבי־

כול, נאָר ווייל יידן זענען געווען זינדיק. ס׳איז בכלל נישט צו פאַרגלייכן דעם יידישן גאָט מיט אַנדערע געטער, ווייל זיי זענען קיין געטער נישט, נאָר נישטיקייטן.

„נישט זיי קאָנען ברענגען נוצן און נישט זיי קאָנען מציל זיין, ווייל זיי זענען נישטיקייטן.״ (שמואל א׳, י״ב, כ״א).

יידן דאַרפן געדענקען און באַנעמען אַז אַלע מפּלות, אַלע צרות, אַלע חורבנות זענען נישט מער ווי צייטווייליקע שטראָפן, וואָס גאָט ברענגט אויף זיי, כדי זיי זאָלן תשובה טאָן. סוף־כל־סוף וועלן יידן זיין די זיגער ווייל —

„גאָט וועט נישט פאַרלאָזן זיין פאָלק, צוליב זיין גרויסן נאָמען, ווייל גאָט האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו מאַכן אייך פאַר זיין פאָלק.״ (שמואל א׳, י״ב, כ״ב).

צוואַנציק יאָר האָט שמואל גערעדט צו יידן און געלערנט זיי. ער איז נישט געזעסן אין דער היים, נאָר ער פלעגט אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פאַרזאַמלען די יידן און לערנען מיט זיי. ער האָט אויך אויפגעשטעלט חברותאס בני הנביאים, וואָס האָבן מיט זייער עקסטאַז און מיט זייער טיפן גלויבן, מיט זייער געזאַנג און דינסט צו גאָט געמונטערט, באַגייסטערט, געשטאַרקט און געלערנט די יידן צו גיין אין גאָטס וועגן.

פולע צוואַנציק יאָר זענען אַריבער און שמואל האָט דערפילט אַז יידן האָבן טאַקע שוין אָנגעהויבן בענקען נאָך גאָט. זייער בענקשאַפט און גלוסטעניש נאָך גאָט זענען געווען שטאַרק און ממשותדיק אַז עס האָט פאַראייניקט אַלע שבטים. ישראל איז געווען גרייט צו שטעלן זיך קעגן די פלישתים. שמואל האָט פאַרזאַמלט די יידן אין מצפה.

## דער זיג איבער די פלישתים

„און עס איז געווען (געשען) פון דעם טאָג, וואָס דער אָרון איז פאַרבליבן אין קרית־יערים איז אַוועק אַ לאַנגע צייט — צוואַנציק יאָר. און דאָס גאַנצע הויז פון ישראל האָט געבענקט נאָך גאָט.

„און שמואל האָט געזאָגט צום גאַנצן הויז פון ישראל: אויב מיט אייער גאַנצן האַרצן קערט איר אייך אום צו גאָט, איז — טוט אָפּ די פרעמדע געטער און די עשתרות פון צווישן אייך און טוט אַ קער אייער האַרץ בלויז צו גאָט און ער וועט אייך מציל זיין פון דער האַנט פון די פלישתים.

„האָבן די בני־ישראל אָפּגעטאָן די בעל־געטער און די עשתרות און געדינט צו גאָט אַליין.

„און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך איינגעזאַמלט אין מצפה. ווען די פּלישתים האָבן דערמערט (באַמערקט), אַז די יידן האָבן זיך איינגעזאַמלט אין מצפה, זענען די פירשטן פון די פּלישתים אַרויסגעגאַנגען קעגן ישראל. און די קינדער פון ישראל האָבן עס דערהערט האָבן זיי מורא געהאַט פאַר די פּלישתים. און זיי האָבן געזאָגט צו שמואלן: הער נישט אויף צו שרייען פון אונדזערטוועגן צו גאָט, אונדזער גאָט. זאָל ער אונדז העלפן פון דער האַנט פון די פּלישתים.

„און עס איז געווען ווי שמואל איז געשטאַנען און מקריב געווען דעם קרבן אַזוי זענען די פּלישתים אָנגעקומען אויף מלחמה. און גאָט האָט אַ דונער געטאָן מיט אַ שטאַרקן קול אויף די פּלישתים און ער האָט זיי פאַרטומלט. און די יידן זענען אַרויס פון מצפה און נאָכגעיאָגט די פּלישתים און זיי צעשלאָגן ביז הינטער בית־כר. און די פּלישתים זענען אָנטרונען געוואָרן פאַר די יידן. און שמואל האָט געמשפּט ישראל אַלע טעג פון זיין לעבן. ער פלעגט גיין אַזוי אָפּט ווי איין מאָל אַ יאָר פון בית־אל קיין גלגל און מצפה. ער פלעגט זיך אומקערן קיין רמה, און דאָרטן איז געווען זיין היים. דאָרטן האָט ער געמשפּט די יידן און געבויט אַ מזבח צו גאָט.“

## שמואל און מלוכה

עס שטייט געשריבן: „און שמואל האָט געמשפּט ישראל אַלע טעג פון זיין לעבן“. אָבער דער נביא איז אַלט געוואָרן. און אויב די כהונה־פירערשאַפט פון עלי האָט נישט געקאָנט איבערגיין צו זיינע קינדער בירושה, האָט די נבואה־פירערשאַפט פון שמואל אוודאי נישט געקאָנט איבערגיין צו זיינע קינדער. כהונה האָט ריטואַל, די עבודה הייליקט דעם כוהן. קאָן דער זון, ווען ער פירט דורך די עבודה פון מקריב זיין קרבנות, רויכערן ווייררויך, גיסן וואַסער, אויך קריגן די הייליקייט פון זיין פאָטער. נבואה קומט אָבער דורך דעם חסד פון גאָט און קאָן נישט איבערגיין בירושה. לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן אין תנ״ך איז נבואה כמעט קיינמאָל נישט איבערגעגאַנגען בירושה. ווען שמואל איז אַלט געוואָרן איז נישט געווען ווער עס זאָל זיין פירער ביי יידן.

דער זיג וואָס שמואל האָט געהאַט איבער די פּלישתים, איז געווען אַ צייטווייליקער און נישט קיין פולער. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָבן די פּלישתים ווידער געקראָגן די אויבערהאַנט און אָנגעהויבן דריקן די יידן. דערצו זענען די שכנישע פעלקער, ווי עמון, געוואָרן שטאַרק. זיי האָבן גע־

קרוינט מלכים און אָנגעהויבן אַרייַנדרינגען אין יידן־לאַנד און אַרויפגעצוווּנ־גען זייער הערשאַפט איבער די געגנטן וואָס זענען געווען פריי פון די פּליש־תּים. שמואל האָט געפּרובירט איבערגעבן די פירערשאַפט צו זיינע צוויי זין. אָבער זיי זענען נישט געווען קיין פּאַסיקע יורשים, און די זקנים, די הויפּטן פון די שבטים זענען געקומען צו שמואלן מיט אַ פאָדערונג, אַז זיי ווילן האָבן אַ קעניג, ווי אַלע פעלקער. קורץ און שאַרף ווערט עס דערציילט אין ספר שמואל:

„און עס איז געווען ווען שמואל איז אַלט געוואָרן האָט ער געמאַכט זיינע זין שופטים אויף ישראל. זיי זענען געווען שופטים אין באר שבע. אָבער זיינע זין זענען נישט געגאַנגען אין זיינע וועגן. זיי זענען געווען גע־בייגט צו זיין געלט־גייציק און זיי האָבן גענומען שוחד און זיי האָבן פאַר־דרייט דעם משפט.“

„און אַלע זקנים פון ישראל האָבן זיך איינגעזאַמלט און זענען געקומען צו שמואלן קיין רמה און זיי האָבן געזאָגט צו אים: דו ביסט אַלט געוואָרן און דיינע זין גייען נישט אין דיינע וועגן. איצט מאַך אַ קעניג איבער אונדז, ווי ביי אַלע פעלקער, ער זאָל אונדז משפטן.“ (שמואל א׳, ח׳ א׳־ה׳).

דער אַלטער שמואל איז אויפגעציטערט געוואָרן. ס׳האָט אים שטאַרק וויי געטאָן ווען זיי האָבן געזאָגט: „דו ביסט אַלט און דיינע זין גייען נישט אין דיינע וועגן“. אָבער מער נאָך האָט אים וויי געטאָן זייער ווידערשפּעני־קייט קעגן גאָט. זיי האָבן דאָך פאַרמיאוסט גאָט און זיי ווילן נישט אַז ער, כביכול, זאָל זיי פירן, נאָר אַ מענטש זאָל גיין זיי פאָרויס. און דער נביא שטעלט זיך תּפילה טאָן צו גאָט. און גאָט ענטפערט אים באַלד:

„גיב זיי נאָך וואָס זיי בעטן. נישט דיך האָבן זיי פאַרמיאוסט נאָר מיך האָבן זיי פאַרמיאוסט צו קעניגן איבער זיי. הער זיך צו צו זייער קול. נאָר וואָרענען זאָלסטו זיי וואָרענען, און דערצייל זיי וואָס עס מיינט צו האָבן איבער זיך אַ מענטשן אַ מושל.“ (דאָרט, ח׳־ט׳).

שמואל האָט פאַרזאַמלט דאָס פאָלק און דערציילט פאַר זיי וואָס עס מיינט מלוכה. ביז היינטיקן טאָג זענען נאָך אַלץ שמואלס רייד די שטאַרק־סטע אַרויסטרעטונג קעגן זעלבסטהערשאַפט. אָבער די זקנים האָבן אים אויס־געהערט —

„און דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט זיך צוהערן צו דעם קול פון שמואלן און זיי האָבן געזאָגט: ניין, דווקא אַ מלך מוזן מיר האָבן איבער אונדז, כדי מיר זאָלן אויך זיין ווי אַלע פעלקער, און אונדזער מלך זאָל אונדז משפטן און ער זאָל אַרויסגיין פאָרויס, פאַר אונדז, און ער זאָל פירן אונדזערע מלחמות.“ (דאָרט).

און שמואל האָט זיך ווידער געשטעלט פאַר גאָט און גאָט האָט אים געענטפערט: אַז נישט נאָר זאָל ער מסכים זיין צו זייער בקשה, נאָר ער אַליין זאָל אויסקלייבן פאַר זיי אַ מלך.

און שמואל האָט געענטפערט די זקנים:

— גייט דערווייל איטלעכער צו זיין שטאָט. איך וועל פאַר אייך געפינען אַ מלך.

דער אַלטער נביא האָט שלום־געמאַכט מיט די נויטן פון דער נייער צייט.

## שאול ווערט קעניג

דער בעסטער באַווייז פון יידישער אַנדערשקייט און אייגנאַרטיקייט איז דאָס זאַלבן פון ערשטן יידישן קעניג. יידן האָבן טאַקע געוואָלט האָבן אַ קעניג ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער דאָך איז עס נישט געשען ווי ביי די אַנדערע פעלקער.

ביי אַלע פעלקער פון אַלטערטום האָט געהערשט דער באַגריף פון קעניגס געטלעכקייט. אין מצרים, בבל, אשור און שפּעטער אויך אין גריכנלאַנד און אין רוים האָט זיך דער קעניג גערעכנט פאַר אַ געטלעכן וועזן. געוויינלעך האָבן די פעלקער געגלייבט, אַז לכתחילה האָט געקעניגט איבער זיי אַ גאָט אין מענטשלעכער געשטאַלט. דערנאָך האָט אַ מענטש פאַרנומען דעם טראָן פון דעם גאָט, אָדער געטער. אָבער דער דאָזיקער מענטש איז נישט קיין פשוטער בשר ודם. ער איז טאַקע אַ ילוד אשה, געבוירן פון אַ פרוי, אָבער ער איז אַ נאָענטער קרוב, אַ בלוט־קרוב צו די געטער. יעדער פּרעה איז געווען דער זון פון דעם גאָט אַמאָן־רע, די מלכים פון אשור און בבל זענען געווען די ברידער אָדער די זין פון געטער. אומעטום האָט מען געדינט צו די מלכים ווי צו געטער.

אין יידישן באַגריף פון מלכות האָט אינגאַנצן געפעלט דער עלעמענט פון פאַרגעטלעכן דעם מלך. דער קעניג איז בלויז אַ שליח פון גאָט. דער ערשטער מלך איז דער יורש פון אַ שופט־נביא, וואָס איז אַ שליח פון גאָט.

***

שמואל האָט געפאָלגט גאָט און אָנגעהויבן זוכן אַ מלך פאַר די יידן. און גאָט האָט אים צוגעשיקט דעם פּאַסיקן מענטשן — שאול. ער איז געווען יונג און שיין, און „ס׳איז נישט געווען קיין מאַן אין ישראל שענער פאַר אים.

ער איז געווען פון זיינע אַקסלען אַרויף, העכער פון וועלכן ס׳איז מאַן אין ישׂראל״. (שמואל א׳, י״כ״ג כ״ד).

מערקווירדיק און וויכטיק איז, וואָס שאול האָט נישט געשטאַמט פון קיין מיוחסדיקער משפחה און איז נישט אַרויסגעקומען פון אַ גרויסן שבט. שאול זאָגט אויף זיך: ״איך בין פון בנימין פון די קלענסטע שבטים אין ישׂראל, און מיין משפחה איז די יינגסטע, די מינדסטע, פון אַלע משפחות פון בנימין, און פאַרוואָס רעדסטו צו מיר פון אַזאַ זאַך ווי מלוכה?״ (דאָרט, ט׳, כ״א).

שאול איז געווען נישט באַוווסט און נישט באַקאַנט אין ישׂראל. דער יונגער, שיינער יונגערמאַן האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס עס קומט אים די מלוכה. נאָך מער האָט אַ טייל פון פאָלק נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס שמואל האָט אויסגעקליבן אָט דעם אומבאַקאַנטן, אומבאַוווסטן מאַן, פון דער געמיינער משפחה. ער האָט זיך נישט געמאַכט קיין נאָמען אויפן שלאַכטפעלד, ער איז נישט געווען רייך, אויך קיין בעל־יחוס איז ער נישט. וואָס פאַר אַ קעניג האָט ער, שמואל, אויסדערוויילט? ״די נידערטרעכטיקע מענטשן האָבן געזאָגט: וואָס קען אונדז אָט דער דאָזיקער העלפן? און זיי האָבן אים פאַרשעמט, זיי האָבן אים נישט געבראַכט קיין מתנה. און שאול האָט זיך געמאַכט ווי טויב״. (דאָרט, י׳, כ״ז).

שאול האָט אפשר טיף ביי זיך אין האַרצן געהאַלטן, אַז די מענטשן זענען גערעכט. אָבער שמואלס אויסוויילן פון דעם אומבאַקאַנטן שאולן איז געווען אַ בכיוונדיקער. דורך דעם באַפעל פון גאָט האָט ער אויסגעקליבן שאולן דווקא, ווייל ער איז נישט געווען פון גרויס יחוס, דווקא ווייל ער האָט געשטאַמט פון אַ קליינעם שבט און איז נישט געווען קיין קריגס־העלד. שאול איז געוואָרן קעניג מיט גאָטס חסד, נישט דורך זיין אייגענער העלדישקייט. שאול איז געווען דער יורש פון די שופטים־נביאים, וואָס זענען אויסגעקליבן געוואָרן פון גאָט, ווייל זיי האָבן געפונען חן אין זיינע אויגן מיט אויספאָלגן זיינע געבאָטן.

שמואל האָט קיין טעות נישט געהאַט אין זיין אויסדערוויילן און זאַלבן דעם אומבאַקאַנטן, שעמעוודיקן, עניוותדיקן מענטשן פאַר מלך איבער ישׂראל. באַלד האָט שאול באַוויזן, אַז ער איז אַ מוטיקער און פעאיקער קריגספירער, און אין אַן עת־צרה קאָן ער שנעל ביי זיך אָפּמאַכן וואָס צו טאָן. נחש, דער קעניג פון עמון, איז אָנגעפאַלן אויף די איינוווינער פון יביש־גלעד, אַ שטאָט אין עבר־הירדן, און געשטעלט אַ מיאוסן תנאי די יידן: ער וועט מיט זיי שליסן אַ פרידן, אויב יעדער ייד וועט זיך לאָזן אויסשטעכן דאָס רעכטע אויג. שלוחים פון יביש־גלעד קומען צו שאולן. דער ערשט־געזאַלבטער קע־

ביג האַנדלט באַלד. ער צעשלאָגט די עמונים. זיי לײדן אַזאַ מפּלה „אַז עס זענען נישט געבליבן קיין צוויי באַנאַנד".

דאָס פאָלק האָט דערזען, אַז שמואל האָט קיין טעות נישט געהאַט אין זיין אויסדערוויילן שאולן, און דאָס פאָלק האָט געזאָגט: „ווו זענען די וואָס האָבן געזאָגט: „אָט דער שאול וועט קעניגן איבער אונדז?", גיט זיי אַהער און מיר וועלן זיי טויטן".

שאול האָט אַרויסגעוויזן זיין גוטמוט: „און שאול האָט געענטפערט: קיינער וועט היינט נישט געטויט ווערן, היינט האָט גאָט געבראַכט אַ גרויסע ישועה אויף יידן".

און שאול, דאָס פאָלק און שמואל זענען אַוועק קיין גלגל און דאָרטן געמאַכט שאולן פאַר אַ מלך. און עס שטייט אין פסוק:

„און זיי האָבן דאָרטן געקוילעט שלאַכטאָפּפער און פרידאָפּפער פאַר גאָט. און שאול און דער גאַנצער פאָלק ישראל האָבן זיך דאָרטן זייער גע־פרייט." (שמואל א', י"א).

האָט זיך אויך שמואל געפרייט מיט דעם נייעם קעניג? עס האָט געמוזט זיין אַ פרייד געמישט מיט טרויער.

## שמואל געזעגנט זיך מיטן פאָלק

דאָס פאָלק אין גלגל האָט געגעסן, געטרונקען און זיך געפרייט מיטן געזאַלבטן, זיגרייכן קעניג. דער אַלטער נביא האָט זיך צוגעקוקט צו דער גרויסער באַרעכטיקטער שמחה און געוווסט, אַז אָט אין דעם טאָג האָט ער אויפגעהערט צו זיין שופט. ער שטעלט זיך פאַרן עולם און זעגנט זיך מיט אים.

„און שמואל האָט געזאָגט צו גאַנץ ישראל. אָט זעט, איך האָב זיך צו־געהערט צו אייער קול און צו אַלץ, וואָס איר האָט געזאָגט צו מיר. איך האָב געמאַכט אַ קעניג איבער אייך און איצט וועט דער קעניג אייך פירן. איך בין אַלט און גרוי און מיינע זין האַלטן מיט אייך. און איך בין געווען אייער פירער פון מיין יוגנט אָן ביז היינטיקן טאָג. זעט, אָט שטיי איך פאַר אייך, זייט עדות אַקעגן מיר פאַר די אויגן פון גאָט און געזאַלבטן קעניג. וועמענס אָקס האָב איך גענומען, אָדער וועמענס אייזל האָב איך גענומען? וועמען האָב איך באַרויבט? וועמען האָב איך אונטערדריקט? פון וועמענס האַנט האָב איך גענומען אַ מתנה כדי איך זאָל זיך נישט מאַכן זעעוודיק? אויב יאָ וועל איך עס אומקערן."

און דאָס פאָלק האָט געענטפערט:

„דו האָסט אונדז נישט באַרויבט, דו האָסט אונדז נישט אונטערגעדריקט און דו האָסט פון קיינעמס האַנט גאָרנישט גענומען.“

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן, וועגן דער באַשולדיקונג קעגן זיין משפחה אין נעמען שוחד און אָנגעטייט, וועגן זיין טרויער, וואָס זיינע זין האַלטן אויך מיטן פאָלק, אַז ער איז שוין אַלט און קאָן מער נישט זיין קיין פירער, דערמאָנט ער די יידן, אַז זיי זענען אַלעמאָל געווען ווידערשפּעניקע. פון יציאת מצרים אָן ביז היינט. אָבער ווען עס ווערט זיי שלעכט טוען זיי תשובה און רופן צו גאָט און ער העלפט זיי. אויך איצט:

„איר האָט דערזען, אַז נחש דער מלך פון עמון איז געקומען אויף אייך, האָט איר געזאָגט צו מיר: ניין, אַ מלך מוז קעניגן איבער אונדז! און באמת איז דאָך גאָט אייער מלך. און גאָט האָט אייך נאָכגעגעבן און אייך געגעבן אַ מלך און אָט שטייט דער מלך, וואָס איר האָט אויסדערוויילט, וואָס איר האָט פאַרלאַנגט. אָבער אויב איר וועט מורא האָבן פאַר גאָט און איר וועט אים דינען און איר וועט זיך צוהערן צו זיין קול און נישט ווידערשפּעניקן קעגן גאָטס באַפעל — וועט איר און אויך אייער קעניג לעבן און גאָט וועט גיין פאָרויס אייך און איר וועט גיין נאָך גאָט, אייער גאָט. אָבער, אויב איר וועט זיך נישט צוהערן צו דעם קול פון גאָט און איר וועט ווידערשפּעניקן זיין באַפעל, וועט די האַנט פון גאָט זיין קעגן אייך ווי זי איז געווען קעגן אייערע עלטערן.

צו פאַרשטאַרקן זיינע רייד ווייזט ער זיי אַ נס. עס הייבט אָן צו דונערן און צו רעגענען באַלד. און ס'איז געווען אין אַ טאָג פון ווייצשניט, וואָס עס רעגנט קיינמאָל נישט. און שמואל גיט צו: „און ווייסט און זעט, אַז גרויס איז אייער אומרעכט, וואָס איר האָט פאַרלאַנגט אַ מלך“.

דאָס פאָלק דערשרעקט זיך און איז זיך מודה, אַז זיי האָבן געזינדיקט: „און צוגעלייגט צו אַלע זינד נאָך אַן אומרעכט — מיר האָבן פאַרלאַנגט אַ מלך“.

שמואל באַרואיקט זיי. ער גיט זיי אַ גרויסע טרייסט. גאָט וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, אַפילו ווען זיי זענען עס נישט ווערט.

„גאָט וועט נישט פאַרלאָזן זיין פאָלק, צוליב זיין גרויסן נאָמען, ווייל ער האָט געוואָלט אייך מאַכן פאַר זיין פאָלק.“ (שמואל ט"ו, י"ב).

שלמה סיימאָן

# דער ערשטער ריס צווישן שמואל און שאולן

שמואל איז געווען מער נביא ווי שופט. ער האָט נישט געפירט דאָס פאָלק אין מלחמה, ווי די אַנדערע שופטים. שמואל איז געווען דער גייסטיקער פירער. די מלחמה מיט די פלישתים וואָס איז געווען אין זיינע יונגע צייטן, האָט ער נישט אָנגעפירט. ער האָט מקריב געווען אַ קרבן. „און שמואל האָט געשריען צו גאָט פאַר ישראל, און גאָט האָט אים געענטפערט. און עס איז געווען ווי שמואל האָט מקריב געווען דעם בראַנדאָפּפער, דעם קרבן שלמים, אַזוי האָבן די פלישתים אָנגעהויבן די מלחמה אַנטקעגן די יידן, און גאָט האָט אַ דונער געטאָן מיט אַ שטאַרקן קול אויף די פלישתים און ער האָט זיי צעטומלט. און זיי זענען צעשלאָגן געוואָרן פון די יידן". (שמואל א', ז'). שמואל האָט תפילה געטאָן און די מלחמה האָבן געפירט אַנדערע.

ווען די פלישתים האָבן צוריק אָנגעהויבן דריקן די יידן און די אַרומיקע פעלקער האָבן גענומען רייסן שטיקער פון די בני־ישראל און די סכנה איז געוואָרן שטאַרק, האָט שמואל נאָכגעגעבן אַז די יידן זאָלן מאַכן איבער זיך אַ קעניג, ווי אַלע אַנדערע פעלקער.

שמואל האָט איבערגעגעבן די פירערשאַפט צו שאולן. מיר קאָנען זאָגן אויף היינטיקן לשון, אַז ער האָט אים איבערגעגעבן בלויז די סעקולאַרע פירערשאַפט — פירן מלחמה און אָנפירן מיט דער מלוכה. אָבער די גייסטיקע פירערשאַפט האָט ער איבערגעלאָזן פאַר זיך. דערפאַר ווען מען האָט באַשטימט אַרויס אין מלחמה קעגן די פלישתים, האָט שמואל אָפּגעמאַכט מיט שאולן, אַז ער וועט אים באַגעגענען אין גלגל, און דאָרטן וועט ער, שמואל, פאַר דער שלאַכט, מקריב זיין דעם קרבן און אָנפירן מיט דער תפילה.

שאול איז געקומען קיין גלגל מיטן פאָלק, וואָס האָט זיך איינגעזאַמלט אַרום אים. ער האָט געוואַרט אויף שמואלן. ווי מען קען זען פון טעקסט פון תנ"ך איז שמואל נישט געקומען אין צייט. שאול האָט אויף אים געוואַרט זיבן טעג. שמואל איז אַלץ נישט געקומען. דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן צו צעלויפן. שאול האָט דערזען, אַז ער וועט בלייבן אַליין, אָן חייל, און אָט קומען אָן די פלישתים —

„האָט שאול געזאָגט: דערלאַנגט מיר דעם בראַנדאָפּפער און דאָס פרידנאָפּפער. און ער האָט מקריב געווען דעם קרבן עולה". און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו מקריב זיין דעם קרבן שלמים איז שמואל אָנגעקומען. שאול איז אַרויס אים צו באַגעגענען. שמואל פרעגט אים בייז: „וואָס האָסטו געטאָן?" ער מיינט, פאַרוואָס ביסטו אַריין אין מיין רשות? ווי רש"י מאַכט: איך דאַרף מקריב זיין די עולה און נישט דו". שאול פאַרענטפערט זיך: איך

האָב געוואָרט, דו ביסט נישט געקומען צו דער אָפּגערעדטער צייט און די פלישתים האָבן זיך פאַרזאַמלט אין מכמש. דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן צעלויפן. איך האָב געטראַכט, אָט וועלן אָנקומען די פלישתים, די שלאַכט וועט זיך אָנהייבן און איך האָב נישט מתפלל געווען צו גאָט, האָב איך זיך געשטאַרקט און מקריב געווען די עולה.

שמואל פאַרגיט אים נישט דאָס קליינע זינד, וואָס איז באמת קיין זינד נישט, ווייל שמואל האָט זיך דאָך פאַרשפּעטיקט. ער זאָגט צו אים: „דיין מלוכה וועט זיך נישט האַלטן לאַנג, ווייל דו האָסט נישט אויסגעפאָלגט, וואָס גאָט האָט געזאָגט. גאָט וועט אָפּזוכן אַ מאַן נאָך זיין האַרצן". גוט באַמערקט דער רד"ק: „שמואל האָט נישט געוווסט וועמען גאָט באַשטימט אויף שאולס אָרט, ס'איז געווען אַ נבואה לעתיד". (שמואל א', י"ג).

שמואל איז געווען שטרענג, ווייל ער האָט נישט געוואָלט איבערגעבן די גייסטיקע פירערשאַפט צום מלך. ס'איז דער ערשטער קאַמף פון נביא קעגן מלך. נישט מלכות.

מערקווירדיק איז, וואָס דער תלמוד און מדרש באַטאָנען, אַז גאָט האָט צוגענומען די מלוכה ביי שאולן נישט צוליב זיין זינד אין גלגל, נאָר ווייל ער האָט שפּעטער געהרגעט די כוהנים אין נוב. נאָך אַ טעם גיבן זיי אָן, אַז שאול איז נישט געווען פּאַסיק צו זיין אַ מלך, ווייל ווען מען האָט אים געזאַלבט פאַר אַ קעניג, נאָכן זיג איבער נחשנען האָבן די נידערטרעכטיקע מענטשן אים פאַרשעמט, און ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. אַ מלך טאָר נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד. (ויקרא רבה, כ"ו).

נאָך אַ מערקווירדיקער מאמר איז פאַראַן אין דער גמרא:

„פאַרוואָס האָט די מלוכה פון שאול נישט געדויערט, נישט אָנגעהאַלטן לאַנג? ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין איין חסרון (מפני שלא היה בו דופי." (יומא כ"ג).

רש"י טייטשט, ווייל ס'האָט זיך נישט געפונען קיין פּסול אין זיין משפּחה, האָט זיך שאול געהאַלטן גרויס. אַנדערע מפרשים טייטשן, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין חסרון, און מלכות האַלט מען מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אונטערדריקונג.

אין גלגל, אין גאָר אַ קורצער צייט נאָך שאולס קרוינונג, איז געקומען צו דער ערשטער מחלוקת צווישן שמואל און שאולן. אָבער ס'איז נישט געקומען צו קיין אָפענעם ריס צווישן נביא און מלך. דער אָפענער ריס איז געקומען שפּעטער און שמואל האָט געזאַלבט דודן פאַר אַ מלך.

ש ל מ ה   ס י י מ אָ ן

# שאול פאַרלירט נישט דעם מוט

אין גלגל האָט שאול געוואַרט אויפן נביא פולע זיבן טעג, ער זאָל קומען און מקריב זיין דעם קרבן, און זיך נישט געקענט דערוואַרטן. דער יונגער קעניג האָט אַליין מקריב געווען דעם קרבן און שמואל האָט געהאַלטן אַ בייזע נבואה אויף שאולן — „גאָט וועט אים פאַרבייטן אויף אַ מאַן נאָך זיין האַרצן". דער נביא האָט אָפּגעזאָגט זיין בייזע נבואה און איז אַוועק. דער נאַר־וואָס געזאַלבטער קעניג האָט נישט פאַרלאָרן זיין מוט: אמת, דאָס פאָלק איז זיך צעלאָפן, דער אַלטער נביא האָט אים פאַרלאָזן, גאָט איז מסתמא נישט מיט אים. אָבער דער שונא שטייט ביי די טויערן. ס'איז נישט קיין צייט צו מייאש זיין זיך. ער האָט איבערגעציילט דאָס פאָלק, וואָס איז געבליבן מיט אים — אַרום זעקס הונדערט מאַן. ער האָט גענומען די קליינע מחנה און איז אַוועק קיין גבעת־בנימין צו פאַראייניקן זיך מיט דעם חייל פון זיין זון יהונתן.

דער פלישתימישער חייל האָט זיך צעשפּרייט איבער די שטעט פון שבט בנימין און אָנגעהויבן פּלינדערן. דריי באַזונדערע מחנות האָבן די פלישתים אַרויסגעשיקט צו פּלינדערן און מאָרדן כדי אויפצורייצן שאולן ער זאָל אַרויס אין אַן אָפענער מלחמה מיט זיי. אָבער שאול און יהונתן האָבן נישט פאַרלאָזן די באַפעסטיקטע ערטער אין די בערג און געוואַרט אויף אַ שעת הכושר — אַ פּאַסיקע צייט. די פלישתים האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן און זיי האָבן אַרויסגעשיקט די וואַך, וואָס איז געשטאַנען אין מכמש, צו מזרח צו קיין גבע בנימין.

די פּאַסיקע צייט איז דעמאָלט געקומען פאַר יהונתנען. ער האָט אָנגעהויבן די מלחמה. די יידישע חיילות, כמעט אָן געווער און ווייניק אין צאָל, האָבן צעקלאַפּט די פלישתים.

נאָך דעם זיג האָט שאול באַפעסטיקט די מלוכה. ער האָט אָנגעהויבן פירן מלחמות חוץ מיט די פלישתים, אויך מיט די אַנדערע שכנישע פעלקער, וואָס האָבן יידן געדריקט און פאַרכאַפּט יידישע שטעט. ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט מואב, עמון און אדום און זיי באַזיגט. שאול האָט איינגעשטעלט אַ שטענדיקן חייל און אויפגעשטעלט ווי אַ חייל־פירער זיין פעטער אבנר.

# שמואל פאַרלאָזט שאולן

ווען שאולס ממשלה האָט זיך איינגעשטעלט איז שמואל געקומען צו אים מיט אַ שליחות פון גאָט. אמת, שאול האָט איינמאָל געזינדיקט און גאָט האָט געזאָגט, אַז ער וועט אים באַשטראָפן און צונעמען פון אים די מלוכה. אָבער גאָט איז אַ געדולדיקער און איז גרייט צו מוחל זיין אויב מען טוט תשובה. קומט שמואל צו שאולן און זאָגט צו אים:

— גאָט האָט מיך געשיקט דיך צו זאַלבן פאַר אַ מלך איבער זיין פאָלק, איבער ישראל. און איצט הער זיך צו צום קול פון גאָטס רייד:

שיין מאַכט רש״י: „הער זיך גוט צו. איינמאָל האָסטו זיך באַנאַרישט. אָבער איצט זיי געהיט, וואָס דו הערסט״.

און שמואל הייסט אים גיין און פאַרוויסטן עמלקן, דעם אַלטן יידישן שונא, נאָך פון די צייטן ווען די יידן זענען אַרויס פון מצרים. ער זאָל נישט רחמנות האָבן אויף יונג און אַלט, ווי די עמלקים האָבן נישט רחמנות געהאַט. ער זאָל אויך פאַרוויסטן די אָקסן, שעפּסן, קעמלען און אייזלען.

און שאול האָט באַזיגט עמלקן, אָבער ער האָט נישט אויסגעפאָלגט שמואלס אָנזאָג. שאול האָט געכאַפּט דעם קעניג פון עמלק — אַגג, און אים געבראַכט מיט זיך אַ לעבעדיקן, מסתמא אים צו פירן אין אַ נצחון־פּייערונג. ער און דאָס פאָלק האָבן אויך געשאַנעוועט די בעסטע שאָף און רינדער.

ריכטיק באַמערקט דער רלב״ג: גאָט האָט אָנגעזאָגט מען זאָל פאַרוויסטן דאָס גאַנצע רייכקייט פון עמלקן, כדי מען זאָל נישט זאָגן אויף יידן אַז זיי האַלטן מלחמה צוליב רויב. אָבער דאָס וואָס שאול האָט געטאָן האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז יידן האַלטן מלחמה צוליב רויב.

און עס שטייט געשריבן, אַז גאָט האָט אַנטפּלעקט צו שמואלן, אַז שאול האָט נישט אויסגעפאָלגט דעם אָנזאָג פון חרם, און גאָט האָט חרטה, וואָס ער האָט געמאַכט שאולן פאַר אַ קעניג.

דער אַלטער נביא האָט אויפגענומען מיט צער גאָטס רייד. אַזוי גרויס איז געווען זיין צער, אַז ער איז אין כעס געוואָרן. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער תפילה געטאָן צו גאָט. ער האָט געוואָלט אָפּשרייען די גזירה. אָבער גאָט האָט אים אַפילו נישט געענטפערט. (שמואל א׳, ט״ו י״א).

אויף אונדזער היינטיקן לשון, קאָנען מיר זאָגן, אַז שמואל האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין — פאַרגעבן שאולן צי נישט? אָט האָט דאָך דער יונגער קעניג פאַראייניקט גאַנץ ישראל און געהאַט איין זיג נאָכן אַנדערן. ער האָט איצט פאַרניכטעט דעם גרעסטן און אַלטסטן יידישן שונא — עמלק. האָט ער נישט אויסגעפאָלגט פּינקטלעך, וואָס מען האָט אים אָנגעזאָגט, איז

וואָס? אָבער, האָט שמואל איינגעטענהט מיט זיך: ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס שאול פאָלגט נישט. דער יונגער קעניג וויל זיך אַריינרייסן אין רשות פון נבואה — ער וויל אויך איבערנעמען די גייסטיקע פירערשאַפט. ער איז מקריב אַ קרבן, וואָס ער טאָר נישט. איצט טייטשט ער אויס דעם אָנזאָג פון גאָט, ווי ער וואָלט געווען אַ נביא. ער ווערט שטאָלץ ביי זיך און גרויס; און ער וועט נאָך באַלד מיינען, אַז דער זיג איבער די שונאים איז געקומען דורך זיין אייגענער גבורה. ער ווידערשפעניקט קעגן גאָט. ניין, אַזאַ באַגריף פון מלוכה טאָר נישט איבערגיין בירושה.

דערווייל האָט שאול זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם באַרג כרמל און אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל לזכרון זיין זיג איבער עמלקן. פון כרמל איז ער אַוועק קיין גלגל. שמואל איז אַוועק צו שאולן.

דער זיגרייכער קעניג האָט אים באַגעגנט און אויסגערופן מיט פרייד:

— געבענטשט זאָלסטו זיין צו גאָט. איך האָב אויסגעפירט, מקיים געווען גאָטס רייד.

שמואל פרעגט אים ווי ער ווייסט גאָרנישט וואָס עס איז געשען: „און וואָס איז דאָס בלעקערן פון די שאָף און דאָס מוקען פון די רינדער?"

און שאול ענטפערט אים: דאָס פאָלק האָט געשאַנעוועט די שאָף און רינדער. ניין, זיי האָבן עס נישט גענומען פאַר זיך, נאָר צו מקריב זיין צו גאָט. און שמואל שלאָגט אים איבער די רייד:

— הער אויף! וואָס מיינסטו דאָס פאָלק האָט געשאַנעוועט די שאָף און רינדער? דו ביסט דאָך מלך. דו האָסט ווידערגעשפעניקט קעגן גאָט.

שאול פאַלט אים אַריין אויך אין די רייד:

— ניין, איך האָב יאָ געפאָלגט, וואָס גאָט האָט געהייסן. איך האָב געכאַפּט אַגגן און געבראַכט אַהער צו טויטן. און די שאָף און רינדער? דאָס פאָלק האָט עס נישט גענומען פאַר זיך, נאָר צו ברענגען קרבנות צו גאָט.

און שמואל ענטפערט אים, אַז גאָט וויל בעסער מען זאָל זיך צוהערן צו זיין קול ווי צו ברענגען קרבנות. ווידערשפעניקייט איז אַזאַ גרויסע זינד ווי כישוף און איינגעשפאַרטקייט איז דאָס זעלביקע ווי געצנדינסט. און דערפאַר ענדיקט דער נביא:

— ווייל דו האָסט פאַרמיאוסט גאָטס וואָרט האָט דיך גאָט פאַרמיאוסט פון צו זיין אַ מלך אויף יידן.

שאול הייבט אָן איינטענהן מיט שמואלן: קעגן גאָט האָב איך טאַקע געזינדיקט, איך האָב אים נישט געפאָלגט. אָבער דו מעגסט דאָך מיר פאַרגעבן. איך האָב זיך דערשראָקן און מורא געקראָגן פאַרן פאָלק. איך בעט דיך פאַרגיב מיר און קום מיט מיר, איך וועל זיך בוקן פאַר גאָט.

שמואל ענטפערט אים בייז:

— ניין, איך וועל נישט גיין מיט דיר. גאָט האָט דיך פאַרמיאוסט!

און ער דרייט זיך אויס און לאָזט זיך אַוועקגיין. שאול כאַפּט אים אָן ביים ברעג מאַנטל. דער ברעג מאַנטל רייסט זיך אָפּ. שמואל רופט אויס: אַזוי ווי דו האָסט אָפּגעריסן דעם ברעג מאַנטל, אַזוי האָט גאָט אָפּגעריסן די מלוכה פון דיר און אַוועקגעגעבן צו אַן אַנדערן, אַ בעסערן פון דיר.

שאול פאַרלירט זיך שוין אינגאַנצן. ער הערט אויף איינצוטענהן מיט שמואלן און ער הייבט זיך אָן צו בעטן, דערוועקן רחמנות:

— פ א ר ש ע ם מ י ך נ י ש ט פ א ר ד י ז ק נ י ם פ ו ן פ אָ ל ק. קער זיך אום און קום מיט מיר און איך וועל זיך בוקן צו גאָט.

שמואל האָט נישט קיין האַרץ אים אָפּצוזאָגן. ער גייט מיט אים. שמואל האָט געמוזט טראַכטן — איינער וואָס בעט רחמנות קען שוין נישט הערשן איבערן פאָלק. לאָמיר טאָן מיט אים אַ חסד. גאָט האָט זיך שוין אָפּגעטאָן פון אים. (שמואל א׳, ט״ו).

שאול האָט זיך געבוקט צו גאָט און שמואל איז אַוועק קיין רמה. ער איז מער קיינמאָל נישט געגאַנגען זען שאולן, דעם קעניג וואָס ער האָט געזאַלבט. אָבער שאול איז איינמאָל יאָ געקומען זען שמואלן. (שמואל א׳, י״ט כ׳).

## שאול און דוד

עס שטייט אין פּסוק: „און שמואל האָט געטרויערט וועגן שאולן, און גאָט האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געמאַכט שאולן פאַר אַ מלך איבער ישראל״. מיר ווייסן אַז שמואל האָט געטרויערט זייער אַ לאַנגע צייט, ווי עס ווערט אָנגעדייט אין אַן אַנדער פּסוק: „און גאָט האָט געזאָגט צו שמואלן: ביז וואַנען וועסטו טרויערן וועגן שאולן?״ שמואל האָט געטרויערט ביז גאָט האָט געזאָגט צו אים: „איך האָב אים פאַרמיאוסט פון צו קעניגן אויף ישראל. איך וועל דיך שיקן צו ישין פון בית לחם, ווייל איך האָב אויסגעקליבן איי־נעם פון זיינע זין מיר פאַר אַ מלך״. (דאָרטן ט״ו, לה; ט״ז, א׳).

דער רד״ק טייטשט — עס שטייט געשריבן „מיר פאַר אַ מלך״ און נישט „אַ מלך איבער ישראל״, עס מיינט: איך האָב אויסגעקליבן איינעם וואָס וועט גיין אין גאָטס וועגן און נישט ווי שאול, וואָס האָט נישט געפאָלגט.

און שמואל זאַלבט דודן פאַר אַ מלך. דוד איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יינגל. עס מיינט אַז שמואל האָט אים געזאַלבט צו ירשנען די מלוכה נאָך שאולס טויט. דוד טאָר נישט ווערן קיין מלך כל־זמן שאול לעבט. און דוד

האָט עס אַזוי פאַרשטאַנען. ס׳ווערט ערגעץ אין תנ״ך נישט אָנגעטייט, אַז דוד האָט ווען עס איז אַפילו גערעכנט מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן שאולן.

שמואל האָט געמיינט אַז דוד וועט גיין אין די וועגן פון גאָט, וועט פאָלגן די נביאים, מער ווי שאול. אָבער דוד האָט אַ סך מער געזינדיקט ווי שאול און מען איז צו אים קיינמאָל נישט געווען אַזוי שטרענג ווי צו שאולן. דוד האָט געהאַט דאָס מזל צו זיין נישט דער ערשטער קעניג ביי יידן.

שיין איז געווען דער ערשטער יידישער קעניג, הויך, פון זיין אַקסל אַרויף, העכער פון גאַנצן פאָלק. פרום — ער האָט פאַרפאָלגט די כישוף־מאַכער און די טויטן־באַשווערער און די אַלערליי מינים צויבערער. ער האָט געבויט מזבחות צו גאָט, אָפגעהיט דאָס פאָלק אַז אינמיטן שלאַכט זאָל מען נישט עסן מיטן בלוט. ער איז געווען גרייט אַפילו טויטן זיין אייגענעם זון ווען ער האָט פאַרבראַכן קעגן גאָט.

און מוטיק איז געווען דער ערשטער יידישער קעניג — באַלד אין אָנהייב פון זיין מלוכה דראָעט אים שמואל, אַז זיין מלוכה וועט נישט געדויערן לאַנג, דאָס פאָלק צעלויפט זיך און ער בלייבט מיט אַ הייפל חיילות, און דאָך שטעלט ער זיך אַנטקעגן די פלישתים און באַזיגט זיי. פאַר דער לעצטער שלאַכט זיינער — פאַרלאָזן פון גאָט און זיכער אין זיין אייגענער מפלה — גייט ער מיט די זין אין שלאַכט אָן שרעק און אָן מורא.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט געגרויסט איבערן פאָלק, ער איז אַלעמאָל געווען באַשיידן און נישט געוואָלט האַנדלען ווי אַ קעניג האַנדלט — ביד חזקה. שמואל טאַדלט אים: „אויב דו האַלסט זיך קליין אין דיינע אויגן, פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט דער קאָפ, דער הויפט פון די שבטים״. (שמואל ט״ו, י״ז). אָבער שאול האָט אַלעמאָל געדענקט אַז ער איז געזאַלבט געוואָרן דורך דעם חסד פון גאָט.

שמואל פאַרשטייט נישט שאולן און קאָן אים נישט גוט. ווען גאָט הייסט דעם נביא צו גיין און זאַלבן אַ נייעם מלך, זאָגט שמואל: „ווי קאָן איך גיין? ווען שאול וועט דערהערן וועט ער מיך הרגענען״. שאול האָט שפּעטער אויסגעפונען דעם סוד און נישט אָנגערירט דעם נביא.

אַ שיינער, אַ מוטיקער, אַ פרומער און אַ גוטער קעניג איז שאול געווען. אָבער ער האָט געהאַט דעם שלעכטן מזל צו זיין דער ערשטער יידישער קעניג — איבערנעמען די ממשלה פון שמואלן — אַ שופט־נביא. שמואל האָט לפּנים מסכים געווען מיט מלוכה, אָבער לויט די סיכסוכים וואָס ער האָט געהאַט מיט שאולן זעען מיר אַז דער נביא האָט נישט מסכים געווען צו ווערן אונטערטעניק צום מלך און מלוכה.

דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע איז געווען אַ צוזאַמענשטויס צווישן נבואה און מלוכה. אָבער מיט דודס אויפקום האָט די נבואה אויפגע־הערט צו טראַכטן פון איבערנעמען מלוכה. דער נביא איז געוואָרן דער מוכיח, דער שטראָפער. אָבער אין שאולס צייטן האָט שמואל געוואָלט זיין אַ שותף צו דעם מלך.

אַ קאַמף איז אָנגעגאַנגען צווישן שמואלן און שאולן. דאָך זענען זייביידע געווען צוגעבונדן איינער צום אַנדערן. שמואל האָט געטרויערט נאָך שאולן, און שאול האָט אַלעמאָל געזוכט שמואלן. מיר זעען עס קלאָר אין דער „לעצטער באַגעגעניש" צווישן שאול און שמואל.

## שאולס לעצטע שלאַכט

שאול איז קראַנק. דער „בייזער גייסט פון גאָט" האָט אים מער און מער געשראָקן. ער ווייסט שוין אויף זיכער, אַז די מלוכה וועט אַריבערגיין צו דודן. ער מאַכט אָבער נישט קיין שלום מיט די פלישתים. דוד, דער צוקונפטיקער קעניג, איז אין לאַגער פון די פלישתים און ער, שאול, וואָס ווייסט אַז דער סוף דערנענטערט זיך, גיט זיך נישט אונטער און וויל נישט מאַכן קיין שלום מיט דעם שונא. פאַר דער שלאַכט לאַגערט שאול ביים קוואַל אין יזרעאל, לעבן די בערג פון גלבוע.

אַלעמאָל איז שאול אַרויסגעטראָטן מוטיק קעגן די יידישע שונאים: פלישתים, עמלק, מואב אָדער אדום. אָבער איצט שרעקט אים דאָס האַרץ. ער ווייסט, ער איז טאַקע מלך, אָבער גאָטס חסד האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. ער ענטפערט אים נישט. ער פּרובירט אַלערליי וועגן: דורך חלומות, דורך נביאים, דורך אורים ותומים — נישטאָ קיין ענטפער.

אין זיין יאוש הייסט ער אויפזוכן אַ כישופמאַכערין, וואָס קאָן באַשווערן טויטע. זאָל זי אים אַרויפברענגען שמואלן. מען געפינט פאַר אים אַזאַ פרוי.

ער טוט זיך איבער און פאַרשטעלט זיך און קומט צו דער פרוי אין מיטן פון דער נאַכט, באַגלייט פון צוויי מענער. ער בעט איר, זי זאָל פאַר אים, מיט כישוף, אַרויפברענגען שמואלן. די פרוי דערשרעקט זיך און וויל עס נישט טאָן — עס שמעקט מיט טויט: שאול איז זייער שטרענג מיט כישוף־מאַכער און טויטן־באַשווערער. שאול באַרואיקט זי — עס וועט איר קיין בייז נישט געשען.

זי ברענגט אַרויף פאַר אים שמואלן. (דורך אַגב דער תנ"ך דערציילט נישט, אַז שאול האָט געזען שמואלן. שאול רעדט צו אים און די אַנדערע

הערן נישט. ס'איז אין דער שיטה פון די נביאים, וואָס האָבן געהאַלטן אַז כישוף און געצנדינערײַ איז נישט מער ווי אָפּנאַרערײַ און האָבן נישט קיין שום מאַכט עפּעס וואָס צו טאָן).

שאול פרעגט שמואלן וועגן דער קומענדיקער שלאַכט און ער ווייסט דעם ענטפער. און ער הערט:

— גאָט וועט דיך איבערגעבן אין דער האַנט פון די פּלישתּים און מאָרגן וועסט דו און דײַנע זין זײַן מיט מיר.

שאול האָט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט נישט געגעסן איז ער אַני־דערגעפאַלן, ווי הויך ער איז, אויף דער ערד, פון אויפציטערניש און הונגער.

מ'ערקווירדיק, וואָס די חז״ל האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט די צוויי נבו־אות פון שמואל, וואָס ער זאָגט אָפּ שאולן די מלוכה. זיי האָבן געזוכט נאָך סיבות און טעמים פאַרוואָס שאול האָט פאַרלוירן די מלוכה און איז גע־שטאָרבן מיט אַזאַ שלעכטן טויט: ער איז נישט געווען שטאָלץ גענוג, ער איז געווען צו שטאָלץ (יומא כ״ז), ער האָט דערהרגעט די כוהנים פון נוב. אָבער באמת האָבן די חז״ל באַוווּנדערט דעם לעבעדיקן שאול און באַזונגען די העל־די־שקייט פון זײַן טויט. זאָגט דער מדרש:

„ווען שמואל האָט געזאָגט צו שאולן: און גאָט וועט איבערגעבן מיט דיר אויך ישראל אין דער האַנט פון די פּלישתּים, האָט שאול צו אים געזאָגט: „און וואָס וועט געשען ווען איך וועל אַנטלויפן?" האָט אים שמואל געענט־פערט: „אויב דו וועסט אַנטלויפן וועסטו געשוינט ווערן און בלײַבן לעבן, אויב אָבער דו נעמסט אָן די גזירה און גייסט אין שלאַכט, וועסט דו און דײַנע זין מאָרגן זײַן מיט מיר". ווען שאול האָט עס דערהערט איז ער, ווי הויך ער איז, אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. האָבן צו אים געזאָגט זײַנע צוויי באַגלייטער אבנר און עמישא: „וואָס האָט דיר שמואל געזאָגט?" און שאול האָט זיי נישט געוואָלט אַנטמוטיקן — האָט ער געזאָגט צו זיי: שמואל האָט מיר געזאָגט: „מאָרגן וועל איך אַרויס אויף מלחמה און איך וועל זיגן און נאָך מער, מײַנע זין, וועלן ווערן גרויסע שׂררות". און ער האָט גענומען זײַנע דרײַ זין און איז אַרויס אויף מלחמה. דעמאָלט האָט דער רבונו־של־עולם געזאָגט צו די מלאכים: „זעט וואָס פאַר אַ ווונדערבאַרע בריאה איך האָב באַשאַפן אויף דער וועלט. געוויינלעך ווען אַ מענטש גייט אויף אַ שמחה פירט ער נישט זײַנע זין מיט זיך — צוליב עין־הרע. און אָט דער, שאול, גייט אין מלחמה און ווייסט אַז ער וועט געהרגעט ווערן און נעמט זײַנע זין מיט זיך." (ויקרא, מדרש רבה כ״ו, ז׳).

***

דעם נביאס פאָרויסזאָגן איז מקויים געוואָרן און שאול איז געפאַלן אין שלאַכט. אָבער די מלוכה וואָס שאול האָט געגרינדעט איז מער נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן. דוד איז געקומען און זי באַפעסטיקט און ער האָט געוועלטיקט מיט אַ שטאַרקער האַנט ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלך. אין דודס צייטן זענען די נביאים געוואָרן הויף־נביאים — אונטערטעניק צום קעניג. דאָך ווען דוד טרעט אַריבער דעם גרענעץ פון גאָטס תורה — די מעשה בת שבע — ווערן די הויף־נביאים מער נישט אונטערטעניק און קומען צום זיגרייכן, דערפאָלגרייכן קעניג מיט גאָטס וואָרט, אָן מורא און שרעק. נבואה האָט זיך קיינמאָל אינגאַנצן נישט אונטערגעגעבן צו מלוכה.

## נבואה און נביאים אין שאולס צייטן

שמואל האָט געמשפּט, געפירט די יידן אַ לאַנגע צייט. לויט איין רעכענונג איז ער געשטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען פינף און זעכציק יאָר. און שופט־נביא איז שמואל געוואָרן זייער יונג. (וועגן שמואלס עלטער זע דעם רלב״ג שמואל א׳ אויף פּסוק ב׳, קאַפּיטל ז׳ און דעם רד״ק אויף פּסוק ב׳, קאַפּיטל י״ב). דער תנ״ך דערציילט נישט וועגן שמואלס טעטיקייטן אין די יאָרן באַלד נאָכן חורבן־שילה, נאָך עליס טויט. עס שטייט נאָר אין פּסוק: „און עס איז געווען פון זינט דעם טאָג, וואָס דער אָרון איז פאַרבליבן אין קרית־יערים, איז פאַרגאַנגען אַ לאַנגע צייט, עס זענען אַריבער צוואַנציק יאָר. דעמאָלט האָט דאָס גאַנצע הויז פון ישראל געבענקט נאָך גאָט״.

וואָס האָט שמואל געטאָן, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט נאָך צוואַנציק יאָר „געקראָגן אַן אַנדער האַרץ״ און די יידן „האָבן אָפּגעוואָרפן די בעלים, געצן און די עשתרות און געדינט נאָר צו גאָט אַליין״?

מען האַלט, אַז שמואל האָט אויפגעשטעלט דעם מוסד, די אינסטיטוציע, פון די בני־הנביאים — די תלמידים פון די נביאים.

נאָך דער צעטיילונג פון דער מלוכה האָבן אָט די חברותאס נביאים געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין פאָלק און אין מלוכה, ווי מיר וועלן עס דערציילן שפּעטער באַריכות. אָבער אין די צייטן פון שמואל און שאול זענען די בני־הנביאים געווען נאָר די עקסטאַטיקער, וואָס האָבן מיט זייער התלהבות פאַרשפּרייט די אמונה אין גאָט פון ישראל, אויסגעוואָרצלט געצן־דינסט און מיט דעם פאַרשטאַרקט די אייניקייט פון פאָלק.

זיי פלעגן וואַנדערן איבערן לאַנד גרופּנווייז. גיין פלעגן זיי גיין איינע

נאָך די אַנדערע אין אַ לאַנגער שורה. פאַרויס דער שורה (אָדער ווי יהואש זעצט איבער זייער גוט דאָס וואָרט חבל — שנור) פלעגן עטלעכע יונגען גיין מיט פידלען, פויקן, פלייטן און האַרפן און שפּילן. דאָס שפּילן פלעגט זיי אַלעמען אַריינטרייבן אין אַן עקסטאַז און זיי האָבן נביאות געזאָגט — געזונגען צו גאָט און דערציילט וועגן זיין מאַכט און גרויסקייט.

זייער נביאות זאָגן איז געווען אָנשטעקנדיק. גאַר אַ סך וואָס פלעגן באַגעגענען אָט די גרופּעס, פלעגן פאַרכאַפּט ווערן פון דעם עקסטאַז און צוגעשטיין צו די חברותאס. שאול איז צוויי מאָל אַריינגעפאַלן אין נבואישן עקסטאַז ווען ער האָט אָנגעטראָפן אַזאַ געזעמל.

עס ווערט דערציילט, אַז שמואל האָט געזאָגט צו שאולן באַלד נאָכדעם ווי ער האָט אים געזאַלבט פאַר אַ מלך:

„און עס וועט זיין ווי דו וועסט אָנקומען אין שטאָט וועסטו באַגעגענען אַ חברותא נביאים, וואָס גייט אַראָפּ פון דער במה, און פאַרויס זיי גייען די מיט פידלען, פויקן, פלייטן און האַרפן און זיי זאָגן נביאות.“

און עס איז אַזוי געשען, אָבער ווען ער האָט דערזען די חברותא פון די נביאים איז דער גייסט פון גאָט געקומען אויף אים און ער האָט אויך אָנגעהויבן נביאות זאָגן צווישן זיי. די מענטשן וואָס האָבן געקענט שאולן, האָבן זיך געוווּנדערט און געפרעגט: „אויך שאול איז שוין צווישן די נביאים?“ (שמואל א׳, י׳).

ווי ווייט אָט דער נביאישער עקסטאַז פאַרכאַפּט די יוגנט קאָן מען זען פון דעם ענטפער וואָס איינער גיט:

— און ווער איז זייער פאָטער?

עס מיינט, די אַלע וואָס דו זעסט נביאות זאָגן זענען אויך נישט קיין גרעסערע מיוחסים פון שאולן.

יאָרן שפּעטער אַנטלויפט דוד פון שאולן. דוד אַנטלויפט צו שמואלן קיין רמה. שמואל באַהאַלט אים נישט, ער נעמט אים נאָר אַריין אין דער חברותא פון די בני־הנביאים — די נביאים תלמידים. ווען שאול דערוויסט זיך פון דעם, שיקט ער שלוחים צו ברענגען דודן אים צו טויטן. די שלוחים קומען קיין רמה און ווען זיי דערזעען ווי די בני־הנביאים זאָגן נביאות, ווערן זיי אויך פאַרכאַפּט פונעם עקסטאַז און קערן זיך נישט אום צו שאולן. דריי מאָל שיקט שאול שלוחים און זיי קערן זיך נישט אום. צום פערטן מאָל קומט ער אַליין קיין רמה. אָבער ער ווערט אויך פאַרכאַפּט פון דעם עקסטאַז פון די תלמידים־נביאים. ער הייבט אָן נביאות זאָגן און פון גרויס התלהבות טוט ער אויס זיינע אויבער־קליידער, און איז געלעגן אַזוי אַ האַלב־נאַקעטער יע־

נעם גאַנצן טאָג און גאַנצע נאַכט. און דעמאָלט האָבן מענטשן זיך ווידער גע־וווּנדערט און געפרעגט צום צווייטן מאָל:

„וואָס? דער קעניג שאול איז שוין אויך צווישן די נביאים?״ (שמואל א׳, י״ט).

## נבואה און נביאים אין דודס צייטן

אין דער גאַנצער צייט פון דעם נביא־שופט שמואל און אין דער צייט פון שאול פילט זיך ווי דאָס גאַנצע יידן־לאַנד רוישט און רודערט מיט די טעטיקייטן פון די בני־הנביאים. די ערשטע צוויי מלחמות, וואָס שאול פירט, זענען לויט דעם באַפעל פון דעם נביא.

אָבער ווי דוד ווערט מלך ווערט נבואה אַנטשוויגן. דורך דער גאַנצער צייט פון דוד און שלמהס קעניגן הערן מיר נישט פון קיין בני־הנביאים.

אין דודס צייטן הערן מיר בלויז פון זיינע הויף־נביאים גד און נתן. ביידע נביאים מישן זיך נישט אין דער מלוכה.

דוד איז געווען דער אמתער גרינדער פון דער מלוכה ביי יידן. ער איז געווען דער שאַפער פון דער מדינה. ער האָט טאָטאַל באַזיגט דעם גרעסטן יידישן שונא — די פלישתים און מיר הערן כמעט מער נישט פון זיי.

דוד האָט געגרינדעט אַ דינאַסטיע, וואָס האָט עקזיסטירט קרוב צוויי טויזנט יאָר — מער ווי פיר הונדערט יאָר אין ארץ־ישראל און אַרום דריי מאָל אַזוי פיל אין גלות — ווי ריש גלותאס, עקזילאַרכן. קיין דינאַסטיע האָט אַזוי לאַנג נישט געדויערט. אין איר לאַנגער געשיכטע האָט די דוד־דינאַס־טיע אין ארץ־ישראל נישט געהאַט קעגן זיך קיין איין אויפשטאַנד פון אַ דרויסנדיקן טראָן־זוכער. אַפילו ירבעם האָט לויט דער טראַדיציע זיך נישט פאַרמאָסטן אויף שלמהס שטול.

דוד איז געווען אַ גרויסער בעל־מלחמה און אַ דערפאָלגרייכער רעגי־רער. אין דעם גלאַנץ־פעריאָד פון דודן זענען די צוויי נביאים גד און נתן נישט מער ווי הויף־נביאים. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרשרייבן די גע־שיכטע פון דודס אויפשטייג צום טראָן, זיין מלוכה און די געשיכטע פון שלמה. זיי האָבן אויך איינגעשטעלט די עבודה פון די לוים. גד און נתן האָבן איינגעפירט אַז די לוים זאָלן נוצן דודס געזאַנגס־אינסטרומענטן (כלי דוד), צימבלען, גיטאַרן און פידלען. דאָס האָט פאַרגרעסערט דעם פאָמפּ, די שמחה און די פרייד אין דער עבודה.

ש ל מ ה   ס י י מ אַ ן

# די שטראָף־רייד פון נביא גד

לפנים זעט אויס ווי די נביאים גד און נתן האָבן זיך נישט געמישט אין מלוכה־ענינים. זיי זענען אינגאַנצן געווען אונטערגעוואָרפן אונטער דעם יאָך פון מלוכה. נתן און גד זענען צוויי הויף־שררות. נתן פירט הויף־אינטריגעס. דאָך האָבן די צוויי נביאים נישט מוותר געווען אינגאַנצן אויף זייער נביאישער שליחות און זייער רעכט צו זיין מוכיחים — שטראָפער. דער נביא גד האָט זיך געשטעלט קעגן דודן נאָכדעם ווי ער האָט געציילט דאָס פאָלק, קעגן אַ ריטואַלער זינד.

איבערציילן דאָס פאָלק, עס מיינט דורכפירן אַ צענזוס דירעקט, איז קאָנטיק געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסער זינד אין יענער צייט. איך זאָג „ק אָ נ ט י ק  ג ע ו ו ע ן  פ אַ ר ר ע כ נ ט  פ אַ ר  אַ  ג ר ו י ס ע ר  ז י נ ד", ווייל מיר געפינען אין תנ"ך ווי שאול האָט צוויי מאָל געציילט יידן און שמואל האָט עס אים נישט פאַררעכנט פאַר קיין פאַרברעכן. אמת, איינמאָל שטייט „ויפקדם בטלאים" און ער האָט זיי איבערגעציילט אין דער שטאָט טלאים, אָדער טלם, זאָגט די גמרא, אַז טלאים מיינט שעפסן. שאול האָט געהייסן יעדן זעלנער ברענגען אַ שעפסעלע און דער קעניג האָט איבערגעציילט די שעפסן האָט ער געוווסט די צאָל זעלנער. אין אַן אַנדער פסוק שטייט „ויפקדם בבזק", און ער האָט זיי איבערגעציילט אין בזק. די חז"ל טייטשן בזק — שערבלעך. אַנדערע מפרשים, אויך רש"י ברענגט עס, אַז בזק מיינט שטיינער. שאול האָט יעדן זעלנער געהייסן ברענגען אַ שערבל, אָדער אַ שטיין, און דער קעניג האָט איבערגעציילט די שערבלעך, אָדער די שטיינער, האָט ער געוווסט די צאָל זעלנער. אָבער רש"י טייטשט אויך „בבזק — שם מקום" — בזק מיינט דער נאָמען פון אַזאַ אָרט. וווּנדערן זיך אַ סך מאָדערנע פאָרשער פאַרוואָס ציילן די באַפעלקערונג פאַררעכנט זיך דאָ, ביי דודן, פאַר אַ גרויסער זינד.

דאָך לויטן תנ"ך גופא איז קענטיק, אַז דאָס פאָלק האָט געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט ציילן די באַפעלקערונג, סיידן יעדער איינער גיט אויסלייז פאַר זיין נפש אַ האַלבן שקל, אָדער עפּעס אַנדערש, ווי עס ווערט אָנגעזאָגט אין דער סדרה כי־תשא (וועגן דעם ענין באריכות זע דעם „אבן עזרא" און „אור החיים" אויף פסוק י"ב פרשה ל' שמות; און אין דער גמרא ברכות דף ס"ב, עמוד ב'). יואב האָט זיך געשטעלט קעגן דער ציילונג, נאָר דוד איז צוגעשטאַנען צו אים „און דאָס וואָרט פון דעם מלך איז געווען שטאַרק צו יואבן און צו די חייל־פירער". ווי עס ווערט דערציילט אין דברי הימים האָט יואב נישט דורכגעפירט אינגאַנצן דודס באַפעל „און לוי און בנימין האָט ער נישט

געציילט, ווייל דעם קעניגס באַפעל איז געווען דערווידער צו יואבן". ס'קאָן גריילעך זיין, אַז די צוויי שבטים, וואָס האָבן זיך געפילט שטאַרק קעגן דודן, האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן און זיך נישט געלאָזן ציילן און יואב האָט נישט געוואָלט אָנווענדן קיין מאַכט דורכצופירן אַ באַפעל, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ זינד קעגן גאָט.

באַלד נאָכן צענזוס קומט גד מיט אַ נבואה צו דודן: דער קעניג קאָן אויסקלייבן איינע פון די דריי שטראָפן: זיבן יאָר הונגער אין לאַנד, אָדער דריי חדשים זאָל ער מוזן אַנטלויפן פאַר זיינע פיינד און זיי זאָלן אים נאָכ־יאָגן, אַנישט דריי טאָג זאָל זיין אַ מגפה אין לאַנד.

דוד ענטפערט: „ס'איז מיר שווער און שלעכט, וואָס איך זאָל נישט אויסקלייבן, אָבער בעסער לאָמיך אַריינפאַלן אין דער האַנט פון גאָט, און נישט אין דער האַנט פון אַ מענטשן". (שמואל ב', כ"ד י"ד).

גאָט שיקט אַ מגפה אויפן פאָלק.

פון דעם עפּיזאָד זעען מיר, אַז נישט אַלץ האָט דער נביא פאַרגעבן דעם קעניג. דאָך קיין צופיל מוט האָט גד נישט געדאַרפט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם מעכטיקן דודן, ווייל איידער דער נביא איז געקומען צו אים, ווערט דער־ציילט, — „און דודס האַרץ האָט געקלאַפּט, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגע־ציילט דאָס פאָלק. און דוד האָט געזאָגט צו גאָט: איך האָב געזינדיקט און איצט גאָט פאַרגיב מיר די זינד פון דיין קנעכט, ווייל איך האָב זיך זייער באַנאַרישט". (דאָרט י' און י"א). דוד איז געווען גרייט אויפצונעמען די שטראָף־רייד פון נביא.

אָבער גאָר אַ סך מוט האָט געדאַרפט האָבן נתן דער נביא צו קומען צו דודן נאָך דער מעשה בת־שבע.

## נתן, דו ביסט עס דער מאַן!

עס איז געווען אַנהייב פרילינג, אין דער צייט ווען די רעגנס הערן אויף, די וועגן זענען גוט, גענוג גראָז איז אויף די פעלדער, פאַשע פאַר די פערד, און די היץ איז נישט שטאַרק. ס'איז די צייט ווען די מלכים גייען אַרויס אויף מלחמה. דוד האָט אַרויסגעשיקט זיינע חיילות מיט יואבן, דעם הויפּט פון דעם חייל, קעגן די בני עמון. און די יידישע אַרמיי האָט באַלאַגערט רבה. די הויפּטשטאָט פון שונא.

און עס איז געווען אין אַ טאָג, פאַרנאַכט־צו. דוד איז אויפגעשטאַנען פון בייטאָגיקן שלאָף און ער איז אַרויף אויפן דאַך זיך אָפּקילן. און ער האָט

דערזען פון דאַך אַ פרוי באָדן זיך. און די פרוי איז געווען זייער אַ שיינע. און דוד האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דער פרוי, האָט מען אים געזאָגט, אַז איר נאָמען איז בת־שבע און זי איז די ווייב פון אוריה, איינער פון די הויפּטן פון דעם חייל, וואָס באַלאַגערט רבה. און דוד האָט געשיקט נאָך דער פרוי. זי איז צו אים געקומען און ער איז געווען מיט איר.

און די פרוי איז טראָגעדיק געוואָרן, האָט זי געשיקט און געזאָגט צו דודן: איך בין טראָגעדיק.

און דוד האָט פאַרטראַכט צו פאַרדעקן זיין זינד, האָט ער געשיקט צו יואב: „שיק מיר אוריהן און ער זאָל מיר באַריכטן וועגן דעם גאַנג פון דער מלחמה אויף רבה". דוד האָט געמיינט אַז אוריה וועט קומען אַהיים וועט ער זיין מיט בת־שבע זיין ווייב, וועט מען מיינען אַז זי איז טראָגעדיק געוואָרן פון איר מאַן.

אָבער קענטיק אַז מען האָט דערציילט אוריהן, וואָס עס איז געשען מיט זיין שיינער ווייב. און אוריה האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אַהיים. ער האָט גענעכטיקט מיט דודס הויף־וועכטער. דוד האָט אַלץ געטאָן, אַז אוריה זאָל גיין אַהיים, ער האָט אים אַפילו אָנגעשיכורט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. דעמאָלט האָט דוד געשיקט אַ בריוו מיט אוריהן צו יואבן. אין בריוו איז געווען געשריבן: „שטעל אַוועק אוריהן אין אַן אָרט ווו די מלחמה איז אַם־שטאַרקסטן, די זעלנער זאָלן פון אים אָפּטרעטן און אים נישט העלפן, כדי ער זאָל געשלאָגן ווערן און שטאַרבן"!

און יואב האָט אַזוי געטאָן. און אוריה איז געהרגעט געוואָרן. בת־שבע האָט געהערט פון איר מאַנס טויט און זי האָט געקלאָגט נאָך אים. נאָך דער צייט פון אבלות האָט דוד נאָך איר געשיקט און זי איז געוואָרן זיין ווייב און זי האָט אים געבוירן אַ זון. און דער תנ"ך זאָגט קורץ: „און די זאַך וואָס דוד האָט געטאָן איז געווען שלעכט אין די אויגן פון גאָט און גאָט האָט גע־שיקט צו דודן דעם נביא נתן".

און דער נביא נתן האָט גערעדט צו דודן מיט אַ משל אַזוי, אַז דוד זאָל אויף זיך אַליין אַרויסגעבן דעם פּסק־דין פאַר זיין פאַרברעכן.

און דער נביא נתן איז געקומען צו דודן און געזאָגט צו אים:

— הער וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ביי דיר אין לאַנד! און עס זענען געווען אין איין שטאָט צוויי מענטשן, איינער אַן עושר און איינער אַן אָרע־מאַן. דער עושר האָט געהאַט אַ סך רינדער און שאָף און דער אָרעמאַן האָט גאָרנישט נישט פאַרמאָגט אַ חוץ איין קליין שעפעלע, וואָס ער האָט געקויפט און אויפגעהאָדעוועט. און דאָס שעפעלע איז אויפגעוואַקסן אינאיינעם מיט אים און זיינע קינדער. פון זיין ברויט פלעגט עס עסן און פון זיין טרינק־

טעפל האָט עס געטרונקען, אין זיין שויס פלעגט עס ליגן און דאָס שעפעלע איז ביי אים געווען ווי אַ טאָכטער.

— און עס איז געקומען אַ גאַסט צום עושר. איז אים געווען אַ שאָד צו נעמען פון זיינע שאָף און פון זיינע רינדער צו מאַכן אַ מאָלצייט פאַרן אורח, וואָס איז צו אים געקומען, האָט ער גענומען דעם אָרעמאַנס שעפעלע און האָט געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר דעם מאַן וואָס איז צו אים געקומען.

און דוד האָט געמיינט אַז נתן דערציילט אים אַן אמתע מעשה, איז ער זייער אין כעס געוואָרן אויף דעם נגיד און ער האָט געזאָגט צו נתנען:

— איך שווער, אַז עס קומט טויט דעם מאַן, וואָס האָט געטאָן אַזאַ זאַך. און פאַר דעם שעפעלע דאַרף ער באַצאָלן פיל מאָל אַזויפיל, אַזוי ווי אַ פּראָס־טער גנב. ווי האָט עס אַ מענטש נישט קיין רחמנות!

און נתן האָט געזאָגט צו דודן:

— ד ו ב י ס ט ע ס ד ע ר מ א ן! אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער גאָט פון ישראל: — איך האָב דיך געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער ישראל, איך האָב דיך מציל געווען פון שאולס הענט. איך האָב דיר איבערגעגעבן אין דיין האַנט דאָס הויז אין גאַנץ יהודה און ישראל. פאַרוואָס האָסטו פאַראַכט גאָטס וואָרט? אוריהן האָסטו דערהרגעט מיטן שווערד און זיין ווייב האָסטו צוגע־נומען. אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אייביק וועט זיך נישט אָפּטאָן קיין שווערד פון דיין הויז, איך וועל אויפשטעלן אַן אומגליק אויף דיר פון דיין אייגן שטוב. דיינע ווייבער וועל איך אַוועקגעבן אַן אַנדערן. דאָס וואָס דו האָסט געטאָן פאַרבאָרגענערהייט, וועל איך טאָן פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל.

און דוד האָט געענטפערט קורץ:

— יאָ, איך האָב געזינדיקט צו גאָט.

און נתן האָט געזאָגט צו דודן:

— דו האָסט צוגעגעבן אַז דו האָסט געזינדיקט, דערפאַר וועט דיר גאָט אויך פאַרגעבן דיין זינד. דו וועסט נישט שטאַרבן, ווי דו אַליין האָסט גע־פסקנט. אָבער דו האָסט שטאַרק דערצאָרנט גאָט מיט דיינע מעשים. דאָס קינד וואָס בת־שבע האָט דיר געבוירן וועט שטאַרבן.

און דאָס קינד איז געשטאָרבן.

און דוד האָט געטרייסט זיין ווייב בת־שבע און ער איז געווען מיט איר און זי האָט געבוירן אַ זון. און ער האָט אים גערופן שלמה. און גאָט האָט אים ליב געהאַט.

***

אין דער מעשה בת־שבע און נתנס נבואה קען מען זען די אַנדערשקייט

פון די יידן און די גרויסע ווירקונג, וואָס נבואה האָט געהאַט אויף יידן אין דער וועלט. אַוודאי זענען יידן ווי אַלע אַנדערע פעלקער, ווען ס׳איז אויפגע־קומען אַ שטאַרקע מלוכה האָט דער קעניג געשיקט זיינע חיילות אויף מלחמה, אין פרילינג פון יאָר, ווי אַלע אַנדערע מלכים. ווען דער גרויסער קעניג האָט דערזען אַ שיינע פרוי און ער האָט געגלוסט צו איר, האָט ער זי צוגענומען און געהרגעט איר מאַן. אַזוי האָבן זיך געפירט די מלכים זעלבסטהערשער. אָבער דאָ הייבט זיך אָן די יידישע אַנדערשקייט.

ביי אַלע פעלקער וואָלט די גאַנצע מעשה פאַרשוויגן געוואָרן. ווער וואָלט געוואַגט צו קומען צו שטראָפן דעם מלך, וואָס איז אַ האַלבער גאָט און זיצט אויף גאָטס טראָן? אַ מענטש־גאָט קען דאָך נישט באַגיין קיין פאַרברעכן. אַנ־דערש איז עס ביי יידן. ביי זיי זענען נישטאָ קיין מענטשן־געטער. אַ מענטש איז נישט מער ווי אַ ילוד אשה — געבוירן פון אַ פרוי. אויב ער ווערט דער־הויבן איז עס ווייל ס׳איז דער רצון פון גאָט — אַ גרעסערע מאַכט פון דעם מענטשן — אַ מאַכט אויסער דעם מענטש און אויסער דער וועלט דערהייבט אים. זינדיקט דער אויסדערוויילטער איז ער מער נישט קיין אויסדערוויילטער.

אַ יידישער מלך איז נישט דער יורש פון מלכים־געטער נאָר געזאַלבט דורך אַ נביא, וואָס איז דער שליח פון גאָט — וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון אמת, יושר און אַבסאָלוטער גערעכטיקייט. דער נביא היט דעם מלך ער זאָל נישט אַראָפּ פון דרך הישר. באַגייט ער אַ פאַרברעכן קען עס נישט פאַר־שוויגן דער נביא, וואָס איז דער שליח פון דעם גאָט פון גערעכטיקייט.

ביי אַן אַנדער פאָלק וואָלט די מעשה בת־שבע אָדער פאַרשוויגן געוואָרן, אַנישט וואָלט אַ הויף־זינגער אויסגעזונגען אַ באַלאַדע און דערציילט נישט נאָר פון דעם קעניגס גרויסקייט אויפן שלאַכטפעלד נאָר פון זיין גרויסער מענלעכער גבורה סאַראַ וווּנדערלעכער ליבהאָבער ער איז. דער דיכטער וואָלט באַזונגען דעם מלכס זיגן איבער די פרויען. ביי יידן איז עס פאַררעכנט גע־וואָרן פאַר אַ פאַרברעכן און נתן הנביא האָט אויסגעשריען: „ד ו   ב י ס ט   ע ס   ד ע ר   מ אַ ן !“

אַן אויסגעשריי וואָס קלינגט אָפּ נאָך איצט און לאָזט דעם מענטשן נישט פאַרגעסן זיינע שוואַכקייטן.

צוליב דער מעשה בת־שבע איז אויך אָנגעשריבן געוואָרן דאָס קאַפּיטל איין און פופציק אין תהילים — אַן אויסגעשריי פון אַ צעווייטיקטן מענטשן, וואָס רייסט שטיקער פון זיך פאַר זיינע זינד. עס שטייט נישט פאַר גאָט קיין מעכטיקער קעניג נאָר אַ מענטש מיט אַ שווער געמיט, וואָס בעט רחמים און הילף געשטאַרקט צו ווערן, אַז ער זאָל מער נישט זינדיקן.

„ווייל איך ווייס מיין פאַרברעכן, און מיין זינד איז שטענדיק אַנטקעגן

מיר — — — אָבער דורך זינד בין איך געבוירן געוואָרן און אין זינד האָט מיך אויסגעוואָרעמט מיין מוטער — — — אַ ריין האַרץ באַשאַף מיר גאָט, און אַ פעסטן גייסט באַניי אין מיר — — — פאַרהיט מיך פון בלוט־פאַר־גיסונג; דו, גאָט, זיי מיין הילף.״

נישט אומזיסט ווערט דאָס קאַפּיטל געזאָגט פון יעדן איינעם מיט אַ שווער געמיט און אַ זינדיקער נשמה, ווייל נישט נאָר פאַרגעבונג בעט דער משורר דוד, נאָר גאָט זאָל אים אויך שטאַרקן, אַז ער זאָל קענען גובר זיין זיינע נאַטירלעכע נייגונגען צו זינד.

אין אַזאַ אַטמאָספערע האָבן די יידישע נביאים נביאות געזאָגט. יידן זענען געווען אַ פאָלק, וואָס איז געווען מסוגל און ראוי אויפצונעמען נבואה. דערפאַר האָבן אַפילו די הויף־נביאים נישט געקאָנט ווערן בלויז די דינער פון מלך. ס׳איז גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס נבואה האָט אַלעמאָל געשאַפן גרונט־ווערטן פאַר דער וועלט.

# דער נביא אחיה פון שילה

# נביאים אין די צייטן פון שלמה המלך

דוד האָט געהאַט הויף־נביאים. זיין זון שלמה האָט שוין נישט געהאַט אַפילו קיין הויף־נביאים. מיר הערן נישט בכלל פון קיין נבואה און פון קיין נביאים אין שלמה המלכס צייטן. צום סוף פון זיין מלוכה, ווען זיין קעניג־רייך הייבט אָן צו צעפאַלן, באַווייזט זיך דער נביא אחיה פון שילה. אָבער דער נביא האָט נישט געהאַלטן קיין נבואות אין שלמה המלכס פּאַלאַץ און נישט נביאות געזאָגט אין קעגנוואַרט פון מלך; דער נביא האָט גערעדט צו ירבעמען, וואָס האָט ווידערגעשפּעניקט קעגן שלמהן.

די צייט פון שלמה המלך איז געווען די גלאַנץ־תקופה פון דער יידישער מלוכה. די גרענעצן פון ארץ־ישראל האָבן דערגרייכט פון טייך פּרת אין צפון־מזרח, ביזן לאַנד פלישתים אין מערב, ביז מצרים אין מערב־דרום.

ס'איז געווען אַ רואיקע און גליקלעכע צייט פאַרן יידישן פאָלק. אפשר די איינציקע עטלעכע און דרייסיק רואיקע יאָרן אין דער יידישער געשיכטע. אָט אַזוי זאָגט דער פּסוק וועגן יענער צייט:

— און יהודה און ישראל זענען געזעסן אין זיכערקייט, יעדערער אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים, פון דן ביז באר־שבע, די גאַנצע צייט פון שלמהן. און די יידן פון יהודה און ישראל זענען געווען אַזוי פיל ווי דער זאַמד ביים ברעג ים. זיי האָבן געגעסן, געטרונקען און געפרייט זיך. (מלכים א׳, ד׳, כ׳).

דאָס לאַנד איז געווען רייך ווי אין פּסוק שטייט:

„און דער קעניג האָט געמאַכט, אַז זילבער איז געווען אין ירושלים ווי שטיינער, און צעדער־האָלץ איז געווען ווי דאָס האָלץ פון די ווילדע פייגנביימער, וואָס וואַקסן אַזוי פיל אין דעם פלאַכלאַנד. אַלע טרינק־כלים, ביי דעם קעניג שלמה, זענען געווען געמאַכט פון גאָלד און אַלע כלים פון לבנון וואַלד־הויז זענען געווען פון דעם ריינסטן גאָלד. קיין זילבער, ווייל זילבער אין שלמה צייטן האָט זיך גערעכנט פאַר גאָרנישט.״ (מלכים א׳, י׳ כ״א און כ״ז).

אין שלמה המלכס צייט האָט זיך גאָטס חסד אַנטפּלעקט נישט אין נבואה נאָר אין די דריי סימבאָלן: מלוכה, די הייליקע שטאָט און דער בית המקדש. דער גרויסער זיגער דוד האָט נישט זוכה געווען צו זיין דער בויער פון בית המקדש.

דוד האָט געגלוסט צו אויפשטעלן דעם בית המקדש. ווען ער האָט עס אַנטפּלעקט צום נביא נתן, האָט דער נביא מסכים געווען. אָבער אין יענער נאַכט האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט צום נביא און געזאָגט: גיי און זאָג צו מיין קנעכט דוד, דו וועסט נישט בויען קיין הויז צו מיר. נאָר דיין זון נאָך דיר, וועט בויען אַ הויז צו מיין נאָמען.

רש״י ברענגט אַ שיינעם מדרש אויף דעם פּסוק: — גיי און זאָג צו מיין קנעכט דוד (שמואל ב׳, ז׳ ה׳) —: האָט געזאָגט ר׳ חנינא דער זון פון פּפּא: דער מענטש צו וועמען איך שיק דיך איז אַן אייליקער מענטש, ער קאָן שוין תיכף דינגען בעלי־מלאכות און אָפּקלייבן מאַטעריאַלן און ער וועט נאָך האָבן אַ סך היזק, איז אייל זיך און זאָג אים, אַז ער קאָן נישט בויען קיין בית המקדש צו מיר. ר׳ סימון האָט געזאָגט: דער מענטש צו וועמען איך שיק דיך, איז אַ מענטש, וואָס נעמט אויף זיך נדרים. איידער וואָס־ווען קאָן ער נאָך שווערן: „איך וועל נישט עסן און נישט טרינקען ביז איך וועל עס נישט טאָן״, איז אייל זיך און זאָג אים, אַז ער וועט נישט בויען דעם בית המקדש. (זע ילקוט שמעוני, חלק שני קמ״ג).

די פאָלקס־טראַדיציע האָט זייער גוט כאַראַקטעריזירט דעם אימפּעט־דיקן, ענערגישן, אַקטיוון דודן.

דוד האָט לויט דעם יידישן וועלט־מהות נישט געטאָרט בויען דעם בית־המקדש. ער אַליין דערקלערט די סיבה. ער זאָגט צו זיין זון שלמהן:

— איך האָב געטראַכט ביי זיך אין האַרצן צו בויען צום נאָמען פון גאָט מיין גאָט. אָבער גאָטס וואָרט איז געווען צו מיר: אַ סך בלוט האָסטו פאַרגאָסן און גרויסע מלחמות האָסטו געפירט, קאָנסטו נישט בויען קיין הויז צו מיין נאָמען, ווייל אַ סך בלוט האָסטו פאַרגאָסן אויף דער ערד. אָבער אַ זון וועט ביי דיר געבוירן ווערן, ער וועט זיין אַ מענטש פון רו. — — שלום און שטילקייט וועל איך געבן אין זיינע טעג איבער ישראל, ער וועט בויען אַ הויז צו מיין נאָמען. (דברי הימים א׳, כ״ב, ז׳־י׳).

דער חסד פון מלוכה, בית המקדש, הייליקע שטאָט איז געווען אַזוי גרויס אין שלמה המלכס צייטן, אַז עס האָט געפעלט דער חסד פון נבואה. גאָט רעדט דירעקט צו שלמהן, אין אַ חלום אָדער אויף דער וואָר.

שלמה המלך האָט נישט געדאַרפט פירן קיין מלחמות. אויף די שכנישע פעלקער איז אַפילו נאָך דודס טויט אַלץ געלעגן זיין שרעק און ציטער. זיין זון שלמה האָט נאָר געדאַרפט קאָנען אָנהאַלטן די מלוכה. מיט זיין חכמה האָט ער זי אויפגעהאַלטן ביז זיין טיפער עלטער, אָן קיין שום אויפשטאַנדן. ער האָט אויפגעהאַלטן די מלוכה, אָבער ער האָט נישט פאַרגרעסערט דאָס לאַנד, נישט ברייטער געמאַכט זיינע גרענעצן. און אַ יורש, וואָס פאַרגרע־

כערט נישט דעם טאַטנס ירושה עסט ער זי אויף ביסלעכווייז. אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט מיט שלמה המלכן.

ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט בויען שיינע בנינים. דער בית המקדש איז געווען שיין און רייך געבויט. אָבער דער פּאַלאַץ, וואָס שלמה האָט געבויט פאַר זיך איז געווען נאָך גרעסער און שענער פון גאָטס הויז. ער האָט זיך אָפּגעגעבן צו פאַרגעניגנס. ער האָט גענומען אַ סך קעפּסווייבער און געבויט פּאַלאַצן פאַר זיי. ער האָט פאַרמערט זיינע פערד און געבויט גרויסע שטאַלן פאַר זיי, די טויזנטער פערד, די פערצן הונדערט רייטוועגן, די צוועלף טויזנט רייטער, זיין רייכער טיש, זיין גרויסער פּאַלאַץ האָט געקאָסט אַ סך געלט. האָט ער אַרויפגעלייגט שווערע צינזן אויפן פאָלק. זיין בויען פּאַלאַצן, פאַרשענערן די שטעט האָבן אים געצווינגען איינצופירן צוואַנג־אַרבעט. דאָס פאָלק איז ביסלעכווייז געוואָרן אומצופרידן מיט זיין קלוגן מלך.

קיין בעל־מלחמה איז שלמה נישט געווען. די באַזיגטע פעלקער האָבן איינציקווייז אָנגעהויבן צו שטעלן זיך אַנטקעגן שלמהן. אין דמשק איז געגרינדעט געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה, אַ סך פּרינצן פון די באַזיגטע פעלקער האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין מצרים. ביי דער ערשטער געלעגנהייט זענען זיי צוריקגעקומען צו זייער לאַנד און אָנגעהויבן אונטערגראָבן שלמהס הערשאַפט.

די יידן זענען לכתחילה פאַרכאַפּט געוואָרן פון שלמה המלכס גלאַנץ און פּראַכט און רייכקייט, זיי זענען געווען שטאָלץ מיט דודס זון, וואָס זיין חכמה האָט זיך צעטראָגן איבער גאָר דער וועלט. אָבער פון דער רייכקייט, וואָס האָט אַריינגעשטראָמט אין לאַנד, האָבן גענאָסן נאָר געציילטע שררות. דאָס פּראָסטע פאָלק האָט געדאַרפט צאָלן גרעסערע און גרעסערע צינזן, אויך זענען יידן גענומען געוואָרן אויף צוואַנג־אַרבעט. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן ווערן שטאַרק אומצופרידן. און צום סוף פון שלמהס רעגירן איז אויפגעקומען אַ שררה, וואָס האָט ווידערגעשפעניקט קעגן אים.

## ירבעם און דער נביא אחיה

די גרעסטע אומצופרידנקייט האָט געהערשט אין די שבטים פון אפרים און מנשה, די בני יוסף, וואָס זענען אַלעמאָל געווען אייפערזיכטיק אויף יהודה, דעם שבט פון וועלכן דוד האָט געשטאַמט. דער אָנפירער פון אויפשטאַנד איז געווען ירבעם דער זון פון נבט, פון שבט אפרים, פון דער שטאָט צרדה, וואָס איז נישט געווען ווייט פון שילה, די שטאָט פון אַלטן הייליק־

טום, וואָס האָט געקוקט מיט קנאה אויף דער ניי־אויפגעקומענער הייליקער־שטאָט — ירושלים.

ירבעם איז געווען איינער פון שלמהס שררות. אַ העלדישער גבור, זאָגט אויף אים דער פסוק. דער מלך האָט אים אָנגעשטעלט ווי אַן אויפזעער איבער די צוואַנג־אַרבעטער פון די שבטים אפרים און מנשה — בית יוסף. די דאָזיקע צוואַנג־אַרבעטער האָבן אויפגעשטעלט די הויפּט־פעסטונג פון ירושלים און פאַרענדיקט דעם מויער אַרום דער שטאָט, וואָס דוד האָט נ״שט באַוויזן צו פאַרענדיקן.

דער פסוק זאָגט: „און ירבעם דער זון פון נבט האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אַנטקעגן דעם מלך.״ (מלכים א׳, י״א, כ״ו). עס מיינט ווידערגעשפּעניקט. זאָגט די גמרא: אין וואָס איז באַשטאַנען ירבעמס ווידערשפּעניגונג? ער האָט געשטראָפט שלמה המלך און געזאָגט צו אים: דיין טאַטע האָט געלאָזן אַ טייל פון טויער אָפן, כדי עס זאָל זיין גרינג פון (פאַר) די עולי־רגל־ניקעס צו קומען קיין ירושלים. און דו האָסט געבויט אַ טויער כדי דו זאָלסט קאָנען ציילן די יידן און אַרויפלייגן אויף זיי צינזן, כדי דו זאָלסט האָבן געלט צו בויען בנינים פאַר די דינסטן פון פרעהס טאָכטער דיין ווייב. (סנהדרין ק״א, עמוד ב׳). אין אונדזער היינטיקן לשון, מיינט עס, אַז דאָס פאָלק איז געווען שטאַרק אומצופרידן פון די שווערע שטייערן און צוואַנג־אַרבעט.

אין דעם תרגום השבעים ווערט צוגעגעבן אַ פסוק וואָס דערציילט, אַז ירבעם האָט באַפעסטיקט די שטאָט צרדה, זיין געבוירן־אָרט; און ער האָט צוזאַמענגעקליבן דריי הונדערט רייטער און זיך פאַרמאָסטן צו ווידערשפּעניקן קעגן קעניג.

לויטן פּראָסטן פּשט פון פסוק איז די מרידה פון ירבעמן באַשטאַנען, וואָס דער נביא אחיה פון שילה האָט אים פאַרויסגעזאָגט, אַז גאָט וועט אָפּרייסן צען שבטים פון שלמהס מלוכה און עס אַוועקגעבן צו אים, צו ירבעמן. עס ווערט דערציילט אין מלכים א׳, קאַפּיטל עלף:

— און עס איז געווען אין יענער צייט און ירבעם איז אַרויס פון ירושלים, און אחיה, דער נביא פון שילה האָט אים אָנגעטראָפן אויפן וועג. און נאָר זייביידע זענען געווען אין פעלד. און ירבעם איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נייעם מאַנטל. און אחיה האָט אָנגענומען דעם נייעם מאַנטל וואָס אויף אים, ירבעמן, און האָט אים צעריסן אויף צוועלף שטיקער. און ער האָט געזאָגט צו ירבעמן: נעם פאַר זיך צען שטיקער, ווייל אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער גאָט פון ישראל: איך וועל אָפּרייסן די מלוכה פון שלמהן און איך וועל דיר אַוועקגעבן צען שבטים. אָבער איין שבט וועט ביי אים בלייבן. (יהודה און

בנימין האָבן זיך דעמאָלט גערעכנט פאַר איין שבט. רד״ק). איך לאָז אים איבער איין שבט, כדי דאָס ליכט פון דודן זאָל זיך נישט אינגאַנצן פאַרלעשן.

ווען שלמה האָט דערהערט וועגן דער נבואה, האָט ער געזוכט צו טויטן ירבעמן. אָבער ירבעם איז אַנטלאָפן קיין מצרים און איז דאָרטן געווען ביז שלמהס טויט.

ס׳איז וויכטיק צו געדענקען אַז אחיה האָט געשטאַמט פון שילה, אַן אַלטע הייליקע שטאָט, וואָס מסתמא זענען אירע איינוווינער געווען אייפער־זיכטיק אויף ירושלים. ירבעם האָט געשטאַמט פון צרדה, אַ שטעטל לעבן שילה. אחיה האָט זיכער געקענט ירבעמען פון קינדווייז אָן. מסתמא האָט דער נביא שוין פון לאַנג געהאַלטן אַן אויג אויף אים. די סימבאָלישע נבואה, פון צערייסן דעם מאַנטל אויף צוועלף שטיקער, איז געווען דער קלימאַקס צו אַ פריערדיקער פאַרשטענדעניש צווישן דעם נביא און דעם צינז־מאַנער, וואָס האָט נישט געקאָנט מער פאַרטראָגן דיליידן פון פאָלק. (זע: אנציקלופדיה מקראית, אחיה).

נאָך שלמהס טויט איז ירבעם בן נבט געוואָרן קעניג איבער צען שבטים און רחבעם, שלמהס זון, איז געבליבן מלך אין ירושלים און געקעניגט אי־בער יהודה און בנימין. דאָס יידישע פאָלק איז מער נישט געווען פאַראיי־ניקט. אַ שפּאַלטונג איז געקומען מיט דער הילף פון נבואה. די שפּעטערדיקע נביאים האָבן געהאַלטן די צעשפּאַלטונג פון דער מלוכה פאַר איינע פון די גרעסטע אומגליקן אין דער יידישער געשיכטע. זאָגט ישעיה אין אַ נבואה צו אחזן: „גאָט וועט ברענגען אויף דיר און דיין פאָלק און אויף דיין טאַטנס הויז אַזעלכע טעג, וואָס זענען נישט געקומען זינט אפרים האָט זיך אָפּגעריסן פון יהודה (ישעיה ז׳, י״ז).

באַלד נאָך שלמהס טויט הייבן מיר אָן צו הערן פון נביאים. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ בירגער־קריג, האָט זיך געוויזן אַ נביא מיטן נאָמען שמעיה, וואָס ווערט אויך באַצייכנט „דער געטלעכער מאַן״ און געזאָגט צו שלמהס זון: דו זאָלסט נישט מלחמה האַלטן מיט דיינע ברידער, די בני־ישראל, ווייל פון מיר איז געשען די דאָזיקע זאַך״ — די צעטיילונג פון דער מלוכה. (מלכים א׳, י״ב, כ״ד).

עס ווערט דערציילט אין תנ״ך, אַז זיי האָבן געפאָלגט און זיי זענען זיך צעגאַנגען אַהיים. אָבער דאָס איז נאָר איין נוסח. ס׳זענען דאָ אַנדערע נוס־חאות. אין ספר מלכים ווערט דערציילט ווידער און ווידער פון מלחמות, וואָס זענען אָנגעגאַנגען צווישן די צוויי יידישע מלוכות: „און אַ שטענדיקע מלחמה איז געווען צווישן רחבעם און ירבעם״. (מלכים א׳, י״ד, ל׳). „און אַ מלחמה איז אָנגעפירט געוואָרן צווישן אבים (שלמה המלכס אייניקל) און ירבעם״.

(דאָרט, ט״ו, ו׳). „און אַ שטענדיקע מלחמה האָט אָנגעהאַלטן צווישן אסא, קעניג פון יהודה, און בעשא דעם קעניג פון ישראל״. (דאָרט, ט״ו, י״ז). ס׳איז נישט געווען קיין שלום צווישן די צווי מלוכות די גאַנצע צייט, פון אויפ־קום פון מלכות ישראל ביז דעם גלות פון די צען שבטים.

די נביאים זענען נישט געווען צופרידן פון דעם ברידער־קריג. נאָך ווייניקער צופרידן זענען זיי געווען פון ירבעם בן נבטס נייע רעליגיעזע איינפירונגען.

ירבעם האָט פאַרלאָזן זיין געבוירן־שטאָט — צרדה און האָט געמאַכט שכם פאַר זיין הויפטשטאָט. שכם איז געווען אַן אַלטע הייליקע שטאָט אין אפרים. ער האָט די שטאָט באַפעסטיקט. לויט דברי הימים האָט ער אויך באַפעסטיקט אַנדערע שטעט און איינגעזאַמלט אין זיי אַ סך געווער. אָבער דער נייער קעניג האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט מאַכט אַליין וועט ער נישט קאָנען באַהערשן דאָס פאָלק. ירושלים, האָט אין די עטלעכע צענדליק יאָרן, וואָס זי איז געווען די הויפטשטאָט, געוואָרן באַליבט ביי יידן. איבערהויפט האָט געצויגן צו זיך דער בית המקדש, דער גרויסער הייליקער צענטער. ירבעם האָט פאַרטראַכט און אויפגעשטעלט דריי גאָלדענע קעלבער (אין דער אמתן זענען עס געווען קליינע אָקסן, און די נביאים האָבן זיי גערופן מיט שפּאָט קעלבער). איין קאַלב האָט ער אַריינגעשטעלט אין אַ טעמפּל פון בית־אל און די אַנדערע קאַלב האָט ער אַריינגעשטעלט אין טעמפּל אין דן. די אַלטע כוהנים האָט ער נישט געטרויט, האָט ער געמאַכט כוהנים פון פּראָסטן פאָלק. ווער נאָר עס האָט געוואָלט באַדינען די געצן האָט ער געמאַכט פאַר אַ כוהן.

און נאָך אַ גרויסע זינד איז ער באַגאַנגען. ער האָט געמאַכט דעם יום־טוב סוכות אין חודש חשון אַנשטאָט אין חודש תשרי. „ער האָט געמאַכט אַן אייגענעם יום־טוב, וואָס ער האָט אַליין „אויסגעטראַכט פון האַרצן״. (מלכים א׳, י״ב, ל״ג).

די נביאים האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן אָט די נייע איינפירונגען. מיר הערן פון אַ נביא, וואָס קומט פון יהודה קיין בית־אל, אַ נביא אָן אַ נאָמען, ער ווערט באַצייכנט נאָר ווי אַ געטלעכער מאַן. ער האַלט אַ שוידערלעכע נבואה אויף ירבעמן און ווייזט אַ נס פאַר דעם נייעם קעניג. אָבער ירבעם טוט נישט קיין תשובה. ער האָט געוואָלט אָנהאַלטן זיין מלוכה, ער האָט געהאַלטן, אַז אויב יידן וועלן גיין קיין ירושלים ברענגען קרבנות, „וועט דאָס האַרץ פון דעם דאָזיקן פאָלק זיך אומקערן צו זייער האַר, צו רחבעם דעם מלך פון יהודה, און זיי וועלן מיך הרגענען.״ (דאָרט, פסוק כ״ו).

די גאַנצע צייט שווייגט דער נביא אחיה, וואָס האָט פאַקטיש געקרוינט ירבעמען פאַר קעניג. ערשט צום סוף פון ירבעמס מלוכה הערן מיר פון דעם

נביא. פון דער ביטערער נבואה אויף ירבעמן קאָנען מיר זען ווי אַנטוישט דער נביא איז געווען מיט זיין אויפטו. דערציילט דער פסוק:

— אין יענער צייט איז ירבעמס זון אביה קראַנק געוואָרן. האָט ירבעם געזאָגט צו זיין ווייב, איך בעט דיך פאַרשטעל זיך, אַז מען זאָל נישט דער־קענען, אַז דו ביסט ירבעמס ווייב, און גיי קיין שילה, דאָרטן איז אחיה דער נביא, וואָס האָט מיר פאָרויסגעזאָגט, אַז איך וועל ווערן מלך איבערן פאָלק. נעם מיט זיך אַ מתנה פאַר אים און גיי צו אים. ער וועט דיר זאָגן וואָס ס'וועט זיין מיטן יינגל.

— און ירבעמס ווייב האָט אַזוי געטאָן. און גאָט האָט אָנגעזאָגט אחיהן, אַז ירבעמס ווייב קומט פרעגן, וואָס וועט זיין מיט איר זון. און אחיה איז שוין געווען אַלט און זיינע אויגן זענען געווען האַלב בלינד פון אַלטקייט.

און עס איז געווען ווי אחיה האָט דערהערט אירע טריט ווי זי איז אַריין אין טיר האָט ער געזאָגט צו איר:

— קום אַריין, ירבעמס ווייב, פאַרוואָס האָסטו זיך פאַרשטעלט? הער, איך בין געשיקט געוואָרן צו דיר מיט אַ שלעכטער, שווערער בשורה. גיי זאָג ירבעמען: אַזוי האָט געזאָגט דער גאָט פון ישראל: איך האָב דיך דערהויבן פון צווישן דעם פּראָסטן פאָלק און דיך געמאַכט אַ פירשט איבער ישראל. איך האָב אָפּגעריסן אַ שטיק מלוכה פון דעם הויז פון דוד און דיר אָוועק־געגעבן. און דו? דו האָסט געזינדיקט מער פון אַלע פון די וואָס זענען געווען פאַר דיר. דערפאַר וועל איך ברענגען אַן אומגליק אויף ירבעמס הויז. איך וועל פאַרשניידן פון ירבעמס הויז יעדן מאַנספּאַרשוין: קינד און קייט וועל איך פאַרטיליקן. איך וועל אויסראַמען ירבעמס משפחה ווי איינער ראַמט אויס מיסט. און דו גיי אַהיים. דאָס יינגל וועט שטאַרבן. אים וועט מען מספיד זיין און אים וועט מען מקבר זיין. פון דעם גאַנצן הויז פון ירבעמן וועט בלויז אָט דאָס קינד קומען צו קבורה, ווייל אין אים האָב איך געפונען עפּעס גוטעס.

און אַזוי איז געווען ווען ירבעמס ווייב איז איבערגעטראָטן דעם שוועל פון איר הויז איז דאָס יינגל געשטאָרבן. מען האָט אים באַקלאָגט און באַ־גראָבן, ווי דער נביא אחיה האָט פאָרויסגעזאָגט. (דאָרט, קאַפּיטל י"ד).

אָבער ירבעם האָט נישט תשובה געטאָן. ער האָט געקעניגט צוויי און צוואַנציק יאָר און איז פאַרעכנט געוואָרן ווי דער זינדיקסטער קעניג צווישן די יידישע מלכים. ער האָט נישט תשובה געטאָן און ער האָט אָנגעפירט מיט געצן־דינסט, ווייל ער האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט נישט אויפ־שטעלן קיין נייע הייליקע ערטער, וועלן די בני־ישראל מורד זיין קעגן אים און צוריקקערן זיך צו דודס דינאַסטיע. אין אים האָט געברענט אַ מוראדיקע

קנאה צו דודס קינדער, די לעגאַלע יורשים פון טראָן. זאָגט די גמרא: גאָט האָט אָנגעכאַפּט ירבעמן ביים מאַנטל און געזאָגט צו אים: טו תשובה און איך און דו און דוד וועלן שפּאַצירן אין גן־עדן. האָט געזאָגט ירבעם: ווער וועט גיין פאָרויס? האָט דער כביכול געענטפערט: דוד. האָט ירבעם געזאָגט: — איך וויל נישט. (סנהדרין דף ק״ב, עמוד א׳).

אחיהס בייזע נבואה איז מקויים געוואָרן. צוויי יאָר נאָך ירבעמס טויט האָט בעשא געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן נדבן, ירבעמס זון. און בעשא האָט אויסגעהרגעט די גאַנצע משפחה פון ירבעמן, „נישט איבערגעלאָזן קיין איינעם פון זיי אַ לעבעדיקן״. (מלכים א׳, ט״ז, כ״ט).

## דער גרעסטער ווענדפּונקט אין יידישער געשיכטע

די צעטיילונג פון דער יידישער מלוכה איז געווען דער וויכטיקסטער ווענדפּונקט אין דער יידישער געשיכטע. רחבעם מיט זיין נאַרישן אויפפיר, האָט צונישט געמאַכט די גאַנצע מי און אויפטו פון זיין זיידן דוד. דער זיידע דוד האָט פאַראייניקט די צפון און דרום שבטים, ער האָט אויפגעשטעלט אַ שטאַרקע מדינה און ער האָט געקראָגן די אויבערהאַנט איבער אַלע אַרומיקע פעלקער: אַרם, אדום, עמון, מואב און די פלישתים. ווען די יידישע מלוכה וואָלט געבליבן פאַראייניקט ווער ווייסט ווי ווייט די יידישע אימפּעריע וואָלט דערגרייכט. די יידן וואָלטן מסתמא געוואָרן אַ גרויסמאַכט און זיך אפשר געקאָנט שטעלן קעגן אשור, בבל אָדער מצרים. אָבער די יידישע מלוכה איז צעריסן געוואָרן און צעטיילט געוואָרן אויף צוויי נישט קיין גלייכע חלקים: די צפון־מלוכה און די דרום־מלוכה. די צפון־מלוכה, וואָס האָט זיך גערופן ישראל, אָדער אפרים, איז באַשטאַנען פון עלף טיילן פון די צוועלף טיילן, וואָס שלמה המלך האָט צעטיילט דאָס לאַנד. די דרום־מלוכה האָט זיך גערופן יהודה, זי איז געבליבן אונטער דער ממשלה פון בית דוד — דוד־דינאַסטיע, אַ קליינע, נישט וויכטיקע מלוכהלע.

די צוויי יידישע מלוכות האָבן אָנגעפירט אַ שטענדיקן ברודער־קריג צווישן זיך. דאָס האָט זיי ביידן אָפּגעשוואַכט און די שכנישע פעלקער האָבן אָנגעהויבן רייסן שטיקער פון זיי. ארם, וואָס איר הויפּטשטאָט איז געווען דמשק, איז געוואָרן די שטאַרקסטע מלוכה פון אַרום און האָט גאַנץ אָפט געהערשט איבער ישראל, און יהודה האָט סוף־כל־סוף אפילו נישט געקאָנט באַהערשן די קליינע אדום.

די צעטיילונג פון דער מלוכה האָט סוף כל סוף געבראַכט דעם אומגליק

פון גלות אויף ביידע מלוכות, ישראל און יהודה, ווי אויף די מערסטע שכנישע קליינע מלוכות.

אָבער מיט דער צעטיילונג פון דער מלוכה און די ווידערשפּעניקונג קעגן ירושלים און דעם בית המקדש האָט זיך פאַרמולירט די וויכטיקייט פון די פיר גרויסע סימבאָלן: נבואה, מלוכה, הייליקע שטאָט, דער בית המקדש. נבואה האָט געקראָגן דעם יתרון, די אויבערהאַנט. די אומרוען, די פּאָליטישע אומזיכערקייט, די ליידן פון פאָלק האָבן דערוועקט אַ רצון ביי יידן צו זוכן אַ שוץ אין גאָטס וואָרט. די אמונה אין איין און איינציקן גאָט, דער גאָט פון אַבסאָלוטן יושר און גערעכטיקייט, האָט נישט צוגעלאָזן דעם געדאַנק, אַז די וועלט קאָן בלייבן אָנגעפילט מיט אַזויפיל אומגליק און אומגלייכקייט און זינדיקייט. סוף כל סוף מוז קומען די אמתע גליקלעכע צייט פאַר יידן און פאַר גאָר דער וועלט.

באַלד נאָך שלמהס טויט הייבן מיר אָן צו הערן, מער און מער פון נביאים. וואָס אומרואיקער עס ווערן די צייטן, אַלץ מער נביאים באַווייזן זיך און אַלץ אַ גרעסערע ראָלע שפּילן זיי אין יידישן גייסטיקן לעבן. פון ירבעמס צייטן ביז דעם אויפשטייג פון מלך אחאב ווערן דערמאָנט די פאָלגנדיקע נביאים: אחיה, שמעיהו־איש־אלקים — דער געטלעכער מאַן, וואָס קומט פון יהודה קיין בית אל; אַן אַלטער נביא אין בית־אל; יעדי, עזריהו דער זון פון עודד, עידו און חנני און זיין זון יהוא. דרך אגב דאָס איז דאָס איינציקע מאָל אין תנ״ך, וואָס ווערט דערמאָנט אַ טאַטע און זון — ביידע נביאים, געווינטלעך איז נבואה נישט געווען קיין ירושה זאַך.

עס ווערן אויך דערמאָנט פינף נבואה־ספרים פון יענער צייט: אַ ספר נבואה פון אחיה; יעדיס אַ ספר חזיונות; די רייד פון שמעיהו הנביא; עידוס אַ ספר וועגן יחוס און מדרש עידו. די ספרים זענען ביי אונדז פאַרפאַלן געוואָרן און מיר ווייסן פון זיי נאָר ווייל זיי ווערן דערמאָנט אין דברי־הימים.

דער אויפשטייג און השפעה פון די נביאים אין דער צעטיילטער מלוכה איז נישט געווען קיין צופעליקע דערשיינונג. עס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון דעם אייגנאַרטיקן יידישן באַגריף וועגן מלוכה און מלך.

די מלוכה פון צפון אַזוי ווי די מלוכה פון דרום, איז געווען דער פועל יוצא פון דעם יידישן געדאַנק פון נבואישער אויסדערוויילטקייט. דער קעניג איז געקרוינט געוואָרן, ווייל גאָט, דורך דעם נביא, האָט אים אויסדערוויילט. דער קעניג איז נישט געווען, ווי אַלע פעלקער האָבן געגלויבט, קיין מיטאָלאָגיש געטלעכע געשטאַלט, אַ גאָט אָדער דער זון פון אַ גאָט. ניין, דער קעניג איז געווען אַ מענטש, אַ ילוד אישה, וואָס איז אויסדערוויילט געוואָרן פון גאָט צו זיצן אויפן טראָן פון ישראל.

אין דעם געדאַנק פון געטלעכער בחירה (אויסדערוויילונג) זענען פאַר־וויקלט צוויי באַזונדערע כוונות, צילן, אָדער פאָרויס־באַשטימונגען. פון איין זייט איז די התגלות, אַנטפּלעקונג פון גאָטס רצון אויף אייביק. „נישט קיין מענטש איז גאָט, וואָס ער זאָל זאָגן ליגן, און נישט קיין ילוד אישה, וואָס ער זאָל חרטה האָבן" (במדבר כ"ג, יט). לויט דעם דאָזיקן געדאַנק איז דער קעניג, וואָס איז אויסדערוויילט געוואָרן פון גאָט, אַ קעניג אויף אייביק. אָבער דאָ קומט די צווייטע פאָרויסבאַשטימונג, וויבאַלד, אַז דער קעניג קאָן זיין אַ מושל בלויז דורך דעם שטענדיקן חסד פון גאָט, איז דער אויסדערוויילטער אַ מלך בלויז אויף אַ תנאַי. ווען ער זיין גוט און פרום בלייבט ער מלך, ווידערשפּע־ניקט ער קעגן גאָט, ווערט בטל זיין בחירה. די בחירה הייליקט דעם „משיח ה'", דעם גאָטס געזאַלבטן, אָבער באַרעכטיקט אים נישט צו ווידערשפּעניקן קעגן גאָט.

די דאָזיקע אידייע האָט אָנגענומען באַזונדערע לבושים, פאָרמעס, אין די צוויי יידישע מלוכות. אין יהודה האָט זיך באַפעסטיקט דער געדאַנק פון דער אייביקייט פון דודס דינאַסטיע. די נביאים האָבן אָבער נישט מוותר גע־ווען אויף זייער רעכט צו ווידערשפּעניקן. נישט מער זייער ווידערשפּעניקונג, זייער שטעלן זיך אַנטקעגן איז געווען בלויז קעגן דעם ספּעציפישן מלך, אָבער נישט קעגן בית דוד. ס'איז געווען אַ סינטעז פון גאָטס אייביקן חסד און נביאישע ווידערשפּעניקונג. שוין נתן הנביא האָט עס פאָרמולירט: „איך וועל באַפעסטיקן דעם טראָן פון זיין מלוכה אויף אייביק. איך וועל צו אים זיין ווי אַ טאַטע און ער וועט ביי מיר זיין ווי אַ זון. ווען ער וועט זינדיקן וועל איך אים באַשטראָפן ווי איך באַשטראָף אַלע זינדיקע מענטשן מיט פּלאָגן. אָבער מיין חסד וועל איך נישט אָפּטאָן פון אים ווי איך האָב אָפּגעטאָן פון שאולן. דיין הויז (דינאַסטיע) און דיין מלוכה וועלן זיך האַלטן אייביק". (שמואל ב" ז' — פסוקים י"ג ביז י"ז בסירוגין). די נביאים און כוהנים אין יהודה פּרובירן משפּיע זיין אויף דעם מלך פון דודס הויז ער זאָל זיין גוט און פרום. אָבער קיינמאָל ריידן זיי נישט אָן אויף קיין אויפשטאַנד. מיט דער צייט איז אָט פון דעם דאָזיקן סינטעז אַרויסגעקומען די גרויסע וויזיע און האָפענונג אויף דעם צוקונפטיקן אידעאַלן מלך. די איצטיקע מלכים פון מלכות בית דוד זענען טאַקע זינדיקע און שלעכטע און פירן נישט אויס גאָטס רצון. אָבער אַמאָל, אַמאָל, לעתיד לבוא וועט אויפקומען דער אידעאַלער מלך: „אַ צווייג וועט אַרויסשפּראָצן פון ישי'ס שטאַם און אויף אים וועט רוען דער גייסט פון גאָט און ער וועט משפטן מיט גערעכטיקייט די אָרעמע או"וו... (ישעיה יא). (באריכות וועגן דעם ענין אין „תולדות האמונה הישראלית", יחזקאל קויפמאַן, כרך שני, ספר ראשון, זז' 239־243).

אַנדערש איז אויפגעפאַסט געוואָרן די זעלביקע אידייע אין דער מלוכה פון צפון, אין ישראל. קיין דודס שטאַם איז דאָרטן נישט געווען. דער ווידערשטאַנד און ווידערשפעניקונג פון די נביאים איז דאָ געגאַנגען טיפער. נישט קעגן איינצלנע מלכים האָבן זיך די נביאים געשטעלט אַנטקעגן נאָר קעגן די־נאַסטיעס. אין די צוויי הונדערט יאָר פון דעם קיום פון מלכות ישראל האָבן די נביאים געהאַט אַ האַנט אין אַ סך איבערקערונגען. אחיה זאָגט פאָרויס דעם סוף פון ירבעמס דינאַסטיע, חנני האָלט אַ נבואה און זאָגט פאָרויס דעם סוף פון בעשאס דינאַסטיע; אליהו, אלישע, הושע, עמוס האָבן אויך נביאות געזאָגט אויף דעם סוף פון דינאַסטיעס. אין דער צפון־מלוכה זענען פאָרגעקומען בלוטיקע רעוואָלוציעס. אין די ערשטע זיבעציק יאָר פון דעם אויפקום פון דער צפונדיקער מלוכה האָבן געקעניגט זיבן מלכים און פיר פון זיי זענען געשטאָרבן מיט נישט קיין נאַטירלעכן טויט: נדב, אלה, זימרי און תיבני. זיי זענען געהרגעט געוואָרן איז אויפשטאַנדן.

## דריי נבואות

די צפון־מלוכה, ישראל, איז געווען די גרויסע יידישע מדינה, וואָס איז באַשטאַנען פון צען שבטים. אירע נביאים האָבן געוואָלט פאַרווירקלעכן די מלכות־שדי תיכף אין זייער צייט. דערפאַר האָבן זיי אַנטיילגענומען אין די שטענדיקע איבערקערעניש, אין די אויפשטאַנדן און געוואָלט בייטן דינאַס־טיעס. זיי האָבן אַלץ געהאָפט, אַז די קומענדיקע דינאַסטיע וועט אויספירן גאָטס רצון. מלכות יהודה איז געווען „די איינגעפאַלענע סוכה פון דוד" — סוכת דוד הנופלת. אַ קליינע נישט וויכטיקע מדינהלע. ערשט נאָכן חורבן שומרון איז יהודה געוואָרן דער „שאר ישוב", די האָפענונג פון די נביאים, דער איבערבלייב, די זאָמען פון וועלכע די אומה וועט סוף כל סוף אויפגע־ריכט ווערן. אויב נישט איצט איז באחרית הימים — אין די סוף פון די טעג.

שוין גלייך אין אָנהייב פון ירבעמס קעניגן האָבן זיך די נביאים גע־שטעלט אַנטקעגן אים. ירבעם האָט אויפגעשטעלט צוויי גאָלדענע קעלבער — איינע אין בית־אל און די אַנדערע אין דן, — צוויי אַלטע הייליקע שטעט. ער האָט עס געטאָן כדי די יידן זאָלן נישט גיין צום בית־המקדש קיין ירושלים, די הויפטשטאָט פון יהודה. ער האָט אויך איינגעשטעלט דעם יום־טוב סוכות אין חודש חשון נישט אין תשרי. ער אַליין, איז לכבוד דער ערשטער פייערונג, אַרויפגעגאַנגען צום מזבח מקריב צו זיין אַ קרבן. דעמאָלט האָט זיך באַוויזן אַ געטלעכער מאַן, אַ נביא, וואָס איז געקומען פון בית־אל און אויסגערופן:

— מזבח, מזבח, אַזוי האָט געזאָגט גאָט: זע, אַ זון וועט געבוירן ווערן

צו דעם הויז פון דוד, יאשיהו וועט זיין נאָמען זיין, און ער וועט שעכטן אויף דיר די כוהנים פון די במות, וואָס זענען מקריב אויף דיר. און ביינער פון מענטשן וועט מען פאַרברענען אויף דיר. (ער האָט געמיינט ירבעמס ביינער, אָבער צוליב דעם כבוד פון מלך האָט ער עס בפירוש נישט געזאָגט — רש״י).

— און עס איז געווען ווי דער מלך האָט עס דערהערט, האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט און באַפוילן: כאַפּט אים! אָבער זיין האַנט איז איינגעדאַרט געוואָרן. האָט דער מלך געבעטן ביים נביא: זיי מתפלל פאַר מיר, אַז מיין האַנט זאָל געזונט ווערן. האָט דער נביא געבעטן ביי גאָט און די האַנט פונעם מלך איז געוואָרן געזונט ווי פריער. (מלכים א׳ קאַפּ. יג).

אויף אונדזער היינטיקן לשון מיינט עס, אַז דער מלך האָט געוואָלט באַשטראָפן דעם נביא, אָבער ער האָט נישט געוואָגט. צו שטאַרק איז די השפעה, איינפלוס, פון די נביאים, וואָס האָט געשאַפן די צפון־מלוכה. דער מלך האָט נישט געקאָנט באַשטראָפן קיין נביא.

פאַר גריבלער וועט זיין אינטערעסאַנט, וואָס אַ סך פאַרשער האַלטן, אַז די ווערטער „יאשיהו שמו״ — „יאשיהו וועט זיין נאָמען זיין״ איז צוגעשטעלט געוואָרן שפּעטער. ס׳איז נישט דער דרך פון די נביאים צו דערמאָנען ספּעציפישע נעמען. און לויט אונדזערע באַגריפן, האָט עס דער נביא נישט געקענט פאָרויסזען. די גמרא פרעגט אויך דיזעלביקע קשיה: ווי האָט דער נביא געקאָנט דערמאָנען יאשיהוס נאָמען, ווען מנשה איז נאָך אפילו נישט געבוירן געוואָרן צו חזקיהון? חזקיהו האָט דאָך געדאַרפט שטאַרבן איידער מנשה איז געבוירן געוואָרן, נאָר גאָט האָט אים צוגעגעבן פופצן יאָר צו זיין לעבן נאָך חזקיהוס תשובה (זע מלכים ב׳ כ, ישעיהו ל״ח). תשובה איז דאָך די בחירה חפשית פון מענטשן, ווי אַזוי האָט דער נביא געקאָנט זאָגן, אַז יאשיהו וועט געבוירן ווערן? די גמרא פאַרענטפערט עס, אַז עס שטייט נישט „נולד לחזקיהו״ — עס וועט געבוירן ווערן צו יחזקיהון, נאָר עס שטייט „הנה בן נולד לבית דוד״ — אַ זון וועט געבוירן ווערן צו דודס הויז. עס מיינט אָדער פון חזקיהון אָדער פון אַנדער מענטשן (יבמות נ׳ ע״א). עס איז וויכטיק וואָס די חז״ל האָבן דערפילט, אַז דאָס וואָס עס ווערט דערמאָנט אַ באַשטימטער נאָמען פון אַ מענטשן, איז עס אַ יוצא מן הכלל, און מען דאַרף זוכן אַ תירוץ פאַר דעם.

ירבעמס פאַרזוך צו באַשטראָפן דעם נביא איז דאָס איינציקע מאָל פון אַזאַ פּרווו, וואָס ווערט דערמאָנט אין תנ״ך וועגן די מלכים אין מלכות ישראל. אחיה האָט אַ נבואה פון אויפקום אויף ירבעם בן נבט און דער קעניג רירט אים נישט אָן.

אַנדערש איז געווען אין יהודה. די מלכים פון מלכות בית דוד האָבן אָפט

באַשטראָפט די נביאים מיט תפיסה אָדער טויט. ס׳קאָן זיין אַז די סיבה איז געווען, וואָס די מלכים פון בית דוד זענען געווען לעגיטימע, געזעצלעכע יורשים, און זיי האָבן זיך געפילט פעסטער און זיכערער אויפן טראָן ווי די מלכים פון ישראל. אַ גוטער ביישפּיל איז ווי אָסאָ האָט באַשטראָפט דעם נביא חנני, פאַר דער לפי ערך מילדער נבואה, וואָס ער האָט געהאַלטן נאָך דעם ווי אָסאָ האָט געבעטן הילף פון ארם אין דער מלחמה קעגן ישראל.

בעשא דער מלך פון ישראל האָט געפירט אַ מלחמה קעגן אָסאָן דעם מלך פון יהודה. בעשא האָט באַפעסטיקט די שטאָט רמה אין בנימין, לעבן ירושלים, אַריינגעשטעלט אַהין אַ חיל וואַך, וואָס האָט אָפּגעשניטן דעם וועג פאַר די קאַראַוואַנען פון יהודה. ווען אָסאָ האָט דערזען, אַז בעשא האָט זיך געשטאַרקט איבער אים, האָט אָסאָ גענומען דאָס זילבער און דאָס גאָלד, וואָס איז געבליבן אין בית המקדש, נאָכדעם ווי שישק דער מלך פון מצרים האָט עס אויסגערויבט אין די צייטן פון רחבעם, און מיט די דאָזיקע אוצרות האָט ער אונטערגעקויפט דעם קעניג פון ארם. דער קעניג פון ארם איז געקומען און געהאָלפן אָסאָן צו צעשלאָגן בעשאָן. דער נביא חנני איז געקומען צו אָסאָן און געזאָגט צו אים:

— ווייל דו האָסט זיך פאַרלאָזן אויף דעם מלך פון ארם, און דו האָסט זיך נישט פאַרלאָזן אויף גאָט דיין גאָט — — — און די אויגן פון גאָט בעמען אַרום די גאַנצע ערד, צו שטאַרקן די הערצער, וואָס זענען גאַנץ מיט אים. דו האָסט זיך באַנאַרישט. דערפאַר פון איצט אָן וועסטו אַלעמאָל האָבן מלחמות. און אסא איז אין כעס געוואָרן אויף דעם זייער און האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה. און אָסאָ האָט גרויזאַם אונטערדריקט אַ טייל פון פאָלק. (דברי הימים ב׳ ט״ז ז—י).

„אַ טייל פון פאָלק״. עס מיינט ער האָט אונטערדריקט די נביאים. אין „דברי הימים״ ווערט דערציילט אַז אָסאָ האָט זיך אַזוי דערווייטערט פון די נביאים, אַז אַפילו ווען ער איז קראַנק געוואָרן האָט ער נישט געפרעגט ביי גאָט, וואָס צו טאָן. עס מיינט, אַז ער האָט זיך נישט געהיילט ביי די נביאים, וואָס זענען אויך געווען רופאים, נאָר ביי געוויינלעכע רופאים — „דאָקטוירים״.

כמעט אין דער זעלביקער צייט האָט יהוא דעם נביא חנניס זון, געהאַלטן אַ גרויזאַמע נבואה אויף דעם מלך פון ישראל — בעשא:

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יהוא דעם זון פון חנני אויף בעשאַ׳ן אַזוי צו זאָגן:

— ווייל איך האָב דיך אויפגעהויבן פון שטויב, און דיך געמאַכט אַ מושל איבער ישראל, און דו ביסט געגאַנגען אין די וועגן פון ירבעמען, און

האָסט געמאַכט זינדיקן מיין פאָלק ישראל, וועל איך אויסראָטן בעשאן און זיין הויז אָט ווי איך האָב געטאָן צו דעם הויז פון ירבעם בן נבט. דער וואָס וועט שטאַרבן פון אים אין פעלד, וועלן אים די פייגלען פון הימל אויפעסן. (מלכים א׳ ט״ז א—ד).

בעשא האָט נישט באַשטראָפט דעם נביא יהוא.

# אליהו הנביא

# בירגער-קריג אין ישראל

עס שטייט געשריבן אין פרק: „הלל האָט אַמאָל געזען ווי אַ קאָפּ־שאַרבן שווימט אויפן וואַסער, האָט ער געזאָגט צו אים: ווייל דו האָסט דערטרונקען אַן אַנדער מענטשן האָט מען דיך דערטרונקען און דער סוף פון די, וואָס האָבן דיך דערטרונקען וועט זיין, אַז אויך זיי וועלן דערטרונקען ווערן״. אָט אַזאַ איבערחזרונג פון רציחה איז פאָרגעקומען אין מלכות ישראל פון דעם אויפשטייג אויפן טראָן פון ירבעם בן נבט, וואָס האָט אָפּגעריסן די צען שבטים פון בית דוד ביז דעם לעצטן קעניג פון ישראל — הושע. פון די ניינצן מלכים, וואָס האָבן געקעניגט אין דעם משך פון די צוויי הונדערט יאָר פון מלכות ישראל האָבן דריי געקעניגט ווייניקער ווי אַ יאָר. איינער האָט געקעניגט זיבן טעג, אַ צווייטער — אַ חודש און אַ דריטער — זעקס חדשים. פיר מלכים האָבן געקעניגט בלויז צו צוויי יאָר. און נאָר זעקס מלכים האָבן געקעניגט מער ווי צוואַנציק יאָר. ניין באַזונדערע דינאַסטיעס האָבן זיך געביטן אין מלכות ישראל.

ירבעמס משפּחה איז פאַרטיליקט געוואָרן פון בעשאן. נדב, ירבעמס זון, האָט זיך געהאַלטן אויפן טראָן בלויז צוויי יאָר. גאָר וויכטיק איז וואָס עס ווערט דערציילט אין פסוק: „און עס איז געווען ווען בעשא האָט געקעניגט האָט ער אויסגעהרגעט דאָס גאַנצע הויז פון ירבעם. ער האָט נישט איבערגעלאָזן קיין מוטער־מענטש פון ירבעם, אַזוי ווי גאָטס וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט דורך זיינע קנעכט אחיהן פון שילו״ (מלכים א׳ ט״ו כ״ט). עס מיינט, אַז די איבערקערעניש איז נישט געקומען בלויז, ווייל בעשא איז געווען אַ מאַכט־גיריקער הויפּט פון חיל און ער האָט מיט דער הילף פון דער אַרמיי איבערגענומען די מלוכה. דער נביא, אָדער זיינע תלמידים, די בני הנביאים, האָבן געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער איבערקערעניש.

בעשא איז געוואָרן קעניג. ער האָט טאַקע אויסגעלעבט זיינע יאָרן אויפן טראָן. אָבער זיין זון אלה איז אויך אומגעקומען דורך דער האַנט פון אַ פאַרשווערער. די נביאים זענען געווען אַזוי ווייניק צופרידן פון בעשאס דינאַסטיע ווי ירבעמס הויז.

די פאַרשווערונג קעגן בעשאס הויז האָט געמאַכט זמרי, וואָס איז געווען דער הויפּט פון איבער אַ העלפט פון די רייטוועגן. און ווי דער נביא האָט פאָרויסגעזאָגט האָט זמרי אויסגעהרגעט אַלע מאַנספּאַרשוינען פון בעשאס הויז, נישט נאָר די נאָענטע און ווייטע קרובים נאָר אַפילו די פריינט.

זימרי האָט געקעניגט בלויז זיבן טעג. די אַרמיי פון ישראל האָט דע־מאָלט באַלאַגערט די פלישתּימשע שטאָט גיבתון. עמרי איז געווען דער הויפּט פון חייל. עמרי האָט מיט דעם חייל פון ישראל אַ לאָז געטאָן זיך אויף דער יידישער הויפּטשטאָט, תרצה, ווו זימרי האָט זיך געפונען. עמרי האָט גרינג איינגענומען די שטאָט. ווען זימרי האָט דערזען, אַז די שטאָט איז באַצוווּנגען געוואָרן האָט ער זיך פאַרשפּאַרט אין פּאַלאַץ און אָנגעצונדן איבער זיך דעם מלכס הויז און איז פאַרברענט געוואָרן.

עמרי האָט באַזיגט זימרין. אָבער נישט דאָס גאַנצע פאָלק האָט מסכים געווען אַז עמרי זאָל ווערן קעניג. „דעמאָלט האָט זיך דאָס פאָלק צעטיילט אויף גלייכע העלפטן. איין העלפט פון פאָלק האָט געוואָלט מאַכן פאַר מלך תיבני דעם זון פון גינת, די אַנדערע האָט געהאַלטן מיט עמרין".

אַ סך פאָרשער זענען זיך משער, אַז תיבני איז געווען פון זימריס צד און אַ קעגנער פון די נביאים. די בני הנביאים האָבן געשטיצט עמרין. נאָך פיר יאָר בירגער־קריג האָט עמרי באַזיגט תיבנין, אים געטויט און איז גע־וואָרן קעניג. (מלכים א', ט"ז).

## עמרי

עמרי איז געווען דער דוד פון דער צפונדיקער מלוכה. ער האָט ברייטער געמאַכט די גרענעצן פון ישראל, געשלאָסן פרידן מיט יהודה, געמאַכט אַ מסחר־בונד מיט צור, אויפגעשטעלט אַ גרויסע אַרמיי און באַזיגט די קלייִנע פעלקער (עמון און מואב און די פלישתּים). ער האָט אויך אויפגעבויט אַ הויפּטשטאָט פאַר ישראל.

אין תנ"ך ווערט נישט דערציילט פון זיינע מלחמות. אָבער מיר ווייסן פון זיין גרויסן זיג איבער מואב פון דער „מושע־מצבה" וואָס מען האָט אויס־געגראָבן. דאָרט שטייט אויסגעקריצט: „עמרי, דער מלך פון ישראל, האָט געפּייניקט מואב אַ סך יאָרן, ווייל כמוש, דער גאָט פון מואב האָט געצאָרנט אויף זיין לאַנד. עמרי האָט גע ירשנט דאָס לאַנד מוצבא און האָט עס באַ־צוווּנגען אַלע זיינע טעג און האַלב פון די טעג פון זיין זון — פערציק יאָר. נאָך דעם אויפשטייג פון עמרין הערן מיר אויך מער נישט פון פלישתּים. וועגן זיין בונד מיט די צידונים און זיין שלום מאַכן מיטן קעניג פון יהודה ווערט דערציילט אין תנ"ך.

ער האָט ווי דוד אויפגעבויט אַ שטענדיקע הויפּטשטאָט פאַר ישראל. ער האָט אָפּגעקויפט אַ באַרג פון שומרון און דאָרט אויפגעבויט אַ שטאָט און זי אַ נאָמען געגעבן שומרון. די פריערדיקע הויפּטשטאָט פון ישראל איז גע־

ווען אָדער שכם, אָדער תירצה. תירצה איז געווען אַ שיינע שטאָט. אין שיר השירים ווען דער בחור וויל דערציילן דער געליבטער ווי שיין זי איז, זאָגט ער: „שיין ביסטו מיין געליבטע ווי תירצה, פּרעכטיק ווי ירושלים". עס מיינט אַז תירצה, די הויפּטשטאָט פון ישראל, האָט זיך פאַררעכנט אַזוי שיין ווי ירושלים. אָבער תירצה איז געשטאַנען אויף פלאַכלאַנד און מען האָט זי נישט געקענט פאַרטיידיקן. שכם איז געאָגראַפיש אויך נישט געווען אין קיין בעסערער לאַגע. חוץ דעם איז שכם געווען אין שבט אפרים, און עמרי האָט נישט געוואָלט דערהויבן איין שבט איבער דעם אַנדערן, האָט ער געטאָן ווי דוד און געגרינדעט אַ נייע הויפּטשטאָט.

שומרון איז געשטאַנען אויף אַ שפּיץ באַרג, וואָס האָט געהאַט גענוג פלאַכלאַנד פאַר אַ גרויסער שטאָט. דער באַרג איז געווען אַרומגערינגלט מיט טיפע טאָלן, אַזוי אַז די שטאָט האָט געקאָנט גרינג פאַרטיידיקט ווערן. שומרון איז טאַקע געווען אַ שטאַרקע פעסטונג, און עס האָט גענומען דער אשורישער אַרמיי פולע דריי יאָר צו באַזיגן זי.

שומרון איז אויך געווען אַ שיינע שטאָט ווי ישעיה מאָלט זי:

„ווי די שטאָלצע קרוין פון די שיכורים פון אפרים, און די וועלקנדיקע בלום פון זיין פּראַכטיקער שיינקייט, צו די באַרוישטע פון וויין, וואָס זענען אויף דעם שפּיץ באַרג פון דעם פעטן טאָל" (ישעיה כח, א).

ער האָט באַזיגט עמון, די פּלישתים און מואב. אָבער ער האָט געמוזט זיך אונטערגעבן צו ארם־דמשק. ער איז געווען געצווונגען צו באַשטימען פאַר דעם מלך פון ארם אַ צאָל גאַסן, מערק אין שומרון. אין די דאָזיקע מערק האָט ארם געהאַט די גאַנצע שליטה. אויף אונדזער היינטיקן לשון מיינט עס, אַז ארם האָט געהאַט עקסטעריטאָריעלע רעכט אין ישראל. פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער מלוכה איז עס אַ טיפע באַליידיקונג.

די נביאיםריידן נישט קיין שלעכטס אויף עמרין. אמת, עס שטייט געשריבן: „און עמרי האָט געטאָן, וואָס עס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט און ער האָט זיך אויפגעפירט ערגער פון אַלע וואָס זענען געווען פאַר אים". אָבער עס ווערט נישט געזאָגט מיט וואָס ער איז געווען ערגער פון די פריערדיקע מלכים. דער פּסוק זאָגט נאָכדעם בלויז, אַז ער איז געגאַנגען אין די וועגן פון ירבעם בן נבט. אָבער דאָס ווערט אויך געזאָגט אויף זמרין, וואָס האָט געקעניגט זיבן טעג בלויז! וויפל קאָן אַפילו אַ מלך זינדיקן אין איין וואָך?

די יידישע טראַדיציע איז דווקא זייער פריינטלעך צו עמרין. עס ווערט געזאָגט אין מדרש „תנא דבי אליהו רבא":

— איינמאָל בין איך געזעסן אין בית המדרש הגדול אין ירושלים פאַר

די חכמים. האָב איך צו זיי געזאָגט: רבותי, מיט וואָס איז אַנדערש עמרי דער הויפּט פון ישראל חייל פון אַלע אַנדערע יידישע מלכים וואָס זענען געווען פאַר אים? זיי האָבן נישט זוכה געווען אויפצוזעצן אויפן טראָן אַ מלך בן מלך (עס מיינט נאָר דער זון איז געווען מלך, אָבער נישט דער אייניקל), און עמרי האָט זוכה געווען אויפצושטעלן דריי מלכים? האָבן זיי געזאָגט: מיר האָבן נישט געהערט. האָב איך צו זיי געזאָגט: זיין שכר איז געווען אַזוי גרויס, ווייל ער האָט צוגעגעבן אַ גרויסע שטאָט צו ישראל, אַזוי גרויס ווי ירושלים. ער האָט געהאַט אין זינען, אַז דאָס וואָס ירושלים איז צו די מלכים פון יהודה, דאָס וועט זיין שומרון צו די מלכים פון ישראל. (תנא דבי אליהו רבא פרק ט׳; אַן אַנדער ווערסיע איז אין סנהדרין ק״ב, ע״ב).

עמרי האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ גרויסער מלוכה. ווער ווייסט ווי שטאַרק מלכות ישראל וואָלט געוואָרן, איבערהויפּט נאָך דעם ווי ישראל און יהודה האָבן געמאַכט צווישן זיך. די מלכים פון די ברידער מלוכות האָבן נישט נאָר געשלאָסן אַ בונד, נאָר האָבן זיך מתחתן געווען. ס׳קאָן גרייטלעך זיין אַז ישראל וואָלט צוריק געוואָרן אַ גרויסמאַכט אין נאָענטן מזרח, ווי אין דודס צייטן. ישראל און יהודה וואָלטן געווען אַזוי גרויס און שטאַרק, אַז זיי וואָלטן זיך געקענט שטעלן מיט זייערע אייגענע כוחות קעגן די אויפקומענדיקע אימפּעריע פון אשור. אָבער די עמרי דינאַסטיע האָט אָנגעהויבן פירן מלכות ישראל אויף נייע וועגן נישט נאָר פּאָליטיש. עמרי האָט צוליב זיין בונד מיט צידון געבראַכט דעם בעל דינסט אין יידנלאַנד. אחאָב, עמרי׳ס יורש, האָט שוין איינגעפירט דעם דינסט צום בעל עפנטלעך. איזבל זיין ווייב, די צידונישע פּרינצעסין, האָט געהאַט די הויפּט־דעה אין דער מלוכה. דער קאַמף, וואָס די נביאים האָבן געפירט קעגן דעם קולט פון פרעמדע געטער האָט צעריסן מלכות בית דוד און אומגעבראַכט די דינאַסטיעס פון ירבעם און בעשא. איצט האָבן די נביאים מיט אליהוס הילף געבראַכט אומקום אויף עמריס הויז און נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער עמרי־דינאַסטיע האָט מלכות ישראל אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ, שוין מער נישט געקאָנט קומען צו זיך. עס זענען נאָך געקומען קורצע צייטן פון מדינה־שטאַרקייט און אויפבלי (אין ירבעם דעם צווייטנס צייטן) — אָבער דאָס זענען געווען די לעצטע אָנשטרענגונגען פון אַ קראַנקן קערפּער.

עמרי האָט אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר דעם נייעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן בנין פון לאַנד, און זיין זון אחאב איז געגאַנגען אין זיינע וועגן. אין ספר מיכה איז דאָ אַן אָנדייט אויף דעם: „און איר האָט אָפּגעהיט די חוקים פון עמרין און אַלע מעשים פון אחאבן און איר האָט געפאָלגט זיינע עצות (מיכה ו׳, טז). עמרי האָט געשאַפן די חוקים, דעם איינשטעל פון פירן די מלוכה,

און אחאב האָט זיי פֿאַרווירקלעכט אין מעשים. די נביאים האָבן דערזען אַז זיי האָבן ווידער אַ טעות געמאַכט, זיי האָבן אויפֿגעשטעלט אַ נייע דינאַס־טיע, וואָס איז נישט געווען בעסער פֿון די פֿריערדיקע צוויי דינאַסטיעס — ירבעמס און בעשאס, די נביאים האָבן אויך אומגעבראַכט די עמרי־דינאַסטיע ווי די פֿריערדיקע צוויי.

## חיאל בויט אויף די חרם שטאָט יריחו

אחאב איז געגאַנגען אין די וועגן פֿון זיין פֿאָטער עמרי. ער האָט פֿאַר־שטאַרקט זיין פֿריינטשאַפֿט מיט צידון און יהודה. ער אַליין האָט חתונה געהאַט מיט אַ צידונישער פּרינצעסין איזבל (איזעוועל). עס קאָן זיין, אַז זיין פֿאָטער עמרי האָט נאָך אויסגעפֿירט דעם שידוך. אחאָב האָט זיך אויך מתחתן געווען מיט דעם מלך פֿון יהודה יהושפט, וואָס האָט געפֿירט אַ שטאַרקע מלחמה מיט ישראל. אחאבס טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט דעם יורש עצר יהורם און פֿרידן איז געווען צווישן ישראל און יהודה. דאָס האָט גע־שטאַרקט ביידע מלוכות.

אין תנ״ך ווערט אחאב באַשולדיקט אין גרויסע און שווערע זינד. „עס איז געווען ווייניק וואָס ער איז געגאַנגען אין די וועגן פֿון ירבעם בן נבט, האָט ער גענומען פֿאַר אַ ווייב איזבלן די טאָכטער פֿון אתבעל, דעם קעניג פֿון די צידונים" (מלכים ע״ר, ט״ז ל״א). ער האָט אויפֿגעשטעלט אַ מזבח צום בעל, ער האָט געבויט אַ טעמפּל צום בעל, ער האָט געמאַכט אַן אשרה. ער האָט געדינט צום בעל און זיך געבוקט צו אים. אין זיינע צייטן איז אויפֿגע־שטעלט געוואָרן דער מויער אַרום יריחו. די אַלטע געצנדינערישע שטאָט איז צוריק באַפֿעסטיקט געוואָרן. אויך זאָגט דער נביא, אַז עס זענען געבליבן אין גאַנץ ישראל בלויז זיבן טויזנט יידן, וואָס האָבן זיך נישט געבוקט צום בעל. די יידן האָבן געבראָכן דעם בונד מיט גאָט נישט מל געווען די קינדער. אחאב האָט צושטערט אַלע מזבחות פֿון גאָט און די נביאים פֿון גאָט האָט ער אויס־געהרגעט מיטן שווערד.

אָבער אין תנ״ך גופא זענען פֿאַראַן פּסוקים, וואָס דערציילן עפּעס גאָר אַנדערש וועגן אחאבן. ער האָט זיינע קינדער גערופֿן מיט יידישע נעמען. די רדיפֿות אויף די יידן האָט דורכגעפֿירט איזבל און נישט אחאב. נישט אַלע יידישע נביאים זענען אויסגעהרגעט געוואָרן. אָט ווען אחאב גייט אויף מלחמה אויף ארם קומען פֿאַר אים פֿיר הונדערט גאָטס נביאים. ווען אליהו רעדט ביי זיינע רייד צו אים ווערט ער אונטערטעניק צו גאָט. אין יורמס צייטן,

אחאבס זון, ווען יהוא נעמט איבער די מלוכה זענען די דינער צו בעל געווען בלויז אַ קליין הייפל, יהוא זאַמלט זיי איין אין איין טעמפל. אליהו זאָגט נישט פאַרויס אומגליק צו אחאבן צוליב געצנדינסט, נאָר ווייל אחאב האָט געהרגעט נבתן (נאַוואָסן), עס מיינט די שטראָף אויף בית אחאב איז געקו־מען צוליב אַ סאָציאַלן פאַרברעכן. דערנאָך זאָגן אַ סך תנ״ך־פאַרשער, אַז די באַשולדיקונגען קעגן אחאבן זענען איבערגעטריבענע.

סמוכין לזה, אַן אונטערשטיצונג צו דער מיינונג געפינען מיר ביי די חז״ל. האָט רבי נחמן געזאָגט: אחאב שקול היה — אחאבס מעשים טובים און זיינע עבירות זענען געווען גלייך אויף גלייך (סנהדרין ק״ב, עמוד ב׳). אויף דעם זעלביקן עמוד שטייט: האָט געזאָגט רבי יוחנן, פאַרוואָס האָט אחאב זוכה געווען צו זיין מלך צוויי און צוואַנציק יאָר? ווייל ער האָט אָפּ־געגעבן כבוד דער תורה, וואָס איז געשריבן מיט צוויי און צוואַנציק אותיות (דער יידישער אלף־בית האָט צוויי און צוואַנציק אותיות).

לויט פּראָפ. יחזקאל קויפמאַן איז די דינסט צו בעל נישט געווען פאַר־שפּרייט צווישן פאָלק אין אחאבס צייטן. זיין גרויסע זינד איז באַשטאַנען אין דעם וואָס צום ערשטן מאָל אין דער יידישער געשיכטע, האָט אַ יידישער מלך איינגעפירט דעם דאָזיקן געצנדינסט עפנטלעך, בפרהסיא, פאַר אַלעמען אין די אויגן. דאָס האָט אויפגעטאָן איזבל, די צידונישע פּרינצעסין, די טאָכ־טער פון אַ פּריסטער צו בעל:

אמת, אויך שלמה המלך האָט חתונה געהאַט מיט פרעמדע פּרינצעסינס און די דאָזיקע ווייבער האָבן געדינט צו זייערע היימישע אָפּגעטער. אָבער אָט די געצנדינערישע ווייבער האָבן אויפגעשטעלט זייערע טעמפּלען אין קע־ניגס הויף, נישט אין עפנטלעכע פּלעצער. אָבער אחאב האָט געבויט טעמפּלען פאַר איזבלן אויף די גאַסן און מערק פון שומרון. די ענערגישע און חוצפּה־דיקע איזבל האָט אויפגעהאַלטן אַ חברותא כוהנים פון בעל, עס מיינט אַ גרופּע כוהנים, וואָס דינען צום בעל אויף דעם עקסטאַטישן אופן פון צידון. אָט די דאָזיקע „כוהנים" אָדער „נביאים" פלעגן גיין אָנגעטאָן אין ווייבערשע קליידער, פלעגן פאַרבן זייערע פּנימער און אָנטבלויזן זייערע אָרעמס. זיי פלעגן טראָגן שווערדן אויף קורצע שפּיזן, אויך פייפעלעך, פּויקן און טאַצן. זיי פלעגן דורכפירן עקסטאַטישע, עראָטישע טענץ, זיי פלעגן זיך קניען און בוקן, קלאַפּן מיט די שטערנס אָן דער ערד און זיך געקייקלט אין בלאָטע. ווען זיי האָבן תפילה געטאָן צו זייער געץ פלעגן זיי זיך איינשניידן מיט זייערע קורצע שווערדן און די שפּיציקע שפּיזן ביז בלוט האָט זיך געגאָסן פון זיי. און אין זייער עקסטאַז פלעגן זיי אָפּדעקן זייערע שאַנדעס און דורכפירן זנות־אָרגיעס פאַר אַלעמען אין די אויגן" (גרעץ, העברעיש, חלק ראשון, זייט

90). אַט די פּריסטערס זענען געווען איזבלס באַגלייטער און געגעסן פון איר טיש.

אַט די דאָזיקע דינסט צו בעל איז עפנטלעך דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד אין דער הויפּטשטאָט און מסתּמא אין אַנדערע שטעט. „דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס אַזאַ געצנדינסט איז איינגעפירט געוואָרן בפרה־סיא אין יידנלאַנד. דאָס האָט אויפגעשטורעמט די געמיטן פון די יראי ה׳" — די גאָטספאַרכטיקע און האָט פאַרחתמעט דעם גורל פון עמריס דינאַסטיע" (יחזקאל קויפמאַן, „תולדות האמונה הישראלית", כרך שני, ספר ראשון, עמוד 225).

דאָס אויפשטעלן פון אַ מויער אַרום דער שטאָט יריחו איז אויך געווען אַ גרויסע זינד. אחאב האָט באַפעסטיקט די שטאָט יריחו, ווייל פון דער אַל־טער שטאָט איז געווען גרינג צו האַלטן אַן אויג אויף מואבן, וואָס ער האָט אונטערטעניק געמאַכט. אחאב האָט באַפוילן חיאלן, איינעם פון זיינע שררות, צו באַפעסטיקן די שטאָט יריחו.

וועגן אויפשטעלן די מויערן אַרום דער שטאָט יריחו האָט אַ תנ"ך־פאָר־שער זייער אַ געוואַגטע און שאַרפע השערה (מבוא ספרותי הסטורי לכתבי הקודש מאת שמעון ברנפלד כרך ב׳, ז׳ קי"א). ווען יהושע האָט באַזיגט כנען, האָט ער מכריז געווען, אויסגערופן, אַז יריחו, די ערשטע שטאָט, וואָס די יידן האָבן איינגענומען אויף אַ נישט נאַטירלעכן אופן, נאָר מיט גאָטס הילף, מוז בלייבן „חרם צו גאָט", נישט אויפגעבויט. ער האָט באַשווירן די יידן, אַז קיינער טאָר נישט צוריקבויען יריחו. אויב עמעצער וועט זי אויפבויען וועט אויף אים פאַלן אַ קללה: ווען ער וועט לייגן דעם פונדאַמענט, וועט שטאַרבן זיין בכור, זיין עלטסטער זון, און ווען ער וועט אריינשטעלן די טויערן פון דער שטאָט וועט שטאַרבן זיין יינגסטער זון. ווען חיאל פון בית־אל האָט צוריקגעבויט דעם מויער אַרום יריחו, לויט אחאבס באַפעל, האָט עס געמיינט אַ דירעקטע ווידערשפעניקונג קעגן גאָט. די שטאָט וואָס מען האָט מחרים געווען צוליב גאָטס כבוד, צום אָנדענק פון גרויסן זיג, האָט מען צוריקגעבויט. באמת איז עס געווען אַן אַקט פון צוריקקערן צו דינסט פון בעל צו אַמאַליקער וויכטיקייט און גרויסקייט. נאָך מער, חיאל האָט אָפּגע־היט דעם אַלטן מנהג פון בעל: ער האָט מקריב געווען צום בעל זיין בכור אבירם ווען ער, חיאל, האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער מויער און זיין יינגסטן זון שגוב, ווען ער האָט אַריינגעשטעלט די טויערן פון יריחו. דעמאָלט איז געקומען אליהו און האָט געזאָגט: איר מיינט דאָך אַז דער אַלטער בעל איז הערשער אין לאַנד און ער איז דער גאָט פון פרוכטבאַרקייט, ער ברענגט רעגן — „איך שווער מיט גאָט, דעם גאָט פון ישראל, וואָס איך בין גע־

שטאַנען פאַר אים, אויב עס וועלן זיין טוי און רעגן סיידן איך וועל אַזוי באַפעלן"...

די השערה איז אַ פאַנטאַסטישע. איבערהויפּט ווי די פסוקים ווערן אויס־געטייטשט. אָבער מ'ערקווירדיק איז, וואָס די יידישע טראַדיציע האָט אויך געזען אַ צוזאַמענבונד צווישן דעם אויפבוי פון יריחו און אליהוס צאָרן. דער־ציילט די גמרא:

„חיאל איז געווען זייער חשוב ביי אחאבן. ווען שגוב, דער יינגסטער זון פון חיאלן איז געשטאָרבן — איז אחאב געקומען מנחם אבל זיין חיאלן. אליהו איז אויך געקומען. האָט חיאל געזאָגט: איך פרעג דיך, אליהו, יהושע האָט פאַרשאָלטן דעם מענטשן וואָס וועט צוריקבויען יריחו. זיין וואָרט איז מקויים געוואָרן. אָבער יהושע איז דאָך געווען משהס אַ תלמיד איז פאַרוואָס זענען די רייד פון משהן נישט מקויים געוואָרן? משה רבינו האָט דאָך גע־זאָגט: היט זיך, טאָמער וועט אייער האַרץ אייך איבעררעדן און איר וועט זיך אָפּקערן און איר וועט דינען פרעמדע געטער, און איר וועט זיך בוקן צו זיי, וועט גאָטס צאָרן גרימען אויף אייך און ער וועט פאַרשליסן די הימלען און עס וועט נישט גיין קיין רעגן און די ערד וועט נישט געבן איר פרוכט (דברים י"א, ט"ז, י"ז). און אחאב האָט אויפגעשטעלט עבודה זרהס אויף יעדן בערגל, און דאָך מאַכט גאָט נידערן רעגן, אַזוי פיל רעגן גייט, אַז די וועגן זענען אַזוי בלאָטיק אַז ס'איז שווער אַפילו צוצוקומען צו די טעמפּלען פון די געצן".

דעמאָלט האָט באַלד געזאָגט אליהו: — איך שווער מיט גאָט, דעם יידישן גאָט, וואָס איך בין געשטאַנען פאַר אים, צי עס וועט רעגענען, סיידן — לויט מיינע רייד. און אליהו האָט תפילה געטאָן און גאָט האָט איבער־געגעבן אין זיינע הענט די שליסלען פון רעגן". (סנהדרין קט"ג, ילקוט שמעוני, מלכים א' ט"ז).

## אליהו דורך דורות

דער נאָמען אליהו מיינט מיין גאָט איז יה. יוד, הא איז אַ פאַרקירצונג פון שם המפורש. אין תנ"ך, גמרא און מדרש רופט מען דעם נביא „אליהו התשבי", אָדער אליהו הנביא. אויף יידיש האָט מען געמאַכט פון די צווי ווערטער איין וואָרט „עלינאָווי".

אליהו הנביא האָט זיך באַוויזן אין דער צייט ווען דער מלך אחאב האָט געקעניגט אין ישראל, אין שומרון, און ער איז אַרויף אין הימל אין דער צייט פון אחאבס זון, דער מלך אחזיה. אַ סך וווּנדער־מעשיות און מופתים ווערן

וועגן אים דערציילט אין די ספרים מלכים א׳ און מלכים ב׳: ער האָט פאַר־האַלטן רעגנס פון ארץ ישראל פולע דריי יאָר און עס איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד; פייגל, ראָבן, האָבן אים געשפייזט אַ טייל פון די הונגער־יאָרן און דערנאָך האָט ער באַוויזן אַ מופת, אַז אַ טעפּל מעל און אַ קריגעלע בוימל האָבן געשפייזט אים און אַ פרוי אַן אלמנה, און איר זון אַ לאַנגע צייט; ער האָט מחיה מתים געווען — ער האָט געמאַכט פון טויט לעבעדיק דעם זון פון דער אלמנה, וואָס האָט אים אויפגעהאַלטן ביי זיך אין שטוב; ער האָט נישט נאָר אויסגעהאַלטן פערציק טעג און פערציק נעכט אָן עסן, נאָר ער האָט די גאַנצע פערציק טעג און פערציק נעכט געוואַנדערט, געגאַנגען אַ הונגעריקער אָן אַן אָפּשטעל ביז ער איז געקומען צום באַרג חורב. ער האָט אַראָפּגעבראַכט צוויי מאָל פייער פון הימל; ער איז נישט געשטאָרבן ווי אַלע מענטשן נאָר איז אַרויף אַ לעבעדיקער אויפן הימל: גאָט האָט פאַר אים אַראָפּגעשיקט אַ פייערדיקן רייטוואָגן און פייערדיקע פערד און אַרויפגענומען דעם נביא צו זיך אויפן הימל.

אין דברי הימים (דברי הימים ב׳, כ״ י״ב) ווערט דערציילט, אַז אליהו האָט געשיקט אַ בריוו צום מלך יהורם דער זון פון יהושפט, וואָס האָט געקעניגט אין יהודה. כראָנאָלאָגיש קומט אויס, אַז אליהו איז שוין דעמאָלט גע־ווען אַ פאָר יאָר טויט. אַפילו, אויב מען וויל, קאָן מען געפינען אַ רמז, אַז ער האָט נאָך דעמאָלט געלעבט.

אַלע מעשיות וועגן אליהון זענען פול מיט ניסים און מופתים. אָבער „דורכן שלייער פון די וואונדער־געשיכטעס לאָזן זיך דייטלעך זען די הויפּט־קאָנטורן פון אליהוס געשטאַלט. אין דער געשיכטע פון נבות פעלט אינגאַנצן דער וואונדער־עלעמענט. אין די ספורים פון תנ״ך שפּירט זיך נאָך טיילווייז דער פרישער אָטעם פון די געשעענישן און דער גוואַלדיקער רושם, וואָס אליהוס פּערזענלעכקייט האָט איבערגעלאָזן אויף זיין דור״ (א. מענעס, יידי־שע ענציקלאָפּעדיע). מען דאַרף צוגעבן אַז אַ דור נאָך אליהון, ווען יהוא בן נמשי, קוילעט אויס די גאַנצע משפחה פון אחאב, באַרעכטיקט ער זיין מרידה און דאָס אויסראָטן פון אחאבס משפחה מיט אליהוס אַ נבואה. דאָס איז אַ קלאָרע היסטאָרישע כראָניק, וואָס ווייזט ווי ווירקזאַם אליהוס נביאות זענען געווען.

נאָך אַ סך ווערט דערציילט אין תנ״ך וועגן אליהו הנביא. עס ווערט געשילדערט זיין גבורה, ווען ער פאַלט אַריין אין גרויס התלהבות „און דער הימל איז שוואַרץ געוואָרן און עס איז געוואָרן אַ ווינט, און עס האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ גרויסער רעגן. און אחאב האָט זיך אַריינגעזעצט אין רייטוואָגן און איז אַוועק קיין יזרעאל. און גאָטס האַנט איז געווען אויף אליהון און ער

האָט פאַרשטאָפּט זיין גאַרטל אַרום די לענדן און ער איז געלאָפן פאַרויס, פאַר אחאבן, ביז צום אַריינגאַנג קיין יזרעאל". (מלכים א׳ י״ח, מה, מו).

עס ווערט אויך דערציילט אין תנ״ך ווי אליהו פאַלט אַריין אין אַ יאוש, ווען ער אַנטלויפט פון איזבלס רדיפות. ער קומט אָן קיין באר שבע. דאָרטן לאָזט ער איבער זיין משרת און גייט אַליין אַוועק ווייטער אין מדבר. ער זעצט זיך אונטער אַ בעזעם־ביימל אָפּצורוען זיך. אַ מידקייט באַפאַלט אים. אים איז שוין נמאס געוואָרן צו לויפן. עס באַפאַלט אים אַ יאוש. ער רופט אויס: „גענוג, גאָט, איך קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן. נעם ביי מיר צו די נשמה. איך בין נישט בעסער פון מיינע עלטערן". דאָס איז זייער מענטש־לעך, אַ דעטאַל פון אַ ווירקלעכער געשעעניש.

פון די אַלע פּרטים פון תנ״ך שטייט פאַר אונדז אליהו אַ לעבעדיקער. מיר ווייסן אַפילו ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען און ווי ער האָט זיך געקליידעט: „ער איז געווען אַ האָריקער מאַן, אַנגעטאָן אין אַ מאַנטל, וואָס ער האָט אַרומ־געגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם גאַרטל" (מלכים ב׳ א׳ ח). אַן אַנדער טייטש פון דעם פּסוק: „ער איז געווען אַנגעטאָן אין אַ האָריקן מאַנטל געמאַכט פון שעפּסענע פעלכלעך אַרומגעגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם מאַנטל" (זע אנציקלאָ־פּדיה מקראית, רובריק אליהו).

אָבער די אַלע וווּנדער־מעשיות און פּרטים גיבן אַ קליינעם באַגריף פון דער גרויסער פּערזענלעכקייט פון דעם נביא, וואָס איז געבליבן אין געדע־כעניש פון פאָלק און אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע. לויט דעם יידישן לעגענ־דאַרישן אויפפאַס פון געשיכטע, האָט שוין אליהו הנביא געלעבט אין די צייטן פון יציאת מצרים. האָט געזאָגט ר׳ שמעון דער זון פון לקיש: פּנחס איז דאָס אליהו (ילקוט שמעוני, אָנהייב פּרשה פּנחס). עס מיינט אַז אליהו הנביא האָט זיך באַוויזן אין אָנהייב פון דער יידישער געשיכטע, און לויט דעם נביא מלאכי, וועט אליהו הנביא זיך באַווייזן צום סוף, צום קלימאַקס פון יידישער געשיכטע איידער משיח וועט קומען. אליהו וועט אָפּראַמען דעם וועג פאַר אים און דערנאָך „וועט ער אומקערן דאָס האַרץ פון די עלטערן צו זייערע קינדער און דאָס האַרץ פון די קינדער צו זייערע עלטערן" (מלאכי ג׳ א׳ כג, כד).

און נישט נאָר האָט געווירקט אליהו הנביא, אַמאָל, אין די צייטן פון יציאת מצרים און אין אחאבס צייטן און וועט ווירקן לעתיד לבוא, ווען משיח וועט קומען, נאָר אליהו הנביא איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבעדיקער, לעגענדאַרישער געשטאַלט, וואָס ווירקט עד היום. פּסח צום סדר שטעלן מיר אַוועק פאַר אים אַ כוס — כוס של אליהו — און מיר עפענען די טיר פאַר אים. דער מנהג איז פאַרבונדן מיט דעם גלויבן אַז אליהו הנביא וועט זיין

דער אַנזאָגער פון משיחן. און פסח איז די צייט פון גאולה. ביי אַ ברית שטעלט מען אַוועק אַ שטול פאַר אים — כסא של אליהו. מיר וועלן שפּעטער ריידן באריכות וועגן דעם מנהג. אין בענטשן איז ז׳אַ אַ „הרחמן״ וועגן אליהו הנביא. „זאָל דער באַרעמהאַרציקער (עס מיינט גאָט) אונדז שיקן אליהו הנביא, זאָל ער געדענקט ווערן צו גוטן, און ער זאָל אונדז ברענגען גוטע בשורות, ישועות און נחמות״. מוצאי שבת זינגען מיר אַ ספּעציעלע פּיוט ליד: „אליהו הנביא״ און דערנאָך דאָס ליד „איש חסיד היה״ — אַ ספּעציעלע מעשה ווי אליהו הנביא האָט זיך פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט, כדי צו ראַטעווען אַ צדיק פון נויט.

אליהו הנביא איז אפשר די באַליבטסטע געשטאַלט אין מדרש און אין תלמוד. עס זענען דאָ אַ סך קליינע מדרשימלעך אויף זיין נאָמען און איין גרויסער מדרש, וואָס רופט זיך „תנא דבי אליהו״. מיר דוכט זיך, אַז דער דאָזיקער מדרש איז דער פאָלקסטימלעכסטער און זיסטער פון אַלע מדרשים. מיר ציטירן פון דעם מדרש גאַנץ אָפט.

דער היסטאָרישער אליהו הנביא, לויט ווי ער ווערט געשילדערט אין ספר מלכים, און דער אליהו הנביא פון מדרש, די געשטאַלט, וואָס דאָס פאָלק האָט איבערגעשאַפט, זענען צוויי באַזונדערע געשטאַלטן. דער אליהו הנביא אין תנ״ך איז אַ בייזער, אַ קנאי, אַן אומגעדולדיקער גרייט אומצוברענגען צענדליקער מענטשן פאַר אַ חשד, אַז מען וויל אים שלעכטס טאָן. דער אליהו הנביא פון גמרא און מדרש איז אַ מילדער, אַ גוטער. יעדער יידישער נפש איז ביי אים טייער. ער ווערט בייז אויף אַ תנא הלמאַי ער האָט איבערגע־געבן אַ מענטשן צו דער רעגירונג כדי צו ראַטעווען אַן עדה יידן. דער תנא האָט טאַקע געהאַנדלט על פּי דין, דאָך רופט אים אליהו הנביא מסור און וויל זיך נישט חברן מיט אים.

אָט זענען צוויי מעשיות, איינע פון ספר מלכים און איינע פון דער גמרא און מדרש. די צוויי מעשיות אילוסטרירן דעם גרויסן קאָנטראַסט צווישן די צוויי אליהוס.

## צוויי מעשיות — צוויי עטישע מדרגות

„און אחזיה איז אַראָפּגעפאַלן פון זיין אויבערשטיבל דורך די גראַטעס, און ער איז קראַנק געוואָרן. און ער האָט געשיקט שלוחים און ער האָט צו זיי געזאָגט: גייט פרעגט דעם בעל־זבוב, דעם גאָט פון עקרון, אין פלישתים, צי איך וועל געזונט ווערן פון דער דאָזיקער קראַנקייט. און אַ מלאך האָט

געזאָגט צו אליהו התשבי, שטיי אויף, גיי אַנטקעגן די שלוחים פון מלך פון שומרון און זאָג צו זיי: איז נישטאָ קיין גאָט אין ישראל, וואָס איר גייט פרעגןביים בעל־זבוב דעם גאָט פון עקרון? דערפאַר האָט אַזוי געזאָגט גאָט: פון דעם בעט, וואָס דו ביסט אַרויף וועסטו שוין מער נישט אַראָפּגיין, ווייל דו וועסט שטאַרבן. און די שלוחים האָבן זיך באַלד אומגעקערט און עס דער־ציילט דעם קראַנקן מלך. האָט ער געזאָגט צו זיי: וואָס איז דער אויסזען פון דעם מאַן וואָס האָט גערעדט צו אייך? האָבן זיי געענטפערט: אַ האָריקער מאַן איז ער און איז געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם גאַרטל.

האָט דער מלך געזאָגט: דאָס איז אליהו דער תשבי. און ער האָט געשיקט צו אים אַ האַר איבער פופציק מיט זיינע פופציק זעלנער און האָט אים אָנ־געזאָגט צו ברענגען צו אים אליהון.

און דער האַר איבער פופציק איז געקומען און אָנגעטראָפן אליהון, און ערשט ער זיצט אויפן שפּיץ פון אַ באַרג. האָט דער האַר געזאָגט צו אים: געטלעכער מאַן, דער קעניג האָט געהייסן דו זאָלסט אַראָפּגיין.

האָט אליהו געענטפערט און געזאָגט צום האַר פון פופציק: אויב איך בין יאָ אַ געטלעכער מאַן, זאָל אַראָפּ אַ פייער פון הימל און פאַרברענען דיך מיט דיינע פופציק. און אַ פייער פון הימל האָט אַראָפּגענידערט און פאַרברענט אים מיט די פופציק.

און דער קעניג האָט געשיקט צו אים אַן אַנדער האַר איבער פופציק מיט פופציק חיילות. און עס איז ווידער אַזוי געשען.

און דער קעניג האָט צום דריטן מאָל געשיקט אַ האַר איבער פופציק מיט זיינע פופציק מענטשן. און דער דריטער שר איבער פופציק איז געקומען און געקניט זיך אַנטקעגן אליהון און האָט זיך געבעטן ביי אים אַזוי צו זאָגן: געטלעכער מאַן, איך בעט דיך, אָט איז אַ פייער אַראָפּ און פאַרברענט די פריערדיקע צוויי הארן איבער פופציק און זייערע מענטשן. זאָל מיין נפש און די נפשות פון די דאָזיקע פופציק קנעכט זיין טייער אין דיינע אויגן.

און אַ מלאך האָט געזאָגט אליהון: גיי אַראָפּ, האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אים. און ער איז אַראָפּ און איז אַוועק צום מלך.

און ער איז געקומען צום מלך און געזאָגט צו אים: אַזוי האָט געזאָגט גאָט, ווייל דו האָסט געשיקט שלוחים צו פרעגן ביים בעל־זבוב, דער גאָט פון עקרון, דערפאַר וועסטו פון דעם בעט, וואָס דו ביסט אַרויף — נישט אַראָפּגיין. דו וועסט שטאַרבן.

דאָס איז די מעשה פון מלכים ב׳ א. און איצט די מעשה פון גמרא און מדרש:

„די מלוכה, די רוימישע, האָט געזוכט צו טויטן עולא דעם זון פון קישר.

איז ער אַנטלאָפן קיין לוד צו רבי יהושע בן לוי. דער מלך האָט געשיקט נאָך אים חיילות און זיי האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט און זיי האָבן געזאָגט: אויב איר וועט אים אונדז נישט איבערגעבן, וועלן מיר חרוב מאַכן די גאַנצע שטאָט. איז ר׳ יהושע אַוועק צו עולאן און האָט אים אויפגעקלערט און אים אַרויסגעגעבן צו זיינע חיילות. אליהו הנביא זכרונו לברכה (זכור לטוב) פלעגט זיך מתגלה זיין, אַנטפּלעקן זיך, צו אים, צו רבי יהושען. אָבער איצט איז ער מער צו אים נישט געקומען. האָט ער געפאַסט אַ סך תעניתים, האָט ער (אליהו) זיך צו אים באַוויזן און געזאָגט: — צו אַ מסור בין איך זיך נישט מתגלה — אַנטפּלעק איך זיך נישט. האָט ר׳ יהושוע צו אים געזאָגט: וואָס איז? האָב איך נישט געטאָן על פּי דין? ס׳איז דאָך אַ בפירושע משנה: אַ חברותא מענטשן, וואָס גויים האָבן צו איר געזאָגט: גיב אונדז איינעם פון אייך און מיר וועלן אים טויטן, און טאָמער נישט וועלן מיר אַלעמען הרגע־נען, דאַרפן זיך בעסער אַלע לאָזן אויסהרגענען און נישט אַרויסגעבן צו זיי קיין יידישן נפש. אָבער אויב זיי האָבן אָנגעוויזן אויף איינעם, אַזוי ווי מען האָט אָנגעוויזן אויף שבע בן בכרי. יואב האָט געזאָגט, אַז ער וויל חלילה נישט אויסהרגענען די גאַנצע שטאָט אָבל, נאָר ער וויל טויטן שבע בן בכרי, וואָס האָט מורד געווען קעגן דוד המלך — דעמאָלט זאָל די חברותא אַרויסגעבן דעם איינעם און זיך ראַטעווען.

האָט אליהו געענטפערט: דאָס איז דער דין פאַר געוויינטלעכע מענטשן, אָבער נישט פאַר חסידים, פאַר פרומע, פאַר מענטשן ווי דו, וואָס זענען מנהיגים ביי יידן (מדרש רבה, בראשית פרשה צ״ד, ס׳, און ירושלמי תרומות פרק שמיני, מ״ז, עמוד א׳. זיך באַנוצט אַממייסטן מיט דער ווערסיע פון ירושלמי).

ס׳איז דאָ באמת אַ תהום צווישן דעם אליהון פון תנ״ך און דעם אליהו פון מדרש און תלמוד. עס זענען דאָ פאַרשער, וואָס האַלטן פון דער השערה, אַז עס זענען געווען צוויי באַזונדערע נביאים — איינער אַ בייזער נביא, אַ כעסן, אַ קנאי, אַן אומגעדולדיקער און אַ שטרענגער. דער אַנדערער נביא איז געווען אַ מילדער, אַ גוטער, אַ בעל רחמים און אַ געדולדיקער. דאָס פאָלק האָט זיי ביידן אַ נאָמען געגעבן אליהו התשבי (זע רבי סעמועל א. סעגאַל, אליהו, אַ שטודיום אין יידישן פאָלקלאָר, ענגליש, זייט 5, 1935).

אָבער, זאָגט מיט רעכט רבי ס. מ. סעגאַל, ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז דאָס פאָלק זאָל פאַרבינדן דעם נאָמען אליהו התשבי מיט אַ פערזאָן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות צום אמתן תנ״כישן אליהו.

איך מיין, אַז מען קאָן דערקלערן די צוויי פאַרשיידענע אליהוס מיט דער גרויסער היסטאָרישער שליחות, וואָס אליהו האָט דורכגעפירט אין זיין אוי־

סערגעוויינלעכער פּערזענלעכקייט, דאָס האָט געלאָזן אַזאַ רושם אויפן פאָלק, אַז ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן שוין באַלד נאָך זיין טויט אין אַ לעגענדאַרי־שער געשטאַלט. אַרום אַזאַ לעגענדאַרישן העלד הערט מען קיינמאָל נישט אויף צו שפּינען לעגענדעס, און אַ סך אמתע מעשיות שרייבט מען צו צו אים. די מעשיות און לעגענדעס, וואָס מען וועבט אַרום אים אין פאַרשיידענע צייטן שפּיגלען אָפּ די באַגריפן פון פאַרשיידענע דורות. שוין די בעלי המדרש, וואָס האָבן געהאַט העכערע באַגריפן פון עטישער הנהגה ווי אין די צייטן פון אַחאָב האָבן זיי געזוכט, אין דער בייזקייט און קנאַישקייט, פון אליהו קערנדלעך פון רחמנות און איינזעעניש.

דער מדרש: — מען זאָגט אויף אליהון און הושען, אַז זיי זענען געווען אכזרים. חס ושלום, זיי זענען נישט געווען קיין אכזרים. דער אכזר האָט גאָר מציל געווען. מירן עס דערקלערן מיט אַ משל. ס'איז געווען אַ מלך, וואָס האָט פאַרמשפּט זיין זון צו פאַרברענט ווערן. וואָס האָט געטאָן דעם קעניגס בעל יועץ? ער האָט געגעבן אַן עצה דעם קעניג צו פאַרשפּאַרן זיין זון אין תפיסה און אים פריער אויסהונגערן און דערנאָך פאַרברענען.

דער בעל יועץ האָט געטראַכט — דער זון וועט הונגערן, דער טאַטע וועט רחמנות האָבן און זיין כעס וועט איינגעשטילט ווערן. אויך אליהו הנביא האָט געטראַכט: בעסער דריי יאָר הונגער ווי זיי זאָלן אינגאַנצן פאַרבלאָנ־דזשען און אומקומען. אַזוי האָט אליהו הנביא געבראַכט דעם הונגער אויף די יידן, ווייל ער האָט זיי ליב געהאַט. (ילקוט שמעוני, הושע תקלא).

אליהו הנביא אין תנ"ך האָט זיין פאַרפיקסירטע געשטאַלט — אַ האָ־ריקער אין אַ מאַנטל אַרומגעגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם גאַרטל. ער שטור־רעמט און לויפט פון אָרט צו אָרט, ער איז אין די מיטעלע יאָרן, אין זיין מענלעכער גבורה. אָבער אין מדרש, אין דער פאָלקס־מעשה באַווייזט ער זיך אין פאַרשיידענע געשטאַלטן. ער באַווייזט זיך אין אַזאַ געשטאַלט, וואָס דער באַדערפטיקער נייטיקט זיך. ער איז אַ בחור, אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, אַן אַלטער מאַן, אַ ייד, אַן אַראַבער, אַ רוימער, אַ פּרינץ, אַ קנעכט, אַ וואַנדערנ־דיקער בעטלער, אַ ציין־דאָקטאָר, און אַ מלאך, וואָס פליט הונדערטער מיילן אַ שעה.

ער אַנטפּלעקט זיך צו קראַנקע, צו אָרעמע, צו נויטבאַדערפטיקע, צו די, וואָס ליידן פון אַ ווייב אַ מרשעת, צו אַלע, וואָס זענען אין אַ צרה און אין אַ נויט. ער איז זיך אָבער אויך מתגלה צו די תלמידי חכמים, צו צדיקים און בכלל צו מענטשן, וואָס זענען ראוי. ער איז מגלה סתרי תורה צו די וואָס האָבן די זכיה און ער דערציילט זיי סודות פון הימל, וואָס דער כביכול טוט

אין יענער שעה. און באחרית הימים וועט ער פאַרענטפערן אַלע קשיות, וואָס אַלע דורות תלמידי חכמים האָבן געפרעגט און נישט געקאָנט פאַרענטפערן.

אליהו הנביא איז די וווּנדערבאַרסטע געשטאַלט אין יידישער געשיכטע — זיין געשטאַלט פאַרקערפּערט אין זיך דעם גאַנצן געדאַנקען־גאַנג פון יידישן פאָלק דורך אַלע דורות. אין אחאבס צייטן מיט קרוב ניין און צוואַנציק הונדערט יאָר צוריק האָט מען וועגן אים דערציילט ווונדער־מעשיות און עד היום וועבן אַרום אים מעשיות יידישע דערציילער און פּאָעטן.

צוערשט וועלן מיר דאָ דערציילן וועגן דעם היסטאָרישן אליהו הנביא דעם אליהו פון תנ״ך, זיינע אויפטואונגען און זיין ווירקונג, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיין דור. נאָך דעם וועלן מיר איבערגעבן אַ צאָל מעשיות פון דעם לעגענדאַרישן אליהו ווי די בעלי התלמוד און די בעלי המדרש האָבן אים געזען. צולעצט וועלן מיר ברענגען צוויי מוסטערן פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס וועט אָפּשפּיגלען די געשטאַלט פון אליהו הנביא פון פאַרצייטן ביז היינטיקן טאָג.

## דער קאַמף קעגן בעל

אין פסוק ווערט דערציילט אָן הקדמות און אָן פריערדיקע דערקלערונגען: „און אליהו דער תשבי, פון די איינוווינער פון גלעד, האָט געזאָגט צו אחאבן: ווי עס לעבט דער גאָט פון ישראל, וואָס איך בין געשטאַנען פאַר אים, אויב עס וועט גיין רעגן אָדער טוי אין די דאָזיקע יאָרן, סיידן לויט מיין באַפעל״ (מלכים א׳ י״ז, א).

פאַרוואָס האָט גאָט גוזר געווען אַז עס זאָל נישט רעגענען? וואָס האָט דערוועקט אליהוס כעס? אחאבס זינד איז דאָך נישט געווען גרעסער פון ירבעמס, פאַרוואָס האָט זיך דווקא איצט דערוועקט גאָטס צאָרן? עס ווערט נישט דערציילט אין תנ״ך.

מיר האָבן פריער דערציילט, אַז לויט די נייע תנ״ך־פאָרשער איז דער צאָרן פון אליהון געקומען ווייל חיאל האָט, מיט אחאבס צושטימונג, אויפגעשטעלט די מויערן אַרום יריחו, די שטאָט וואָס איז געווען חרם צום יידישן גאָט. אָבער דאָס איז דאָך נישט מער ווי אַ השערה. מיר האָבן געבראַכט דעם מדרש וואָס דערציילט, אַז אליהו האָט פאַרהאַלטן דעם רעגן, ווייל אחאב האָט אָפּגעלאַכט פון דער תורה. אָבער אַז דאָס איז נישט מער ווי אַן אגדה. אַן אגדה איז נישט קיין אָפּגעפּסקנטער דין, וואָס מוז אָנגענומען ווערן. אַ הלכה ווערט אָנגענומען פון דער מערהייט נאָך אַ וויכוח. אָבער אַן אגדה, אין מדרש אָדער אין תלמוד, איז די מיינונג פון אַ יחיד. ס׳איז בלויז אַ דרוש.

אַ בעל־אגדה קאָן נישט אַסרן אָדער מתיר מאַכן עפּעס. עס מיינט ער קאָן נישט פאַרבאָטן אָדער זאָגן אַז מען מעג עס טאָן. ער קאָן אויך נישט מטמא מאַכן עפּעס אָדער מטהר זיין, דערקלערן עפּעס ריין אָדער אומריין. (זע ירושלמי הוריות ג׳ — זה בעל אגדה שאינו לא אוסר ולא מתיר, לא מטמא ולא מטהר. זאָגט דער נבי משה: בעל אגדה, שאין לו שליטה באיסור והיתר ובדינין). אַן אגדה איז אַ דרוש, אַ משל אָדער אַ טראַדיציע פון וואָס מען קאָן אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל.

אויב מען וויל האָבן עטוואָס אַן אַנונג, וואָס עס האָט פּאַסירט אין אחאבס צייטן דאַרף מען איבערלייענען פאַרזיכטיק די קאַפּיטלעך זיבעצן, אַכצן און ניינצן פון מלכים א׳. מ׳קאָן פון זיי אַרויסשיילן די קערנדלעך פון היסטאָרישן אמת.

די נביאים האָבן זיך געשטעלט קעגן אחאבן, ווייל איזבל האָט איינגעפירט מיט זיין הסכמה עפנטלעכע עבודה זרה — די דינסט צום בעל. זי האָט פאַרפאָלגט די נביאים, אויסגעהרגעט די וואָס האָבן זיך אָפן געשטעלט קעגן איר, אָדער די וואָס זי האָט געקאָנט כאַפּן. אַ סך פון די שררות האָבן נישט געהאַלטן מיט איר און האָבן אויסבאַהאַלטן פון איר די נביאים פון גאָט. קלאָר איז פון די פסוקים, אַז די נביאים זענען געווען די וואָס האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף. איזבלן האָט נישט געאַרט, אַז עס זאָלן זיין אויך הייליקע ערטער און מזבחות צו גאָט, ווייל אין צידון זענען געווען אַ סך געטער. לויט איר שיטה האָט געקאָנט זיין נאָך אַ גאָט, אָדער נאָך אַ סך געטער.

אָבער די נביאים האָבן נישט נאָר באַקעמפט די בפרהסיהדיקע דינסט צום בעל נאָר אויך דעם גלויבן, וואָס די פּריסטער פון בעל האָבן באַטאָנט און געוואָלט איינפלאַנצן אין פאָלק, אַז בלויז דער בעל־געץ קאָן געבן רעגן און ברענגען שפע אין פעלד, ווייל דער בעל איז דער גאָט פון לאַנד פון כנען. בעל מיינט טאַקע באַלעבאָס, הערשער. די נאָכפאָלגער פון בעל האָבן געהאַלטן, אַז דער יידישער גאָט איז אַ פרעמדער אין לאַנד. ער איז דער גאָט פון מדבר, זיין וווינאָרט איז דער באַרג חורב. ער איז אַ גאָט פון מלחמה. ער גיט אַכטונג אויף אַ סך הצטרכותן פון פאָלק, אָבער ער האָט נישט קיין שליטה אויף רעגן און פרוכטבאַרקייט. ברענגען פרוכטבאַרקייט איז אין דעם רשות פון בעל.

די יידישע נביאים האָבן אָבער געהאַלטן אַז ס׳איז דאָ נאָר איין גאָט, דער יידישער גאָט, ער פירט מלחמה, ער גיט רעגן, ער פאַרהאַלט רעגן, ער גיט געזונט, לעבן, ער איז דער איינציקער הערשער אין דער וועלט. דער בעל, אָדער די אשרה זענען נישט קיין געטער, נישט זיי קאָנען טאָן גוט און נישט זיי קאָנען טאָן בייז״, זיי זענען נאָר שטיקער האָלץ — נישטיקייטן.

הונדערטער יאָרן האָבן די יידן אָנגעפירט אָט דעם קאַמף מיט די געצנ־דינער. העכער דריי הונדערט יאָר שפּעטער האָט דער נביא אין די צייטן פון כורש אָנגעפירט דעם זעלביקן קאַמף מיט די וואָס האָבן געהאַלטן מיט די פּערסיער אַז עס זענען דאָ שתי רשויות — צוויי געטער, אהורמאַז, דער גאָט וואָס ברענגט ליכט און גוטס אויף דער וועלט און אהארימאַן — דער גאָט וואָס ברענגט פינצטערניש און רשעות אויף דער וועלט. און גאָט זאָגט צום נביא: „איך בין גאָט און נישטאָ קיין אַנדערער, חוץ מיר זענען נישטאָ קיין געטער — איך באַשאַף ליכט און איך באַשאַף פינצטערניש, איך באַשאַף גוטס און איך באַשאַף שלעכטס. איך בין דער גאָט וואָס טו דאָס אַלץ" (ישעיה מ"ה ה, ז). דער קאַמף איז געווען אַזאַ ביטערער און לאַנגער אַז די חז"ל האָבן די פּסוקים אַריינגעשטעלט אין דאַוונען.

דאָס איז געווען די הויפּט־סיבה פון אליהוס קאַמף. עס האָט אויסגע־בראָכן אַ הונגער אין לאַנד. עס איז נישט געגאַנגען קיין רעגן. עס איז געווען אַ טריקעניש נישט נאָר אין ארץ־ישראל נאָר אויך אין צידון, ווי עס דער־ציילט דער פּסוק: „אליהו איז געקומען קיין צידון זאָגט ער צו דער פרוי: „ווייל אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער גאָט פון ישראל, דאָס טעפּל מעל וועט נישט אויסגיין און דער קרוג אייל וועט נישט ווערן ווייניקער ביז דעם טאָג וואָס גאָט וועט געבן רעגן אויף דער ערד" (מלכים א׳ י"ז י"ד). די יידישע נביאים האָבן געזאָגט אַז עס גייט נישט קיין רעגן און עס איז אַ הונגער אין לאַנד, ווייל גאָט האָט געצאָרנט אויפן לאַנד צוליב דעם דינסט צו בעל. דער גאָט פון ישראל איז דער, וואָס ברענגט רעגן, נישט דער בעל. און אליהו זאָגט צו אחאבן: עס וועט נישט גיין קיין רעגן סיידן לויט מיין וואָרט — פּאַרטייטשט עס מיט רעכט דער תרגום — „ביז גאָט וועט מיר זאָגן אַז עס וועט גיין רעגן". איזבלס פּריסטער האָבן אָבער געגלויבט און געזאָגט צו די יידן אַז נאָר דער בעל קאָן ברענגען רעגן.

דריי יאָר האָט אָנגעהאַלטן די טריקעניש. אליהו האָט דעמאָלט צונויפ־געקליבן די פּריסטער פון בעל און דאָס פאָלק און דערקלערט פאַר זיי, אַז דער גאָט, וואָס וועט אַראָפּברענגען אַ רעגן איז דער אמתער גאָט. און אליהו האָט זיי געוויזן אַ נס — ער האָט אַראָפּגעבראַכט אַ פייער פון הימל און די יידן האָבן אים געגלויבט, זיי האָבן גלייך אויפן אָרט אויסגעקוילעט די פּריסטער פון בעל און באַלד איז אַראָפּ אַ רעגן. אליהו האָט געוווּנען דעם קאַמף. דער יידישער גאָט האָט געגעבן רעגן, נישט דער בעל.

אָבער איזבל האָט זיך נישט אונטערגעגעבן און די נביאים האָבן נישט אויפגעגעבן דעם קאַמף קעגן איר. זיי האָבן אַזוי לאַנג געקעמפט קעגן איר און קעגן עמריס דינאַסטיע ביז עס איז זיי געלונגען צו זאַלבן אַ נייעם קעניג

— יהוא. ער האָט דערהרגעט די פּרעמדע פּרינצעסן און אויסגעראָטן עמרים דינאַסטיע.

דאָס זענען די היסטאָרישע פאַקטן אין די מעשיות וועגן אליהון. עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ קאַמף און איבערקערעניש האָט געווירקט אויף דעם פאָלקס פאַנטאַזיע און מען האָט אַרומגעוועבט די געשעעניש מיט לעגענדאַרישע געשעענישן.

די אַלע ניסים וואָס ווערן דערציילט וועגן אליהו הנביא זענען אמתע געשעענישן ווייל אַזוי האָבן די יידן געגלויבט און זיי האָבן די מופתים איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, יאָרן און יאָרן, ביז די מעשיות זענען פאַרשריבן געוואָרן. און דער טיפער אמת פון די מעשיות און די קינסטלערישע עכטקייט פון זיי ווירקן עד היום. פּאָעטן מאַכן לידער פון די מעשיות, דערציילער שרייבן זיי איבער און גיבן צו צו זיי זייערע אייגענע קנייטשן און מאָלערס מאָלן בילדער פון די העלדן פון די מעשיות. אָבער דער אָריגינאַל פון תנ״ך שטייגט זיי אַלעמען אַריבער. די מעשיות פון ספר מלכים זענען נאָך אַלץ די קינסטלערישסטע און קירצסטע. זאָגט פּראָפעסאָר ראָבערט פייפער אין זיין אַריינפיר צום תנ״ך (ענגליש):

— די אליהו מעשיות, וואָס זענען פאַרשריבן געוואָרן אין תנ״ך הונדערטער יאָרן פאַר אונדזער צייט־רעכענונג, זענען מייסטערווערק. סטיליסטיש זענען זיי וווּנדערבאַר. דעם מחבר איז געלונגען צו ווירקן אויף אַ בריליאַנטענעם אופן מיט די איינפאַכסטע שפּראַך־מיטלען. ער גיט איבער אַ קלאָר, לעבעדיק בילד פון דעם הונגער און שוידער צו יענער צייט. ער באַשרייבט נישט די אַגאָניעס פון די אויסגעהונגערטע מענטשן נאָר דורך זייטיקע קליינע סצענעס גיט ער איבער די ליידן און מאַטערניש פון די הונגער־יאָרן: ראָבן שפּייזן אליהון; בלויז אַ טעפּל מעל און אַ קריגל בוימל ראַטעווען אַ משפּחה; דער קעניג און זיין הויפּט־שררה גייען דורכן לאַנד ביי אַלע קוואַלן וואַסער און טייכן און זוכן גראָז, פאַר די עטלעכע איבערגעבליבענע פערד און מוילאייזלען. איבערהויפּט געלינגט דעם מחבר זיינע דיאַלאָגן. ער קאָן זיין איראָניש און סאַרקאַסטיש, אינטענסיוו דראַמאַטיש און קאָן איבערגעבן אַ סצענע איינפאַך קלאָר אין געציילטע ווערטער.

אָט דערפאַר וועלן מיר צוערשט געבן די מעשיות פון אליהון ווי זיי שטייען פאַרשריבן אין תנ״ך, אָן פליטערלעך און אָן באַפּוצונגען.

און אליהו פון דער שטאָט תישבה, וואָס איז לעבן גלעד, האָט געזאָגט צו אחאבן: ווי עס לעבט דער גאָט פון ישראל, וואָס איך בין געשטאַנען פאַר אים, אויב יאָרן וועט גיין רעגן אָדער נידערן טוי סיידן לויט מיין באַפעל.

און גאָטס וואָרט איז געווען צו אים אַזוי צו זאָגן: גיי פון דאַנען און

פאַרקער זיך צו מזרח און דו זאָלסט זיך באַהאַלטן ביים טייך כרית (קריס), וואָס איז ביים ירדן. פון דעם טייך וועסטו טרינקען און די ראָבן דאָרטן האָב איך באַפוילן דיך צו שפּייזן (אַנדערע טייטשן עורבים — סוחרים, אָדער מענטשן פון ערב (זע רד״ק, חולין ה׳ עמוד א׳ און די איבערזעצונג פון חרל״פ).

און ער איז אַוועק און געטאָן ווי גאָט האָט אים באַפוילן, ער האָט זיך באַזעצט ביים טייך כרית, וואָס איז לעבן ירדן און די ראָבן האָבן אים גע־בראַכט ברויט און פלייש אין דער פרי און ברויט און פלייש אין אָוונט און פון טייך האָט ער געטרונקען.

און עס איז אַריבער אַ צייט און דער טייך האָט אויסגעטריקנט, ווייל עס איז נישט געווען קיין רעגן אין לאַנד. און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו אים אַזוי צו זאָגן: שטיי אויף און גיי קיין צרפת (צאַרפאַס), וואָס גע־פינט זיך אין צידון און דאָרטן זאָלסטו זיך באַזעצן. איך האָב דאָרטן באַפוילן אַ פרוי אַן אלמנה דיך צו שפּייזן.

ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק קיין צרפת. און ווען ער איז אָנ־געקומען אין טויער פון שטאָט האָט ער געזען ערשט אַ פרוי אַן אלמנה קלייבט האָלץ, האָט ער זי אַ רוף געטאָן און געזאָגט צו איר: ברענג מיר, איך בעט דיך, אַ ביסל וואַסער אין אַ כלי, איך וויל טרינקען. ווי זי איז אַוועק ברענגען האָט ער זיך אָנגערופן און געזאָגט: נעם שוין אויך אַ שטיקל ברויט אין האַנט און ברענג מיר. האָט זי געזאָגט: איך שווער, ווי עס לעבט גאָט, דיין גאָט, אויב איך האָב עפּעס אַ ברויטל, נאָר אַ הויפן מעל אין טאָפּ און אַ ביסל אייל אין קריגל. אָט האָב איך געוואָלט אָנקלייבן אַ פּאָר שפּענדלעך און אָפּבאַקן עפּעס וואָס פאַר מיר און מיין זון. מיר ווילן אָפּעסן און דערנאָך וועלן מיר שטאַרבן (פון הונגער).

און אליהו האָט געזאָגט צו איר: זאָלסט נישט מורא האָבן. גיי טו ווי דו האָסט געזאָגט, נאָר צוערשט באַק אָפּ פאַר מיר אַ קליינעם קיכל און ברענג עס מיר אַרויס; און פאַר דיר און פאַר דיין זון וועסטו נאָכדעם אָפּבאַקן. ווייל אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער גאָט פון ישראל, דער טאָפּ מעל וועט זיך נישט אויסנעמען און דאָס אייל אין קריגל וועט נישט ווערן ווייניקער ביז דעם טאָג, וואָס גאָט וועט געבן רעגן אויף דער ערד.

און זי איז געגאַנגען און געטאָן ווי אליהו האָט איר געזאָגט. און זי און ער און איר הויזגעזינט האָבן געהאַט צו עסן טאָג־איין טאָג־אויס. דער טאָפּ מעל האָט זיך נישט אויסגענומען און דאָס אייל אין קרוג איז נישט ווייניקער געוואָרן, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט דורך אליהון.

און עס איז געווען נאָך די געשעענישן איז דער זון פון דער באַלעבאָסטע

קראַנק געוואָרן און זיין קראַנקייט איז געווען אַזוי שטאַרק אַז ער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין אָטעם (דער רד״ק זאָגט אַז עס איז אַ סברה אַז דאָס יינגל איז נישט געשטאָרבן, נאָר איז געווען פאַרחלשט און די מאַמע האָט געמיינט, אַז ער איז געשטאָרבן).

האָט די אלמנה געזאָגט צו אים: וואָס האָסטו געהאַט צו מיר, דו געט־לעכער מאַן? דו ביסט געקומען צו מיר צו דערמאָנען מיין זינד און צו טייטן מיין זון? (אין פאַרגלייך מיט דיר בין איך אַ זינדיקע אין גאָטס אויגן — רש״י).

האָט ער געזאָגט צו איר: גיב מיר דיין זון. און ער האָט אים גענומען פון איר שויס און אים אַראָפּגעטראָגן אין דעם אייבערשטיבל ווו ער האָט געוווינט און האָט אים אַוועקגעלייגט אויף זיין בעט. און ער האָט תפילה גע־טאָן צו גאָט און ער האָט געזאָגט: צי האָסטו אויך געבראַכט אַן אומגליק אויף דער אלמנה, וואָס איך וווין ביי איר, צו טייטן איר זון?

און ער האָט זיך אויסגעצויגן איבערן קינד דריי מאָל און האָט אויסגע־שריען צו גאָט און האָט געזאָגט: גאָט, מיין גאָט, איך בעט דיך. זאָל דאָס קינד צוריק געזונט ווערן.

און גאָט האָט זיך צוגעהערט צו דעם געבעט פון אליהון און דאָס קינד האָט אָ פּ ג ע ל ע ב ט און איז געזונט געוואָרן (זע רד״ק).

און אליהו האָט גענומען דאָס קינד און האָט עס אַראָפּגעטראָגן פון דעם אייבערשטיבל אין הויז אַריין און האָט עס איבערגעגעבן צו זיין מוטער און האָט געזאָגט: זע, דיין זון איז געזונט.

און די פרוי האָט געזאָגט צו אליהון: איצט ווייס איך, אַז דו ביסט אַ געטלעכער מאַן און ס׳איז אמת, אַז דאָס וואָרט פון גאָט איז אין דיין מויל.

און עס איז שוין אַוועק אַ לאַנגע צייט, און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו אליהון — אויפן דריטן יאָר — אַזוי צו זאָגן: גיי ווייז זיך פאַר־אחאבן און איך וועל געבן רעגן אויף דער ערד.

## די גמרא איז נישט צופרידן פון אליהוס קפדנות

ווען אחאב האָט געלעסטערט גאָט, האָט אליהו תפילה געטאָן און דער כביכול האָט אים איבערגעגעבן דעם שליסל פון רעגן און דער נביא איז אויפ־געשטאַנען און איז אַוועק ווי גאָט האָט אים באַפוילן און זיך באַהאַלטן ביים טייך כרית. און די ראָבן האָבן אים געבראַכט עסן. פון וואַנען האָבן זיי אים דאָס עסן געבראַכט? האָט געזאָגט ר׳ יהודה אין דעם נאָמען פון רב — פון

אחאבס קיך. און עס איז געווען אין אַ צייט אַרום האָט גאָט געזען, אַז עס איז דאָ אַ סך צער אויף דער וועלט צוליבן הונגער, האָט ער געוואָלט צוריק־נעמען ביי אליהון דעם שליסל פון רעגן. דערפאַר האָט ער צו אים געזאָגט: גיי קיין צרפת, וואָס איז אין צידון און דאָרטן האָב איך אָנגעזאָגט אַ פרוי אַן אלמנה זאָל דיך שפייזן. און נאָך דעם ווי דאָס איז געשען איז קראַנק גע־וואָרן דער אלמנהס זון און ער איז געשטאָרבן, און אליהו האָט געבעטן צו גאָט: גיב מיר דעם שליסל פון תחיית המתים, איך זאָל קאָנען לעבעדיק מאַכן דער אלמנהס זון. האָט גאָט געזאָגט צו אים: אַלע שליסלען פון מיינע אוצרות גיט איך איבער אין די הענט פון שליחים, אָבער דריי שליסלען — דעם שליסל פון האָבן קינדער, פון רעגן און פון תחיית המתים — האָב איך קיינמאָל נישט איבערגעגעבן צו קיין שליחים. דיר האָב איך איבערגעגעבן דעם שליסל פון רעגן. איצט ווילסטו דעם שליסל פון תחיית המתים. ווען איך זאָל דאָס טאָן וועט מען זאָגן: דער תלמיד האָט צוויי שליסלען און דער רבי האָט נאָר איין שליסל. האָט אליהו אָפּגעגעבן דעם כביכול דעם שליסל פון רעגן און גענומען דעם שליסל פון תחיית המתים. האָט ר׳ יוסי געדרשנט אין ציפורי: דער פאָטער אליהו איז געווען אַ בייזער מענטש, אַ קפדן. אליהו פלעגט זיין גע־וווינט צו קומען צו ר׳ יוסין. נאָך דער דרשה איז ער צו אים נישט געקומען דריי טעג. ווען ער איז געקומען צו אים, האָט ר׳ יוסי געזאָגט: פאַרוואָס האָט זיך דער האַר נישט באַוויזן צו מיר דריי טעג? האָט אליהו געענטפערט: דו האָסט דאָך מיר גערופן קפדן — בייזער מענטש. האָט ר׳ יוסי געזאָגט: נו, טאַקע, אייער נישט קומען צו מיר דריי טעג איז אַ סימן אַז דער האַר איז אַ בייזער, אַ קפדן. (סנהדרין קי״ג).

## אליהו ווייזט זיך צו אחאבן

און דער הונגער איז געווען שטאַרק אַפילו אין דער הויפּטשטאָט שומרון און אחאב האָט גערופן עובדיהון, וואָס איז געווען דער שררה איבערן פּאַלאַץ און געזאָגט צו אים:

— קום, לאָמיר דורכגיין דאָס לאַנד און זיך אָפּשטעלן ביי אַלע קוואַלן וואַסער און ביי אַלע טייכן, אפשר וועלן מיר געפינען גראָז צו דערהאַלטן ביים לעבן די פערד און די מויל־אייזלען, אַז מיר זאָלן נישט פאַרלירן די בהמות.

און זיי האָבן זיך צעטיילט דאָס לאַנד אין גיין: אחאָב איז געגאַנגען אַליין אין איין וועג און עובדיהו איז געגאַנגען אַליין אין אַן אַנדער וועג.

און ווי נאָר עובדיהו האָט זיך געלאָזט אין וועג, ערשט אליהו שטייט אים אַנטקעגן. און ער האָט אים דערקענט און ער איז געפאַלן אויף זיין פּנים און האָט געזאָגט: דאָס ביסטו, מיין האַר, אליהו? האָט ער אים געענטפערט: דאָס בין איך. האָט עובדיהו געזאָגט צו אים: — מיט וואָס האָב איך זיך פאַר־זינדיקט, וואָס דו ווילסט איבערגעבן דיין קנעכט אין אחאבס הענט מיך צו טייטן? ווי עס לעבט גאָט, דיין גאָט, אויב ס׳איז דאָ אַ פאָלק אָדער אַ קעניג־רייך, וואָס מיין האַר האָט נישט געשיקט אַהין כדי דיך צו זוכן. און זיי האָבן אַלע געזאָגט: דו ביסט נישטאָ. און ער האָט זיי געגעבן אַ שבועה, אַז זיי האָבן באמת דיך געזוכט און נישט געקענט געפינען. האָסטו זיך באַהאַלטן אויף אַ ניסימדיקן וועג. און איצט זאָגסטו: „גיי זאָג דיין האַר, אַז אליהו איז דאָ״. און אָט וועל איך אַוועקגיין פון דיר, און דער גייסט פון גאָט קען נאָך דיך פאַרטראָגן איך ווייס נישט וווהין, און אַז איך וועל קומען צו אחאבן און אים דערציילן, אַז איך האָב דיך געזען און ער וועט דיר נישט געפינען וועט ער מיך הרגענען. און דיין קנעכט איז געווען פרום פון קינדווייז אָן. געוויס איז דערציילט געוואָרן צו מיין האַר וואָס איך האָב געטאָן, ווען איזבל האָט אויס־געהרגעט די נביאים פון גאָט — איך האָב אויסבאַהאַלטן הונדערט נביאים, צו פופציק מאַן אין אַ הויל. איך האָב זיי אויסגעהאַלטן מיט ברויט און וואַ־סער. און דאָך הייסטו מיר גיין און זאָגן אחאבן, אַז אליהו איז דאָ, כדי ער זאָל מיך הרגענען.

האָט אליהו געזאָגט: ווי עס לעבט גאָט פון די חיילות, וואָס איך בין זיין נביא, אַז נאָך היינט וועל איך זיך ווייזן פאַר אחאבן.

און עובדיהו איז אַוועק און באַגעגנט אחאבן און האָט אים דערציילט, אַז ער האָט געזען אליהון. און אחאב איז אַוועק צו טרעפן אליהון. און עס איז געווען ווי אחאב האָט דערזען אליהון האָט ער צו אים געזאָגט: — דאָס ביסטו, עוכר ישראל, — דער וואָס האָט פאַראומגליקט ישראל? האָט אליהו געענטפערט: — נישט איך האָב פאַראומגליקט ישראל, נאָר דו און דיין פאָ־טערס הויז, וואָס איר האָט פאַרלאָזן די געבאָטן פון גאָט און איר זענט גע־גאַנגען נאָך די בעל־געצן. און איצט שיק און קלייב מיר צונויף גאַנץ ישראל אויפן באַרג כרמל און ברענג די פיר הונדערט און פופציק נביאים פון בעל און די פיר הונדערט נביאים פון דער געטין אשרה, וואָס עסן ביים טיש פון איזבלן.

און אחאב האָט אַזוי געטאָן. און אליהו האָט זיך געשטעלט פאַרן גאַנצן פאָלק און האָט געזאָגט: — ביז וואַנען וועט איר אַרומשפּרינגען אויף צוויי צווייגן? (ביז וואַנען וועט איר זיך וואַקלען צווישן צוויי אמונהס?) אויב גאָט איז גאָט, איז גייט נאָך אים און אויב עס איז דער בעל, גייט נאָך אים. און

דאָס פאָלק האָט נישט געענטפערט מיט קיין איין וואָרט. האָט אליהו געזאָגט:
— איך בין דאָ פאַרבליבן דער איין און איינציקער נביא צו גאָט. אָבער די נביאים פון בעל זענען פיר הונדערט און פופציק מאַן. זאָל מען אונדז געבן צוויי אָקסן און זאָלן זיי זיך אויסקלייבן איין אָקס און אים צעשניידן און אים אַרויפלייגן אויפן האָלץ, אָבער קיין פייער זאָלן זיי נישט אונטערלייגן. זאָלן זיי אויסקלייבן צוערשט ווייל זיי זענען דאָך די רבים — די פיל. איך וועל צירעכט מאַכן דעם צווייטן אָקס, אים אַרויפלייגן אויפן האָלץ און קיין פייער וועל איך נישט אונטערלייגן. און איר וועט רופן צו אייער גאָט און איך וועל רופן צו מיין גאָט. און עס וועט זיין דער גאָט, וואָס וועט ענטפערן מיט פייער איז ער גאָט.

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזאָגט: גוט גערעדט. און די נביאים פון בעל האָבן גענומען דעם אָקס, וואָס מען האָט זיי געגעבן און זיי האָבן אים צוגעגרייט.

דרשנט דער מדרש: דער פסוק זאָגט: „און די נביאים פון בעל האָבן גענומען דעם אָקס, וואָס מען האָט זיי געגעבן, וואָס מיינט „וואָס מען האָט זיי געגעבן"? מען האָט געזוכט און געפונען צוויי אָקסן אַ צווילינג, און מען האָט זיי געבראַכט אויפן באַרג כרמל און זיי אָוועקגע־שטעלט פאַר אליהון. האָט אליהו געוואָרפן גורל, וועלכער אָקס זאָל זיין פאַר די נביאים פון בעל און וועלכער אָקס זאָל זיין אַ קרבן צו גאָט. און די נביאים פון בעל זענען צוגעגאַנגען און געוואָלט נעמען דעם אָקס, וואָס איז אויסגע־פאַלן אויף אים זייער גורל, אָבער זיי האָבן אים נישט געקאָנט רירן פון אָרט. זיינע פיס האָבן זיך צוגעקלעפּט צו דער ערד. האָט אליהו געזאָגט צו אים: גיי מיט זיי. און דער אָקס האָט געעפנט זיין מויל און געזאָגט פאַר די אויגן פון אַלע יידן: פאַרוואָס קומט עס מיר? איך, און מיין ברודער דער אָקס, זענען פון איין מאַמען. מיר האָבן זיך געפּאַשעט אין איין און דעם זעלביקן פעלד. מיר האָבן געגעסן פון דער זעלביקער קאָרעטע. און דאָך איז אויף מיין ברודערס גורל אויסגעפאַלן צו זיין אַ קרבן צו גאָט און הייליקן זיין נאָמען, און אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו אָפּגעגבן ווערן צום בעל און דער־צאָרענען גאָט דעם האַר פון דער וועלט.

האָט אליהו געענטפערט און געזאָגט: — גיי מיט זיי, זאָלן די נביאים פון בעל נישט זאָגן, אַז ווען דו אליהו וואָלסט נישט פאַרכישופט דעם אָקס, וואָס איז אויסגעפאַלן פאַר אונדז על פי גורל, וואָלט דער בעל אונדז געענט־פערט מיט פייער.

האָט דער אָקס געענטפערט: — ניין, איך ריר זיך נישט פון אָרט, איך וויל נישט דערצאָרענען גאָט. האָט אליהו געזאָגט: — גיי מיט די פריסטער

פון בעל, ווייל אַזוי ווי גאָטס נאָמען וועט געגרויסט און געהייליקט ווערן דורך דיין ברודער, אַזוי וועט גאָטס נאָמען געגרויסט און געהייליקט ווערן דורך דיר.

האָט דער אָקס געזאָגט: — איך וועל זיך נישט רירן פון אָרט סיידן דו אַליין וועסט מיך איבערגעבן אין זייערע הענט.

און אליהו האָט אַזוי געטאָן. דערפאַר שטייט געשריבן: און זיי האָבן גענומען דעם אָקס, וואָס מען האָט זיי געגעבן. (מדרש רבה במדבר, כ״ג, ט׳ און ילקוט שמעוני מלכים א׳, רי״ד).

## דער נס אויפן באַרג כרמל

און די נביאים פון בעל האָבן געקוילעט דעם אָקס, אים צעשניטן און אַרויפגעלייגט אויפן האָלץ און האָבן גערופן צום בעל. און זיי האָבן גערופן צום געץ פון פרימאָרגן ביז מיטנטאָג, אַזוי צו זאָגן: — בעל, ענטפער אונדז! אָבער ס׳האָט זיך נישט געהערט קיין קול און קיין ענטפער. און זיי האָבן דורכגעפירט אַ שפרינגענדיקן טאַנץ אַרום דעם מזבח, וואָס זיי האָבן געמאַכט. אָבער קיין ענטפער איז נישט געקומען.

זאָגט דער ילקוט שמעוני: עס שטייט אין פסוק און זיי האָבן געשפרונגען אַרום דעם מזבח. פאַרוואָס האָבן זיי געשפרונגען אין זייער טאַנץ? דער ענטפער איז: אליהו האָט נישט געמאַכט דעם מזבח פון די נביאים פון בעל. זיי האָבן אים אַליין געבויט. און מיט דער הילף פון חיאל האָבן זיי דעם מזבח געמאַכט אַן אויסגעהוילטן — מיט אַ לאָך אין מיטן. פאַרוואָס? ווייל די פריסטער פון בעל האָבן דאָך געוווסט, אַז בעל איז נישט קיין גאָט און קאָן נישט אַראָפּברענגען קיין פייער פון הימל, האָבן זיי אַריינגעזעצט באַהאַלטענערהייט אַ פריסטער אין דעם אויסגעהוילטן מזבח. דער פריסטער איז געווען חיאל. זיי האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט דערהערן זייערע קולות, זאָל ער באַלד אָנצינדן דאָס האָלץ אונטערן אָקס. דערפאַר האָבן זיי געטאַנצט שפרינגענדיק אַרום דעם מזבח. זיי האָבן אַריבערגעשפרונגען די גרוב דורך וועלכער חיאל האָט געדאַרפט אַרויסגיין. אָבער גאָט האָט צוגעשיקט אַ שלאַנג און זי האָט געטייט חיאלן. (ילקוט שמעוני מלכים א׳, רי״ד). און ווען ס׳איז געקומען דער מיטנטאָג און קיין ענטפער האָבן די פריסטערס אַלץ נישט געקראָגן, האָט אליהו אָנגעהויבן אָפּשפעטן פון זיי און געזאָגט: — שרייט העכער! בעל איז דאָך אַ גאָט, וועט ער געוויס דערהערן. נאָר אפשר האָט ער זיך מיט עמעצן פאַררעדט, אָדער איז אַרויס אויף אַ ווייל, אפשר איז ער

אונטערוועגס. און אפשר שלאָפט ער גאָר; איז שרייט העכער וועט ער זיך אויפכאַפּן. און זיי האָבן געשריען הויך, און ווי זייער שטייגער איז, האָבן זיי זיך איינגעשניטן מיט די שווערדן און שפּיזן ביז בלוט האָט זיך געגאָסן פון זיי. און מיטנטאָג איז אַריבער און זיי האָבן אַלץ געזונגען און געטאַנצט און נביאות געזאָגט, אָבער גאָרנישט. און עס איז אָנגעקומען די צייט פון אָוונט־קרבן, אָבער עס האָט זיך נישט געהערט קיין קול, קיין ענטפער, ווייל ס'איז דאָך נישט געווען ווער עס זאָל הערן.

זאָגט דער מדרש: און אליהו האָט געזאָגט צו די פריסטער פון בעל: שרייט העכער, ווייל ער איז דאָך אַ גאָט. וואָס האָט דער כביכול געטאָן? ער האָט איינגעשטילט די גאַנצע וועלט. ער האָט איינגעשטילט די מלאכים און אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט. די גאַנצע וועלט איז געבליבן שטיין שטיל און שטום, ווי קיין אָטעם פון לעבן וואָלט אין איר נישט געווען. ווי דער פּסוק זאָגט: און עס האָט זיך נישט געהערט קיין קול, קיין ענטפער און קיין הע־רינג. וואָלט זיך געהערט וועלכער ס'איז רויש דורך דער צייט פון וויכוח צווישן אליהו און די פריסטערס, וואָלטן זיי געזאָגט, אַז דאָס האָט בעל גע־ענטפערט. (במדבר רבה, פרשה יתרו, כ"ט).

און ווען דער בעל האָט אַלץ נישט געענטפערט, האָט אליהו געזאָגט צום גאַנצן פאָלק: קום נעענטער אַהער. און דאָס גאַנצע פאָלק איז צו אים צוגע־גאַנגען. און ער האָט פאַרריכט דעם צעשטערטן מזבח (רש"י מאַכט אַז דאָס איז געווען דער מזבח, וואָס שאול האָט אויפגעשטעלט אויפן באַרג כרמל). און אליהו האָט גענומען צוועלף שטיינער, אַזוי ווי די צאָל שבטים, די קינ־דער פון יעקב, וואָס דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו אים אַזוי צו זאָגן: נישט יעקב וועט זיין דיין נאָמען נאָר ישראל. זאָגט דער מצודת דוד: ישראל מיינט דאָך „דו האָסט זיך געראַנגלט מיט גאָט און מיט מענטשן און דו האָסט זיי ביייגעקומען", זאָל איצט ביישטיין זיין זכות און ער זאָל זיגן איבער די פריסטער פון בעל.

און אליהו האָט אויפגעבויט פון די צוועלף שטיינער דעם מזבח צו גאָט און ער האָט געמאַכט אַ גראָבן רונד אַרום דעם מזבח און ער האָט אַרויפגע־לייגט דאָס האָלץ, צעשניטן דעם אָקס און אַרויפגעלייגט אויפן האָלץ. און ער האָט געזאָגט: פילט אָן די פיר קרוגן מיט וואַסער און גיסט אויפן קרבן און אויף דעם האָלץ. און זיי האָבן עס געטאָן. האָט ער זיי באַפוילן: טוט עס נאָכאַמאָל און זיי האָבן עס געטאָן אַ צווייטן מאָל. האָט ער געזאָגט: טוט עס אַ דריטן מאָל און זיי האָבן עס געטאָן אַ דריטן מאָל.

און דאָס וואַסער איז גערונען אַרום דעם מזבח און דער גראָבן איז אָנ־געפילט געוואָרן מיט וואַסער.

האָבן די חז״ל געדרשהנט: ווי לייגט זיך עס אויפן שכל אַז פון צוועלף קרוגן וואַסער האָט זיך אָנגעפילט דער גאַנצער גראָבן? נאָר וואָס זשע? אליהו האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים, ווער עס האָט וואַסער זאָל עס גיסן אויף מיינע הענט. איז אלישע געקומען און געגאָסן וואַסער אויף זיין רבין, אליהוס, הענט. און זיינע פינגער זענען געוואָרן קוואַלן וואַסער און אָנגעפילט דעם גראָבן מיט וואַסער. (ילקוט שמעוני מלכים א׳, רי״ד).

און עס איז געווען ווען עס איז געקומען די צייט ווען מען איז מקריב דעם אָוונט־קרבן, האָט אַליהו גענעענט צום מזבח און האָט געזאָגט: גאָט, דו גאָט פון אברהם, יצחק און ישראל, זאָל היינט באַוווסט ווערן, אַז דו ביסט דער גאָט פון ישראל און איך בין דיין קנעכט און לויט דיינע רייד האָב איך געטאָן די אַלע זאַכן. ענטפער מיר, גאָט, ענטפער מיר און זאָל דאָס פאָלק וויסן, אַז דו ביסט גאָט און מיט דעם נס וועסטו אָפּקערן זייער האַרץ פון בעל.

און אַ גרויסער פייער איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל און האָט פאַרברענט דעם קרבן, דאָס האָלץ, די שטיינער, די ערד און אַפילו דאָס וואַסער אין גראָבן האָט עס אויסגעלעקט.

ווען דאָס גאַנצע פאָלק האָט עס דערזען, זענען זיי געפאַלן אויף זייער פּנים און זיי האָבן געזאָגט: גאָט, ער איז גאָט! גאָט, ער איז גאָט!

האָט אליהו צו זיי געזאָגט: כאַפּט די נביאים פון בעל. קיין איינער פון זיי זאָל נישט אַנטרונען ווערן. האָבן זיי זיי געכאַפּט. און אליהו האָט זיי אַראָפּגעפירט צום טייך קישון און זיי דאָרטן אויסגעהרגעט.

און אליהו האָט געזאָגט צו אחאבן: גיי אַרויף, עס און טרינק, ווייל באַלד וועט זיך הערן דער גערויש פון אַ גרויסן רעגן.

און אחאב איז אַוועק צו עסן און טרינקען. און אליהו איז אַרויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ באַרג כרמל און האָט זיך אַוועקגעזעצט איינגעבויגן צו דער ערד און אַריינגעטאָן דעם פּנים צווישן די קני. און ער האָט געזאָגט צו דעם יונג, וואָס באַדינט אים: גיי אָקאָרשט אַרויף און טו אַ קוק צום ים צו. און דער יונג איז אַרויפגעגאַנגען און האָט אַ קוק געטאָן, זיך אומגעקערט און געזאָגט: ס׳איז גאָרנישט נישטאָ. האָט ער געזאָגט: גיי ווידער זיבן מאָל גיי. און עס איז געווען אויפן זיבעטן מאָל האָט ער געזאָגט: איך זע אַ קליין וואָלקנדל, די גרויס ווי די האַנט פון אַ מענטשן גייט אויף פון ים. האָט ער געזאָגט צום יונג: גיי זאָג אחאבן: שפּאַן און פאָר, כדי דער רעגן זאָל דיך נישט פאַרכאַפּן און פאַרהאַלטן.

און עס איז געווען איידער וואָס ווען, איז דער הימל שוואַרץ געוואָרן פון וואָלקנס, און עס איז געוואָרן אַ ווינט און עס איז אַראָפּ אַ גרויסער רעגן. אָבער אחאב איז רייטנדיק אָנגעקומען קיין יזרעאל.

און דער גייסט פון גאָט האָט גערוט אויף אליהון, און ער האָט פאַר־שטײפט זײנע לענדן מיט אַ גאַרטל און איז געלאָפן פאָרויס אחאבן ביז צום אַרײנגאַנג פון יזרעאל.

## אליהו אַנטלויפט פון איזבלן

און אחאב האָט דערציילט איזבלן אַלץ, וואָס אליהו האָט געטאָן. ער האָט איר דערציילט, אַז אליהו האָט אַראָפּגעבראַכט פייער פון הימל און ער האָט אויסגעהרגעט מיט דער שווערד אַלע נביאים פון בעל. און איזבל האָט געשיקט אַ שליח צו אליהון אַזוי צו זאָגן: איך שווער, זאָלן די געטער אַזוי מיר העלפן און געבן מיר נאָך מער גליק, אויב מאָרגן וועל איך נישט טאָן צו דיר דאָס, וואָס דו האָסט געטאָן צו יעדן איינעם פון זיי.

דער מדרש זאָגט, אַז אליהו האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן, זאָל ער בלײבן אין שומרון און זיך פאַרלאָזן אויף אַ נס צי נישט. האָט גאָט געזאָגט צו אים:

— מיט וואָס ביסטו בעסער פון דײנע אבות? יעקב איז אַנטלאָפן פון עשון, משה איז אַנטלאָפן פון פרעהן, דוד איז אַנטלאָפן פון שאולן, פאַרוואָס זאָלסטו זיי נישט נאָכטאָן? (פרקי דברי אליעזר הגדול פרק כ״ט).

און אליהו האָט דערזען, אַז זיין לעבן איז אין סכנה, איז ער אויפגע־שטאַנען און איז אַוועק און איז געקומען קיין באר שבע, וואָס געהערט צו יהודה. און ער האָט דאָרטן איבערגעלאָזן זיין יונג, וואָס האָט אים באַדינט, און ער אַליין איז אַוועק אין מדבר איין טאָג גאַנג. און ער איז געקומען און האָט זיך געזעצט אונטער אַ בעזעמביימל און געבעטן אויף זיך דעם טויט. ער האָט געזאָגט: גענוג, איך קאָן שוין מער נישט ליידן, איצט, גאָט, נעם צו מײן לעבן, ווייל איך בין נישט בעסער פון מײנע עלטערן.

די יידישע מפרשים זאָגן: עס ווייזט אויס, אַז אליהו האָט שוין דעמאָלט געלעבט לענגער ווי זײנע עלטערן. און דאָס קאָן זיין אַ ראיה, אַז אליהו איז עס פנחס (רד״ק).

און ער האָט זיך געלייגט און איז איינגעשלאָפן אונטער דעם בעזעמ־ביימל און אַ מלאך איז געקומען און אים אָנגערירט, אים אויפגעוועקט און געזאָגט צו אים: שטיי אויף און עס.

און אליהו האָט זיך אַרומגעקוקט, ערשט ביי אים צוקאָפּנס ליגט אַ קוכן, וואָס מען באַקט אויף אָנגעברענטע שטיינער, און אַ קרוג וואַסער. האָט ער גענומען און געגעסן און געטרונקען און זיך ווידער געלייגט. און דער מלאך

פון גאָט איז געקומען אַ צווייט מאָל און האָט אים ווידער אָנגערירט און געזאָגט: שטיי אויף און עס, ווייל דו האָסט אַ ווייטן וועג פאַר דיר. און ער איז אויפגעשטאַנען און האָט געגעסן און געטרונקען. און ער האָט זיך געלאָזן אין וועג און ער איז געגאַנגען מיט דעם כוח פון דעם דאָזיקן עסן פערציק טעג און פערציק נעכט. און ער איז אָנגעקומען צום באַרג פון גאָט — צום באַרג חורב. אין ער איז דאָרטן אַריינגעגאַנגען אין אַ הייל און דאָרטן גענעכטיקט. און דאָס וואָרט פון גאָט איז געקומען צו אים און געזאָגט:

— וואָס טוסטו דאָ, אליהו? און ער האָט געענטפערט:

— איך האָב זיך אָנגענומען מיט קנאות פאַר דיר, גאָט פון חיילות, ווייל פאַרלאָזן דיין בונד האָבן די קינדער פון ישראל. דיינע מזבחות האָבן זיי צעשטערט, און דיינע נביאים האָבן זיי אויסגעהרגעט מיטן שווערד און נאָר איך אַליין בין געבליבן, און זיי האָבן אויך געוואָלט מיין לעבן צונעמען.

האָט ער געזאָגט צו אים: — גיי אַרויס און שטעל זיך אויפן באַרג און וואַרט אויף גאָט.

און אליהו איז אַרויס און געוואַרט גאָט זאָל אים גיין פאַרביי, און ס'איז אָנגעקומען אַ שטאַרקער, גרויסער שטורעם, וואָס רייסט בערג און ברעכט פעלדזן פאַר גאָט — אָבער נישט אין שטורעם איז געווען גאָט. און נאָך דעם שטורעם איז אָנגעקומען אַן ערדציטערניש — אָבער נישט אין דער ערדציטערניש איז געווען גאָט. נאָך דער ערדציטערניש איז אָנגעקומען אַ פייער — אָבער נישט אין פייער איז געווען גאָט. נאָך דעם פייער האָט זיך דערהערט אַ קול — אַ שטיל גערויש. און עס איז געווען, ווי אליהו האָט עס דערהערט האָט ער איינגעהילט זיין פּנים אין מאַנטל און האָט זיך געשטעלט אין אַרויסגאַנג פון הייל. און אַ קול איז געקומען צו אים און געפרעגט: — וואָס טוסטו דאָ, אליהו?

און אליהו האָט ווידער געענטפערט דאָס זעלביקע ווי פריער:

— איך האָב זיך אָנגענומען מיט קנאות פאַר דיר, גאָט פון די חיילות, ווייל פאַרלאָזן דיין בונד האָבן די קינדער פון ישראל. דיינע מזבחות האָבן זיי צעשטערט און דיינע נביאים האָבן זיי אויסגעהרגעט מיטן שווערד און נאָר איך אַליין בין געבליבן, און זיי האָבן אויך מ'יין לעבן געוואָלט צונעמען.

און גאָט האָט געזאָגט צו אים:

— גיי, קער זיך אום אויף דיין וועג צום מדבר דמשק און, אַז דו וועסט אַהין קומען זאָלסטו זאַלבן חזאלן פאַר אַ קעניג איבער ארם. און יהוא דעם זון פון נימשין זאָלסטו זאַלבן פאַר אַ מלך איבער ישראל. און אלישע דעם זון פון שפטן זאָלסטו זאַלבן פאַר אַ נביא אויף דיין אָרט. און עס וועט זיין, דער וואָס וועט אַנטרינען פון דער שווערד פון חזאל, וועט אים טייטן יהוא, און

דער וואָס וועט אַנטרינען פון יהואס שווערד, וועט אים טייטן אלישע. און איך וועל איבערלאָזן אין ישראל בלויז זיבן טויזנט — אַלע קני וואָס האָבן זיך נישט געבויגן פאַר בעל און יעטוועדע מויל, וואָס האָט אים נישט געקושט.

דרשהנט דער מדרש: די חז״ל דרשהנען די פסוקים ווי אַ בינטל בשמים. די בעלי התלמוד און איבערהויפּט די בעלי מדרש האָבן איבערגעשאַצט די מעשיות פון אליהו הנביא און צוגעפּאַסט די פסוקים צו זייער צייט. חלילה, זיי האָבן נישט געענדערט קיין אות פון פסוק, אָבער זיי האָבן אַריינגעטייטשט זייער וועלט־באַנעם אין די אַלטע פסוקים. און איר קאָנט נישט זאָגן: ווו איז מער אַנטפּלעקט גאָטס וואָרט, אין די פסוקים פון תנ״ך אָדער אין די דרשות פון די חז״ל? אלו ואלו דברי אלקים חיים —ביידע זענען די ווערטער פון לעבעדיקן גאָט.

ווען אליהו איז אַנטלאָפן פון איזבלן, איז ער אָנגעקומען צום באַרג חורב, האָט ער זיך געשטעלט אין פעלדזן־שפּאַלט ווו משה רבנו איז געשטאַנען און געבעטן רחמים אויף די יידן, ווען זיי האָבן געזינדיקט מיטן עגל, מיט דער גאָלדענער קאַלב. גאָט האָט זיך צו משהן אַנטפּלעקט אַ דערבאַרעמדיקער, אַ גנעדיקער, איינגעהאַלטן אין צאָרן און פול מיט חסד און געטריישאַפט. און גאָט האָט געפרעגט אליהון: מה לך פה? וואָס טוסטו דאָ? אליהו האָט גע־דאַרפט ענטפערן: רבונו של עולם, די קינדער פון ישראל זענען דיינע קינ־דער, וואָס דו שטעלסט זיי צו נסיונות און זיי האַלטן אויס דעם נסיון, ווייל זיי זענען דאָך די געטרייע קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, וואָס האָבן שטענדיק געטאָן דיין ווילן, דיין רצון, אויף דער וועלט. אָבער נישט נאָר האָט עס אליהו נישט געזאָגט, נאָר ער האָט גאָר געזאָגט: קנא קנאתי לה׳ אלקי צבאות — איך האָב זיך אָנגענומען מיט קנאות, מיט צאָרן, מיט איי־פערזיכטיקייט פאַר דעם גאָט פון חיילות. און אליהו האָט אָנגעהייבן מקטרג זיין, ריידן שלעכטס אויף יידן. ער האָט געזאָגט: כי עזבו בריתך — זיי האָבן אויפגעהערט אַפילו מל צו זיין זייערע קינדער.

האָט דער רבונו של עולם געענטפערט אליהון:

— דו ביסט רק פול מיט קנאות פאַר מיר. אַלע מאָל אַזוי. נישט גוט האָסטו געטאָן. ווען דו ביסט געווען פנחס האָסטו זיך אָנגענומען פאַר מיר ווייל יידן האָבן מזנה געווען, איצט ביסטו פול מיט קנאות צוליב ברית מילה. איך שווער, אַז יידן וועלן נישט פּראַווען קיין ברית מילה, סיידן דו וועסט עס זען מיט דיינע אייגענע אויגן.

דערנאָך האָבן די חז״ל איינגעפירט, אַז ביי יעדן ברית זאָל זיין אַ כסא של אליהו, אַ שטול פאַר אליהון. (פרקי דר׳ אלעזר הגדול, פרק ב״ט, זע ביאור הרדל, סימן ס״ד).

דער ילקוט שמעוני און דער תנא דבי אליהו זוטא ברענגען אַ סך שאַר־פערע רייד, וואָס גאָט האָט גערעדט צו אליהון:

און דער נביא האָט געזאָגט: קנא קנאתי לה׳ אלקי צבאות — איך האָב מ׳יט קנאות זיך אַנגענומען פאַר דעם גאָט פון די חיילות, האָט דער רבונו של עולם אָנגעהייבן ריידן ווייכע, האַרציקע רייד צו אים: „הער נאָר, אליהו, ווען איך האָב זיך אַנטפּלעקט צו געבן די תורה צו יידן האָבן מיך באַגלייט נאָר די מלאכים, וואָס ווינטשן יידן גוטס. און דו רעדסט שלעכטס אויף יידן״. אָבער אליהו האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. האָט גאָט געוואַרט דריי שעה. גאָט האָט אים געוויזן אַז ער איז נישט אין קיין שטורעם, נישט אין קיין ערדציטערניש, נישט אין קיין פייער, נאָר אין אַ דין שטיל קול. אָבער אליהו האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס — קנא קנאתי! האָט גאָט געזאָגט צו אים: יידי־שע מנהיגים דאַרפן זיין פאַרזיכטיק און נישט ריידן קיין שלעכטס אויף מיינע קינדער. משה האָט געזאָגט צו די יידן: שמעו נא המורים (במדבר כ״ו) — הערט אָקאָרשט איר ווידערשפּעניקע, האָב איך אים באַשטראָפט און ער האָט נישט זוכה געווען אַריינצופירן זיי אין צוגעזאָגטן לאַנד. ישעיה האָט געזאָגט: ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב (ישעיה ו׳ ה׳) און צווישן אַ פאָלק מיט אומריינע ליפּן זיץ איך — האָב איך אים באַלד באַשטראָפט: איינער פון די שרפים האָט אים צוגערירט צו זיין מויל אַן אָנגעברענט שטיין. אַ מויל וואָס רעדט שלעכטס אויף יידן דאַרף צוגעמאַכט ווערן. און דו, אליהו, ברענגסט מסירות אויף יידן, דערפאַר קאָנסטו מער נישט זיין קיין נביא ביי מיר. גיי און זאַלב אלישען פאַר אַ נביא.

און נאָך בייזער האָט גאָט גערעדט צו אים. גאָט האָט געזאָגט צו אליהון:

— מה לך פה? — וואָס איז דיין עסק, וואָס יידן זינדיקן? גיי קיין דמשק.

וואָס האָט גאָט געמיינט מיט די רייד?

— דו, אליהו, זאָגסט אַז יידן דינען צו עבודה זרה, בעסער גיי קיין דמשק און זע. דאָרט געפינען זיך דריי הונדערט און פינף און זעכציק מערק. אין יעדן מאַרק איז דאָ אַן אַנדער עבודה זרה. אַן עבודה זרה פאַר יעדן טאָג פון יאָר. האָסטו דאָך זיך געדאַרפט באַקלאָגן אויף זיי, רעדסטו גאָר שלעכטס אויף יידן. מסרסט אויף זיי. דערפאַר קאָנסטו מער נישט זיין קיין נביא ביי מיר. גיי זאַלב אלישען. ער וועט פאַרנעמען דיין אָרט.

# אליהו הייליקט אלישען פאַר אַ נביא

גאָט האָט אָנגעזאָגט אליהון, אַז איידער ער ווערט אויס נביא דאַרף ער דורכפירן דריי שליחותן: זאָלבן חזאלן פאַר אַ קעניג איבער ארם, יהוא בן נימשי זאָלבן פאַר אַ מלך איבער ישראל און זאָלבן אלישען פאַר אַ נביא אויף אליהוס אָרט.

אליהו האָט נאָר אויסגעפירט איין שליחות — געזאַלבט אלישען פאַר אַ נביא און אלישע האָט מיט דעם רבינס כוח הרשאה — פולמאַכט — דורכגעפירט די אַנדערע צוויי שליחותן.

— און אליהו איז אַוועק פון באַרג חורב און איז געגאַנגען צו געפינען אלישען דעם זון פון שפטן. און ער האָט אים געטראָפן אין פעלד ווי ער אַקערט. מיט צוועלף פאָר אָקסן האָט מען געאַקערט דאָס פעלד. מיט עלף פאָר האָבן געאַקערט באַדינער און ער אַליין, אלישע, האָט געאַקערט מיט דעם צוועלפטן געשפאַן.

און אליהו איז צוגעגאַנגען צו אים און אַרויפגעוואָרפן זיין מאַנטל אויף אים. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז אלישע איז באַשטימ'ט געוואָרן פאַר אַ נביא.

און אלישע האָט איבערגעלאָזן די אָקסן אין מיטן אַקערן און איז נאָכגעלאָפן אליהון און געזאָגט צו אים:

— איך בעט דיך, לאָמיך גיין און קושן מיין פאָטער און מוטער (עס מיינט זעגענען זיך מיט זיי) און דערנאָך וועל איך גיין נאָך דיר.

קאָנטיק, אַז דאָס האָט דעם אַלטן נביא פאַרדראָסן. ער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין ווייב און קינד און מיר הערן נישט פון זיין טאַטע־מאַמע, האָט נישט געקאָנט פאַרליידן וואָס, אין אַזאַ געהייליקטן מאָמענט, ליגט דעם נייעם נביא אין זינען זיך גיין זעגענען מיט משפחה. אָט דאָס איז דער צוקונפטיקער יונגער נביא וואָס פאַרבייט אים? אָט דער אָ וועט עס זיין דער שליח פון גאָט וואָס מיט זיין פראַכט איז פול די גאַנצע וועלט? און אליהו זאָגט:

— וואָס האָב איך דיר געטאָן? גיי קער זיך אום.

און דער פסוק טייט אָן, אַז אלישע האָט פאַרשטאַנען אליהוס פאַרדרוס. און דער יונגער נביא ווייזט דעם רבין, אַז ער פאַרשטייט די גרויסקייט און הייליקייט פון זיין שליחות. ניין, ער איז שוין מער נישט צוגעבונדן צו טאַטע־מאַמע, צו פעלד און רינד.

— און אלישע האָט זיך אומ'געקערט און גענומען דעם געשפאַן אָקסן,

ער האָט געשאָכטן די רינדער און מיט דעם האָלץ פון געשפּאַן האָט ער אָפּגעקאָכט זייער פליייש און האָט געגעבן די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין פעלד, און זיי האָבן געגעסן.

ניין, ער איז נישט געגאַנגען זיך געזעגענען מיט טאַטע־מאַמע.

— און ער איז אַוועק מיט אליהון און ער האָט אים באַדינט.

## דריי שליחותן

ווען אליהו איז געווען אויפן באַרג חורב האָט אים גאָט איבערגעגעבן דריי שליחותן: צו זאַלבן אַ נייעם קעניג אויף ארם, צו זאַלבן אַ נייעם קעניג אויף ישראל און צו זאַלבן אַ נייעם נביא. אליהו האָט אויסגעפירט בלויז איין שליחות — ער האָט באַשטימט אלישען פאַר אַ נביא. די אַנדערע צוויי שליחותן האָט אויסגעפירט אלישע. אַלע מפרשים, די מאָדערנע און די אַלטע, די יידישע און נישט־יידישע, וווּנדערן זיך, וואָס דער פסוק פאַרשווייגט אינגאַנצן די סתירה. די אליהו־מעשה אויפן באַרג חורב ווערט אָפּגעהאַקט אין מיטן. מיר האָבן פריער דערציילט ווי דער מדרש און די גמרא דרשהנען די פסוקים.

די מאָדערנע תנ״ך־פאָרשער זאָגן, אַז אליהו האָט טאַקע אויסגעפירט די דריי אָנזאָגונגען, נאָר דער צוזאַמענשטעלער פון ספר מלכים, וואָס האָט לויט זייער טעאָריע, געלעבט אין דער צייט פון גלות בבל און אפשר נאָך שפּעטער, האָט צוליב געוויסע סיבות, וואָס פאַר אונדז זענען זיי נישט קלאָר, צוגעשריבן אַ סך מעשים פון אליהו צו אלישען (אינטראָדאַקשן טו דהי ניו־טעסטאַמענט ביי ראָבערט פפייפער, ז׳ 405). אַ יידישער ביבל־קריטיקער באַהויפּטעט: „ס׳איז קיין שום ספק נישט, אַז דער מחבר פון ספר מלכים האָט דורך אַ טעות צונויפגעמישט צוויי באַזונדערע ענינים, וואָס האָבן קיין שום שייכות נישט איינער מיטן אַנדערן. אליהו הנביאס געשפּרעך מיטן כביכול אויפן באַרג חורב ווערט אָפּגעהאַקט אין מיטן. ווי עס ווייזט אויס, איז גאָטס ענטפער צו אליהון נישט געפעלן געוואָרן דעם צוזאַמענשטעלער פון ספר מלכים, האָט ער עס אויסגעלאָזן און אַריינגעשטעלט אַן אַנדער סיפור (שמעון ברנפלד, מבוא לכתבי הקודש, ז. קט״ו).

די יידישע מפרשים דערקלערן דעם ענין פשוטער און, מיר דוכט זיך, מער שכלדיק: אליהו האָט שוין מער נישט געוואָלט זיין קיין נביא. ער האָט דאָך געזאָגט: רב, עתה ה׳ קח נפשי (מלכים א׳, י״ט ד׳) — גענוג, מער קאָן איך נישט. ווען ער האָט געזאַלבט אלישען, האָט ער אים אָפּגעזאָגט אויסצופילן די אַנדערע צוויי שליחותן. וויבאַלד אַז אלישע האָט עס אויסגעפירט מיט

דעם כוח־הרשאה, מיט דער פולמאַכט, פון אליהון, איז עס ווי אליהו אַליין האָט עס געטאָן (זע רד״ק און רלב״ג מלכים א׳ קאַפיטל כ׳ פסוק ט״ו).

לפי עניוות דעתי, האָט אליהו נישט אויסגעפירט די צוויי שליחותן: צו זאַלבן חזאלן אויף ארם, וואָס האָט געבראַכט אַ סך צרות אויף יידן, און צו זאַלבן יהוא אויף ישראל, וואָס האָט אויסגעראָט עמריס דינאַסטיע, ווייל כ׳איז נאָך נישט פאַרפולט געוואָרן די מאָס פון זינד פון אחאבן. די צוויי שליחותן זענען געווען נבואות פון אומגליק. אַלע פורעניות־נבואות ווערן גע־געבן אויף אַ תנאַי: אויב מען וועט נישט תשובה טאָן. מיר געפינען אין פּסוק, אַז ווען גאָט האָט געזאָגט צו ירמיהון צו האַלטן די נבואה וועגן הורבן פון בית המקדש (ירמיהו ז׳), האָט ירמיהו נישט געהאַלטן באַלד, תיכף, די נבואה. ערשט ווען דער מלך יהויקים האָט געהרגעט דעם נביא אוריהו, האָט ירמיהו געהאַלטן די נבואה (זע קאַפיטל כו פסוק כ״ז, רש״י). דאָ האָט אויך פּאַסירט דאָס זעלביקע. אליהו האָט געוואַרט צו זען, וואָס וועט אחאב ווייטער טאָן. ערשט ווען אחאב האָט נישט תשובה געטאָן און אחאבס זון אחזיה איז גע־גאַנגען פרעגן דעם בעל־זבוב — דעם געץ פון עקרון, און נישט דעם יידישן גאָט, איז געקומען די צייט אויסצופירן די צוויי שליחותן. דעמאָלט איז שוין אלישע געווען נביא. און ס׳איז נישט קיין צופאַל וואָס די אליהו־מעשיות ווערן איבערגעריסן מיט די סיפּורים וועגן אחאבס מלחמות. ווייל ווי עס ווייזט אויס איז דעמאָלט איינגעשטעלט געוואָרן אַ שלום צווישן די נביאים און אחאבן, ווי מיר וועלן עס באַלד זען קלאָר אין די פסוקים. אָבער דער שלום האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, אחאב האָט נישט אויסגעפאָלגט די נביאים. באַלד נאָך די מלחמות איז געקומען די מעשה מיטן ווייננאָרטן פון נבות דעם יזרעאלי, וואָס אחאָב האָט אַוועקגערויבט. דעמאָלט איז אָנגעפילט געוואָרן די מאָס פון זינד פון אחאבן און אליהו האָט געהאַלטן די נבואה פון אויסראָטן די עמרי־דינאַסטיע. און ווייל אחאב האָט זיך אונטערגעגעבן, איז די שטראָף אָפּגעלייגט געוואָרן. זי איז געקומען אין זיין זונס צייט. דעמאָלט איז שוין געווען נביא אלישע.

## די ערשטע מלחמה מיט ארם

און בן הדד, דער מלך פון ארם, האָט צוזאַמענגעקליבן זיין גאַנצן חייל און מיט אים זענען געווען צוויי און דרייסיק מלכים און פערד און רייטער, און ער איז אַרויפגעגאַנגען און באַלאַגערט שומרון און מלחמה געהאַלטן מיט איר. און ער האָט געשיקט שלוחים צו אחאָבן דעם מלך פון ישראל און זיי

זאָלן זאָגן צו אים: אַזוי האָט געזאָגט בן הדד: דיין זילבער און דיין גאָלד איז מיינס, דיינע ווייבער און דיינע שענסטע קינדער זענען מיינע.

האָט געענטפערט דער מלך פון ישראל און האָט געזאָגט: ס'איז אַזוי ווי דו האָסט געזאָגט: איך בין אונטערטעניק צו דיר.

און די שלוחים האָבן זיך אומגעקערט פון בן הדדן און געזאָגט צו אחאבן: אַזוי האָט געזאָגט בן הדד: ווען איך האָב געזאָגט: דיין זילבער און דיין גאָלד איז מיינס, דיינע ווייבער און דיינע שענסטע קינדער זענען מיינע, האָב איך נישט געמיינט, אַז דו זאָלסט בלייבן בלויז אונטערטעניק צו מיר. נאָר, דיין זילבער, דיין גאָלד און דיינע ווייבער און דיינע טעכטער זאָלסטו מיר טאָקע אַוועקגעבן. און מאָרגן וועל איך שיקן מיינע קנעכט און זיי וועלן דורכזוכן דיין הויז און די הייזער פון דיינע קנעכט און אַלץ, וואָס וועט זיי געפעלן ווערן, וועלן זיי אַוועקנעמען.

און דער קעניג פון ישראל האָט צונויפגערופן אַלע עלטסטע פון ישראל און געזאָגט צו זיי: ער זוכט צו טאָן אונדז שלעכטס, ער וויל נישט קיין שלום. ער פאַרלאַנגט אַזוינס וואָס מען קאָן נישט נאָכגעבן.

האָבן די עלטסטע פון ישראל און דאָס גאַנצע פאָלק געזאָגט: זאָלסט אים נישט הערן און נישט מסכים זיין.

און אחאב האָט געזאָגט צו די שלוחים פון בן הדד: — גייט און זאָגט צו אייער האַר, דאָס וואָס דו האָסט צוערשט געפאָדערט צו ווערן אונטערטעניק און צאָלן צינזן וועל איך נאָכגעבן. אָבער לאָזן דיך צו טאָן וואָס דו ווילסט אין מיין מדינה, דאָס קאָן איך נישט טאָן.

זענען די שלוחים געקומען צו בן הדדן און אים געבראַכט אחאבס ענטפער. און בן הדד האָט געשיקט צו אחאבן און געזאָגט: — זאָלן מיר אַזוי העלפן די געטער און געבן מיר נאָך מער גליק, אויב די ערד פון שומרון וועט קלעקן צו גיבן יעדן איינעם פון מיינע זעלנער אַ הויפן שטויב.

און דער מלך פון ישראל האָט געענטפערט: — זאָגט אים, אַז דער וואָס גורט אָן די שווערד צו גיין אין שלאַכט, זאָל זיך נישט באַרימען ווי דער וואָס בינדט זי אָפּ, ווען ער קומט אַ זיגער פון שלאַכט. און בן הדד און אַלע זיינע מלכים, וואָס האָבן געלאַגערט איןביידלעך האָבן דעמאָלט געשיכורט. ווען ער האָט דערהערט אחאבס רייד, האָט ער באַפוילן:

— שטעלט זיך אויס צו באַפאַלן די שטאָט. און זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט. און אַ נביא איז צוגעגאַנגען צו אחאבן, דעם קעניג פון ישראל, און האָט געזאָגט צו אים: — זעסטו, אָט דעם גרויסן המון? איך וועל אים איבערגעבן אין דיין האַנט נאָך היינט. און דו וועסט וויסן אַז איך בין גאָט. און אחאב האָט געזאָגט: דורך וועמען? און דער נביא האָט געענטפערט: אַזוי

האָט גאָט געזאָגט: דורך די יונגען, וואָס באַדינען די לאַנד־שררות. און אחאב האָט געזאָגט צום נביא: — ווער זאָל עפענען די שלאַכט? און דער נביא האָט געענטפערט: דו! און אחאב האָט איבערגעציילט די יונגען וואָס באַדינען די לאַנד־שררות, און זיי זענען געווען צוויי הונדערט און צוויי און דרייסיק. נאָך זיי האָט ער איבערגעציילט דאָס גאַנצן פאָלק — זיבן טויזנט.

און די יונגען זענען אַרויסגעגאַנגען אין מיטן טאָג און בן הדד האָט אַלץ נאָך געשיכורט מיט די צוויי און דרייסיק מלכים, וואָס האָבן אים גע־האָלפן. און מען האָט אים אָנגעזאָגט: מענטשן זענען אַרויס פון שומרון. האָט ער געענטפערט: — צי זיי זענען אַרויס אויף שלום, צי זיי זענען אַרויס אויף מלחמה, כאַפּט זיי לעבעדיקערהייט און ברענגט זיי אַהער.

און די יונגען פון די שררות, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פאַרויס דעם חייל, האָבן געשלאָגן יעדער איינער דעם זעלנער פון ארם, וואָס איז געקומען אים אַנטקעגן. און די ארמים האָבן זיך צעלאָפן. און בן הדד איז אַנטלאָפן אויף אַ פערד מיט די אַנדערע רייטער. און דער מלך פון ישראל איז אַרויס און צעשלאָגן דעם חייל פון ארם און צוגענומען די פערד און די רייטוועגע־נער, וואָס זענען איבערגעלאָזן געוואָרן. און אַ נביא האָט גענענענט צום קעניג און געזאָגט צו אים: — גיי און באַפעסטיק זיך. באַטראַכט וואָס דו דאַרפסט טאָן, ווייל אין אַ יאָר אַרום וועט דער מלך פון ארם ווידער קומען אויף מלחמה אויף דיר.

## די צווייטע מלחמה מיט ארם

און די קנעכט פון מלך פון ארם האָבן געזאָגט צו אים: — דער יידישער גאָט איז אַ גאָט פון די בערג־געטער, דערפאַר האָט ער אונדז באַזיגט. לאָמיר אָנפירן די מלחמה אויף פלאַכלאַנד, וועסטו זען צי מיר ווילן זיי נישט בייי־קומען. און שאַף אָפּ די מלכים, וואָס פירן באַזונדערע מחנות חייל און שטעל אָן אויף זייער אָרט הויפּטן. און זאַמל אָן אַ חייל ווי דער חייל, וואָס איז געפאַלן אין פריערדיקן שלאַכט. די צאָל פערד און רייטוועגן זאָלן זיין די זעלביקע צאָל ווי אין דער פריערדיקער מלחמה און דו וועסט זען צי מיר וועלן נישט בייקומען די בני ישראל.

און ער האָט אַזוי געטאָן. און עס איז געווען פונקט צום יאָר, האָט בן הדד אויסגעשטעלט זיין חייל און ער איז אַרויף אין אפקה אויף מלחמה מיט די בני ישראל. און די בני ישראל האָבן אויסגעשטעלט זייערע זעלנער און זיי באַזאָרגט מיט שפייז און געווער. און זיי זענען אַרויס קעגן ארם.

און די בני ישראל האָבן געלאַגערט אַנטקעגן זיי און זיי האָבן אויסגע־

קוקט ווי צוויי קליינע סטאַדעס ציגן. און דער חייל פון ארם האָט אָנגעפילט דאָס לאַנד. און אַ געטלעכער מאַן האָט געגעענט און גערעדט צום מלך פון ישראל און געזאָגט צו אים: אַזוי האָט געזאָגט גאָט: — ווייל זיי האָבן געזאָגט, אַז אַ גאָט פון די בערג איז דער גאָט פון ישראל און ער האָט נישט קיין שליטה אויף אַ פלאַכלאַנד, דערפאַר וועל איך איבערגעבן אָט דעם גאַנצן גרויסן המון אין דיין האַנט און דו וועסט וויסן, אַז איך בין גאָט.

און עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה. און די בני ישראל האָבן צעשלאָגן פון ארם טויזנט פוסגייער אין איין טאָג. און די איבעריקע זענען אַנטלאָפן קיין אפקה. און דער מויער פון שטאָט איז איינגעפאַלן אויף זיבן און צוואַנציק טויזנט מאַן, וואָס זענען געבליבן פון דער שלאַכט. און זיי געטייט. און בן הדד איז אַנטלאָפן אין שטאָט און זיך באַהאַלטן אין אַן אינעווייניקסטן חדר. און זיינע קנעכט האָבן צו אים געזאָגט: — מיר האָבן געהערט, אַז די יידישע מלכים זענען מלכי חסד — גנאַדיקע מלכים, מענטשן מיט גוטע הערצער. לאָמיר, איך בעט דיך, אָנטאָן זיך אין זאַק־קליידער און אַרומבינדן שטריק אויף אונדזערע קעפּ, ווי אַ סימן פון אונטערטעניקייט, און מירן אַרויסגיין צום מלך פון ישראל. אפשר וועט ער אונדז לאָזן לעבן.

האָבן די שררות אַזוי געטאָן. זיי האָבן איבערגעלאָזן דעם קעניג פון ארם באַהאַלטן און אַליין זענען זיי אַרויס צום מלך פון ישראל און זיי האָבן געזאָגט צו אים: דיין קנעכט בן הדד האָט געזאָגט: איך בעט דיך, לאָז מיך לעבן.

האָט אחאב געזאָגט: לעבט ער נאָך? מיין ברודער איז ער. גייט און ברענגט אים.

און בן הדד איז אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און אחאב האָט אים אויפגענומען אויף זיין רייטוואָגן. און בן הדד האָט צו אים געזאָגט: די שטעט וואָס מיין פאָטער האָט צוגענומען פון דיין פאָטער וועל איך אומקערן, און דו וועסט האָבן פרייע מערק אין דמשק, ווי מיין פאָטער האָט געהאַט אין שומרון. האָט אחאב געענטפערט: — איך וועל שליסן אַ פרידן אויף אַזעלכע תנאים. און ער האָט געשלאָסן אַ בונד מיט אים און אים אַוועקגעלאָזט.

## אַ יונגער נביא פאַרשטעלט זיך

און איינער פון די יונגע נביאים האָט געזאָגט צו זיין חבר, לויט דעם באַפעל פון גאָט: צעשלאָג מיך, איך בעט דיך. האָט ער אים נישט געוואָלט שלאָגן. האָט ער אָנגעטראָפן אַן אַנדער מאַן און ער האָט צו אים געזאָגט: צעשלאָג מיך, איך בעט דיך. און דער דאָזיקער מאַן האָט אים צעשלאָגן — געשלאָגן ביז ווונדן.

און דער נביא האָט זיך פאַרשטעלט: ער האָט אַרומגעבונדן דעם קאָפּ ביז איבער די אויגן. ווי איינער וואָס איז שטאַרק פאַרוווּנדעט און איז געגאַנגען און געוואַרט אויפן מלךביים וועג.

און עס איז געווען ווי דער מלך איז פאַרבייגעגאַנגען אַזוי האָט דער יונגער נביא אויסגעשריען צום מלך און געזאָגט: — דיין קנעכט איז געווען אין אַ שלאַכט אין דער מלחמה, און אַ מאַן האָט מיר געבראַכט אַ געפאַנגע־נעם און האָט געזאָגט צו מיר: היט אים, אויב ער וועט נישט ווערן, וועט זיין דיין לעבן פאַר זיין לעבן און אויב נישט וועסטו דאַרפן באַצאָלן אַ צענטער זילבער. איך האָב מסכים געווען. אָבער איך האָב זיך מיט עפּעס פאַרטאָן און דער געפאַנגענער איז נישט געוואָרן. האָט דער מלך געזאָגט צו אים: — דער משפּט איז אַ גערעכטער. דו האָסט צוגעשטימט. און דער נביא האָט אַראָפּ־גענומען דעם קאָפּבאַנד פון די אויגן. און דער מלך פון ישראל האָט אים דער־קענט, אַז ער איז איינער פון דער חברותא פון די נביאים. און דער נביא האָט צו אים געזאָגט: — ווייל דו האָסט אַרויסגעלאָזט מיין שונא פון דיין האַנט, וועט דיין לעבן זיין פאַר זיינעם, און דיין פאָלק פאַר זיין פאָלק.

און דער קעניג פון ישראל איז אַוועק אַהיים צעטראָגן און פאַראומערט. און ער איז אָנגעקומען אין שומרון.

## טענות צו די נביאים

אַ סך תנ״ך־פאָרשער האָבן אַרויסגעשטעלט אָט דעם עפּיזאָד ווי אַ באַ־וויייז, אַז די נביאים זענען געווען אומטאָלעראַנט, סעקטאַנטיש סופער־פּאַט־ריאָטיש און שטענדיק געטראָגן אַ שנאה צו פרעמדע. כאַראַקטעריסטיש פאַר די דאָזיקע פאָרשער איז דער מעסיקער ביבל־קריטיקער ראָבערט פרעזערוו סמיט. אָט זענען זיינע ווערטער:

„צו אָפּט צוליב זייער איבערצייגונג, אַז זיי זענען אונטער דעם ספּע־ציעלן שוץ און חסד פון גאָט, האָבן זיך די מיטגלידער פון דעם אָרדן פון די בני־נביאים געהאַלטן העכער פון געזעץ און געמאַכט פאַרשווערונגען אומצו־וואַרפן דינאַסטיעס. זייער האַרטקייט און זייער נישט־בויגזאַמקייט אין דער צייט פון אחאבן, קאָן מען זען פון דער פּאַסירונג ווען בן הדד איז אַריינגע־פאַלן אין אחאבס הענט און ער האָט מיט אים געשלאָסן אַן ערנהאַפטיקן פרידן. דעמאָלט האָט זיך אַ נביא פאַרשטעלט ווי מען וואָלט אים פאַרטרויט אַ געפאַנגענעם און ער האָט אים געלאָזן אַנטלויפן. און אַזוי, אַז מען האָט אים געדראָט מיט זיין לעבן. ווען אחאב באַרעכטיקט דעם פּסק־דין האָט דער

נביא אים געזאָגט: דיין נפש האָסטו פאַרלוירן, ווי אַ שטראָף ווייל דו האָסט אַרויסגעלאָזן פון דיין האַנט גאָטס שונא בן הדד.

„די חברותא האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי אָפן נישט אַרויסגעשטעלט מיט זייער עקסטרעמקייט. זייער שיטה פון „גרינטלעכקייט" האָט נישט געקאָנט ברענגען קיין אַנדערע רעזולטאַטן ווי נאָר צו פאַרביטערן די באַציאונגען צווישן די צוויי פעלקער — ארם און ישראל. פּאָליטישע ווייזהייט איז נישט געווען קיין טייל פון זייער פּראָגראַם. זייער „שלאָגווער" איז געווען „מלחמה ביז אויסראָטונג קעגן אַלע פרעמדע"! זייער האַרטקייט און זייער לאָגישקייט זענען געווען אַ שוץ, קעגן וועלכער ס'איז פּשרה". (אַלט טעסטאַמענט היס־טאָרי, ביי הענרי פּרעזערוו סמיט, ז' 193).

דער כעס פון אָט דעם פאַרשער איז אַזוי גרויס, ווייל די היסטאָריקער האַלטן, אַז אחאָב האָט געהאַנדלט קלוג אין דעם פאַל. ס'האָט דעמאָלט אָנ־געהויבן אויפשטייגן די אשורישע אימפּעריע. און ביידע, ישראל און ארם, זענען געווען אין סכנה צעשלאָגן צו ווערן פון אשור. דערפאַר האָט אחאב געשלאָסן אַ פרידן מיט ארם, כדי זיי זאָלן ביידע קענען זיך שטעלן קעגן אשור. (מבוא לכתבי הקודש מאת ש. ברנפלד, חלק שני, קט"ז).

אָבער די נביאים זענען דאָך געווען גערעכט. בן הדד איז נישט געווען קיין מלך אויף וועמען מען האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן, אַז ער זאָל אָפּהיטן אַ בונד, אַן אָפּמאַך. ווען ער איז געווען אין אחאבס האַנט האָט ער צוגע־זאָגט אַ סך. אָבער ווי נאָר ער האָט געראַטעוועט זיין לעבן, האָט ער נישט געהאַלטן זיין צוזאָג.

בן הדד האָט זיך פאַרמאָסטן איינצונעמען אַלע מלוכות אַרום אים און אַראָפּזעצן די מלכים, ווי עס איז פריער דערמאָנט, און אָנשטעלן אויף זייער אָרט הויפּטן פון חיל, אַזוי אַז ער זאָל קאָנען אַרויסטרעטן קעגן אשור. ווען אחאב האָט געזיגט, נאָך לאַנגע יאָרן זיין אונטערטעניק צו ארם, האָט ער געהאַט די שעת־הכושר, די ריכטיקע צייט, צו ווערן דער הערשער איבער ארם. אָבער ער האָט עס נישט געטאָן. דער פּועל יוצא איז געווען, אַז דריי יאָר שפּעטער איז ווידער אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן ארם און ישראל און אחאב איז געהרגעט געוואָרן אין יענער מלחמה.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס וואָלט געווען אַ סך פּאָליטיש קליגער ווען אחאב מאַכט נישט קיין פּשרה מיטן שונא, ווען ער האָט אים געהאַט אין האַנט.

דאָס קאַפּיטל וועגן די צוויי מלחמות מיט ארם איז בכיוון אַריינגע־שטעלט געוואָרן צווישן אליהוס געשעענישן אויפן באַרג חורב און די מעשה פון נבות דעם יזרעאלי. דער צוזאַמענשטעלער האָט באַוויזן אַז פּאָליטיש איז

אחאב נישט געווען קלוג גענוג צו קעניגן און עטיש איז ער נישט געווען ראוי צו קעניגן. באַלד נאָך די שטראָף־רייד פֿון דעם אַנאָנימען נביא פֿאַסירט די מעשה מיט דעם ווייַנגאָרטן פֿון נבותן. אליהו ווייַזט זיך צום מלך און צום ערשטן מאָל זאָגט ער אים פֿאָרויס דעם סוף פֿון דער דינאַסטיע. אָבער עס איז כדאַי צו געדענקען, אַז די בייזע נבואה איז געקומען נישט צוליב אחאבס ריטואַלע זינד, נאָר צוליב אחאבס עטיש־סאָציאַלן פֿאַרברעכן.

## אחאָבס זינדיקייט

אחאָב איז געווען אַ זינדיקער מלך. באמת איז זיין זינדיקייט באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען אַ מלך ביי יידן. ווען ער וואָלט געווען אַ קעניג ביי גויים וואָלטן אים פֿאָעטן באַזונגען, און סקולפּטאָרן וואָלטן אים פֿאַראייביקט אין שטיין, און מאָנומענטן וואָלטן געבליבן ווי אַ זכר פֿון זיינע העלדישע מעשים.

אַחאָב איז געווען אַ מוטיקער מלך, אַ גרויסער בויער פֿון פּאַלאַצן און שטעט. ער איז געווען אַ העלדישער מלחמה־פֿירער און אַ דערפֿאָלגרייכער דיפּלאָמאַט: ער האָט געשלאָסן אַ פֿרידן מיט יהודה און צור. ער האָט באַזיגט מואב, אָראָפּגעוואָרפֿן דעם יאָך פֿון ארם, געשלאָסן אַן ערנהאַפֿטיקן פֿרידן מיט בן־הדדן און ער האָט אינאיינעם מיט ארם אָנגעפֿירט אַ דערפֿאָלגרייכע מילחמה קעגן שלמנסרן, דעם קעניג פֿון אשור, וואָס האָט אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן זיין מאַכט און איינגענומען די אַרומיקע לענדער. נאָך אַ לאַנגער צייט פֿון ברודער־קריג, צווישן ישראל און יהודה, אַ קריג וואָס האָט אָפּגעשוואַכטביידע יידישע מלוכות, איז ישראל געוואָרן צוריק אַ מיליטערישער כוח צווישן די פֿעלקער און שומרון האָט געקראָגן די חשיבות פֿון אַ גרויסער מלוכה.

ווען די יידן וואָלטן געווען ווי אַלע אַנדערע אומות און זייער העכסטער אידעאַל וואָלט געווען אַ שטאַרקע מלוכה און מאַטעריעלער גליק, וואָלט אחאָב געבליבן אין דער יידישער געשיכטע ווי איינער פֿון די וויכטיקסטע און באַליבסטע מלכים. אָבער די נביאים, די אמתע פֿאָרשטייער פֿון יידישן פֿאָלק, האָבן געהאַט אַן אַנדער באַגריף פֿון נאַציאָנאַלער חשיבות. דער בונד מיט צור האָט טאַקע געבראַכט שפֿע אין לאַנד, אָבער צוליב דעם בונד האָט אחאָב איינגעפֿירט עפֿנטלעך די מיאוסע דינסט צום בעל. די לאָיאַליטעט צו דעם איין און איינציקן גאָט, דעם גאָט פֿון יושר און צדק איז געווען ביי דעם פֿאָלק וויכטיקער ווי די מסחר־פֿאַרבינדונגען מיט דער וועלט און די אָפֿענע קאַראַוואַנען־וועגן.

אחאָבס ווייב איזבל, די פרעמדע צידונישע פּרינצעסין, האָט געבראַכט מיט זיך אויך איר טאַטנס דעספּאָטישן באַגריף פון מלוכה. זי האָט שטאַרק באַאיינפלוסט אחאָבן און זי האָט זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט פאַר מאָרד, ווען זי האָט געוואָלט דורכפירן דעם קעניגס אַ קאַפּריז.

די יידן האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן. לגבי אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט זענען גאָרנישט נישט ווערט געווען די נייע שטעט, וואָס אחאָב האָט געשאַפן און די שיינע פּאַלאַצן וואָס ער האָט געבויט.

אחאָב האָט נישט געקאָנט לעבן בשלום מיט די נביאים. ביידע האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו צו דערנענטערן זיך, אָבער לאַנג האָט נישט געדויערט דער איינגעשטעלטער שלום. אפשר וואָלטן סוף כל סוף די נביאים שלום געמאַכט מיט אחאָבן, אָבער איזבל האָט געשטערט. זי איז געווען דער דאָמינירנדיקער כּוח אין לאַנד און איר באַגריף פון מלוכה איז געווען אינגאַנצן אַנדערש פון דעם נביאישן באַנעם. קיין שלום האָט צווישן זיי נישט געקאָנט געדויערן.

וועגן אחאָבן זענען דאָ אין גמרא מאמרים וואָס זענען סותר איינער דעם אַנדערן. היסטאָריש זענען די מאמרים זיך נישט סותר. זיי אַלע זענען אמת, ווייל זיי גיבן איבער די אמתע געשטאַלט און כאַראַקטער פון אחאָבן און זיין צייט.

איין מאמר פון גמרא זאָגט: „אחאב שקול היה" — אחאָבס זינד און זיינע מעשים טובים זענען געווען גלייך אויף גלייך. דער אַנדער מאמר זאָגט: „אחאָב"; דאָס וואָרט באַשטייט פון צוויי ווערטער: אח, וואָס מיינט שלעכט, ווי; און אָב — פאָטער. אחאָב איז געווען אַ שונא פון גאָט און אַ פאָטער צו דער עבודה זרה (סנהדרין ק"ב, זע רש"י). אָבער ס'איז דאָ אַ דריטער מאמר, וואָס גלייכט אויס אָט די צוויי מאמרים. עס שטייט אין פּסוק: „און עס איז נישט געווען ווי אחאָב, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן צו טאָן שלעכטס אין די אויגן פון גאָט" (מלכים א', כ"א, כ"ה). ר' לוי האָט געדרשנט זעקס חדשים אָט דעם פּסוק לגנאי צו אחאָבן. עס מיינט ווי אַ באַליידיקונג צו אחאָבן. איז געקומען צו אים אחאָב צו חלום און געזאָגט צו אים: מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט קעגן דיר? דו דרשנסט דעם אָנהייב פון פּסוק און נישט דעם סוף, עס שטייט דאָך ווייטער דאָרטן „וואָס עס האָט אים אָנגערעדט איזבל זיין ווייב". פון דעמאָלט אָן האָט ר' לוי געדרשנט דעם פּסוק זעקס חדשים לשבח: „ס'איז נישט געווען ווי אחאָב, וואָס זיין ווייב איזבל האָט אים איבערגערעדט" (ירושלמי סנהדרין פּסק י', ב'). עס מיינט אַז איזבל איז געווען די שולדיקע. אחאָבס שולד איז באַשטאַנען וואָס ער האָט נאָכגעגעבן צופיל זיין ווייב. ער איז נישט געווען אין דעם הינזיכט דער ערשטער און אויך נישט דער לעצטער אין אונדזער וועלט.

אָבער דאָך האָט אליהו, דער הויפּט־קעגנער פון אחאָבן, נישט פּאָרויס־געזאָגט אחאָבן דעם סוף פון זיין מלוכה, ביז ער איז נישט באַגאַנגען דעם עטיש־סאָציאַלן פאַרברעכן — טויטן נבותן.

די מאָדערנע תנ"ך־פאָרשערס זאָגן, אַז די נביאים האָבן נישט געקאָנט אויספירן זייער פּלאַן פון אויסראָטן עמריס דינאַסטיע, ביז אחאָב האָט אָנטאָגאָניזירט די לאַנדבאַזיצערס. אין תוך, מיין איך, איז עס נישט מער ווי אַ ראַציאָנאַל־מאַטעריאַליסטישע דערקלערונג פאַר דעם טיפן יידישן געפיל פאַר יושר און גערעכטיקייט. ביי אַלע דעמאָלדיקע פעלקער איז דער קעניג געווען גאָטס זון אָדער אַליין אַ גאָט און האָט געקאָנט טאָן מיט זיינע אונטערטאָנען וואָס ער האָט געוואָלט, אויך מיט לאַנדבאַזיצערס. דעם קעניגס רצון און זיינע קאַפּריזן זענען געווען ווי נאַטור־געזעצן. בלויז ביי יידן איז דער קעניג געווען אַ מענטש אויסדערוויילט פון גאָט צו זיין אַ מלך. כל־זמן ער איז גע־גאַנגען אין גאָטס וועגן איז ער געווען באַרעכטיקט צום טראָן. ווי נאָר ער האָט אָפּגענייגט פון גאָטס גערעכטע דרכים איז ער מער נישט געווען ראוי צו זיין מלך.

די טרייבקראַפט פון יידישער געשיכטע איז געווען דער יידישער גאָט וואָס האָט אויסדערוויילט אַ פאָלק, וואָס זאָל זיין אינגאַנצן זיין פאָלק, אַ הייליק פאָלק. דאָס מיינט אַ פאָלק, וואָס זיין גאַנץ לעבן זאָל זיין געהייליקט דורך אמת און צדק. אַ פאָלק פאַר גאָט און פאַר דער וועלט (א. בובר, „משה", הקדמה, ז' 8).

אליהוס שטעלן זיך אַנטקעגן אחאָבן נאָך דער פּאַסירונג מיט נבותן ווייזט קלאָר, אַז דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין יידישן לעבן איז געווען דאָס טיף־איינגעוואָרצלטע געפיל פון גערעכטיקייט, וואָס די שבטים האָבן גע־בראַכט פון מדבר. ווען אַ קעניג פאַרברעכט קעגן אָט די יושרדיקע געבאָטן פון גאָט איז ער נישט ראוי צו זיין מלך. אין דעם ליכט דאַרף מען זען די מעשה מיט נבות פון יזרעאל.

## איזבל לאָזט טויטן נבותן

און נבות פון יזרעאל האָט געהאַט אַ וויינגאָרטן, וואָס איז געווען לעבן אחאָבס פּאַלאַץ, אין יזרעאל. האָט אחאָב געזאָגט צו נבותן אַזוי צו זאָגן: — גיב מיר דיין וויינגאָרטן, איך וויל עס מאַכן פאַר אַ גרינסגאָרטן, ווייל עס איז נאָענט צו מיין הויז. איך וועל דיר דערפאַר געבן אַ גרעסערן וויינגאָרטן פון דיינעם. אויב אָבער דו ווילסט נישט קיין אַנדער וויינגאָרטן, וויל איך דיר באַצאָלן דעם מקח פון דיין וויינגאָרטן.

האָט נבות געענטפערט: — חלילה, גאָט באַהיט, איך זאָל דיר אָפּגעבן די נחלה, די ירושה, פון מיינע עלטערן.

און אחאָב איז אַוועק אַהיים בייז און פאַראומערט איבער דעם ענטפער פון נבותן. און ער האָט זיך געלייגט אין זיין בעט און אומגעדרייט זיין פנים צו דער וואַנט און זיך אָפּגעזאָגט פון עסן. און עס איז געקומען צו אים זיין ווייב איזבל און האָט געזאָגט צו אים:

— וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן, אַז דו זאָגסט זיך אָפּ פון עסן? און ער האָט צו איר געזאָגט: — איך האָב גערעדט צו נבותן דעם יזרעאלי און איך האָב געזאָגט צו אים: גיב מיר דיין וויינגאָרטן פאַר געלט, אָדער אויב דו ווילסט וועל איך דיר געבן אַן אַנדער וויינגאָרטן אַ בעסערן אַנשטאָט דעם. האָט ער צו מיר געזאָגט: איך וועל דיר נישט געבן מיין וויינגאָרטן.

האָט איזבל, זיין ווייב, געזאָגט צו אים: — אָט דו פירסט עס איצט די מלוכה אין ישראל? שטיי אויף און גיי עסן, נעם זיך נישט צום האַרצן, איך וועל פאַר דיר קריגן דעם וויינגאָרטן פון נבות דעם יזרעאלי.

און זי האָט געשריבן בריוו אין אחאָבס נאָמען און פאַרזיגלט זיי מיט זיין זיגל. און זי האָט געשיקט די בריוו צו די זקנים, צו די עלטסטע און צו די נאָבלליט פון דער שטאָט, ווו נבות האָט געוווינט. און אין די בריוו האָט זי אַזוי געשריבן:

— רופט אויס אַ תענית און זעצט אַוועק נבותן אויבנאָן. און זעצט אַוועק קעגן אים צוויי נידערטרעכטיקע יונגען; און זיי זאָלן עדות זאָגן אויף אים אַזוי זאָגן: „דו האָסט געלעסטערט גאָט און דעם מלך". פאַרמשפּט אים און פירט אים אַרויס אויסן שטאָט און פאַרשטיינערט אים אויף טויט.

אין יענע צייטן פלעגט מען אויסרופן אַ תענית ווען עס איז געשען אַ גרויסער אומגליק, ווי למשל, אַ מפּלה אויפן שלאַכטפעלד; מען פלעגט אויך אויסרופן אַ תענית ווען מען האָט באַקלאָגט דעם טויט פון אַ חשובן מענטשן, אויך ווען עס איז באַגאַנגען געוואָרן עפּעס אַ גרויסער חטא. דאָ האָבן די זקנים געדאַרפט דערקלערן אַ תענית ווייל נבות, אַ חשובער מענטש, איז באַגאַנגען אַ גרויסן פאַרברעכן, געלעסטערט דעם מלך און גאָט. איזבל האָט געהייסן אַוועקזעצן נבותן אויבנאָן און מען זאָל אים אָפּגעבן גרויס כבוד כדי מען זאָל נישט חושד זיין, אַז דער משפּט איז נישט קיין גערעכטער און אַז די עדות זענען נישט קיין באַגלייבטע.

די גמרא זאָגט: פאַרוואָס האָט זי באַפוילן צו באַשולדיקן נבות אין לעס־טערן דעם מלך און גאָט? פאַר לעסטערן דעם מלך אַליין קומט דאָך טויט און דער פאַרמעגן פון דעם פאַרמשפּטן געהערט צום מלך. זי האָט אָבער באַפוילן

צו באַשולדיקן אים אויך אין לעסטערן גאָט, כדי צו פאַרגרעסערן דעם כעס פון פאָלק (סנהדרין מ״ח).

אַן אַנדער מאמר אין גמרא באַמערקט: עס שטייט אין פסוק „און זעצט אוועק אַקעגן אים צוויי נידערטרעכטיקע מענטשן, און זיי זאָלן עדות זאָגן". דאָס באַווייזט, אַז אַפילו די וואָס דינגען די פאַלשע עדות, פאַראַכטן זיי און האַלטן זיי פאַר אומווירדיקע מענטשן (סנהדרין כ״ט, זע רש״י).

און די מענטשן, די עלטסטע און די אַדליליט פון דער שטאָט, ווו נבות האָט געוווינט, האָבן געטאָן ווי איזבל האָט זיי באַפוילן אין דעם בריוו, וואָס זי האָט צו זיי געשיקט. זיי האָבן אויסגערופן אַ תענית, פאַררופן אַן אסיפה און אַוועקגעזעצט נבותן אויבנאָן פון פאָלק. און די צוויי מענטשן, די ני־דערטרעכטיקע יונגען, זענען געקומען און זיך געזעצט אַקעגן אים און זיי האָבן עדות געזאָגט אויף נבותן פאַר די אויגן פון פאָלק אַזוי צו זאָגן: — נבות האָט געלעסטערט גאָט און דעם מלך.

און מען האָט אים פאַרמשפּט און אַרויסגעפירט הינטערן שטאָט און אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער, און ער איז געשטאָרבן. און זיי האָבן געשיקט צו איזבלן אַזוי צו זאָגן: נבות איז פאַרשטיינערט געוואָרן און ער איז טויט.

ווען איזבל האָט עס דערהערט, האָט זי געזאָגט צו אחאָבן: — שטיי אויף, גיי ירשע דעם ווייגאָרטן פון נבות דעם יזרעאלי, וואָס ער האָט דיר נישט געוואָלט געבן פאַר געלט, ווייל ער איז שוין נישטאָ. ער איז טויט. ווען אחאָב האָט עס דערהערט איז ער אויפגעשטאַנען און אַראָפּגענידערט צו דעם ווייגאָרטן פון נבות דעם יזרעאלי.

## האָסט געהרגעט און גע׳ירשנט?

און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו אליהו דעם תשבי אַזוי צו זאָגן: — גיי, טרעף אחאָבן דעם מלך פון ישראל, וואָס איז אין שומרון. ער איז איצט אין דעם ווייגאָרטן פון נבותן. ער איז געקומען אַהין כדי אים צו ירשנען. און אליהו האָט געטראָפן אחאָבן אין דעם ווייגאָרטן פון נבותן, ווי גאָט האָט צו אים גערעדט. און אליהו האָט געזאָגט צום מלך פון ישראל: — אַזוי האָט געזאָגט גאָט: האָסט געהרגעט און גע׳ירשנט? אַזוי האָט גאָט גע־זאָגט: אויף דעם אָרט ווו די הינט האָבן געלעקט דאָס בלוט פון נבותן, וועלן די הינט לעקן אויך דיין בלוט.

האָט אחאָב געזאָגט צו אליהון: — שונא מיינער, האָסט שוין געפונען פאַרוואָס מיך צו שטראָפן? און אליהו האָט געענטפערט: — יאָ, איך האָב

געפּונען, ווייל דו האָסט זיך איבערגעגעבן צו טאָן וואָס עס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט. זע, איך וועל ברענגען אויף דיר אַן אומגליק. איך וועל אויסראמען דיין משפּחה, איך וועל פאַרשניידן אַלע דיינע מאַנספּאַרשוינען, און דיין קינד און קייט פון ישראל. און איך וועל מאַכן דיין הויז ווי דאָס הויז פון ירבעם דעם זון פון נבט און אַזוי ווי דאָס הויז פון בעשא, ווייל דו האָסט מיך דערצאָרנט און געמאַכט זינדיקן דאָס פאָלק ישראל. און אויף איזבלן, האָט גאָט גערעדט אַזוי צו זאָגן: די הינט וועלן עסן איזבלן לעבן דער פעסטונג־וואַנט פון יזרעאל.

ווען אחאָב האָט דערהערט די דאָזיקע רייד, האָט ער צעריסן זיינע קליי־דער און אָנגעטאָן זאַק־קליידער אויף זיין לייב און האָט געפאַסט און איז געשלאָפן אין די זאַק־קליידער. ער איז אַרומגעגאַנגען שטיל, פאַרזאָרגט.

און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו אליהון דעם תשבי אַזוי צו זאָגן:
— האָסט געזען ווי אחאָב איז געוואָרן אונטערטעניק פאַר מיר? דערפאַר וועל איך דעם אומגליק נישט ברענגען אין זיינע טעג. ערשט אין די טעג פון זיין זון וועל איך ברענגען דאָס בייז אויף זיין הויז.

***

אחאָבס גורל איז פאַרחתמט געוואָרן. דער פסוק באַטאָנט פאַרוואָס:
— ווייל עס איז נישט געווען ווי אחאָב, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן צו טאָן, וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, ווייל זיין ווייב איזבל האָט אים אָנגערעדט. און ער האָט זיך פאַראומווירדיקט צו גיין נאָך די אָפּגעטער, אַלץ וואָס די אמורים האָבן געטאָן, דאָס פאָלק וואָס גאָט האָט פאַרטריבן צו־ליב די קינדער פון ישראל.

— זאָגט דער רד״ק: „אחאָב איז געווען ערגער פון ירבעמן און אַנדערע מלכים, ווייל ווען ירבעם האָט געדינט צו די גאָלדענע קעלבער, איז זיין כוונה געווען לשמים — צו דינען גאָט. אָבער אחאָבס כוונה איז טאַקע געווען צו דינען די אָפּגעטער, ווי אַלע אַנדערע געצנדינערישע פעלקער“. די סיבה איז געווען איזבל. זי האָט אים פאַרפירט.

די גמרא פרעגט אַ שיינע קשיה און גיט נאָך אַ שענערן תירוץ. פרעגט די גמרא: די גאַנצע זינד פון אחאָבן איז דאָך געווען, וואָס ער האָט זיך צו־געהערט צו זיין ווייב, אָבער מענטשן זאָגן דאָך: אויב דיין ווייב איז אַ קליי־נינקע איז בייג זיך איין און הער וואָס זי זאָגט דיר? אָבער ס׳איז קיין קשיה נישט, ענטפערט די גמרא, וועגן געלט־זאַכן דאַרף מען נישט פאָלגן קיין ווייב, אָבער ווען עס קומט צו שטוב־זאַכן דאַרף מען זי יאָ פאָלגן. אַן אַנדער אויס־

טייטש: וועגן אַלע וועלט־זאַכן דאַרף מען זיך צוהערן צו איר, אָבער ווען עס קומט צו הימלישע זאַכן, וועגן זיין פרום דאַרף מען זיך צו איר נישט צו־הערן, אויב זי הייסט זינדיקן. (בבא מציעא נ״ט).

## דער סדר פון קאַפּיטלעך

אַ סך תנ״ך־פאַרשער האַלטן, אַז די קאַפּיטלעך צוואַנציק און צוויי און צוואַנציק אין מלכים א׳ זענען פון אַן אַנדער מקור ווי די אליהוס מעשיות אין די קאַפּיטלעך שטייען נישט אויפן ריכטיקן אָרט. קאַפּיטל צוואַנציק רייסט איבער דעם אליהו־ציקל און דאָס זעלביקע איז אויך מיט קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק. ביידע קאַפּיטלעך דערציילן וועגן מלחמות. אמת, די גמרא זאָגט: אין מוקדם ומאוחר בתורה — ס׳איז נישטאָ קיין פריער און קיין שפּעטער אין דער תורה בנוגע דעם סדר פון פרשהס און פון קאַפּיטלען (פּסחים ו׳, רש״יס אויסטייטש). אָבער דווקא די לעצטע פיר קאַפּיטלען פון ספר מלכים א׳ זענען געקניפּט און געבונדן און דער סדר פון זייער אויסשטעל איז גע־טאָן געוואָרן מיט גרויס חכמה און פאַרשטענדעניש פאַר די היסטאָרישע גע־שעענישן פון יענער צייט. אַפילו פון דערציילערישן שטאַנדפּונקט איז זייער צוזאַמענבונד אָן קיין שום פּגם. צו אָפט איילן זיך אַ סך תנ״ך־פאַרשערס צו געפינען טעותים אין טעקסט אָדער צונויפשטעל פון די קאַפּיטלען. גערעכט איז מ. בובער: „די צונויפשטעלערס פון תנ״ך האָבן אַרויסגעוויזן גרויס חכמה און קונסט אין זייער אַרבעט״. (משה, ז׳ 30).

אין קאַפּיטל ניינצן ווערט דערציילט וועגן די וויזיעס פון אליהו הנביא אויפן באַרג חורב. דאָרטן האָט ער געקראָגן אַ נבואה־אָנזאָג צו גיין און צו זאַלבן אַן אַנדער קעניג אויף אחאָבס אָרט. אליהו האָט נישט אויסגעפירט די שליחות, ווייל די מאָס פון אחאָבס זינד איז נאָך נישט פול געוואָרן. ווי עס ווערט דערציילט באַלד אין קאַפּיטל צוואַנציק האָט אחאָב שלום געמאַכט מיט די נביאים און זיי האָבן אים געהאָלפן אָנצופירן די מלחמות מיט ארם.

ארם־דמשק איז אויפגעבויט געוואָרן און דערהויבן געוואָרן נאָך צוליב דער ירידה פון דער יידישער מלוכה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין שלמה המלכס צייטן. נאָך דער צעטיילונג פון דער מלוכה איז ארם געוואָרן די וויכ־טיקסטע מאַכט אין נאָענטן מזרח. ארם האָט אָפּגעריסן שטיקער פון ישראל און געקראָגן ספּעציעלע הנחות אין עמרים צייטן אין דער הויפּטשטאָט פון ישראל־שומרון.

ארם האָט אין אָנהייב נישט צו שטאַרק געדריקט ישראל. אין יענע צייטן האָט אָנגעהויבן אויפקומען די אשורישע אימפּעריע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן

איינצושלינגען דעם גאַנצן נאָענטן מזרח. צוליב אָט דעם געמיינזאַמען שונא איז ארם געווען מילד צו די לענדער, וואָס זי האָט באַזיגט. זי האָט גע־דאַרפט האָבן פאַרבינדעטע אויף מלחמה קעגן אשור. ס׳איז דאָ אַ פאַרציי־כענונג (רעקאָרד) ווי ארם און ישראל קעמפן זייט ביי זייט קעגן אשור.

אָבער אין אחאָבס צייטן האָט ארם־דמשק געקראָגן די אַמביציע צו ווערן די איינציקע הערשערין אין נאָענטן מזרח. זי האָט אפילו אָפּגעשאַפט די מלכים פון די קלענערע לענדער און אַריינגעשטעלט אין זיי הויפּטן (פּחות). בן הדד האָט זיך אויך פאַרמאָסטן אינגאַנצן אונטערטעניק מאַכן ישראל: „מאָרגן אין דער צייט וועל איך שיקן צו דיר מיינע קנעכט און זיי וועלן דורכזוכן דיין הויז און די הייזער פון דיינע קנעכט, און וואָס עס וועט זיי געפעלן וועלן זיי אַוועקנעמען“ (מלכים א׳, כ״ו). אחאָב האָט זיך גע־שטעלט אַנטקעגן און די נביאים האָבן אים געשטיצט אין זיינע מלחמות קעגן ארם.

אחאָב האָט באַזיגט ארם און געפאַנגען זייער מלך בן הדד. אָבער אחאָב האָט נישט צעשטערט און אונטערטעניק געמאַכט דעם שונא. ער האָט באַ־פרייט בן הדדן און מיט אים געשלאָסן אַ פרידן.

די נביאים האָבן זיך געשטעלט אים אַנטקעגן. זיי זענען איצט געווען קעגן אים ערשטנס צוליב זיין געצנדינעריי און צווייטנס איז זיי נישט גע־פעלן געוואָרן זיין פּאָליטישע פירערשאַפט.

דאָס קאַפּיטל צוואַנציק ענדיקט זיך ווי אַ נביא, אָן אַ נאָמען, שטראָפט אים און וואָרנט אים: „אַזוי האָט געזאָגט גאָט: ווייל דו האָסט אַרויסגעלאָזט מיין שונא, וואָס דו האָסט געהאַט אין האַנט, וועט דיין נפש זיין פאַר זיין נפש און דיין פאָלק וועט זיין פאַר זיין פאָלק“. עס מיינט דו וועסט באַצאָלן מיט דיין לעבן פאַר זיין לעבן און דיין פאָלק וועט ליידן אַנשטאָט זיין פאָלק.

נאָך דעם קאַפּיטל קומט די מעשה פון נבותן, אחאָב האָט אים געהרגעט און צוגענומען זיין וויינגאָרטן. אליהו זאָגט נביאות: „אין דעם אָרט ווו די הינט האָבן געלעקט דאָס בלוט פון נבותן, וועלן די הינט לעקן דיין בלוט“.

די מאָס פון אחאָבס זינד איז פאַרפולט געוואָרן: ער האָט געזינדיקט מיט געצנדינעריי ווי עס איז דערציילט געוואָרן אין קאַפּיטל אַכצן און ניינצן. ער האָט נישט געפירט די מלוכה לויט גאָטס באַפעל, ער האָט באַפרייט בן הדד ווי עס איז דערציילט געוואָרן אין קאַפּיטל צוואַנציק. ער איז באַגאַנגען אַ סאָציאַלן פאַרברעכן — דערהרגעט נבותן ווי עס איז דערציילט געוואָרן אין קאַפּיטל איין און צוואַנציק. דאָס לעצטע קאַפּיטל דערציילט פון אחאָבס

טויט און דער אופן ווי עס איז מקויים געוואָרן אליהו הנביאס נבואה. נאָך דעם ווערט ווייטער דערציילט וואָס איז געשען מיט אליהו הנביא. די קאַפּיטלעך זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן מיט גרויס חכמה און קונסט.

## די פיר הונדערט פאַלשע נביאים

און יהושפט דער מלך פון יהודה, האָט געהאַט אַ סך עושר און כבוד און ער האָט זיך מתחתן געווען מיט אחאָבן. און אַ פּאָר יאָר זענען אַריבער און יהושפט איז אַראָפּגעקומען צו אחאָבן קיין שומרון. און אחאָב האָט צוליב אים און דאָס פאָלק, וואָס איז געווען מיט אים, געקוילעט אַ סך שעפּסן און רינדער.

האָט דער מלך פון ישראל געזאָגט צו זיינע שררות: ווייסט איר, אַז רמות גלעד געהערט צו אונדז און מיר שוויגן און מיר נעמען זי נישט אַוועק פון דער האַנט פון דעם מלך פון ארם? און אחאָב האָט געזאָגט צו יהושפטן: — ווילסטו מיט מיר גיין אין מלחמה צוריקנעמען רמות גלעד? האָט יהושפט געענטפערט: — איך וועל גיין גלייך ווי דו. מיין פאָלק ווי דיין פאָלק, מיינע פערד ווי דיינע פערד. און יהושפט האָט ווייטער געזאָגט צום מלך פון ישראל: — איצט פרעג אָן, איך בעט דיך, וואָס גאָט האָט געזאָגט. און דער מלך פון ישראל האָט צונויפגעקליבן די נביאים, אַרום פיר הונדערט מאַן, און געזאָגט צו זיי: זאָל איך גיין מלחמה האַלטן צוליב רמות גלעד, אָדער זאָל איך זיך צוריקהאַלטן? האָבן זיי אַלע געזאָגט: — גיי און גאָט וועט זי איבערגעבן אין דער האַנט פון דעם מלך. און יהושפט האָט געזאָגט: — איז דאָ נישטאָ קיין אַנדער נביא פון גאָט, אַז מיר זאָלן ביי אים פרעגן?

האָט דער מלך פון ישראל געזאָגט צו יהושפטן: — פאַראַן דאָ נאָך איינער, מיכיהו איז זיין נאָמען. אָבער איך האָב אים פיינט, ווייל ער האָלט קיינמאָל נישט קיין גוטע נביאות אויף מיר — בלויז שלעכטס. האָט יהושפט געענטפערט: — מיר טאָרן אַזוי נישט ריידן. רוף אים.

פרעגט די גמרא: פון וואַנען האָט יהושפט פאַרשטאַנען, אַז די אַלע פיר הונדערט נביאים, וואָס מען האָט זיי געהאַלטן פאַר גאָטס נביאים, זענען פאַלשע נביאים און ריידן נישט אין גאָטס נאָמען? דער תירוץ איז, ער האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז זיי זענען פאַלשע נביאים ווייל אַלע האָבן איבערגעחזרט די זעלבע רייד: „גיי און גאָט וועט זי איבערגעבן אין דער האַנט פון דעם מלך”. יהושפט האָט געוווסט אַז טאַקע אמת איין און דער זעלבער געדאַנק קאָן באַוועלטיקן אַ סך נביאים, אָבער קיין שום צוויי נביאים זאָגן נישט קיין

נביאות מיט די זעלבע ווערטער. למשל, עובדיה הנביא האָט געזאָגט: „זדון לבך השיאך" — דער שטאָלץ פון דיין האַרצן האָט דיך פאַרפירט (עובדיה א׳, ג׳). דעם זעלביקן געדאַנק האָט אַרויסגעבראַכט ירמיהו הנביא, אָבער גאָר מיט אַנדערע ווערטער: „תפלצתך השיא אותך זדון לבך" — דיין שרעק, וואָס דו האָסט אַנגעוואָרפן און דער שטאָלץ פון דיין האַרץ האָבן דיך פאַר־פירט (ירמיהו מ״ט, ט״ז). און ביידע נבואות זענען געזאָגט געוואָרן אויף אדום. איז ווי נאָר יהושפט האָט דערהערט אַז זיי אַלעריידן ווי איינער, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען אַז זיי זענען נישט קיין אמתע נביאים. והני מדקאמרי זולהו זהדדי, שמע מיניה לא כלום קאמרי. (סנהדרין פ״ט עמוד א׳).

ווער איז געווען מיכיהו דער נביא? ער איז געווען דער זעלביקער נביא, אָן אַ נאָמען, וואָס האָט געוואָרנט אחאָבן, ווען ער האָט באַפרייט בן הדדן און געשלאָסן מיט אים אַ פרידן, אַז סוף־כל־סוף וועט ער, אחאָב, באַצאָלן מיטן לעבן פאַר אַוועקשיקן גאָטס שונא. דערפאַר האָט אחאָב געזאָגט „כי לא יתנבא עלי טוב" — ער קאָן נישט נבואות זאָגן אויף מיר קיין גוטס, ווייל אַז נישט וועט דאָך זיין ערשטע נבואה אָפגעלייקנט ווערן. (זע רד״ק; סנהדרין פ״ט).

## דער אמתער נביא

און דער מלך האָט אַ רוף געטאָן אַ הויף־דינער און האָט געזאָגט צו אים: „גיי ברענג אויף גיך מיכיהו דעם זון פון ימלהן".

און דער מלך פון ישראל און יהושפט דער מלך פון יהודה זענען געזעסן איטלעכער אויף זיין טראָן אָנגעטאָן אין בגדי מלכות. זיי און די שררות זע־נען געזעסן אין אַ האַלבן קרייז ביים טויער־אַריינגאַנג פון שומרון. און אַלע נביאים האָבן נביאות געזאָגט פאַר זיי.

און צדקיה דער זון פון כנענה האָט זיך געמאַכט אייזערנע הערנער און ער האָט געזאָגט: מיט די דאָזיקע וועסטו שטויסן ארם ביז דו וועסט זיי פאַר־טיליקן. און אַלע נביאים האָבן נביאות געזאָגט מיט די זעלביקע רייד: „גיי אַרויף קיין רמות־גלעד, דו וועסט באַגליקן. גאָט וועט זי איבערגעבן אין דיין האַנט."

און דער שליח וואָס איז געגאַנגען רופן מיכיהון האָט צו אים געזאָגט: זע, אַלע נביאים ריידן ווי זיי וואָלטן געהאַט איין מויל, נאָר גוטס צום מלך. זאָלן דיינע רייד זיין ווי זייערע און רייד גוטס. האָט מיכיהו געזאָגט: — איך שווער, ווי עס לעבט גאָט, נאָר דאָס וואָס גאָט וועט ריידן צו מיר וועל איך ריידן. און ער איז געקומען צום מלך, האָט דער מלך געזאָגט צו אים:

— מיכיהו, זאָלן מיר גיין מלחמה האַלטן צוליב רמות־גלעד אָדער נישט! האָט ער אים געענטפערט: — גיי און באַגליק. הלוואי זאָל גאָט איבערגעבן די שטאָט אין דער האַנט פון דעם מלך. האָט דער מלך געזאָגט צו אים: — איך בעט ביי דיר נישט קיין ברכה, איך באַשווער דיך, דערצייל מיר נאָר דעם אמת אין נאָמען פון גאָט.

און מיכיהו האָט געזאָגט: — איך האָב געזען: גאַנץ ישראל איז צע־שפּרייט אויף די בערג ווי שאָף אָן אַ פּאַסטעך. און גאָט האָט געזאָגט: ס׳איז נישטאָ קיין האַר צו דעם דאָזיקן פאָלק. זאָל זיך יעדערער אומקערן אַהיים.

האָט דער מלך פון ישראל געזאָגט צו יהושפטן: — האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז ער וועט אויף מיר קיין גוטס נישט נביאות זאָגן, נאָר בלויז שלעכטס?

האָט מיכיהו געענטפערט: — ניין, ס׳איז נישט אמת אַז איך רייד פון שנאה צו דיר. הער דאָס וואָרט פון גאָט. איך האָב געזען ווי גאָט זיצט אויף זיין טראָן און דאָס גאַנצע חייל פון הימל שטייט אַרום אים. און גאָט האָט געזאָגט: ווער וועט איינריידן אחאָבן ער זאָל גיין מלחמה האַלטן איבער רמות־גלעד און פאַלן דאָרטן? האָט דער מלאך געזאָגט אַזוי און יענער מלאך האָט געזאָגט אַזוי. איז אַרויסגעגאַנגען דער גייסט (הרוח) און זיך געשטעלט פאַר גאָט און האָט געזאָגט: — איך וועל אים איינריידן. האָט גאָט געזאָגט: ווי אַזוי? האָט ער געענטפערט: איך וועל אַרויסגיין און ווערן אַ ליגנערישער גייסט אין דעם מויל פון אַלע זיינע נביאים. און גאָט האָט געזאָגט: דו וועסט איינספירן, וועסט אים איינריידן. גיי און טו אַזוי. און איצט זאָלסטו וויסן, אַז גאָט האָט אַריינגעגעבן אַ ליגנערישן גייסט אין דעם מויל פון די אַלע דיינע נביאים. אָבער גאָט האָט אָנגעזאָגט: אַן אומגליק וועט קומען אויף דיר.

איז צוגעגאַנגען צדקיהו דער זון פון כנענהן און אַ פּאַטש געטאָן מיכיהון איבער באַק און האָט געזאָגט: — דורך וואָס פאַר אַ וועג איז דער גייסט פון גאָט אַוועק פון מיר כדי צו קומען און ריידן צו דיר?

האָט מיכיהו געזאָגט: דאָס וועסטו זען אין יענעם טאָג, וואָס אחאָב וועט געטויט ווערן, און דו וועסט גיין פון חדר צו חדר צו באַהאַלטן זיך. און דער מלך פון ישראל האָט געזאָגט: נעם מיכיהון און קער אים אום צו אָמון דעם האַר פון שטאָט און צו יואשן דעם זון פון מלך. און דו זאָלסט זאָגן: — אַזוי האָט געזאָגט דער מלך, זעצט אים אַריין אין געפענגעניש און גיט אים עסן ווייניק ברויט און קאַרג וואַסער ביז איך וועל קומען צוריק בשלום. און מיכיהו האָט געזאָגט: — אויב אומקערן וועסטו זיך אומקערן בשלום, איז אַ סימן, אַז גאָט האָט נישט גערעדט צו מיר. איר וואָס זייט דאָ, הערט דאָס אַלע.

שלמה כיימאַן

# די פאַלשע נביאים

אין מלכים א׳ כ״ב איז דאָס ערשטע מאָל אין תנ״ך, וואָס מיר הערן וועגן פאַלשע נביאים. די יידישע מפרשים זענען שאַקירט וואָס דער פסוק דערציילט: „און גאָט האָט געזאָגט: ווער וועט איבערריידן אחאָבן?״ וואָס מיינט עס? האָט זיך דער כביכול חלילה באַנוצט מיט ליגן? דער רד״ק פאַר־ענטפערט עס אויף אַ טראַדיציאָנעלן חקירה־אופן:

— און ער האָט געזאָגט: „ווער וועט איבעררריידן אחאָבן״ אָט די ווער־טער קענען ברענגען אַ גרויס צעטומלעניש צו די וואָס ווילן די ווערטער אויפנעמען לויט דעם פשוטן טייטש. דער אמת איז, אַז גאָט האָט דערוועקט אַ גייסט אין די פאַלשע נביאים זיי זאָלן איבעררריידן אחאָבן צו גיין אויף רמות־גלעד, ווייל ס׳האָט אים געקומט דער טויט. שנתחייב מיתה לשמים, אָבער דאָס מיינט נישט אַז די פאַלשע נביאים האָבן געקראָגן אַ גייסט פון נבואה, נאָר בלויז דערוועקונג פון אַ גייסט (עס מיינט עקסטאַז, ש. ס.) און אַ חשק צו ריידן צו אחאָבן די רייד, וואָס זיי האָבן גערעדט. און דאָס וואָס מיכיהו האָט געזאָגט: „און גאָט האָט אַריינגעטאָן אַ ליגנערישן גייסט אין מויל פון די נביאים״ און די איבעריקע רייד, זענען נישט מער ווי מליצה, שיינע רייד, מיט וואָס מיכיהו האָט קלאָר געמאַכט פאַר אחאָבן, וואָס עס האָט פאַסירט. (רד״ק אויף מלכים א׳, כ״ב פסוקים י״ט, כ׳).

די גמרא טייטשט רוח — דער גייסט פון נבות דעם יזרעאלי. אחאָבס עבירות און מעשים טובים זענען געווען גלייך אויף גלייך און דער בית־דין של מעלה האָט אים נישט געקאָנט פאַרמשפטן ביז דער גייסט פון נבותן איז געקומען און זיך געשטעלט און געזאָגט אַז ער וויל נעמען נקמה. ער וועט פאַרפירן אחאָבן. אָבער אַזוי ווי דער גייסט האָט געדאַרפט זאָגן ליגן, האָט דער כביכול געזאָגט צו אים: גיי אַרויס פון מיין מחיצה — מיין קעגנוואָרט. זאָגט ר׳ פפא: אויף דעם איז דאָ אַ ווערטל: דער וואָס נעמט נקמה צעשטערט זיין הויז. מאַכט רש״י — נבות האָט טאַקע גענומען נקמה, אָבער דערווייל האָט ער זיך דערווייטערט פון דער שכינה (שבת קמ״ט, סנהדרין פ״ט, ק״ב).

יחזקאל קויפמאַן זאָגט, אַז דער חילוק צווישן די אמתע נביאים און פאַלשע נביאים איז, וואָס די פאַלשע נביאים זענען בלויז עקסטאַטיקער, אָבער הערן נישט גאָטס וואָרט. ביי די אמתע נביאים האָט דאָס הערן פון גאָטס וואָרט באַגלייט דעם עקסטאַז. אָבער שפּעטער אין די צייטן פון ירמיהו האָט אַ פאַלשער נביא געזאָגט אַז ער האָט געהערט גאָטס וואָרט ווי ער האָט גערעדט צו אים. אָבער עס זענען דאָ אַנדערע סימנים צו דערקענען פאַלשע נביאים. איין זיכערער סימן איז דאָ. די פאַלשע נביאים זענען געווען הויף־

נביאים און זיי האָבן נביאות געזאָגט, וואָס דער קעניג האָט געוואָלט הערן. זיי האָבן נביאות געזאָגט פאַר געצאָלט. די אמתע נביאים זענען געווען אין תוך מוכיחים — שטראָפער (זע יחזקאל קויפמן, „תולדות האמונה הישרא־לית", כרך ראשון, ז' 515־532 און „אינטערנײשאָנעל ביבליקל קאָמענטאַ־רי", דברים הימים, ז' 397).

## די שלאַכט

און דער מלך פון ישראל און יהושפט זענען אַרויפגעגאַנגען אויף רמות־גלעד. און עס איז געווען איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן האָט דער מלך פון ישראל געזאָגט צו יהושפטן: איך וועל זיך פאַרשטעלן גייענדיק אין מלחמה אָבער דו טראָג דיינע קליידער. און אחאָב האָט זיך פאַרשטעלט און איז אַוועק אויף מלחמה.

און דער מלך פון ארם האָט באַפוילן: „האַלט נישט קיין מלחמה מיט די קלענערע אָדער די גרעסערע הויפּלייט, נאָר זוכט אויף אחאָבן און פירט אָן די שלאַכט בלויז מיט אים אַליין".

און עס איז געווען און די הויפּלייט האָבן דערזען יהושפטן אָנגעטאָן אין קעניגלעכע קליידער האָבן זיי געטראַכט: געוויס איז דאָס דער מלך פון ישראל און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף אים. האָט יהושפט אַ געשריי געטאָן צו די הויפטן פון יהודה זיי זאָלן זיך אַרומקלייבן אַרום אים. די הויפּ־לייט פון ארם האָבן דערזען, אַז ער איז נישט אחאָב, דער קעניג פון ישראל, האָבן זיי זיך אָפּגעקערט פון אים.

און איינער אַ זעלנער, אַ פיילן־שיסער, האָט אָנגעצויגן דעם בויגן און אַרויסגעלאָזן די פייל גלאַט אין דער וועלט אַריין. און די פייל האָט געטראָפן דעם מלך פון ישראל צווישן די פאַלדן פון ברוסטשילד. האָט אחאָב געזאָגט צום אָנטרייבער פון רייוואָגן: „פיר מיך אַרויס פון מחנה, ווייל איך בין פּלוצים קראַנק געוואָרן".

דער העלדישער אחאָב האָט נישט געוואָלט אויסזאָגן אַפילו דעם אָנ־טרייבער פון רייטוואָגן, אַז ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן, כדי מען זאָל זיך נישט דערוויסן אין דער מחנה און די חיילות וועלן זיך דערשרעקן און אויפ־הערן קעמפן (רד"ק).

און די שלאַכט האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג און דער קעניג איז גע־בליבן שטיין אין רייטוואָגן, די קנעכט האָבן אים אונטערגעהאַלטן. אַזוי איז ער געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג. און דאָס בלוט פון דער וווּנד האָט אַראָפּגעגאָסן אויפן דעק פון רייטוואָגן. און אין אָוונט איז דער קעניג געשטאָרבן. און אַז

די זון איז אונטערגעגאַנגען איז אַרויס אַ באַפעל צו דער מחנה: איטלעכער צו זיין שטאָט און צו זיין היים, ווייל דער קעניג איז טויט. און מען האָט אים געבראַכט קיין שומרון. און מען האָט אים מקבר געווען אין שומרון. און מען האָט אָפּגעשווענקט דעם רייטוואָגן ביים טייך פון שומרון. און די הינט האָבן געלעקט דאָס וואַסער וואָס איז געווען אויסגעמישט מיטן מלכס בלוט, און די זונות האָבן זיך געוואַשן אין די וואַסערן, וואָס זענען געווען רויט פון אחאָבס בלוט, ווי דאָס וואָרט פון גאָט האָט פאָרויסגעזאָגט.

אליהו האָט נישט פאָרויסגעזאָגט אַז זונות וועלן זיך וואַשן אין אחאָבס בלוט, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט די וואַסערן. טייטשן די יידישע מפרשים „וְהַזונות רחצו" — און מען האָט געשווענקט דעם כלי־זין — דאָס געווער אין דעם טייך פון שומרון. די גמרא זאָגט, אַז זונות ממש. אחאָב איז געווען אַ קאַלטער מאַנסביל און כדי אים צו דערוואַרעמען האָט איזבל גע־הייסן אויסמאָלן צוויי זונות אויף זיין רייטוואָגן. ווען מען האָט אָפּגעשווענקט דעם רייטוואָגן האָט מען אָפּגעוואַשן דאָס בלוט וואָס האָט פאַרשמירט די צוויי געמעלעכצן. (סנהדרין ל"ט, עמוד ב').

דאָס איז די געשיכטע פון אחאָבן ווי זי שטייט פאַרשריבן אין ספר מלכים. און די איבעריקע זאַכן וועגן אחאָבן און אַלץ וואָס ער האָט אָפּגע־טאָן און אַלע שטעט וואָס ער האָט געבויט, דאָס איז באַשריבן אין דעם „גע־שיכטע־בוך פון די מלכים פון ישראל".

דער לייענער דאַרף פאַרשטיין, אַז די געשיכטע פון די מלכים פון ישראל איז נישט אויפגעהיט געוואָרן. מיר ווייסן דעם נאָמען, ווייל עס ווערט דער־מאָנט אין תנ"ך.

נאָך אחאָבס טויט איז זיין זון אחזיה געוואָרן מלך אויף ישראל.

## אליהו און אחזיה

די אליהו־מעשיות פאַרנעמען זעקס לאַנגע קאַפּיטלען אין מלכים א' און מלכים ב'. און זיין אָטעם פילט זיך אין אַ סך אַנדערע קאַפּיטלען. אָבער באמת האָט זיך אליהו באַוויזן פאַרן פאָלק און קעניג און צו יחידים בלויז אַ זעקס מאָל. איין נבואה זיינע באַשטייט איגאַנצן פון אַ האַלבן פסוק און נאָך צוויי נבואות פון איין פסוק בלויז. ער ווייזט זיך נישט, ווען אחאָב פירט מלחמות. ער קומט נישט, ווען דער קעניג בייטיקט זיך אין אַן עצה. אַלעמאָל דערשיינט ער פּלוצלונג מיט שטראָף־רייד און דראָאונגען אין מויל. ער זאָגט אָפּ זיין נבואה און פאַרשווינדט. ער שטורעמט אויף דאָס גאַנצע פאָלק, אָבער באמת האָבן גאָר ווייניק מענטשן אים געזען און אים געקאָנט. אַפילו די־

שררות, וואָס זענען געווען נאָענט צום קעניג, קענען אים נישט. ווען זיי באַ־געגענען זיך מיט אים פּנים אל פּנים ווייסן זיי נישט ווער ער איז.

ווען איזבל האָט געמאַכט טויטן נבותן, באַווייזט זיך אליהו צו אחאָבן און גיסט אויס זיין תוכחה רייד אויף אים און פאַרשווינדט. מיר הערן נישט פון אים קרוב צו זעקס יאָר. עס גייען אַוועק דריי פרידלעכע יאָרן, עס ברעכט אויס אַ מלחמה, אחאָב ווערט געהרגעט, זיין זון אחזיה ווערט קעניג און מיר הערן נישט פון אליהון. ערשט נאָך די אַלע געשעענישן טרעפט אַז אחזיה ווערט קראַנק און האַלט ביים שטאַרבן, דעמאָלט ווייזט זיך אליהו. עס ווערט דערציילט אין ערשטן קאַפּיטל פון מלכים ב׳:

„און אחאָב איז געשטאָרבן און זיין זון אחזיה איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט. און עס איז געווען אין אַ צייט אַרום, קרוב צו צוויי יאָר, איז אחזיה אַרויסגעפאַלן פון אַ פענצטער, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ גראַטע, אין זיין אויבערשטוב, און איז קראַנק געוואָרן. און ער האָט געשיקט שלוחים און האָט זיי אָנגעזאָגט:

— גייט קיין עקרון, וואָס איז אין לאַנד פלישתים, דאָרטן אין דעם היי־ליקטום פון בעל זבוב, שטייט זיין שטיינבילד, האַלב מענטש, האַלב פליג, ער איז דאָך דער גאָט וואָס ברענגט אַלע קראַנקייטן, גייט און פרעגט אים אויב איך וועל געזונט ווערן פון דער דאָזיקער קראַנקייט מיינער.

און אַ מלאך האָט זיך באַוויזן צו אליהו דעם תשבי און האָט געזאָגט צו אים:

— שטיי אויף, גיי אַנטקעגן די שלוחים און זאָג צו זיי: — איז נישטאָ קיין גאָט אין ישראל, וואָס איר גייט פרעגן ביים בעל זבוב, דעם גאָט פון עקרון? דערפאַר האָט אַזוי גאָט געזאָגט: — פון דעם בעט, וואָס ער איז אַרויף אַהין, וועט ער נישט אַראָפּגיין. שטאַרבן וועט ער שטאַרבן. און די שלוחים האָבן זיך אומגעקערט צום מלך. און ער האָט געזאָגט צו זיי: פאַר־וואָס האָט איר זיך אומגעקערט? האָבן זיי געזאָגט צו אים: — אַ מאַן איז אונדז געקומען אַנטקעגן און געזאָגט צו אונדז: — גייט קערט אייך אום צום מלך, וואָס ער האָט אייך געשיקט און זאָגט צו אים: — אַזוי האָט גע־זאָגט גאָט: — איז נישטאָ קיין גאָט אין ישראל, וואָס דו שיקסט צו פרעגן ביים בעל זבוב, דעם גאָט פון עקרון? דערפאַר האָט אַזוי געזאָגט גאָט: פון דעם בעט, וואָס דו ביסט אַרויף אַהין, וועסטו נישט אַראָפּגיין, שטאַרבן וועסטו שטאַרבן.

האָט דער קעניג אחזיה געזאָגט צו זיי: — ווי האָט אויסגעזען דער מאַן, וואָס איז אייך אַנטקעגן געקומען און גערעדט צו אייך די דאָזיקע רייד? האָבן זיי צו אים געזאָגט: — — — —

— אַ האַריקער מאַן מיט אַ לעדערנעם גאַרטל אַרומגעגאַרטלט.

האָט דער קעניג געזאָגט: — דאָס איז אליהו.

און ער האָט אַרויסגעשיקט אַ הויפּטמאַן מיט פופציק מאַן צו ברענגען אליהון. און דער הויפּטמאַן איז געגאַנגען און געפונען אליהון. ערשט ער איז אויפן שפּיץ באַרג. און דער הויפּטמאַן האָט געזאָגט:

— געטלעכער מאַן, דער מלך האָט באַפוילן: נידער אַראָפּ.

האָט אליהו געענטפערט און געזאָגט צום הויפּטמאַן פון די פופציק: — אויב איך בין אַ געטלעכער מאַן, זאָל אַראָפּנידערן אַ פייער פון הימל און פאַרברענען דיך און דיינע פופציק. און אַ פייער איז אַראָפּ פון הימל און פאַרברענט דעם הויפּטמאַן און זיינע פופציק. און דער קעניג האָט געשיקט אַן אַנדער הויפּטמאַן פון פופציק מיט זיינע פופציק און ער האָט אויסגעשריען צו אים: — געטלעכער מאַן, אַזוי האָט דער מלך באַפוילן: אייל זיך און נידער אַראָפּ!

האָט אליהו געענטפערט: — אויב איך בין אַ געטלעכער מאַן, זאָל אַראָפּנידערן אַ פייער פון הימל און פאַרברענען דיך און דיינע פופציק. און אַ פייער איז אַראָפּ פון הימל און פאַרברענט דעם הויפּטמאַן און זיינע פופציק. און דער קעניג האָט ווידער געשיקט צו אים אַ הויפּטמאַן פון פופציק, צום דריטן מאָל, מיט זיינע פופציק. און דער דריטער הויפּטמאַן איז געקומען און האָט זיך געקניט פאַר אליהון, געבעטן זיך ביי אים און געזאָגט: — געטלעכער מאַן, איך בעט דיך, זאָל זיין טייער ביי דיר מיין לעבן און דאָס לעבן פון די פופציק קנעכט. דו האָסט אַראָפּגעבראַכט אַ פייער פון הימל און פאַרברענט די צוויי פריערדיקע הויפּליַיט פון פופציק מיט זייערע פופציק. זאָל מיין לעבן און דאָס לעבן פון די פופציק קנעכט זיין טייער אין דיינע אויגן.

און אַ מלאך האָט געזאָגט צו אליהון: — נידער אַראָפּ צו אים, זאָלסט נישט מורא האָבן פאַר אים. און ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַראָפּ צו אים און איז אַוועק מיט אים צום מלך. און אליהו איז געקומען צום מלך און געזאָגט צו אים: — אַזוי האָט גאָט געזאָגט: פאַרוואָס האָסטו געשיקט שלוחים צו פרעגן ביים בעל זבוב דעם גאָט פון עקרון? איז נישטאָ קיין גאָט אין ישראל צו פרעגן ביי אים? דערפאַר וועסטו נישט אַראָפּ פונעם בעט, וואָס דו ביסט אַרויף אַהין. שטאַרבן וועסטו שטאַרבן.

און אחזיה איז געשטאָרבן, ווי דאָס וואָרט פון גאָט האָט גערעדט צו אליהון. און אחזיהס ברודער, יהורם איז געוואָרן קעניג אויף זיין אָרט, ווייל אחזיה האָט נישט געהאַט קיין זון."

# אליהו ווערט אַרויפגענומען אין הימל

און אלישע און אליהו זענען געגאַנגען פון גלגל. און עס איז געקומען די צייט פאַר אליהון אַרויפגענומען צו ווערן אין הימל מיט אַ שטורעם־ווינט. און אליהו האָט געזאָגט צו אלישען: — בלייב דאָ, איך בעט דיך, ווייל גאָט האָט מיך געשיקט קיין בית־אל.

און אלישע האָט געענטפערט: — איך שווער ווי גאָט לעבט און ווי דיין גייסט לעבט, אויב איך וועל דיך פאַרלאָזן. און זיי זענען געגאַנגען און אָנגעקומען קיין בית־אל. און די יונגע נביאים פון בית־אל זענען אַרויסגעגאַנגען זיי צו באַגעגענען און זיי האָבן געזאָגט צו אלישען: — ווייסטו, אַז היינט נאָך, וועט גאָט אַוועקנעמען דיין האַר, די קרוין פון דיין קאָפּ?

האָט ער געענטפערט: יאָ, איך ווייס.

און אליהו האָט געזאָגט צו אלישען: — בלייב דאָ, איך בעט דיך, ווייל גאָט שיקט מיך קיין יריחו. האָט ער געענטפערט: — איך שווער ווי גאָט לעבט און ווי דיין גייסט לעבט, אויב איך וועל דיך פאַרלאָזן. און זיי זענען געגאַנגען און אָנגעקומען קיין יריחו. און די יונגע נביאים זענען אַרויסגעגאַנגען זיי צו באַגעגענען און זיי האָבן געזאָגט צו אלישען:

— ווייסטו, אַז נאָך היינט וועט גאָט אַוועקנעמען דיין האַר, די קרוין פון זיין קאָפּ?

האָט ער געענטפערט: — איך ווייס עס. שווייגט. און אליהו האָט געזאָגט צו אלישען: — בלייב דאָ, איך בעט דיך, ווייל גאָט שיקט מיך צום ירדן. האָט ער געענטפערט: — איך שווער ווי גאָט לעבט און ווי דיין גייסט לעבט, אויב איך וועל דיך פאַרלאָזן. און זיי זענען ביידע געגאַנגען: און זיי זענען געקומען נאָענט צום ירדן. און פופציק יונגע נביאים זענען זיי נאָכגעגאַנגען און זיי האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן זיי פון דער ווייטנס צו זען, וואָס וועט געשען. און זיי ביידע, אליהו און אלישע זענען געגאַנגען און זיך געשטעלט ביים ירדן.

און אליהו האָט גענומען זיין מאַנטל און האָט עס צונויפגעוויקלט און אַ קלאַפּ געטאָן איבערן וואַסער. און דאָס וואַסער האָט זיך צעטיילט אַהער און אַהין. און זיי ביידע זענען אַריבערגעגאַנגען אין טריקעניש.

און ווי זיי זענען איבערגעגאַנגען דעם ירדן האָט אליהו געזאָגט צו אלישען:

— בעט, וואָס זאָל איך דיר געבן איידער איך וועל אַוועקגענומען ווערן פון דיר?

האָט אלישע געענטפערט: — איך בעט דיך, פון דעם גייסט פון נבואה,

וואָס דו האָסט געגעבן צו די אַנדערע בני־נביאים, זאָל אויף מיר רוען צוויי מאָל אַזוי פיל.

אלישע האָט ווידער באַוויזן, אַז אַזוי ווי ווען אליהו האָט אים געזאָלבט פאַר אַ נביא, אַז ער גלייבט נישט אין זיינע אייגענע כוחות. גייסטיקע גרויס־קייט בעט מען נישט. דאָס באַקומט מען נישט ווי אַ מתנה. מען דאַרף דאָס דערגרייכן דורך אייגענער אמונה אין זיך. און אליהו ענטפערט אים: — דו האָסט געבעטן אַ שווערע זאַך. אָבער אויב דו וועסט זען ווי איך ווער אַוועק־גענומען פון דיר, וועט געשען ווי דו האָסט געבעטן. אויב אָבער נישט, וועט דיין בקשה נישט דערפילט ווערן. קלאָר פאַרטייטשט עס דער רד״ק: אויב דו פאַרמאָגסט אין זיך דעם גייסט פון גאָט צו זען ווי איך וועל אַוועקגענומען ווערן פון דיר, דעמאָלט וועל איך וויסן, אַז דו ביסט געבענטשט פון גאָט און דיין בקשה וועט דערפילט ווערן (זע רד״ק אויף פסוק י׳, קאַפּיטל ב׳ מלכים ב׳, אָביסל אויסגעטייטשט).

און עס איז געווען ווי זיי זענען געגאַנגען און גערעדט איז אָנגעקומען אַ פייערדיקער רייטוואָגן מיט פייערדיקע פערד און זיי פונאַנדערגעטיילט און אליהו איז אַרויף מיט אַ שטורעם־ווינט אין הימל.

און ווי אלישע האָט עס דערזען, אַזוי האָט ער אויסגעשריען:

— פאָטער מיינער, פאָטער מיינער, רייטוואָגן און רייטער פון ישראל! און ווען ער האָט אים מער נישט געזען, האָט ער אָנגענומען זיינע קליידער און האָט זיי צעריסן אויף צוויי שטיקער. און אליהוס מאַנטל איז אַראָפּגע־פאַלן און אלישע האָט עס אויפגעהויבן און ער האָט זיך אומגעקערט און איז צוגעקומען צום ירדן.

און ער האָט גענומען אליהוס מאַנטל און האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבערן וואַסער. אָבער דאָס וואַסער האָט זיך נישט צעטיילט. (זע רד״ק און פירוש של״ג).

האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן דאָס וואַסער אַ צווייטן מאָל און אויסגערופן:

— וווּ איז דער גאָט, דער גאָט פון אליהון? און דאָס וואַסער האָט זיך צע־טיילט אַהין און אַהער און אלישע איז אַריבערגעגאַנגען אין טריקעניש.

און די יונגע נביאים פון יריחו, וואָס זענען געשטאַנען לעבן ירדן, האָבן געזען ווי אלישע האָט געשפּאָלטן דעם ירדן (זע מצודת דוד), האָבן זיי גע־זאָגט:

— דער גייסט פון אליהון רוט אויף אלישען.

און זיי זענען געקומען אַנטקעגן אים און זיי האָבן זיך געבוקט פאַר אים צו דער ערד און זיי האָבן געזאָגט צו אים:

— מיר בעטן דיך: צווישן אונדז, דיינע קנעכט, געפינען זיך פופציק

העלדישע יונגען, לאָז זיי גיין, מיר בעטן דיך, און זוכן דיין האַר. אפשר האָט דער שטורעם־ווינט פון גאָט פאַרטראָגן אים און פאַרוואָרפן ערגעץ־ווו אויף איינעם פון די בערג אָדער אין איינעם פון די טאָלן.

האָט ער צו זיי געזאָגט: שיקט נישט. און זיי זענען לאַנג צוגעשטאַנען צו אים. און אלישע האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיי. ער האָט געטראַכט, זיי קאָנען נאָך מיינען אַז איך וויל נישט מיין רבין צוריק, ווייל איך וויל זיין דער יורש פון זיין גרויסקייט (רש״י). האָט ער צו זיי געזאָגט: „שיקט״.

און זיי האָבן געשיקט די פופציק מאַן און זיי האָבן געזוכט דריי טעג און זיי האָבן אים נישט געפונען. און זיי האָבן זיך אומגעקערט צו אלישען קיין יריחו. און ער האָט געזאָגט צו זיי: — איך האָב דאָך אייך געזאָגט, איר זאָלט נישט גיין.

**
*

מיט דער געשעעניש, ווי אליהו ווערט אַוועקגענומען אין הימל, ענדיקן זיך די היסטאָרישע, די תנ״כישע, מעשיות וועגן אליהו. איידער מיר וועלן אָנהייבן דערציילן וועגן דעם לעגענדאַרישן אליהו פון תלמוד און מדרש, וועלן מיר דערקלערן אין קומענדיקן קאַפּיטל, דעם זין, די היסטאָרישע פאַקטן און די באַדייטונג וואָס זענען פאַרוויקלט אין די פאַנטאַסטישע און ניסים־דיקע מעשיות, וואָס מיר האָבן איבערדערציילט. דער מאָדערנער לייענער נעמט דאָך־אויף די ניסים פון תנ״ך ווי נישט געשטויגענע און נישט געפלוי־גענע מעשיות, וואָס דאַרפן געלייענט ווערן מיט אַ סקעפּטישן שמייכל. ס׳איז אָבער נישט אַזוי. דאָס זענען נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַכן. יעדער נס, אָדער וווּנדער שטעלט מיט זיך פאַר אָדער אַ היסטאָרישן פאַקט אָדער אַ געוויסע אמונה פון יענער צייט.

## ניסים און נאַטור-געזעצן

מענטשן רופן אַ נס אַ געשעעניש, אָדער אַ דערשיינונג, וואָס קאָן נישט דערקלערט ווערן מיט די צו אונדז באַקאַנטע נאַטור־געזעצן. די לאָגישע דער־קלערונג פאַר אַזאַ דערשיינונג איז, אַז גאָט האָט זיך דירעקט אַריינגעמישט און געמאַכט אַן אויסנאַם אין דעם איינשטעל פון דער נאַטור.

די ניסים און מופתים פון תנ״ך האָבן פאַר טויזנטער יאָרן אינטריגירט דער מענטשהייט. סיי פרומע און סיי נישט קיין פרומע האָבן די ניסים גע־שטעלט אין פאַרלעגנהייט.

אַ סך אַפּיקורסים, איבערהויפּט די וואָס האַלטן, אָדער גלייבן, פון מאַ־

טעריאַליסטישן אויסטייטש פון דער געשיכטע, זיי האָבן דערקלערט אַלע ניסים פאַר שווינדל. דאָס האָבן די פּריסטער, די פּראָפעטן, דער גאַנצער כּלי־קודש, וואָס זענען די באַדינער פון די הערשנדיקע קלאַסן, צוגעטראַכט ליגנס צו פאַרבלענדן די אויגן פון די מאַסן. די פאָרשטייער פון דעם עקספּלואַ־טירנדיקן קלאַס האָבן געוואָלט איבערשרעקן די מאַסן מיט באָבע־מעשיות, כּדי זיי זאָלן נישט וואָגן צו רעוואָלטירן קעגן זייערע אונטערדריקערס.

טאָמאַס קאַרלייל, דער ענגלישער עסעאיסט, ענטפערט די אַפּיקורסים:

„אָפּנאַרעריי און שווינדל איז פאַראַן אומעטום, אין רעליגיע און אין אַלע אַנדערע פאַזן פון לעבן. איבערהויפּט איז פאַראַן אָפּנאַרעריי און שווינדל אין דער סטאַדיע פון רעליגיע, ווען זי הייבט אָן צו צעפאַלן. אָבער אָפּנאַרעריי און שווינדל איז קיינמאָל נישט געווען די סיבה פאַר דעם אויפקום אָדער אויפהאַלט פון רעליגיע. שווינדל איז דער סימן מובהק אין רעליגיע, ווען זי הייבט אָן צו צעפאַלן. עס איז אַן אָנזאָג, אַז די באַטרעפנדיקע רעליגיע האַלט ביים שטאַרבן... לאָמיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז אָפּנאַרעריי געבערט גאָרנישט, ברענגט טויט צו אַלע זאַכן" (הירא ענד הירא וואָרשיפּ ביים טאָ־מאַס קאַרלייל).

פאַראַן אַ סך פאָרשערס, וואָס דערקלערן ניסים בכלל און די ניסים פון תנ״ך בפרט, אויף אַ ראַציאָנאַליסטישן אופן. עס מיינט, זיי באַווייזן אַז די ניסים זענען גאָרנישט געווען קיין ניסים נאָר געוויינלעכע נאַטור־דערשיי־נונגען. למשל, קריעת־ים — דאָס שפּאַלטן פון ים — איז געווען אַ פּשוטע נאַטור־דערשיינונג. זיי באַווייזן, אַז אין חומש גופא איז דאָ אַן אָנדייט, אַז ווען די יידן האָבן געדאַרפט אַריבערגיין דעם ים, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט און דער ווינט האָט געבראַכט אַן אָפּפלוס פון די וואַסערן און יידן זענען אַריבערגעגאַנגען אין דער טריקעניש. דער זעלבער ווינט האָט דערנאָך געבראַכט אַ צופלוס פון די וואַסערן און די מצרים, וואָס האָבן נאָכ־געיאָגט די יידן, זענען דערטרונקען געוואָרן. כמעט אַזוי, אַביסל פאַרשטעלט, דערקלערט יאָזעפוס דעם נס פון קריעת־ים־סוף (זע די אַלטערטימער, בוך צוויי, קאַפּיטל זעכצן, פּאַראַגראַף דריי און פינף).

ברוך שפּינאָזאַ גיט אָפּ אַ גאַנצן קאַפּיטל פון זיין „פּאָליטיש טעאָלאָ־גישן טראַקטאַט" צו דערקלערן די ניסים פון תנ״ך. ער האַלט, אַז דאָס גלייבן אין ניסים איז באמת אַ סימן פון נישט גלייבן אין דער גרויסקייט פון גאָט, ווייל גאָט האָט באמת אַזוי איינגעשטעלט די נאַטור, אַז עס זענען נישט ניי־טיק קיין ניסים. גאָט האָט געשאַפן די וועלט, די נאַטור, אַזוי פּערפעקט, אַז ער דאַרף נישט ענדערן אירע געזעצן כּדי צו ווייזן זיין גרויסקייט. דער וואָס גלייבט אָבער, אַז גאָט דאַרף ענדערן די געזעצן פון דער נאַטור מיינט עס

דאָך, אַז דער כביכול האָט געשאַפן אַן אומפערפעקטע זאַך און ער דאַרף דער נאַטור אַרויסהעלפן, כדי זאַכן זאָלן פּאַסירן לויט זיין ווילן. דאָס מינערט די גרויסקייט און פערפעקציע פון גאָט.

אָבער עס ווערט דאָך פּאָרט דערציילט וועגן ניסים אין תנ״ך? ברוך שפּינאָזאַ גיט ראַציאָנאַלע דערקלערונגען צו די ניסים. קריעת־ים־סוף דערקלערט ער ווי יאָזעפוס. בכלל זאָגט שפּינאָזאַ זענען די ערשטע ניסים בלויז פּשוטע, נישט פאַרשטאַנענע נאַטור־דערשיינונגען. למשל יהושע האָט נישט אָפּגעשטעלט די זון. ס׳איז דעמאָלט געווען דער לענגסטער טאָג פון יאָר. אָבער אַזוי ווי די מענטשן אין יענער צייט האָבן געגלייבט, אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד און נישט די ערד אַרום דער זון, האָבן זיי אין זייער ענטוזיאַזם דערקלערט, אַז דער טאָג איז געווען אַזוי לאַנג, ווייל יהושע האָט געמאַכט די זון צו שטיין שטיל.

ער זאָגט אויך, אַז אַ סך פון די ניסים זענען סימבאָלן, משלים, אָבער נישט מער ווי מליצה. בלויז די אומוויסנדיקע מאַסן נעמען אויף ניסים ווי זיי זענען באַשריבן.

## וועגן ניסים אין תלמוד און מדרש

די שטעלונג פון די חז״ל צו ניסים איז נישט קיין איינהייטלעכע. טאָמער נעמט עמעצער פרעגן די קשיה: סטייטש ווי קאָן זיין אין דער גמרא מיינונגען, וואָס זענען זיך סותר, וואָס ווידערשפּרעכן זיך? דער תירוץ איז, אַז דווקא אין דעם ליגט די גרויסקייט פון תלמוד. אלו ואלו דברי אלקים חיים —ביידע מיינונגען זענען די רייד פון לעבעדיקן גאָט. דאָס איז אַן איינגעשטעלטער פּרינציפּ אין תלמוד און אָפט פאַרגעסן עס יידן און פרעגן אומזיסטע קשיות. דערפאַר טאַקע דאַרף מען זיך נישט חידושן, וואָס מ׳יר געפינען אין גמרא און מדרש אַ סך שטעלן, וואָס טייטשן אויס די ניסים אויף אַ ראַציאָנאַליסטישן, אָדער אַלעגאָרישן אופן. מיר האָבן פריער געבראַכט די גמרא וואָס זאָגט, אַז נישט קיין ראָבן האָבן געשפּייזט אליהון ביים טייך כרית, נאָר מענטשן פון אַזאַ שטאָט וואָס רופט זיך עורב. איצט וועלן מיר ברענגען נאָך עטלעכע אויסטייטשונגען פון גמרא און מדרש וועגן ניסים.

אָפט טייטשן אַריין די חז״ל אין אַ פּסוק אַן אַלעגאָריע, וואָס נעמט אַוועק דעם פּשוטן טייטש פון פּסוק. זאָגט דער מדרש: „און ער, משה, איז דאָרטן געווען מיט גאָט פערציק טעג און פערציק נעכט, קיין ברויט האָט ער נישט געגעסן און קיין וואַסער האָט ער נישט געטרונקען״. איז דען מעגלעך פאַר

אַ מענטשן צו זיין פערציק טעג און פערציק נעכט אָן עסן און טרינקען? נאָר די מלאכים האָט זיך עס אויסגעדוכט אַזוי (שמות רבה מ״ז).

עס איז דאָ אַ גמרא וואָס זאָגט אַז אליהו איז קיינמאָל נישט אַרויף אין הימל (סוכה ה׳, עמוד א׳).

עס איז כדאי צו ריידן אַביסל באַריכות וועגן די אַלעגאָרישע אויס־טייטשונגען פון די חז״ל. דרשנט דער מדרש:

עס שטייט אין פסוק ווען משה האָט אויפגעהויבן די הענט האָט זיך געשטאַרקט ישראל און אַז ער האָט אַראָפּגעלאָזן די הענט האָט זיך גע־שטאַרקט עמלק (שמות מ״ז, י״א). צי דען האָבן משהס הענט געשטאַרקט די יידן אָדער אָפּגעשוואַכט עמלקן? נאָר כל־זמן משה האָט געהאַלטן די הענט אויפגעהויבן צום הימל, האָבן די יידן אַרויפגעקוקט און געגלייבט אין גאָט, וואָס האָט באַפוילן משהן אַזוי צו טאָן. און דער הקב״ה האָט דערפאַר פאַר זיי געטאָן ניסים און זיי געהאָלפן. („והקב״ה עשה להם ניסים וגבורות״ — מכילתא צד׳ ישמעאל בשלח, מכילתא דר׳ ישמעאל בשלח מסכתא עמלק א׳). אין דעם זעלביקן פּאַראַגראַף טייטשט ער אַזוי אויס: וועגן דער קופּערנער שלאַנג, וואָס משה האָט געמאַכט, און וועגן דאָס בלוט, וואָס די יידן אין מצרים האָבן אָנגעשמירט אין דרויסן אויף די טירן.

דער מדרש רבה זאָגט: ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם ים האָט ער מיט אים אויסגענומען אַ תנאי, אַז ער זאָל זיך שפּאַלטן פאַר די יידן; אויך מיט דער זון האָט ער אויסגענומען אַ תנאי, אַז זי זאָל בלייבן שטיין אין יהושעס צייטן; מיט די ראָבן — זיי זאָלן שפּייזן אליהון און מיט דעם פיש — ער זאָל אויסשפּייען יונהן. (בראשית רבה ה׳, ד׳).

דער זעלביקער געדאַנק איז דאָ אין פרקי אבות — גאָט האָט לכתחילה, ערב שבת פאַרנאַכט געשאַפן צען אויסנאָמען אין דער נאַטור (פרקי אבות ה׳, ו׳).

אין תוך מיינט עס אַז די חז״ל האָבן געהאַלטן, אַז די נאַטור־געזעצן זענען איינגעשטעלט אַזוי, אַז גאָט דאַרף נישט אָנקומען צו ניסים.

עס איז פאַראַן אַ גמרא, וואָס מאַכט נאָך קלאָרער דעם ענין. גאָט האָט אַזוי איינגעשטעלט די נאַטור, — אירע געזעצן זענען אַזוי פּערפעקט, אַז זיי „צווינגען״ דעם כביכול זיי נאָכצוקומען. עס רעדט זיך דאָרטן וועגן ענין פון זינדיקן מיט אַן אשת איש. פרעגט די גמרא פאַרוואָס ווערט די פרוי טראָ־געדיק? און די גמרא ענטפערט: עולם כמנהגו נוהג — די וועלט פירט זיך לויט איר איינשטעל. משׁשת ימי בראשית, און די נאַראָנים וואָס האָבן גע־זינדיקט ווען באַשטראָפט ווערן. און דאָס וואָס ריש לקיש האָט געזאָגט: דער רבונו־של־עולם האָט געזאָגט: ס׳איז נאָך נישט גענוג, וואָס די רשעים

מאַכן מיין שטעמפּל הפקר, זענען זיי מיך מטריח און מאַכן מיר חתמנען קעגן מיין ווילן (עבודה זרה נ"ד, עמוד ב').

גאַר אינטערעסאַנט איז וואָס דער מדרש „תנא דברי אליהו" זאָגט וועגן אליהוס אַרויפגענומען ווערן אין הימל:

— ווען דער מלאך איז געשיקט געוואָרן אָוועקצונעמען אליהון פון דער וועלט, איז ער געקומען און געטראָפן ווי אליהו און אלישע ריידן און לערנען. נו, האָט ער דאָך אויף זיי קיין שליטה נישט געהאַט; האָט ער זיך אומגעקערט צום רבונו של עולם און געזאָגט צו אים: רבונו של עולם, זיי פאַרנעמען זיך מיט לערנען און איך האָב קיין שליטה נישט אויף זיי. אָבער עס שטייט „און אָט איז אַ פייערדיקער רייטוואָגן מיט פייערדיקע פערד און האָט זיי פונאַנדערגעטיילט און אליהו איז אַרויף אין הימל". אַ פייערדיקער רייטוואָגן מיינט תורה, נביאים און כתובים; פייערדיקע פערד מיינט משנה, הלכה און אגדה. און וואָס עס שטייט „און האָט זיי פונאַנדערגעטיילט"? עס מיינט דער מלאך האָט זיך אומגעקערט און געזאָגט צום רבונו של עולם: איך האָב געטאָן דיין רצון און דיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן. אָבער גרויס איז דער בזיון, וואָס איך האָב זיי פאַרשעמט. איך האָב איינעם אַ שטויס געטאָן אַהער און דעם אַנדערן אַהין, כדי זיי זאָלן מפסיק זיין פון לערנען און איך זאָל אויף זיי האָבן אַ שליטה (סדר אליהו רבא, פרק ה').

פאַרשטייט זיך אַז אַממייסטן נעמט אָן די גמרא און אויך דער מדרש די ניסים ווי זיי זענען פאַרשריבן. יעדער איינער קאָן אויסקלייבן אין גמרא און מדרש וואָס אים געפעלט (די וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דעם ענין זעט דרכי האגדה, י. היינמן, זז' 80, 81).

## די מאָדערנע פאַרשערס וועגן ניסים

דער צוגאַנג פון די מאָדערנע פאַרשערס צו ניסים איז גאַר אַן איינפאַכער. אַלע ניסים זענען אין טיפערן זין אמת. נישט אין די פרטים, נאָר אין תוך.

דורך די ניסים און לעגענדעס קאָנען מיר אויפכאַפּן דעם עיקר פון די היסטאָרישע געשעענישן אַ סך מער ווי דורך אַ טרוקענער היסטאָרישער פאַרצייכענונג. די אַלע ניסימדיקע מעשיות פון תנ"ך זענען נישט קיין שפּעטערדיקע באַאַרבעטונגען מיט באַפּוצונגען פון אַ שפּעטערדיקן וועלט־באַנעם, נאָר דאָס זענען די איינדרוקן

פון די, וואָס האָבן בייגעוויזן די גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונגען. „דער מענטש פון די אַמאָליקע תקופות האָט אויפגעכאַפּט, ווי אַן אייגענע איבערלעבונג, די נישט־דערוואַרטענע געשעענישן, וואָס זענען אויפגעקומען אין זיין צייט און געענדערט דעם גאַנצן היסטאָרישן צושטאַנד פון זיין געזעמל. די געשעענישן האָבן אים איבערראַשט, דערשטוינט און אים צעטרייסלט און ער האָט זיי איבערגעגעבן מיט דערשטוינונג, התלהבות און איבערראַשונג" (מ. בובער, משה).

גערעכט איז טאָמאַס קאַרלייל: „ווען מיר וואָלטן דאָרטן געווען, וואָלטן מיר עס אויך געזען און געגלויבט".

וואָס לערנען אונדז די וואונדער־מעשיות פון אליהו? זיי לערנען אונדז, אַז דער גייסטיקער ריז האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף זיין דור מענטשן. זייער ענטוזיאַזם און יראת הכבוד פאַר אים האָבן אים אידעאַליזירט, אים פאַרגרעסערט און דערהויבן זיין פּערזענלעכקייט צו אַ לעגענדאַרישע פיגור. דאָך האָט די דאָזיקע איבערגעטריבענע אָפּשאַצונג געגעבן אונדז אַ טיפערן אַריינבליק אין די געשעענישן פון יענער צייט, ווו עס וואָלט אונדז געגעבן אַ זאַכלעכע און פּינקטלעכע כראָניק.

דורך די וואונדער־מעשיות פון אליהו קאָנען מיר די עפּאָכע פון אחאָבס קעניגן, בעסער ווי וועלכע ס'איז אַנדער צייט. מיר ווייסן טאַקע נישט פּינקטלעך, אַקוראַט, וואָס עס האָט פּאַסירט אויפן באַרג כרמל. קיינער קאָן נישט דערקלערן ווי אַזוי האָט אליהו געמאַכט אַז אַ פייער זאָל אַראָפּנידערן פון הימל, אָדער אפשר האָט דאָס פייער גאָרנישט אַראָפּגענידערט פון הימל. מיר ווייסן אָבער, אַז אַ גרויסער נס איז געשען אויפן באַרג כרמל. אליהו איינער־אַליין האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן די פיר הונדערט נביאים פון בעל, אַנטקעגן דעם קעניג און אַנטקעגן דער מלכה און אַנטקעגן דעם גלייכגילטיקן פאָלק און האָט געזיגט. אויף יענער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, אויפן באַרג כרמל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער אמונה. איז דאָס אַ קלענערער נס ווי אַראָפּברענגען פייער פון הימל?

עס איז גאָרנישט נייטיק פאַר אונדז צי דער אלמנהס יינגל איז געשטאָרבן און אליהו הנביא האָט אים מחיה־מתים געווען, צי דאָס יינגל האָט בלויז געחלשט און אליהו הנביא האָט אים אָפּגעמינטערט, ווי דער רד"ק טייטשט. וויכטיק איז, וואָס אליהו האָט זיך באַהאַלטן אין דעם הויז פון אַן אלמנה אין צידון. קעגן דעם געץ פון צידון האָט ער געקעמפט. אָבער צום פאָלק פון צידון האָט ער גאָרנישט נישט געהאַט. זיי זענען אין זיינע אויגן נישט געווען קיין זינדיקע. זיי האָט גאָט נישט אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן נישט דינען צום בעל. זיין טאָלעראַנץ אויף אונדז היינט געזאָגט געוואָרן.

אין ספר מלכים שטייט אויך געשריבן, אַז צוליב אליהוס ברכה האָט זיך דאָס מעל אין טאָפּ נישט אויסגענומען און דער בוימל אין קריגל איז נישט געמינערט געוואָרן פאַר אַ לאַנגער צייט. דאָס לערנט אונדז ווי שטאַרק די מענטשן האָבן געהאַלטן פון אליהון. זיי האָבן געגלייבט, אַז ער קאָן ווייזן אַ מופת אַז אַ הייפעלע מעל און אַ טראָפּעלע בוימל זאָלן גדויערן יאָרן. ניין, ער קאָן אפילו מחיה־מתים זיין. קיין זאַך איז פון אים נישט פאַרמיטן. דער־פאַר ווען אַ האָר פון פופציק רעדט חוצפּהדיק קעגן נביא, ווערן פאַרברענט דער הויפּט פון חייל און זיינע פופציק מענטשן, וואָס האָבן אים געוואָלט העלפן ברענגען דעם נביא מיט גוואַלד צום קעניג. נישט אליהו איז געווען דער אכזר, נאָר די פאַנטאַזיע פון דעם פאָלק פון יענער צייט איז געווען פרי־מיטיוו אכזריותדיק...

אליהו ווערט נישט. ער פאַרשווינדט. ער שטאַרבט נישט ווי אַלע מענטשן. ער ווערט נעלם. עס איז נישט וויכטיק צי אַ פייערדיקער רייטוואָגן מיט פייערדיקע פערד האָבן אים אַרויפגענומען אין הימל, אָדער די מעשה איז נישט מער ווי אַ משל, ווי דער „תנא דבי אליהו" טייטשט עס אויס. וויכטיק איז, וואָס עס גיט אונדז אַ בילד פון דעם אומרואיקן אליהון, וואָס האָט קיינ־מאָל נישט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט. אָט ווערט ער פאַרפאַלן אויף יאָרן און אָט ווייזט ער זיך. מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרויסזאָגן ווען ער וועט זיך ווייזן און וואָס ער וועט טאָן. ווייניק מאָל האָט ער זיך גע־וויזן פאַרן פאָלק, ווי מיר האָבן פריער דערציילט, בלויז אַ זעקס מאָל. אָבער דאָס פאָלק האָט דערפילט, אַז דער דאָזיקער געטלעכער מאַן האָלט אַן אויג אויף דער מלוכה, אויף דעם לאַנד, אויף דעם פאָלק און אויף אַלץ וואָס עס געשעט אין דער מדינה.

און בדרך מליצה, וואָס איז אפשר דער טיפערער אמת, קאָן מען זאָגן, אַז דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט, אַז אליהו הנביא זאָל שטאַרבן. ער דאַרף בלייבן לעבן און איז טאַקע לעבן געבליבן. און אויך איצט האַלט דער נביא אַן אויג אויף זיין באַליבט פאָלק און ווייזט זיך ווען יידן זענען אין אַן עת צרה.

איך וויל פאַרענדיקן מיט די רייד פון יוסיפוסן:

— און פאַר זיך אַליין, האָב איך איבערגעגעבן יעדע טייל פון דער גע־שיכטע ווי איך האָב עס געפונען אין די כתבי הקודש. זאָל זיך קיינער נישט וווּנדערן אויף די מאָדנעקייט פון די מעשיות. צי דאָס האָט פּאַסירט דורך דעם רצון פון גאָט, אָדער אויף אַ נאַטירלעכן אופן איז נישט וויכטיק. אָט למשל, האָט געטראָפן אַן ענלעכער נס ווי קריעת־ים־סוף צו אַלעקסאַנדער מוקדון.

זאָל יעדער טראַכטן ווי ער וויל וועגן די ענינים (סוף פון צווייטן בוך אַל־טערטימלעכקייט).

„מענטשן האָבן אויפגעהערט צו וווּנדערן זיך און נתפעל ווערן פון די גרויסע ניסים אַרום זיי, נישט ווייל די מענטשן זענען געוואָרן אַזוי קלוג און געלערנט, נאָר ווייל זיי האָבן אויפגעהערט צו טראַכטן“.

זאָל דאָס זיין אַן ענטפער צו די וואָס וווּנדערן זיך פאַרוואָס מיר דערציילן איבער די ניסים און ווונדער פון תנ״ך ווי זיי וואָלטן געווען ביי אַלע־מען אָנגענומענע אמתן.

איצט וועלן מיר איבערגעבן עטלעכע ניסימדיקע און שיינע מעשיות וועגן אליהו הנביא, וואָס געפינען זיך אין תלמוד און מדרשים און צוויי מוסטערן פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

## דער הימלישער אליהו אויף אונדזער וועלט

אליהו איז אַרויפגענומען געוואָרן אויפן הימל. ערשט איצט האָט ער אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע אָנגעהויבן אָנטיילצונעמען אין דעם יידישן טאָג־טעג־לעכן לעבן. ער איז געוואָרן דער טרייסטער, דער העלפער אין אַ נויט, דער דערמוטיקער און דער אויפריכטער פון אָרעמעלייט.

עס האָט גענומען הונדערטער יאָרן ביז ער איז געוואָרן דער אליהו וואָס מיר קאָנען אים איצט. אין אָנהייב האָט ער זיך געוויזן זעלטן. צום ערשטן מאָל הערן מיר פון אים, זיבן יאָר שפּעטער נאָך דעם ווי ער איז אַרויף אין הימל. עס קומט פון אים אָן אַ בריוו צום מלך יהורם, וואָס האָט דעמאָלט גע־קעניגט אויף יהודה. שפּעטער איז דאָ אַ מעשה וועגן אים אין צייט פון חורבן. עס גייען אַריבער הונדערטער יאָרן און מיר הערן פון אים נישט. ער באַווייזט זיך אין די צייטן פון אחשורוש, צו אסתרס סעודה, וואָס זי האָט געמאַכט פאַרן קעניג. אָבער ערשט יאָרן שפּעטער, אין די צייטן פון די תנאים, דערנאָך אין די צייטן פון די אמוראים ווערט ער אַ בן־בית אין יידישע הייזער; און אַזוי איז ער געבליבן ביז היינט.

## אַ בריוו נאָכן טויט

און דער מלך יהושפט פון יהודה איז געשטאָרבן און זיין זון יהורם איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט. און ער האָט געהאַט זעקס ברידער. זייער פאָ־טער האָט יעדן איינעם פון זיי געגעבן אַ סך מתנות: זילבער, גאָלד און טייע־

דע זאַכן און באַפּעסטיקטע שטעט. די מלוכה האָט ער איבערגעגעבן יהורמען, ווייל ער איז געווען דער בכור, דער עלטסטער. אָבער ווי יהורם איז געוואָרן מלך און זיך באַפעסטיקט אויפן טראָן, האָט ער אויסגעהרגעט זיינע ברידער, ווייל זיי זענען געווען קעגן זיין געצנדינסט. ער האָט אויך אויסגעהרגעט אַלע שררות, האַרן, וואָס האָבן געהאַלטן מיט זיינע ברידער. ער האָט נאָכגעטאָן אחאבן, ווייל ער האָט גענומען אחאָבס טאָכטער פאַר אַ ווייב.

ער האָט פאַרלאָזן גאָט, דעם גאָט פון זיינע עלטערן. ער האָט געמאַכט במות אויף די בערג פון יהודה און ער האָט געמאַכט זינדיקן אַלע איינוווינער פון ירושלים. אין זיינע טעג האָט זיך אדום אָפּגעריסן פון יהודה. אויך די שטאָט ליבנה האָט זיך אָפּגעריסן פון יהודה. אָבער גאָט האָט נישט געוואָלט אומברענגען דאָס הויז פון דוד, ווייל גאָט האָט געשלאָסן אַ בונד מיט דודן און אים צוגעזאָגט צו לאָזן די מלוכה אין די הענט פון זיינע קינדער אויף אייביק.

און אַ בריוו איז אָנגעקומען צו יהורמען פון אליהון. אין בריוו איז געווען געשריבן אַזוי צו זאָגן:

„אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער גאָט פון אליהון. דו ביסט נישט געגאַנגען אין די וועגן פון דיין פאָטער יהושפט און אין די וועגן פון דיין זיידן אסא דעם מלך פון יהודה, דו ביסט גאָר געגאַנגען אין די וועגן פון די מלכים פון ישראל. דו האָסט געמאַכט זינדיקן די איינוווינער פון ירושלים, אַזוי ווי דאָס הויז פון אחאָב האָט געמאַכט זינדיקן ישראל. דו האָסט אויך אויסגעהרגעט דיינע ברידער, וואָס זענען געווען בעסער פון דיר. דערפאַר זע, גאָט וועט איצט שטראָפן דיין פאָלק מיט אַ גרויס פּלאָג, דיינע קינדער, דיינע ווייבער און דיין גאַנץ פאַרמעגן. און דו וועסט ווערן קראַנק מיט אַ געדערים־קראַנקייט. און נאָך אַ לאַנגער צייט פון זיין קראַנק, וועלן דיינע געדערים אַרויס־קריכן".

און עס איז אַזוי געווען. גאָט האָט אָנגעשיקט אויף יהורמען די פּלישתים און די אַראַבער. און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט יהודה און געפאַנגען דעם גאַנצן פאַרמעגן, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם מלכס הויז, אויך זיינע זין און טעכטער. און עס איז ביי אים נישט געבליבן קיין זון, אַחוץ יהואחזן, דעם יינגסטן פון זיינע זין.

און נאָך דעם אַלעמען האָט אים גאָט געפּלאָגט מיט אַ געדערים־קראַנקייט, וואָס מען האָט נישט געקאָנט אויסהיילן. ער איז געווען קראַנק צוויי יאָר, נאָך דעם זענען פון אים אַרויסגעקראָכן די געדערים. און ער איז געשטאָרבן אין גרויסע יסורים.

צוויי און דרייסיק יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז געוואָרן מלך,

און אַכט יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושלים. ווען ער איז געשטאָרבן האָט מען אים נישט באַקלאָגט און מען האָט אים באַגראָבן אין דודס שטאָט, אָבער נישט אין די קברים פון די מלכים. (דברי הימים ב׳, כ״א).

## אליהו פאַרשטעלט זיך פאַר אַ קאַמערדינער

און דאָס איז געווען ווען דער מלך אחשורוש איז געקומען צום צווייטן מאָלצייט, וואָס אסתר המלכה האָט פאַר אים געמאַכט. און דער מלך האָט גע־זאָגט צו אסתרן ביים ווײנמאָלצייט: — וואָס איז דיין פאַרלאַנג, אסתר המלכה? עס וועט דיר נאָכגעגעבן ווערן. זאָג מיר, וואָס איז דיין בקשה? אַפילו ביז אַ האַלבער מלוכה וועט עס געטאָן ווערן.

האָט אסתר המלכה געזאָגט: — אויב איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן מלך, און אויב דער מלך וויל זיין גוט צו מיר, בעט איך אַז מיין לעבן זאָל געשענקט ווערן. און מיין בקשה איז, אַז מיין פאָלק זאָל נישט אויסגע־הרגעט ווערן. ווייל מיר זענען פאַרקויפט געוואָרן: איך און מיין פאָלק צו פאַרטיליקן, צו הרגענען און אומצוברענגען. ווען מיר וואָלטן פאַרקויפט גע־וואָרן פאַר קנעכט און פאַר דינסטן, וואָלט איך געשוויגן, דער קעניג וואָלט געהאַט אַ נוץ דערפון. אָבער דעם שונא אַרט נישט, וואָס דער מלך וועט האָבן שאָדן (רש״י).

האָט זיך אָנגערופן דער מלך אחשורוש און געזאָגט צו אסתרן:

— ווער איז עס דער, און ווו איז ער, וואָס האָט געוואַגט צו טאָן אַזאַ זאַך?

האָט אסתר געענטפערט און געזאָגט:

— אָט איז ער, דער צורר, דער שונא — המן!

און המן האָט זיך דערשראָקן פאַרן מלך און פאַר דער מלכה.

און דער מלך האָט זיך אויפגעהויבן אַ כעסיקער פון דעם מאָלצייט און איז אַריין אין גאָרטן פון פּאַלאַץ. און המן איז געבליבן אין מאָלצייט־זאַל איבערצובעטן די מלכה אסתר. און דער מלך האָט זיך באַלד אומגעקערט פון פּאַלאַץ־גאָרטן, ערשט ער זעט המן ליגט אַנידערגעפאַלן אויף דעם לענבעטל, וואָס אסתר זיצט. דעמאָלט איז ערשט אחשורוש אַריינגעפאַלן אין דעם אמתן צאָרן און אויסגערופן:

— וואָס ווילסטו אויך באַצווינגען די מלכה, מאַנס זיין זי ביי מיר אין הויז?

און די באַדינער פון דעם קעניג האָבן באַלד דערזען, אַז דער מלך קאָן

מער נישט אַנקוקן המנען, האָבן זיי זיך געאײַלט און צוגעדעקט המנס פּנים מיט אַ שוואַרצן טוך ווי דער מנהג איז געווען אין פּרס. זאָל דער קעניג נישט דאַרפֿן קוקן אויף דעם וואָס ער האָט פֿײַנט.

און המן איז געשטאַנען מיט אַ צוגעדעקטן פּנים, אסתּר איז געזעסן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויף דעם לענבעטל און אחשורושס פּנים איז געווען רויט פֿון ווײַן און כּעס. ווער ווייסט ווי לאַנג עס וואָלט אָנגעהאַלטן די שטילקייט, ווען נישט אליהו הנביא.

חרבונה איז געווען איינער פֿון די געהויבענע סריסים, קאַמערדינערס, פֿון קעניג. דער סריס איז געווען המנס אַן אַלטער פֿרײַנד. ער איז געווען איינער פֿון המנס פֿרײַנד, וואָס האָט אים געראָטן מאַכן אַ תּליה פֿופֿציק איילן הויך און אויפֿהענגען אויף איר מרדכין. איצט האָט זיך אליהו פֿאַרשטעלט פֿאַר חרבונהן און געזאָגט צום מלך:

— אדוני מלך, דער המן איז אַן אמתער רשע מרושע. ער האָט דאָך געמאַכט אַ תּליה, פֿופֿציק איילן הויך און וויל אויפֿהענגען אויף איר דעם קעניגס פֿרײַנד מרדכי, וואָס האָט געראַטעוועט דעם מלכּס לעבן.

דאָס האָט פֿאַרפֿולט דעם קעניגס כּעס און ער האָט באַפֿוילן:

— הענגט אויף המנען אויף דער תּליה!

אַזוי האָט אליהו אומגעבראַכט דעם גרעסטן יידישן שונא (מדרש רבה, אסתּר).

## אליהו הנביא און נחום איש גם זו

רבי נחום, ר׳ עקיבאס רבי, איז געווען פֿון דער שטאָט גמזו. מען האָט אים גערופֿן נחום איש־גם־זו, ווײַל וואָס עס זאָל נישט פּאַסירן מיט אים, האָט ער געזאָגט „גם זו לטובה", דאָס איז אויך צום גוטן.

ער איז געווען אַ מערקווירדיקער מענטש. זייער שטרענג צו זיך. איבער־הויפּט ווען עס איז געקומען אין זאַכן פֿון אדם לחברו — צווישן מענטש און מענטש.

מען דערציילט וועגן אים: אויף די עלטערע יאָרן איז ער געוואָרן בלינד אויף ביידע אויגן. צוליב אַ קראַנקייט האָט מען אים אָפּגעשניטן ביידע הענט און ביידע פֿיס און זײַן גאַנצער גוף איז געווען באַדעקט מיט בלאָטערן און ווונדן. ער איז געלעגן אין אַן אַלט האַלב־צעפֿוילט שטיבל. די פֿיס פֿון זײַן בעט זענען געשטאַנען אין בעקנס וואַסער, כּדי קיין מוראַשקעס זאָלן נישט קאָנען צוקומען צו אים. די תּלמידים האָבן נישט געקענט צוזען, אַז זייער רבי זאָל וווינען אין אַזאַ חורבה, זענען זיי געקומען און געוואָלט צוערשט אַרויס־

טראָגן דאָס בעטל מיטן רבין און דערנאָך אַרויסנעמען די זאַכן פון שטיבל. האָט ער צו זיי געזאָגט: — קינדער מיינע, טראָגט פריער אַרויס אַלע זאַכן פון הויז און דערנאָך מיך אַליין; איר מעגט רואיק זיין, כל־זמן איך ליג אין שטיבל וועט עס נישט איינפאַלן.

האָבן זיי אַזוי געטאָן. און טאַקע ווי נאָר מען האָט אים אַרויסגעטראָגן, איז דאָס שטיבל איינגעפאַלן. האָבן די תלמידים צו אים געזאָגט:

— רבי, וויבאַלד אַז איר זייט אַ צדיק, פאַרוואָס קומט אייך צו ליידן אַזעלכע יסורים?

האָט ער געענטפערט: — תלמידים מיינע, איך לייד אַזוי, ווייל איך אַליין האָב אויף זיך גענומען די יסורים. הערט. איין מאָל בין איך געגאַנגען צו גאַסט צו מיין שווער און איך האָב געפירט מיט זיך דריי אָנגעלאָדענע אייזלען. איין אייזל אָנגעלאָדן מיט אַלערליי עסנוואַרג, דער צווייטער אייזל איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַלערליי געטראַנקען און דער דריטער אייזל איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַלערליי זיסקייטן. גיי איך מיר אַזוי, איז מיר אָנגעקומען אַנטקעגן אַן אָרעמאַן און געזאָגט צו מיר:

— רבי, גיט מיר עפּעס צו עסן. האָב איך געענטפערט: — וואַרט איך וועל אויסלאָדן די אייזלען. אָבער איידער איך האָב אויסגעלאָדן די אייזלען איז אים די נשמה אַרויס פון הונגער. בין איך צוגעפאַלן צו אים און געזאָגט:

— מיינע אויגן, וואָס האָבן נישט רחמנות געהאַט אויף זיינע אויגן, זאָלן אויסגערונען ווערן. מיינע הענט, וואָס האָבן זיך נישט דערבאַרעמט אויף זיינע הענט, זאָלן אָפּגעשניטן ווערן. און מיינע פיס, וואָס האָבן נישט געפילט דעם צער פון זיינע פיס, זאָלן אָפּגעהאַקט ווערן. און מיין האַרץ האָט זיך נישט באַרואיקט ביז איך האָב זיך געווונטשן אַז מיין גאַנצער גוף זאָל צוגעדעקט ווערן מיט צרעת, קרעץ.

האָבן די תלמידים געזאָגט: — ווײ איז אונדז, רבי, וואָס מיר זעען דיך אַזוי אין אַזאַ מצב. האָט ער געענטפערט: — ווינד און ווײ וואָלט מיר געווען ווען איך וואָלט נישט געווען אַזוי.

***

ווען נחום איש־גם־זו איז געווען נאָך יונג, האָבן די תלמידים פון זיין דור שוין געוווסט, וואָס פאַר אַ צדיק ער איז. איין מאָל האָבן די יידן געוואָלט שיקן אַ מתנה צום קייסער פון רוים. האָבן די חכמים אונדזערע געזאָגט: וועמען זאָל מען שיקן אויף אַזאַ סכנותדיקער שליחות? לאָמיר שיקן נחום איש־גם־זו. ער איז געוווינט אַז עס זאָל זיך טרעפן מיט אים ניסים.

און מען האָט געשיקט מיט אים אַ קעסטעלע מיט דימענטן און ברי־

ליאַנטן. אויפן וועג האָט ער געגעכטיקט אין אַן אַריינפאָר־הויז. דער באַלע־באָס פון דער אכסניה איז נישט געווען קיין ייד. מען דאַרף זיך פאָרשטעלן, אַז נחום איש־גם־זו איז נישט געווען פון די מענטשן וואָס זאָגן ליגן. דער בעל־אכסניה האָט באַלד אויסגעפונען, וואָס פאַר אַן אוצר דער ייד פירט מיט זיך. ביינאַכט ווען דער תנא איז געשלאָפן, האָט דער באַלעבאָס שטילער־הייט געעפנט דאָס קעסטעלע, אַרויסגענומ'ען דעם אוצר און אָנגעפילט דאָס ליידיקע קעסטעלע מיט זאַמד.

אויף מאָרגן אין דער פרי אים נחום איש־גם־זו אויפגעשטאַנען און האָט באַלד דערזען וואָס עס האָט פּאַסירט. ער האָט ווי זיין שטייגער איז, געזאָגט: גם זו לטובה, דאָס איז אויך צום גוטן און איז אַוועק קיין רוים מיט אַ קעס־טעלע אָנגעפילט מיט זאַמד.

ער איז אָנגעקומען אין רוים און מען האָט אים געבראַכט פאַרן קייסער און דער תנא האָט אים איבערגעגעבן די מתנה. באַלד איז צוגעקומען אַ קנעכט און געעפנט דאָס שיינע קעסטעלע. דער קייסער טוט אַ קוק — עס איז גאָר אָנגעפילט מיט זאַמד און שטרוי. ער איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכ־טער און אויסגערופן מיט צאָרן: — די יידן לאַכן אָפּ פון מיר.

ער האָט באַפוילן צו טויטן דעם שליח, און איז געווען גרייט חתמענען גזירות־רעות — שלעכטע גזירות אויף יידן. נחום דער תנא האָט געשעפּ־טשעט שטיל: גם־זו־לטובה, אויך דאָס איז צום גוטן.

און באַלד האָט זיך באַוויזן אליהו הנביא, זיין אָנדענק צום גוטן, אין דער געשטאַלט פון אַ רוימישן סענאַטאָר און געזאָגט צום קייסער:

— לאָמיר זיך נישט איילן אין אונדזער משפט. אפשר איז דאָס גאָר־נישט קיין פּראָסטער זאַמד, נאָר ס'איז פון דעם זאַמד וואָס זייער פאָטער אברהם האָט זיך באַנוצט אין מלחמה. פון דעם זאַמד אַז מען וואַרפט אים, ווערן שווערדן און פון דעם שטרוי — שפּיזן.

האָט דער קייסער געענטפערט:

— גוט, לאָמיר עס אויספּרובירן.

אין יענער צייט האָט רוים געפירט מלחמה מיט אַ שטאַרקער מדינה און זי נישט געקאָנט באַזיגן. האָט דער קייסער אַוועקגעשיקט צו די חיילות דעם זאַמד געמישט מיט שטרוי. זיי האָבן עס אויסגעפּרובירט אויף דער באַלאַ־גערטער הויפּטשטאָט און טאַקע דער זאַמד און דער שטרוי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שווערדן און שפּיזן. די איינוווינער פון דער הויפּטשטאָט האָבן זיך אַזוי דערשראָקן פון דעם נס, אַז זיי האָבן זיך תיכף אונטערגעגעבן.

ווען דער קייסער האָט עס דערזען, האָט ער אַריינגעפירט נחום איש־גם־זו אין דער שאַץ־קאַמער פון דער מדינה פון רוים און אָנגעפילט דאָס

קעסטעלע מיט דימענטן און בריליאַנטן ביז די ברעגעס. און מען האָט דעם תנא אַרויסבאַגלייט מיט גרויס כבוד.

אויף צוריקוועגס האָט זיך דער תנא אָפּגעשטעלט אין דער זעלביקער אכסניה. קוקט אים אָן דער באַלעבאָס און פרעגט:

— וואָס האָסטו אַזוינס געבראַכט דעם קייסער, וואָס מען האָט דיך אַזוי שיין באַלוינט און אַרויסבאַגלייט מיט אַזאַ כבוד?

ענטפערט דער תנא: — דאָס וואָס איך האָב גענומען פון דאַנען האָב איך געבראַכט אַהין.

דערהערט עס דער בעל־אכסניה. ער ווייסט דאָך פון וואַנען דער זאַמד קומט. פון קעלער פון שטוב. צעוואַרפט ער דאָס הויז, לאָדט אָן גאַנצע קאַסטנס מיט זאַמד און שטרוי און פירט אַוועק צום קעניג און זאָגט צו אים:

— דער וווּנדערלעכער זאַמד וואָס דער ייד האָט געבראַכט, איז גענומען געוואָרן פון דער ערד, וואָס מיין שטוב איז אויף איר געשטאַנען. איך האָב דיר געבראַכט גאַנצע קאַסטנס.

פאַרשטייט זיך אַז אליהו הנביא איז נישט געקומען צו הילף פון דעם רשע. דער קייסער האָט אויסגעפּרובירט די קאַסטנס ערד און — גאָרנישט. פּראָסטע בלאָטע. האָט ער באַפוילן אויפצוהענגען דעם בעל־אכסניה.

אַזוי זאָלן פאַרלאָרן ווערן אַלע יידישע שונאים (תענית כ״א און סנהדרין ק״ח, ק״ט).

## אליהו הנביא און רבי עקיבא

רבי עקיבא איז געווען דער זון פון יוסף, אַן אָרעמען ערדאַרבעטער פון דעם פלאַכלאַנד שרון. ער האָט נישט געהאַט קיין אייגן שטיקל ערד און ער האָט פאַרדינט זיין חיונה, וואָס ער האָט זיך פאַרדונגען אויף טאָג־אַרבעט. ער איז געווען אַ שכיר־יום.

דאָס יינגל עקיבא, ווי אַלע קינדער פון די אָרעמע פויערים פון יענער צייט — אַ דרייסיק יאָר פאַרן חורבן בית שני — האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַ שטיבל געבויט פון פּראָסטע ציגל. ציגל געמאַכטע פון רויטן ליים פון דעם פליין פון שרון. נישט קיין געברענטע ציגל נאָר געטריקנטע אויף דער זון. דאָס שטיבל איז געווען אָן פענצטער. דער דאַך איז געווען געמאַכט פון אַזאַ ספּעציעלן סכך — דינע צווייגלעך, מיט שטרוי איינגעקנאָטן אין ליים און בלאָטע. זומערצייט האָט דער דאַך באַשיצט די שטוביקע פון דער ברענ־נענדיקער זון. אָבער אין עונת־הגשמים — רעגן־צייט — איז אין שטוב אַלע מאָל געווען נאַס. עס האָט שטענדיק אַריינגערונען פון דאַך.

קיין מעבל איז נישט געווען אין הויז. דער דיל איז געווען פאַרשפּרייט מיט שטרויענע ראָגאָזשעס. אויף די „טעפּיכער" איז מען געשלאָפן און גע־געסן זיצנדיקערהייט.

דאָס עסן איז געווען אָרעם און ווייניק: ברויט געבאַקט פון גערשטן־מעל; רעטעך, אַ שטיקל קנאָבל, אַמאָל אַן אוגערקע און אַלערליי גרינסן. זעלטן אַ ביסל בוימל. געטרונקען האָט מען וואַסער.

האַלץ האָט געקאָסט טייער. האָט מען אַלץ געגעסן רויערהייט. נאָר כדי דאָס עסן זאָל האָבן אַ ביסל אַ בעסערן טעם, האָט מען גענומען ביי אַ רייכן שכן אַ הייסן טאָפּ וואַסער און אין דעם זודיקן וואַסער איינגעטונקט די גרינסן. אין אַ סך שטעטלעך איז געווען אַ קהלשער אויוון, וווּ די אָרעמע באַפעלקע־רונג האָט געקאָנט קריגן אומזיסט הייסע וואַסער.

אין חדר איז רבי עקיבא נישט געגאַנגען. עס זענען נאָך נישט געווען דעמאָלט קיין איינגעשטעלטע חדרים אין די יידישע שטעטלעך. ערשט אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט רבי יהושע בן גמלא איינגעשטעלט חדרים אומעטום. ווען רבי עקיבא איז געווען אַ ייִנגל, האָט דער טאַטע געלערנט מיט זיינע קינדער. רבי עקיבאס טאַטע יוסף, איז געווען אַן עם־הארץ, ער האָט מסתמא אַפילו נישט געקאָנט דאַווענען פון אַ געשריבענעם פאַרמעט. דער טאַטע האָט אים אויסגעלערנט דאָס וואָס ער האָט געקאָנט — פאַשען שעפּסן, מסתמא אויך אַרבעטן אין פעלד.

אין תלמוד טרעפן מיר אַן אַ פאַרצייכענונג וועגן רבי עקיבאן, ווען ער איז געווען אַרום דרייסיק יאָר אַלט. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַן עם־הארץ, נישט געקאָנט נישט לייענען און נישט שרייבן. ער האָט שפּעטער, ווען ער איז אַליין געוואָרן אַ תלמיד־חכם, געזאָגט אויף זיך: „ווען איך בין געווען אַן עם־הארץ האָב איך פיינט געהאַט תלמידי־חכמים, אַז ווען איך וואָלט געקאָנט אַריינקריגן אַ תלמיד־חכם אין מיינע הענט, וואָלט איך אים איינגעביסן ווי אַן אייזל". עס קאָן זיין, אַז ער האָט אַזוי געפילט וויַיל טיף אין האַרצן האָט ער געהאַלטן אַז ער געהערט צו די תלמידי־חכמים, אָבער ער איז דערווייטערט פון זיי.

רבי עקיבא איז געווען אַ הויכער, אַ שיינער. שפּעטער אין לעבן איז ער געווען אַ פליכטוואַטער. מיר ווייסן אַז ער איז געווען אַ בעל־כוח — אַ מענטש מיט אַ סך אויסדויער. לויט דער טראַדיציע האָט ער געלעבט הונדערט און צוואַנציק יאָר. לויט די מאָדערנע פאָרשערס נישט ווייניקער ווי ניינציק יאָר.

ווען ער איז אַלט געווען אַרום דרייסיק יאָר איז ער געווען אַ פאַסטעך אויף דעם גוט פון דעם רייכן כלבא שבוע. די שיינע טאָכטער זיינע, רחל, האָט זיך פאַרליבט אין אָרעמען פאַסטעך. עס בעט זיך ממש צוצוטראַכטן

מעשיות פאַרוואָס זי האָט זיך פאַרליבט אין אים. אין גמרא זענען דאָ קלאָרע אָנדייטן, אַז רחל האָט דערקענט און דערפילט אַז דער הויכער, שײנער פּאַס־טעך איז אַן אויסנאַם־מענטש. אײנער וואָס קאָן ווערן אַ גדול בישראל. זי איז געווען די טרייבקראַפט, אַז ער זאָל ווערן אַ תלמיד־חכם.

די גמרא דערציילט קורץ וועגן רחלס ליבשאַפט צו רבי עקיבאן און ווי אַזוי זיי האָבן חתונה געהאַט:

רבי עקיבא איז געווען אַ פּאַסטעך ביי כלבא־שבוע. און רחל זיין טאָכטער האָט געזען אַז רבי עקיבא איז אַ באַשיידענער און גאָר אַן אויסנאַם (דהוי צניע ומעלי), מיט גאָר גרויסע מעלות, האָט זי צו אים געזאָגט: אויב איך וועל מיט דיר חתונה האָבן וועסטו אַוועק אין בית מדרש לערנען? האָט ער געענטפערט: יאָ. האָט ער זי מקדש געווען בסוד, אין געהיים. האָט זיך כלבא־שבוע דערוווסט פון דעם און ער האָט זי אַרויסגעטריבן פון הויז און ער האָט אויך אַ נדר געטאָן, אַז זי זאָל נישט הנאה האָבן פון זיין פאַרמעגן.

און זי איז אַוועק מיט רבי עקיבאן. רבי עקיבא האָט זיך גענומען צום לערנען. אָבער דאָס לערנען איז אים אָנגעקומען זייער שווער. אַ קינד איז ביי דעם פאַרליבטן פּאָרל געבוירן געוואָרן. רבי עקיבא האָט פאַרוואָרפן דאָס לערנען. ווען דאָס קינד איז אונטערגעוואַקסן און אָנגעהויבן גיין אין חדר, איז רבי עקיבא מיט אים געגאַנגען צום זעלביקן רבין און ביידע האָבן געלערנט פון איין טאָוול.

אָרעם זענען זיי געווען ווי די אָרעמסטע פון די אָרעמסטע. רבי עקיבא פלעגט זיך פאַרדינגען אויף האַלבע טעג ביי ווער און ביי וואָס ער האָט געקאָנט. ער האָט אויך געקליבן שטיקלעך האָלץ, צווייגן און זיי פאַרקויפט. אַזוי האָבן זיי זיך געמאַטערט און ער האָט נישט אָפּגעלאָזן דאָס לערנען. און ער איז געוואָרן שוין גרייט אָנצוקומען אין אַ בית־מדרש ישיבה.

איין מאָל אין אַ שטורעמדיקן רעגנדיקן ווינטער האָבן רבי עקיבא און זיין פרוי גענעכטיקט אין אַ שייער, אָדער בעסער אין אַ שפּייכלער, ווו מען האָט געהאַלטן שטרוי. זיי זענען געווען צו אָרעם צו דינגען אַ שטיבל. זיי האָבן געהאַט אַזאַ שלעכטן ווינטער, אַז רחל האָט אָפּגעשניטן אירע שיינע האָר און עס פאַרקויפט כדי צו קויפן ברויט. זיצט רבי עקיבא לעבן רחלען און קלייבט אַרויס די שטרוי פון אירע קורץ־אָפּגעשניטענע האָר און רעדט:

— ווען איך וואָלט רייך געווען וואָלט איך דיר געקויפט אַ קאָפּ־קריינדל, אַט ווי די רייכע פרויען טראָגן. נאָר איך וואָלט דיר געקויפט די שענסטע קאָפּ־קרוין, „אַ גילדענע ירושלים" (געווען דעמאָלט אַזעלכע קאָפּ־קריינדלעך מיט אַזאַ נאָמען). אָבער איך בין אָרעם און מיין שיינע רחל, דעם רייכנס

כלבא־שבועס טאָכטער, דאַרף שלאָפן אין אַ שייער. און דו ווילסט נאָך אַז איך זאָל אַוועק אין בית־מדרש לערנען. ווייניק נאָך ליידסטו?

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ געשטאַלט אין טיר. אליהו האָט זיך פאַר־שטעלט פאַר אַ יונגנמאַן און געזאָגט צו עקיבאַן און רחלען:

— האָט רחמנות, גיט מיר אַביסעלע שטרוי. מיין פרוי איז געלעגן גע־וואָרן און איך האָב נישט קיין שטרוי אויסצושפרייטן פאַר איר אויפן דיל.

ווען דער מאַן איז אַוועק האָט רבי עקיבא געזאָגט צו רחלען:

— זעסט, מיר האָבן זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן. עס זענען פאַראַן נאָך אָרעמערע פאַר אונדז. און רחל האָט אים געענטפערט: — איך באַקלאָג זיך נישט. איך וויל נישט קיין רייכקייט. איך בין דאָך כלבא־שבועס טאָכטער און איך האָב פאַרלאָזן מיין טאַטנס עשירות צוליב דיר. איך וויל נאָר אַז דו זאָלסט האַלטן וואָרט. גיי אַוועק אין בית־מדרש צו רבי אליעזרן, צו רבי יהושען און צו רבי טרפונען און לערן פון זיי תורה.

רבי עקיבא האָט צוגעזאָגט און געפאָלגט. ער איז אַוועק אין בית־מדרש. רחל און רבי עקיבא האָבן זיך צעשיידט.

ווי לאַנג זיי זענען געווען צעשיידט ווייסן מיר נישט. דער תלמוד זאָגט פולע פיר און צוואַנציק יאָר. סוף־כל־סוף איז ער געקומען אַהיים, מיט פיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים, דערציילט די אגדתא. די גאַנצע שטאָט איז אים אַרויס אַנטקעגן. די שכנות זענען געקומען צו רחלען און צו איר געזאָגט:

— פוץ זיך אויס, ליי שיינע קליידער. ווי קענסטו באַגעגענען דיין מאַן אין אַזאַ אָפּגעטראָגן אַלט קליידל?

און רחל האָט געענטפערט: — ניין, מען דאַרף נישט. ער וועט דערפילן מיין האַרץ.

אין דער ענגשאַפט, אין דער שטיקעניש און אין דעם געדראַנג פון די טויזנטער און טויזנטער מענטשן האָט זיך רחל צו אים צוגעשטופּט. זי איז צוגעפאַלן צו אים און מיט ליבשאַפט אַרומגענומען זיינע פיס. די תלמידים האָבן דערזען אַן אויסגעדאַרטע פרוי, אַנגעטאָן אין טראַנטעס האַלט דעם רבין אַרומגענומען. ווער איז זי? און זיי האָבן זי געוואָלט אָפּשטופּן. האָט רבי עקיבא געענטפערט:

— לאָזט זי, מיינס און אייערס זענען אירס.

עס שטייט נישט פאַרשריבן אַז אויך אליהו הנביא איז געווען צווישן דעם עולם. אָבער מיר ווילט זיך צוטראַכטן אַז נישט ווייט פון זיי איז גע־שטאַנען אליהו און געשמייכלט מיט פרייד: גליקלעכע, גליקלעכע קינדער מיי־נע. דער באַזוך פון דעם נביא אין יענער שטורעמדיקער נאַכט איז געווען די אמתע סיבה פאַרוואָס רבי עקיבא איז אַוועק לערנען אין בית־מדרש.

און רבי עקיבא איז נישט אַוועק פון דער וועלט, זאָגט די גמרא ביז ער האָט פאַרמאָגט זילבערנע און גילדערנע טישן. ער פלעגט אַרויף מיט אַ גיל־דערנעם לייטער אויף דעם הימל־בעט, ווו ער איז געשלאָפן. רחל פלעגט אַרויס אויסגעפּוצט אין דעם שענסטן צירונג. און ער האָט איר טאַקע גע־קויפט אַ „גילדערנע ירושלים". און די תלמידים האָבן געזאָגט צו אים: — רבי, איר פאַרשעמט דאָך אונדז פאַר אונדזערע ווייבער.

האָט רבי עקיבא געענטפערט: — זאָגט אייערע ווייבער, אַז רחל האָט זיך אָנגעליטן גענוג צער צוליב דער תורה.

***

דער מדרש זאָגט: פערציק יאָר איז רבי עקיבא געווען אַ פּאַסטעך. פער־ציק יאָר האָט ער געלערנט און פערציק יאָר האָט ער געפירט די יידן. און אַ גמרא זאָגט אויף אים אַז ער איז געווען איינער פון די געציילטע אמתע מושלמים ביי יידן. אָבער געשטאָרבן איז ער מיט אַ שוידערלעכן טויט. און דעם טויט האָט ער אויף זיך אַליין גענומען. ער האָט זיך מקריב געווען אויף קידוש־השם פאַר דער תורה.

עס איז געווען אַ דריי יאָר נאָך דעם בר כוכבא־אויפשטאַנד. דער רוי־מישער קייסער האָט פאַרבאָטן צו לערנען תורה. רבי עקיבא האָט נישט גע־פאָלגט. ער האָט פאַרזאַמלט יידן און געלערנט מיט זיי תורה. מען האָט אים געכאַפּט און אַריינגעזעצט אין תפיסה און מען האָט אים פאַרמשפּט צום טויט.

און ווען מען האָט אים אַרויסגעפירט צום טויט איז פּונקט געווען די צייט פון דאַווענען, פון זאָגן קריאת־שמע. און מען האָט געבאַרשט, געריסן זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען און ער האָט געלייענט קריאת־שמע, ווי ער וואָלט נישט געווען אין קיינע יסורים. האָבן די תלמידים צו אים געזאָגט: — רבי, אין אַזאַ שרעקלעכער שעה ליגט דיר אין זינען קריאת־שמע? האָט ער געענטפערט: — עס שטייט אין דער תורה: „זאָלסט ליב האָבן גאָט, דיין גאָט, מיט דיין גאַנצן האַרצן און מיט דיין גאַנצער נשמה", עס מיינט אַפילו ווען ער נעמט ביי דיר צו די נשמה. אָט דער פּסוק האָט מיך נישט געלאָזט רוען. איך האָב געזאָגט: ווען וועל איך האָבן דעם נסיון, אַז איך זאָל אים מקיים זיין? היינט, אַז עס איז מיר באַשערט געוואָרן, וועל איך אים נישט מקיים זיין?

און ער האָט אויסגעצויגן דעם אחד אַזוי לאַנג ביז זיין נשמה איז אַרויס מיט „אחד".

עס קוקט אויס, אַז מען האָט געבראַכט זיין פאַרבלוטיקטן גוף צוריק אין תפיסה. מסתמא צו פאַרברענען אָדער צו באַגראָבן אין אַ נישט־באַצייכנטן

קבר, ווי מען טוט צו אַלע פאַרברעכערס. האָט זיך אליהו הנביא באַוויזן צו רבי עקיבאס תלמיד, ר׳ יהושע הגרסי און געזאָגט: — פרידן צו מיין האַר!

האָט ר׳ יהושע געענטפערט: — שלום צו אייך, רבי.

זאָגט צו אים אליהו: — אפשר נייטיקסטו זיך אין עפּעס?

זאָגט צו אים ר׳ יהושע: — און ווער זייט איר?

האָט אליהו געענטפערט: — איך בין אַ כוהן און איך בין געקומען דיר אָנזאָגן אַז רבי עקיבאס טויטער גוף ליגט אין תפיסה.

און זיי זענען ביידע אַוועק צו דער תפיסה. און ווען זיי זענען אַהין אָנגעקומען, האָבן זיי געפונען די טירן אָפן און די אויפזעער און אַלע אַרעסטאַנטן פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. און זיי האָבן גענומען און אַרויפגעלייגט רבי עקיבאן אויף אַ בעטל און אים אַרויסגעטראָגן פון דער תפיסה. ווי זיי זענען אַרויס אין דרויסן, האָט אליהו גענומען און אַרויפגעלייגט רבי עקיבאס גוף אויפן אַקסל און אים געטראָגן.

האָט צו אים געזאָגט ר׳ יהושע:

— רבי, נעכטן האָט איר מיר דאָך געזאָגט, אַז איר זייט אַ כוהן, ווי מעג זיך אַ כוהן מטמא מאַכן מיט אַ מת?

האָט געענטפערט אליהו הנביא:

— נו, גענוג גערעדט, ר׳ יהושע מיין זון, חס ושלום ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי טומאה ביי תלמידי־חכמים.

און אַזוי זענען זיי געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט ביז זיי זענען געקומען צו דער שטאָט אַנטיפּאַטראַס. זענען זיי אַרויף אויף דריי טרעפּ און דערנאָך אַראָפּ דריי טעפּ און עס האָט זיך געעפנט פאַר זיי אַ הייל. דאָרטן איז געשטאַנען אַ בעט, אַ שטול, אַ טיש און אַ מנורה. און זיי האָבן אַוועקגעלייגט רבי עקיבאן אויפן בעט און זיי זענען אַרויס. און ווי זיי זענען אַרויס האָט זיך די הייל צוגעמאַכט פון זיך אַליין און דאָס ליכט אין דער מנורה האָט זיך אָנגעצונדן. ווען אליהו הנביא האָט עס דערזען, האָט ער געזאָגט:

— ווויל איז דיר, רבי עקיבא, וואָס דו האָסט געפונען אַ רואיקן נאַכטגעלעגער נאָך דיין טויט. (פאַרשידענע מקורות).

## האַלט זיך נישט גרויס ביי זיך

און עס האָט געטראָפן אַז רבי שמעון דער זון פון אלעזרן (אין אַנדערע מקורות שטייט ר׳ אלעזר דער זון פון שמעון) איז געגאַנגען פון מגדל־גדוד,

פון זיין רבין. ער האָט גערישן אויף אַן אייזל ביים ברעג ים און זיך געהאַלטן גרויס ביי זיך, זייער גרויס ווייל ער האָט געלערנט אַ סך תורה.

אליהון האָט פאַרדראָסן, וואָס דער תלמיד־חכם האַלט זיך גרויס ביי זיך. נו, אַז ער האָט געלערנט אַ סך תורה איז וואָס? האָבן די חכמים נישט געזאָגט: „אויב דו האָסט געלערנט אַ סך תורה האַלט זיך נישט גרויס דערמיט, ווייל פאַר דעם צוועק ביסטו געשאַפן געוואָרן?"

און אליהו הנביא האָט זיך פאַרשטעלט אין דעם געשטאַלט פון זייער אַ מיאוסן מענטשן און איז געקומען אַנטקעגן רבי שמעונען און האָט אים באַגריסט, און האָט געזאָגט צו אים: — שלום עליכם — רבי — פרידן צו אייך, רבי.

און רבי שמעון האָט אים נישט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג, נאָר געזאָגט:

— אומגליקלעכער גאַרנישט, ווי מיאוס דו ביסט! זענען אַלע די וואָס וווינען אין דיין שטאָט אַזוי מיאוס ווי דו ביסט?

האָט אים אליהו הנביא געענטפערט:

— איך ווייס נישט. גיי זאָג צום מייסטער וואָס האָט מיך באַשאַפן (צום רבונו־של־עולם): „ווי מיאוס איז די כלי, וואָס דו האָסט געמאַכט!"

רבי שמעון האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער האָט געזינדיקט קעגן אָט דעם מענטשן, איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון זיין אייזל און האָט זיך אויסגע־צויגן אויף דער ערד פאַר אליהון און האָט געזאָגט צו אים:

— איך האָב געזינדיקט קעגן דיר, זיי מיר מוחל.

און אליהו האָט געענטפערט: — ניין, איך וועל דיר נישט מוחל זיין ביז דו וועסט גיין צום מייסטער וואָס האָט מיך באַשאַפן און זאָגן צו אים: „ווי מיאוס איז די כלי, וואָס דו האָסט געמאַכט!"

און רבי שמעון איז נאָכגעגאַנגען אליהו הנביא ביז זיי זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט ווו רבי שמעון האָט געוווינט. די שטאָטלייט האָט מען אָנ־געזאָגט אַז דער גרויסער תנא קומט. איז די גאַנצע שטאָט אַרויסגעגאַנגען אים מקבל־פנים זיין און אַלע האָבן אויסגערופן אין איין קול:

— רבי, רבי, לערער אונדזערער, לערער.

האָט אליהו געזאָגט: — וועמען רופט איר עס רבי?

האָבן זיי צו אים געזאָגט: — דעם וואָס גייט דיר נאָך.

האָט אליהו געזאָגט: — אויב ער איז אייער רבי, זאָלן אַ סך ווי ער נישט זיין ביי יידן.

האָבן זיי אים געפרעגט: — פאַרוואָס זאָגסטו אַזוי?

האָט ער זיי דערציילט ווי אַזוי ר' שמעון האָט אים באַליידיקט.

האָבן די שטאָטלייט געזאָגט צו אים:

— פון דעסטוועגן דאַרפסטו אים מוחל זיין, ווייל ער איז אַ גרויסער תלמיד־חכם.

האָט אליהו הנביא געענטפערט: — צוליב אייך בין איך אים מוחל, אָבער זעט, אַז ער זאָל זיך אָפּגעוווינען פון דער שלעכטער טבע צו באַליי־דיקן מענטשן.

און תיכף נאָך דער געשעעניש איז רבי שמעון אַריין אין בית־מדרש און געדרשנט: — אַמאָל דאַרף אַ מענטש זיין ווייך, נאָכגיביק און אונטער־טעניק ביי זיך ווי אַ ראָר (אַזאַ פלאַנץ וואָס וואַקסט אין אַ פייכטן אָרט) און ער טאָר נישט זיין ביי זיך שטאָלץ און האַרט ווי אַ צעדערבוים. דערפאַר האָט דער ראָר זוכה געווען, אַז מען זאָל מאַכן פון אים אַ פען צו שרייבן, תפילין, מזוזות און ספר תורות (תענית ז׳, עמוד א׳; אבות דרב נתן, פרק מ׳; מסכת דרך ארץ רבה, פרק רב׳ע, פאַרשיידענע ווערסיעס).

## צוליב אַ קאָרב פישעלעך

מיר האָבן אין דעם בוך גאַנץ אָפט דערמאָנט דעם מדרש „תנא דבי אליהו". אָט דער מדרש איז צעטיילט אויף צוויי טיילן, חלקים. דער ערשטער טייל רופט זיך „סדר אליהו רבא", דער צווייטער טייל רופט זיך „סדר אליהו זוטא". עס מיינט „דער גרעסערער אליהו מדרש" און „דער קלענערער מדרש אליהו". פאַרוואָס איז דער מדרש צעטיילט אויף צוויי נישט קיין גלייכע טיילן?

די הקדמה דערקלערט עס מיט אַ מעשה פון דער גמרא:

„צו דעם אמורא רב ענן האָט אַ מענטש געבראַכט אַ קאָרב מיט קליינע פישעלעך, האָט אים רב ענן געפרעגט: — פאַרוואָס האָסטו מיר געבראַכט אין מיטן דערינען אַ מתנה? האָט דער פרעמדער געענטפערט: — איך האָב אייך געבראַכט א מתנה, ווייל איך בין געקומען מיט אַ דין־תורה צו אייך. האָט ר׳ ענן געענטפערט: — וויבאַלד דו האָסט מיר געבראַכט אַ מתנה, בין איך פסול פאַר דיר ווי אַ דיין. דיין מתנה איז דאָך שוחד (כאַבאַר).

ענטפערט דער ייד: — מילא, איך זע שוין אַז אין דער דין־תורה קאָנט איר שוין נישט זיין דער דיין, אָבער איך בעט אייך נעמט ביי מיר די מתנה, פאַרמיידט נישט פון מיר די מצווה פון ברענגען ביכורים (די תבואה וואָס ווערט צוערשט צייטיק ברענגט מען אַ מתנה צו גאָט — צום כוהן). מיר האָבן דאָך געלערנט, עס שטייט אין פסוק „און אַ מאַן איז געקומען פון בעל

שלישה און געבראַכט דעם געטלעכן מאַן ברויט פון ביכורים־תבואה, פון דער ערשטער תבואה, צוואַנציק גערשטענע ברויטן און פרישע זאַנגען אין זיין זאַק (מלכים ב׳, ד׳, י״ב). איז דאָך די קשיה, האָט דען אלישע געגעסן ביכורים? דער נביא איז דאָך נישט געווען קיין כוהן. נאָר דער פסוק לאָזט אונדז הערן, אַז דער וואָס ברענגט אַ מתנה צו אַ תלמיד־חכם, איז גלייך ווי ער איז מקריב ביכורים.

האָט אים ר׳ ענן געענטפערט: — איך האָב ביי דיר נישט געוואָלט נע־מען די מתנה. אָבער וויבאַלד, אַז דו האָסט מיר געגעבן אַזאַ מין שיינעם טעם, אויסטייטש, וועל איך אָננעמען די מתנה.

נאָך דעם ווי ענן האָט צוגענומען די מתנה, האָט ער דעם מענטשן גע־שיקט צו רב נחמנען און געשריבן צו אים:

— איך שיק צו אייך אָט דעם מענטשן, איר זאָלט זיין דער דיין זיינער און אין אַ דין־תורה וואָס ער האָט מיט אַן אַנדערן. איך, ענן בין פסול צו זיין דער דיין.

ווען רב נחמן האָט דערהאַלטן דעם בריוו האָט ער געטראַכט: וויבאַלד אַז רב ענן האָט דעם מענטשן געשיקט, מסתמא איז ער רב עננס אַ קרוב, דער־פאַר איז רב ענן פסול צו זיין דער דיין. אין דער זעלבער צייט איז פאַר רב נחמנען פאַרגעבראַכט געוואָרן אַ דין־תורה פון אַ יתום. האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו זיך: משפּטן אַ יתום איז אַ מצווה, אָפּגעבן כבוד אַ תלמיד־חכם איז אויך אַ מצווה. נו, ר׳ ענן איז דאָך אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ צדיק, וועל איך פריער אויפנעמען די דין־תורה פון זיין קרוב.

און ר׳ נחמן האָט אַזוי געטאָן. ער האָט אָפּגעלייגט די דין־תורה פון דעם יתום און באַלד אויפגענומען די דין־תורה פון דעם מאַן.

און דעם מענטשנס בעל־דין האָט געזען וואָס פאַר אַ כבוד ר׳ נחמן גיט אָפּ דעם מענטשן מיט וועלכן ער איז געקומען זיך משפּטן, האָט ער זיך דער־שראָקן און נישט געקאָנט אויסלייגן זיינע טענות ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער האָט פאַרלוירן די דין־תורה.

צו ר׳ ענן פלעגט קומען אליהו און לערנען מיט אים דעם „סדר אליהו״. נאָך יענער געשעעניש האָט זיך אליהו מער נישט באַוויזן פאַר אים. ר׳ ענן האָט געפאַסט און תפילה געטאָן און אליהו הנביא האָט זיך צו אים ווידער באַוויזן. אָבער ווען ר׳ ענן האָט דערזען אליהו הנביאן, האָט ער זיך דערשראָקן און פון שרעק נישט געקאָנט אויפנעמען דעם נביאס תורה.

ווען ר׳ ענן האָט דערזען, אַז די שרעק טוט זיך נישט אָפּ פון אים, האָט

ער אויפגעבויט אַ חדרל די גרויס ווי אַ קאַסטן, און איז אַריינגעגאַנגען אַהין ווען אליהו האָט זיך צו אים באַוויזן... ער איז דאָרטן פאַרבליבן ביז אליהו הנביא האָט מיט אים אָפּגעלערנט דעם סדר. און דאָס איז די סיבה פאַרוואָס עס זענען דאָ צוויי טיילן פון דעם תנא דבי אליהו. דער „סדר אליהו רבא" איז דאָס דער ערשטער טייל וואָס אליהו האָט געלערנט מיט ר׳ ענן, איידער יענער געשעעניש. דער „סדר אליהו זוטא" איז דער קלענערער טייל פון מדרש, דער טייל וואָס אליהו הנביא האָט געלערנט מיט ר׳ ענן נאָך דער געשעעניש מיט דער מתנה פון דעם קאָרב מיט די קליינע פישעלעך (כתובות ק״ד, ק״ה).

## אַ נ ט ל ו י ף

רבי ישמעאל דער זון פון יוסי איז באַשטימט געוואָרן פון דער רוימישער מלוכה צו זיין דער הויפּט פון די אויפזעער, וואָס כאַפּן גנבים. האָט אים אליהו באַגעגנט און געזאָגט צו אים: — ביז וואַנען וועסטו איבערגעבן דאָס פאָלק פון אונדזער גאָט אין די הענט פון מלכות?

האָט אים רבי ישמעאל געענטפערט: — וואָס זאָל איך טאָן? אַזוי האָט די מלכות גוזר געווען אויף מיר.

האָט אליהו אים געזאָגט: — דער טאַטע דיינער איז אַנטלאָפן קיין אַזיע, דו אַנטלויף קיין לודקיאַ (בבא מציעא דף פ״ד, עמוד א׳).

## אויס אָרעמעלייט — נישטאָ אליהו

אַמאָל איז געווען אַ פרומער מאַן און אליהו הנביא תלעגט קומען צו אים אָפט און פאַרברענגען מיט אים. יענער פרומער מאַן האָט געהאַט אַ גרויסע הויז, האָט ער אויסגעבויט אַ קליין שטיבעלע לעבן טויער און דאָרטן אַריינגעזעצט אַ שומר. צוליב דעם האָבן די אָרעמעלייט נישט געקאָנט אַריינגיין גרינג צום פרומען מאַן אין שטוב. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אליהו אויפגעהערט ווייזן צו אים (בבא בתרא ז׳, עמוד ב׳).

## אליהו העלפט אַ זינדיקע געווינערין

כמעט יעדער מאָדערנער יידישער דיכטער און דערציילער האָט געשריבן וועגן אליהו הנביא. מיר האָבן אויסגעקליבן איין ליד ווי אַ מוסטער. „אליהו

אין בית־מדרש״ פון מאני לייב. דאָס ליד איז אין דעם טאָן פון די פאָלקס־מעשיות, וואָס דערציילן ווי אַזוי אליהו הנביא העלפט אַרויס די אָרעמע, די אומגליקלעכע, וואָס זענען אין אַ צרה, ליידן יסורים און נייטיקן זיך אין באַל־דיקער הילף. אליהו העלפט דעם צדיק און דעם זינדיקן — אַלע די וואָס ליידן. אין דעם ליד העלפט אַרויס אליהו הנביא אַ יונגע פרוי, וואָס גייט צו קינד — זי איז אַ זינדיקע. זי צאַפּלט זיך אין יסורים אָן אַ היטער און אָן אַ טרייס־טער און אליהו זעט אַז די ווייבער זאָלן קומען און איר העלפן.

אין דעם געוויש פון בית־מדרש, ווו מען לערנט תורה, אין אַ קאַלטער, פּראַסטיקער נאַכט פאַרנעמט אליהוס אויער דעם שטילן געוויין פון דער אומ־גליקלעכער. ער, וואָס וואַכט איבער אַלע אומגליקלעכע, פאַרלאָזט די לערנער, וואָס רוען אין אַן אַנדער וועלט און לאָזט זיך אַרויס איר העלפן. מאני לייב ברענגט אַרויס אין דער פּרעכטיקער פּאָעמע, קלאָר און בולט די געשטאַלט פון אליהו הנביא, וואָס די יידן רחמנים בני־רחמנים, האָבן אויסגעטרוימט דורך דורות.

יידן זיצן אין בית־מדרש, לערנען תורה אויפן קול\
און אַ ייד, וואָס קען נישט לערנען, זיצט און האָרכט ווי אַלעמאָל.

אויפן טיש אַ ליכטל רויכערט, וויגט די שאָטנס אויף די ווענט,\
לויכט אויף אַלטע געלע ספרים, אויף די אַלטע בערד און הענט.

און אין דרויסן דרייען ווינטן, דרייען שניי און טויטע קעלט.\
נאָר די יידן לערנען תורה — רוען אין אַן אַנדער וועלט.

עפנט זיך די טיר פון פּאַליש. ווי אַ בעטלער אין דער שטיל\
שאַרט אַריין זיך אליהו, לייגט זיין טאָרבע אויפן דיל.

זעצט זיך ביים אַלטן אויוון, וואַרעמט זיך די קאַלטע פיס,\
הערט זיך צו ווי יידן לערנען און זיין פנים שמייכלט זיס:

לערנט, לערנט, פרומע יידן, תורה איז די לוין אַליין...\
פּלוצלונג שטעלט ער אָן אַן אויער און פאַרנעמט אַ שטיל געוויין.

נישט קיין היה וויינט אין דרויסן — אין יסורים און אין זינד.\
ווייט פאַר מיילן אין אַ שטיבל וויינט אַ פרוי, וואָס גייט צו קינד.

שאַרט ער זיך אַוועק פון אויוון, נעמט זיין טאָרבע פונעם דיל
שטיל ווי אָנגעקומען ווערט ער נעלם אין דער שטיל.

מיט דער טאָרבע אויף דער פלייצע לאָזט זיך אליהו גיין
און אין שניי און אין די ווינטן גייט ער נאָך דאָס שטיל געוויין.

קומט ער צו אַן אָרעם שטיבל, אין יסורים און אין זינד
אָן אַ היטער, אָן אַ טרייסטער גייט אַ יונגע פרוי צו קינד.

גייט ער צו די פרעמדע שטיבער — ווי אַ פּאַסטעך רופט די שאָף;
קלאַפּט ער אין די פרעמדע פענצטער, וועקט די ווייבער פונעם שלאָף.

און די ווייבער פון די שטיבער אין דער פינצטער נעמען גיין,
טראָגן טרייסט צו יענעם שטיבל, איינצושטילן דאָס געוויין.

און אין דרויסן דרייען ווינטן, דרייען שניי און טויטע קעלט.
און די יידן לערנען תורה, רוען אין אַן אַנדער וועלט.

(„אין בית מדרש״ פון מאַני לייב — פון „לידער און באַלאַדן״,
צווייטער באַנד פון דעם „אליהו הנביא״-ציקל).

# דער נביא אלישע

# רבי און תלמיד

אליהו איז אַרויפגענומען געוואָרן אין הימל און אלישע זיין תלמיד איז געוואָרן נביא אויף זיין אָרט. דאָס איז דער צווייטער פאַל אין תנ״ך, וואָס אַ נביא זאָלבט אַ תלמיד צו פאַרנעמען זיין אָרט. דער ערשטער איז געווען משה רבינו, ווי עס שטייט אין דער תורה:

— און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: נעם יהושען, אַ מענטש פון גייסט און דו זאָלסט אַרויפלייגן דיין האַנט אויף אים און גיב אים איבער פון דיין גלאַנץ, כדי די עדה זאָל אים פאָלגן.

— און משה האָט געטאָן ווי גאָט האָט אים באַפוילן. און ער האָט גענומען יהושען און האָט אים געשטעלט פאַר אלעזרן דעם כוהן און פאַר דער גאַנצער עדה יידן. און משה האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף אים און האָט אים איבערגעגעבן גאָטס באַפעל. און יהושע בן נון איז געוואָרן פול מיט דעם גייסט פון חכמה, ווייל משה האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף אים. און די בני ישראל האָבן זיך צוגעהערט צו אים און געטאָן ווי גאָט האָט באַפוילן משהן (במדבר כ״ז, י״ח־י״ג; דברים ל״ד, ט׳, קאָמבינירט און פאַראַפראַזירט).

לויט דעם באַפעל פון גאָט האָט אויך אליהו געזאַלבט אַ תלמיד, וואָס זאָל פאַרנעמען זיין אָרט, אָט ווי עס ווערט דערציילט אין ספר מלכים א׳:

— און אליהו איז אַוועק פון באַרג חורב און איז געגאַנגען און געפונען אלישען, דעם זון פון שפטן. און ער האָט אים געטראָפן אין פעלד ווי ער אַקערט. מיט צוועלף פּאָר אָקסן האָט מען געאַקערט דאָס פעלד. מיט עלף פּאָר האָבן געאַקערט באַדינער און ער אַליין, אלישע, האָט געאַקערט מיט דעם צוועלפטן געשפּאַן. און אליהו איז צוגעגאַנגען צו אים און אַרויפגעוואָרפן זיין מאַנטל אויף אים (מלכים א׳, י״ט, י״ח י״ט).

דאָס אַרויפוואַרפן פון מאַנטל איז געווען דער סימן, דער סימבאָל, אַז אלישע איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ נביא אויף דעם אָרט פון אליהון.

די צוויי פאַלן, אויך דער איינציקער פאַל, ווו עס ווערט דערמאָנט אַ טאַטע און אַ זון —ביידע נביאים: חנני און זיין זון יהוא; אָט די דריי פאַלן זענען יוצאים מן הכלל — אויסנאַמען. דער כלל איז: נבואה גייט נישט אַריבער פון טאַטן צום זון אָדער פון רבין צום תלמיד. ברוך בן נריהו איז געווען דער איבערגעגעבענער תלמיד פון ירמיהו. אָבער ברוך איז נישט געוואָרן קיין נביא. לויט יידישע מפרשים האָט זיך ברוך שטאַרק באַקלאָגט אויף דעם.

אמת, מען קאָן זאָגן, אַז דער אויסטייטש איז בלויז דרוש. אָבער אפשר איז געווען אַ טראַדיציע וועגן ברוכס נישט צופרידנקייט. אָט אַזוי טייטשן די יידישע מפרשים די פסוקים אין ירמיהו:

— אַזוי האָט געזאָגט דער גאָט פון ישראל וועגן דיר ברוך: האָסט געזאָגט: אָ, ווי איז צו מיר, גאָט האָט געמערט טרויער אויף מיין ווייטיק, איך בין מיד פון זיפצן און קיין נבואה האָב איך נישט געפונען. אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זע, וואָס איך האָב געבויט, אויף דער גאַנצער ערד צעשטער איך, און וואָס איך האָב געפלאַנצט רייס איך אויס און דו זוכסט זיך נבואה? דו זאָלסט נישט פאַרלאַנגען.״ (ירמיהו מ״ח, ב׳־ה׳. זע רד״ק, מצודת־דוד, רש״י און תרגום יונתן אויף די פסוקים. דער אָריגינאַל איז קאָנטיק אין מכילתא דרבי ישמעאל, צום סוף פון דער ערשטער פסיחתא).

אָבער אפילו ווען אַ תלמיד ווערט אַ רבי מיט דעם כוח הרשאה (פול־מאַכט) פון זיין רבין, קאָן ער נישט איבערשטייגן דעם רבין זיינעם. ניין, ער קאָן אַפילו נישט דערגרייכן דעם רבינס מדרגה. ס׳איז גאָרנישט קיין צופאַל וואָס אין סוף פון דעם ספר דברים נאָך דעם פסוק וואָס דערציילט, אַז משה רבינו האָט געגעבן „סמיכה״ יהושען, שטייט באַלד „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה״ — און עס איז נישט אויפגעקומען ביי יידן אַזאַ נביא ווי משה. אַ קלאָרע אָנצוהערעניש, אַז יהושע איז טאַקע אַ נביא, ער וועט אָריבערפירן די יידן איבערן ירדן און ער וועט זיי מאַכן ירשנען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, אָבער צו משהן קאָן ער זיך נישט פאַרגלייכן. דער פסוק אין במדבר זאָגט „ונתת מהודך עליו״ — דו זאָלסט געבן פון דיין גלאַנץ אויף אים — אַ טייל פון דיין גלאַנץ, פון דיין גלאָריע. זאָגט די גמרא: עס שטייט געשריבן ונתת מהודך עליו (במדבר כ״ז, כ׳) מהודך ולא כל הודך — אַ טייל פון דיין גלאַנץ און נישט דאָס גאַנצע גלאַנץ. די זקנים, די עלטסטע, פון יענעם דור האָבן געזאָגט: משהס פנים איז ווי די זון, יהושעס פנים איז ווי די לבנה. (בבא בתרא ע״ה, עמוד א׳).

דעם גאַנצן גלאַנץ קאָן מען נישט איבערגעבן. דאָס דאַרף מען נעמען אַליין. דער נביא אַליין דאַרף פילן אַז ער איז ראוי פאַרן גרויסן חסד פון גאָט — נבואה, ער דאַרף זיין זיכער, אַז ער קאָן טראָגן די שליחות, וואָס גאָט האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

אָבער אויב יהושע אין פאַרגלייך מיט משה רבינו איז ווי די לבנה אין פאַרגלייך מיט דער זון, איז אלישע נאָך אַ סך ווייניקער ווי אליהו.

אלישע האָט זיך רק געוואָלט באַוואָרענען, אַז ער זאָל זיין גרויס ווי דער רבי זיינער. אָבער גלייך פון אָנהייב ווייזט ער, אַז עס האָט אים גע־

פעלט אליהו הנביאס מסירת־נפש און אליהו הנביאס ספּאָנטאַנעם באַהעפטן זיך מיט גאָט.

דער גרויסער אליהו קומט און וואַרפט אַרויף זיין מאַנטל אויף אלישען. אלישע פאַרשטייט דעם באַדייט. דאָך ווערט ער נישט פאַרכאַפּט פון דער גרויסער אחריות און שליחות. ער איז אַ מענטש, וואָס איז צוגעבונדן צו משפחה און ער זאָגט:

— איך וויל גיין און זיך זעגענען מיט טאַטע־מאַמע און דערנאָך וועל איך גיין נאָך דיר.

אלישע האָט זיך גאַרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מען קאָן פאַרלאָזן אַ היים, טאַטע־מאַמע אָן אַ זיי־געזונט צוליב אַ שליחות.

און אליהו ענטפערט אים מיט פאַרדרוס:

— גיי, קער זיך אום צו דיין אַקערן. וואָס האָב איך דיר געטאָן?

גוט פאַרטייטשן אַ סך מפרשים דעם פסוק: אויב אין אַזאַ הייליקן מאָ־מענט קאָנסטו גאָר טראַכטן פון גיין זיך זעגענען מיט טאַטע־מאַמע, דאַרפסטו נישט גיין נאָך מיר. וואָס האָב איך דיר געטאָן וואָס דו זאָלסט גיין נאָך מיר? (זע אַן אַנדייט אין רש״י אויפן פסוק; אויך ד״ר סלאָטקי און זיין פירוש אויף מלכים, ענגליש סאָנסינאָ פּרעס, לאָנדאָן 1950).

אמת, אלישע כאַפּט זיך, אַז ער האָט זיך באַנאַרישט. ער נעמט באַלד און שעכט אַ פּאָר אָקסן. ער צינדט אונטער דעם געשפּאַנצייג, וואָס איז גע־מאַכט פון האָלץ און בראָט אָפּ דאָס פלייש אויפן פייער. דאָס שעכטן פון די רינדער און דאָס פאַרברענען פון געשפּאַנצייג איז אַ סימבאָלישער אַקט. ער, אלישע, האָט פאַרלאָזן דאָס אַלטע לעבן און וועט זיך מער קיינמאָל נישט אומקערן צו אים.

אָבער ער איז אַלץ נישט זיכער מיט זיך. ווען ער זעט ווי אליהו פאַר־לאָזט אים, בעט ער ביים רבין, אַז ער זאָל אים געבן לכל־הפּחות צוויי דריטל פון זיין גייסט (אנציקלופדיה מקראית, רובריק אלישע). אליהו ענטפערט אים: האָסט געבעטן אַ שווערע זאַך, אויב דו וועסט זען ווי איך ווער אַוועק־גענומען פון דיר, וועט אַזוי געשען, ווי דו בעטסט. אויב אָבער נישט, וועט עס נישט געשען.

לויט אַ סך יידישע מפרשים און לויט דער גמרא (סנהדרין, עמוד א׳ און חולין ז׳, עמוד ב׳) האָט אלישע געבעטן ביים רבין צוויי מאָל אַזוי פיל גייסט, ווי ער, אליהו, האָט. דאָרטן ווערט דערמאָנט אַ ווערטל „אויף די פיס גע־שטאַנען און אַהיים נישט געקומען״. קיין גרויסקייט בעטלט מען נישט אויס.

אלישע זעט ווי אליהו ווערט אַרויפגענומען אין הימל. די בני־הנביאים, די תלמידים פון די נביאים נעמען אויף אלישען ווי אליהוס שטעלפאַרטרע־

טער. אין זעכצן פּסוקים ווערט דערציילט פון דריי מופתים וואָס אלישע האָט באַוויזן. איז דוכט זיך גוט און ווויל. אָבער באַלד אין קומענדיקן קאַפּיטל ווערט דערציילט, אַז ווען די מלכים פון ישראל און יהודה קומען צו אים נאָך אַ נבואה, מוז אלישע אָנקומען צו קינסטלערישע מיטלען צו מאַכן אַז דער רוח הנבואה זאָל רוען אויף אים. ער זאָגט:

— און איצט ברענגט מיר אַ שפּילער (און ער זאָל שפּילן פאַר מיר).

און עס איז געווען, ווען דער שפּילער האָט געשפּילט, איז געווען אויף אלישען די האַנט פון גאָט. (די גמרא זאָגט, אַז אלישע איז באַשטראָפט געוואָרן, די נבואה האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים, ווייל ער איז געוואָרן אין כעס. — פּסחים ס״ו, ע״ב).

וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צו אליהוס ספּאָנטאַנע נביאות! ס׳איז כדאַי צו באַטאָנען, אַז עס שטייט נישט אין קיין שום סיפּור וועגן אלישען, אַז גאָטס וואָרט איז געווען דירעקט צו אים אָט ווי צו אליהון „ודבר ה׳ היה אל אליהו״ — און גאָטס וואָרט איז געווען צו אליהון. דער גייסט פון נבואה רוט אויף אלישען צוליב אליהוס זכות. דעם כוח הרשאה, פולמאַכט, צו זיין אַ נביא האָט אלישע געקראָגן צוליב דעם אָנזאָג אויפן באַרג חורב. אָט דאָס און נישט מער.

דערפאַר איז אלישעס ווירקונג געווען אַ מער פּראַקטישע ווי אליהוס. דעם תלמיד האָט געפעלט דער פּאַטאָס און ברען פון רבין. אָבער ער האָט דורכגעפירט בשלימות דעם נביאס אָנזאָגונגען. ער האָט זיי דורכגעפירט גרינטלעך, ווייל ער האָט געלעבט זייער לאַנג, אַ סך לענגער ווי דער רבי.

אלישע איז געזאַלבט געוואָרן פאַר אַ נביא נאָך אין אחאָבס צייטן. לאָמיר רעכענען אַ יאָר צען פאַר אחאָבס טויט. דער נביא איז נפטר געוואָרן אין דער צייט ווען יואש איז געווען מלך, לאָמיר זאָגן אַז יואש האָט דעמאָלט געקעניגט פינף יאָר. דאָס איז אַ תקופה פון קרוב זיבעציק יאָר. ווי יונג אלישע איז געווען ווען אליהו האָט אים געזאַלבט פאַר אַ נביא, איז ער מסתמא געווען נישט יינגער פון צוואַנציק יאָר. עס מיינט אַז אלישע האָט געלעבט אַרום ניינציק יאָר און אפשר נאָך מער.

גאָר אַ סך מופתים ווערן דערציילט וועגן אלישען. ס׳איז דאָ אַ מדרש וואָס זאָגט, אַז אליהו האָט באַוויזן בלויז אַכט מופתים און אלישע זעכצן (זע רש״י אויף פּסוק א׳, קאַפּיטל ג׳, מלכים ב׳). אָבער אַ סך ניסים וואָס ווערן דערציילט וועגן אלישען זענען נישט מער ווי אַן איבערחזרונג פון די מופתים פון אליהון.

# דער ערשטער נס

די ניסים וואָס ווערן דערציילט וועגן אלישע' זענען נישט אויסגעשטעלט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר. עס מיינט, נישט לויט די יאָרן וואָס זענען געשען. אָבער ס'איז גוט, וואָס עס זענען געבליבן אַזוי פיל מעשיות וועגן אליהוס תלמיד. עס גיט אונדז אַ קלאָר בילד פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד, פון דעם גייסטיקן און אויך פּאָליטישן מצב. דער ספר מלכים איז דאָך קאָרג אין זיינע פאַרצייכענונגען. אָט ווערן נישט דערמאָנט קיינע פון די גרויסע נביאים חוץ ישעיהו, אין ביידע מלכים־ספרים. לאָמיר דאַנקבאַר זיין אַפילו פאַר די וואַריאַציעס פון די מעשיות.

דעם ערשטן מופת, שפּאַלטן דעם ירדן, האָט ער נישט געטאָן מיטן איי־געגנעם כוח. ער האָט עס געטאָן מיטן כוח פון אליהוס מאַנטל. אָבער דאָס פּאַרסמטע וואַסער האָט ער געהיילט מיט זיין אייגענעם כוח. דערציילט דער פסוק:

— און די מענטשן פון דער שטאָט האָבן געזאָגט צו אלישען: זע גאָר דער אָרט פון דער שטאָט איז אַ גוטער, אַזוי ווי אונדזער האַר זעט. אָבער דאָס וואַסער איז שלעכט, און די ערד איז נישט פרוכטבאַר צוליב דעם.

— האָט ער געזאָגט: —ברענגט מיר אַ נייע פלאַש און לייגט אַהין אַריין זאַלץ.

— האָבן זיי עס געבראַכט צו אים. און ער איז אַרויס צום קוואַל וואַסער און האָט אַהין אַריינגעטאָן דאָס זאַלץ און געזאָגט:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איך האָב געזונט־געמאַכט דאָס וואַסער, עס וועט דאָרטן מער נישט זיין קיין טויט און קיין אומפרוכטבאַר לאַנד.

און דאָס וואַסער איז געזונט געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג. ווי דאָס וואָרט פון אלישע, וואָס ער האָט גערעדט. (מלכים ב׳, ב׳, י״ט־כ״ב).

שיין פרעגט די גמרא: די מענטשן פון שטאָט האָבן געזאָגט: דער אָרט פון דער שטאָט איז גוט. מיט וואָס איז עס געווען גוט? דאָס וואַסער איז דאָך געווען שלעכט און געבראַכט טויט און דאָס לאַנד איז געווען וויסט? ענטפערט די גמרא: עס זענען פאַראַן אויסערגעוויינלעכע חנען אויף דער וועלט: דער חן פון אַ לאַנד, וואָס האָט אין די אויגן פון די איינוווינערס. דער חן פון אַ ווייב, וואָס האָט אין די אויגן פון איר מאַן, אַפילו ווען זי איז נישט קיין שיינע געפעלט זי אים אַלץ, און דער חן פון דער געקויפטער זאַך, וואָס האָט אין די אויגן פון דעם קונה — קויפער. (סוטה מ״ז, עמוד א׳).

ש ל מ ה   ס יי מ אָ ן

# דער צווייטער נס

און ער איז פון דאָרטן אַוועק קיין בית־אל. און ווי ער איז געגאַנגען מיט דעם וועג אַזוי זענען אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט קליינע יינגלעך און האָבן אָפּגעלאַכט פון אים. זיי האָבן געזאָגט צו אים: אַט גייט אַ פּליכעוואַטער! אַט גייט אַ פּליכעוואַטער! האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און ער האָט זיי דער־זען. און ער האָט זיי געשאָלטן אין נאָמען פון גאָט. און צוויי בערינטעס זע־נען אַרויס פון וואַלד און האָבן צעריסן צוויי און פערציק קינדער (מלכים ב׳, ב׳, כ״ג־כ״ה).

די חז״ל האָבן קאָנטיק נישט געקאָנט אויפנעמען אָט די גרויזאַמע מעשה, ווי זי שטייט אין פסוק. נו, אַז די קינדער האָבן זיך גערייצט מיט אים, דאַרף מען זיי טאַקע אַזוי גרויזאַם באַשטראָפן? די חז״ל האָבן אַ סך תירוצים. ס׳איז דאָ אַפילו אַ מ׳יינונג אַז אלישע איז געוואָרן אַזוי אין כעס אַז ער איז קראַנק געוואָרן און נישט געוווּסט וואָס ער טוט. דריי מאָל איז ער געווען קראַנק: ווען ער האָט באַשטראָפט די קינדער, ווען ער האָט אָפּגעשטויסן פון זיך זיין תלמיד גיחזי און איידער ער איז געשטאָרבן. (בבא מציעא פ״ז, עמוד א׳).

אָבער זיי האָבן נאָך אַ העכערע עטישע דערקלערונג. זיי פאַרבינדן די מעשה מיט די יינגלעך מיט דער מעשה פון היילן דאָס וואַסער פון יריחו. עס האָט פּאַסירט אַזוי: ווען אלישע האָט אויסגעהיילט דאָס וואַסער פון דעם קוואַל איז דאָס שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן די רשעים פון שטאָט, ווייל זיי פלעגן פאַרדינען אַ סך געלט פון ברענגען וואַסער צום טרינקען. אָט די רשעים זענען דאָס אַנגעפאַלן אויף אלישען. איי, עס שטייט דאָך נערים קטנים — קליינע יינגלעך? דאָס מיינט קטנה אמנה — מענטשן פון קליינעם גלויבן. אלישע האָט אויף זיי אַ קוק געטאָן און האָט געזען מיטן רוח הקודש, אַז נישט נאָר זענען זיי רשעים, נאָר אויך די דורות, וואָס וועלן פון זיי אַרויסקומען, וועלן זיין רשעים, האָט ער זיי פאַרשאָלטן.

און דעמאָלט האָט פּאַסירט אַ נס. זאָגט איין אמורא ס׳איז דאָרטן גע־ווען בלויז אַ וואַלד, אָבער קיין בערן אין וואַלד זענען נישט געווען. האָט פּאַסירט אַ נס און עס זענען באַלד געוואָרן בערן אין וואַלד. צוויי בערינטעס זענען אַרויס און געטויט די רשעים. דער אַנדער אמורא זאָגט: ניין, ס׳איז געווען אַ נס און אַ נס. ס׳איז דאָרט נישט געווען קיין וואַלד און קיין בערן זענען דאָרט אויך נישט געווען — לא דובים ולא יער — האָט פּאַסירט אַ נס און אַ נס, און ס׳איז געוואָרן אַ וואַלד און ס׳זענען געוואָרן בערן אין וואַלד, און צוויי בערינטעס זענען אַרויס און געטויט די רשעים. (סוטה מ״ז, עמוד א׳).

פאַראַן אויך אַ מיינונג אַז אלישע האָט גאָרנישט געטויט די מענטשן, נאָר זיי געמאַכט אָרעם (דאָרט, דף מ״ו, עמוד ב׳).

לפי שיטתנו, לויט אונדזער גאַנג, דאַרף מען זיך נישט וווּנדערן אויף דער מעשה. דער נס באַווייזט אַז ביי דער באַפעלקערונג איז געווען אַ גרויסע באַוווּנדערונג און שרעק פאַר אלישען — דעם געטלעכן מאַן, דעם תלמיד מובהק פון אליהון. מיט אַזאַ געטלעכן מענטשן טאָר מען זיך נישט אָנהייבן. זיין בליק אַליין קאָן טויטן. אָט לעבן יריחו איז נישט געווען קיין וואַלד און נישט קיין בערן און ווי· אלישע האָט אַ קוק געטאָן אויף די רשעים און זיי געשאָלטן, איז געוואָרן אַ וואַלד און בערן און די רשעים זענען צעריסן געוואָרן פון צוויי בערינטעס.

## אלישע אויפן שלאַכטפעלד

מואב איז געווען אונטערטעניק צו די יידן זינט דודס צייטן. ס׳איז דאָ אַ שטעל אין תנ״ך וואָס דערציילט אַז דוד איז געווען אויסערגעוויינלעך גרויזאַם ווען ער האָט באַזיגט מואב:

— און דוד האָט צעשלאָגן מואב; און ער האָט אויסגעלייגט די באַפעלקערונג אויף דער ערד און האָט זיי אויסגעמאָסטן מיט אַ מעסט־שנור. צוויי שנורן צו טויטן און איין שנור צו לאָזן לעבן. (שמואל ב׳, ח׳, ב׳).

עס מיינט, אַז דוד האָט אויסגעהרגעט צוויי דריטל פון דער באַפעלקערונג פון מואב און דער דריטער טייל „איז געוואָרן צו דודן קנעכט וואָס צאָלן צינז״ (דאָרט).

אין דעם זעלביקן קאַפּיטל פון שמואל ווערט דערציילט, אַז דוד האָט באַזיגט נאָך פעלקער און קיינעם פון זיי האָט ער נישט באַשטראָפט אַזוי אכזריותדיק. פאַרוואָס איז ער זיך באַגאַנגען אַזוי גרויזאַם דווקא מיט מואבן? רש״י און דער רד״ק זאָגן אַז דאָס האָט דוד גענומען נקמה פאַר זיין טאַטע־מאַמע, וואָס דער מלך פון מואב האָט דערהרגעט. עס שטייט געשריבן:

— און דוד האָט געזאָגט צום מלך פון מואב: זאָלן מיין פאָטער און מוטער קומען און זיין ביי אייך ביז וואַנען איך וועל וויסן וואָס גאָט וועט טאָן מיט מיר. און ער האָט זיי געבראַכט צופירן צום מלך פון מואב. און זיי זענען געזעסן ביי אים די גאַנצע צייט וואָס דוד האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער פעסטונג. (שמואל א׳, כ״ב, ג׳־ד׳).

און דוד האָט געצאָרנט צוליב שאולס רדיפות. אַנטלויפן פון דער פעסטונג, האָט דער מלך פון מואב אויסגעהרגעט דודס משפחה, נאָר דודס איין ברודער איז אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין עמון. דערפאַר האָט דוד אַזוי

זיך גוקם געווען אין מואב. (די געשיכטע ווערט אויך געבראַכט אין דיק־שאָנערי אָוו דהי בייבל פון ד״ר וויליאַם סמיט, זע רובריק מואב).

מואב, עמון און אדום זענען געווען קרובים צו די יידן. זיי האָבן גע־שטאַמט פון דער אייגענער משפחה. אדום — פון יעקבס ברודער עשיו, עמון און מואב — פון לוט, אברהמס פלימעניק. דוד המלך האָט געשטאַמט פון מואב — רות. זאָגט די גמרא: קיין וואַלד ווערט נישט אויסגעהאַקט סיידן דער וואַלד אַליין שטעלט צו אַ הענטל צו דער האַק (סנהדרין ל״ט, עמוד ב׳). שלמה המלך האָט געבויט אַ במה צום געץ כמוש, דער הויפּט־אָפּגאָט פון מואב. די דאָזיקע אומווירדיקייט איז אָפּגערוימט געוואָרן ערשט אין דעם מלך יאשיהוס צייטן — דריי הונדערט יאָר שפּעטער.

ווי נאָר אחאָב איז געשטאָרבן האָט מואב ווידערגעשפּעניקט קעגן ישראל. אחאבס יורש, זיין עלטערער זון אחזיהו, האָט נישט געהאַט קיין צייט צו באַ־שטראָפן די ווידערשפּעניקע מלוכה. ער האָט געקעניגט אינגאַנצן צוויי יאָר. אין דער קורצער צייט איז ער צום ערשטן געווען פאַרנומען מיט בויען שיפן בשותפות מיט יהושפטן דעם מלך פון יהודה. די ביידע מלכים האָבן געבויט די שיפן אין עציון־גבר; אָבער די שיפן האָבן זיך צעבראָכן און די גאַנצע אַרבעט איז געוואָרן צונישט. (דברי הימים ב׳, פּ׳ ל״ו, ל״ז). באַלד נאָך דעם איז אחזיהו קראַנק געוואָרן. ווען ער איז געשטאָרבן איז זיין ברודער יהורם געוואָרן קעניג.

און יהורם דער זון פון אחאָבן איז געוואָרן מלך איבער ישראל. און ער האָט געקעניגט צוועלף יאָר.

און מישע דער מלך פון מואב האָט זיך פאַרנומען מיט פי־ווירטשאַפט. ער פלעגט האָדעווען שאָף און ער פלעגט צאָלן אַ יערלעכן צינז צום מלך פון ישראל, הונדערט טויזנט פעטע שעפּסן און די וואָל פון הונדערט טויזנט ווידערס.

און עס איז געווען, ווען אחאָב איז געשטאָרבן, האָט דער קעניג פון מואב ווידערגעשפּעניקט קעגן דעם מלך פון ישראל. און יורם, דער מלך פון ישראל, איז אַרויסגעגאַנגען פון שומרון און צונויפגעזאַמלט גאַנץ ישראל. און ער האָט געשיקט צו יהושפט דעם מלך פון יהודה און צו אים געזאָגט:
— דער מלך פון מואב האָט ווידערגעשפּעניקט קעגן מיר. וועסטו גיין מיט מיר אויף מלחמה קעגן מואב?

האָט ער געענטפערט: — איך גיי גלייך מיט דיר. מיין פאָלק — ווי דיין פאָלק, מיינע פערד — ווי דיינע פערד.

און יאָזעפוס דערציילט:

— און יהורם האָט עס דערהערט, האָט ער גענומען זיין חייל מיט אים

און איז אַוועק און איז געקומען אין ירושלים. דער מלך יהושפט האָט גע־מאַכט פאַר אים אַ גרויסן מאָלצייט. און יהושפט האָט אויך באַפוילן דעם מלך פון אדום, וואָס איז געווען אונטערטעניק צו אים, אַז ער זאָל אויך גיין מיט זיי אויף דער מלחמה. (אַלטערטימלעכקייטן, בוך ניין, קאַפיטל דריי, אַנהייב).

און יהורם האָט געפרעגט: — וואָסער וועג זאָלן מיר נעמען?

האָט יהושפט געזאָגט: — מירן גיין מיט דעם וועג פון מדבר אדום.

יהושפט דער מלך פון יהודה האָט געוואָלט נעמען אָט דעם פאַרדרייטן וועג ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַז די מחנות זעלנער פון אדום זאָלן דורכ־גיין דורך יהודה. ער האָט געוווסט אַז אויף די ווילדע אדומים קאָן מען זיך צופיל נישט פאַרלאָזן: איידער זיי וועלן קומען אויף דעם פעלד פון מלחמה, קאָנען זיי נאָך אָנטאָן צרות אין יהודה („דיקשאָנערי אָוו דהי בייבל" פון וויליאם סמיט, מאָאב).

און דער מלך פון ישראל, דער מלך פון יהודה און דער מלך פון אדום זענען אַוועק אויף מלחמה מיט מואבן. און זיי זענען געגאַנגען דורך אַ פאַר־דרייטן וועג זיבן טעג, און עס איז נישט געווען קיין וואַסער, נישט פאַר דעם חייל און נישט פאַר די פי, וואָס איז געפירט געוואָרן הינטער זיי.

און דער מלך פון ישראל האָט געזאָגט: — ווויי, גאָט האָט צונויפגע־רופן די דאָזיקע דריי מלכים כדי איבערצוגעבן זיי אין דער האַנט פון מואב?

און יהושפט האָט געזאָגט: — איז דאָ נישטאָ קיין נביא פון גאָט, וואָס מיר זאָלן דורך אים פרעגן ביי גאָט?

האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די קנעכט פון דעם מלך פון ישראל און געזאָגט:

— דאָ געפינט זיך אלישע, וואָס האָט געגאָסן וואַסער אויף די הענט פון אליהו. עס מיינט, וואָס ער איז געווען אליהוס אַ תלמיד.

מען דאַרף באַמערקן, אַז אלישע איז טאַקע געגאַנגען מיטן חייל, אָבער נישט ווי אַ הויף־נביא. די מלכים האָבן אַפילו נישט געוווסט, אַז ער גע־פינט זיך אין דער מחנה. אלישעס שטעלן זיך אַנטקעגן יהורמען און זיינע רייד צו אים זענען פון אַ שטאָלצן זעלבסטשטענדיקן מענטשן.

און יהושפט האָט געזאָגט: — ביי אים איז דאָ זיכער דאָס וואָרט פון גאָט.

גוט באַמערקן די מפרשים אויף דעם פסוק (רד"ק און רלב"ג) אלישע איז דאָך נישט געווען קיין איש מלחמה, קיין זעלנער, איז ווייבאַלד אַז ער איז געגאַנגען מיטן חייל איז אַ סימן אַז ער איז געקומען על פי נבואה. אויב די יידן וועלן זיך נייטיקן אין אַ נבואה, וועט ער זיי זי געבן.

און די דריי מלכים, דער מלך פון ישראל, דער מלך פון יהודה און דער מלך פון אדום זענען אַוועק און געקומען צו אלישען.

און אלישע האָט געזאָגט צום מלך פון ישראל: — וואָס האָב איך וואָס צו טאָן מיט דיר? גיי פרעג ביי די נביאים פון דיין פאָטער און ביי די נביאים פון דיין מוטער.

און דער מלך פון ישראל האָט געזאָגט צו אים: — רייד נישט אַזוי. מיר זענען אין אַ גרויסער סכנה. האָט טאַקע גאָט צונויפגערופן די דאָזיקע דריי מלכים כדי זיי איבערצוגעבן אין דער האַנט פון מואב?

און אלישע האָט געענטפערט: — ווי עס לעבט דער גאָט פון די חיילות, וואָס איך שטיי פאַר אים, צי איך וואָלט זיך אומגעקוקט אויף דיר. אָבער איך טו עס צוליב יהושפט, דעם קעניג פון יהודה. און איצט ברענגט פאַר מיר אַ שפּילער און זאָל ער שפּילן פאַר מיר.

און עס איז געשען ווי דער שפּילער האָט געשפּילט, אַזוי איז געווען אויף אלישען די האַנט פון גאָט און ער האָט געזאָגט:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט: איך וועל מאַכן אין דעם דאָזיקן טאָל גריבער, אַ סך גריבער, ווייל אַזוי האָט געזאָגט גאָט: איר וועט נישט זען קיין ווינט, איר וועט נישט זען קיין רעגן און דער דאָזיקער טאָל וועט אָנגעפּילט ווערן מיט וואַסער. איר און אייערע חיילות און אייער פי וועלן האָבן גענוג צו טרינקען. און דאָס איז גאָר אַ קלייניקייט אין די אויגן פון גאָט. ער וועט אויך איבערגעבן מואב אין אייערע הענט. און איר וועט צעשלאָגן יעטוועדער באַפעסטיקטע שטאָט, יעטוועדער גרויסע שטאָט; און יעטוועדן בוים וועט איר איינוואַרפן, און אַלע קוואַלן וועט איר פאַרשטאָפּן, און אַלע גוטע פעלדער וועט איר פאַרלייגן מיט שטיינער.

די יידישע מפרשים שטעלן זיך אָפּ אויף דעם פסוק און פרעגן: עס שטייט דאָך אין דער תורה: און דו וועסט באַלאַגערן אַ שטאָט פילע טעג צו האַלטן מלחמה אויף איר, כדי זי איינצונעמען, זאָלסטו נישט פאַרדאַרבן אירע ביימער, אויפצוהייבן אַ האַק אויף זיי (דברים כ׳, י״ט)? אָבער דאָ לצורך שעה איז געווען אַן אויסנאַם־פאַל, ווייל די מואבים זענען געווען אַן אומווירדיק פאָלק. אָבער דער איסור, דער פאַרבאָט, בלייבט (רד״ק און רש״י).

און עס איז געשען אין דער פרי, אין דער צייט ווען מען ברענגט דעם מאָרגן־קרבן, איז פלוצלינג אָנגעקומען וואַסער פון דעם וועג פון אדום. און דאָס אָרט איז פול געוואָרן מיט וואַסער.

און די מואבים האָבן דערהערט, אַז די מלכים זענען געקומען מלחמה צו האַלטן אַנטקעגן זיי, האָבן זיי אַרויסגערופן אַלע מענער, וואָס זענען אַלט געווען גענוג צו אָנגורטן אַ שווערד און זיי אויסגעשטעלט אויף דעם גרענעץ

פון לאַנד. און ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען אין דער פרי און די זון איז אויפגעגאַנגען און געשיינט אויף דעם וואַסער, האָבן די מואבים דערזען פון דער ווייטן, אַז דאָס וואַסער איז רויט ווי בלוט. האָבן זיי געזאָגט: — ס'איז בלוט! די מלכים האָבן זיך צעקריגט, זיך אָנגעהויבן שלאָגן און אויסגעהרגעט איינער דעם אַנדערן. איצט — צום רויב, מואב!

און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום לאַגער פון ישראל. אָבער ווי נאָר זיי זענען אַהין אָנגעקומען, איז ישראל אויפגעשטאַנען און צעשלאָגן מואב, ביז זיי זענען אַנטלאָפן פון זיי און זיי האָבן נאָכגעיאָגט און געשלאָגן לויפנדיק.

און זיי האָבן צעשטערט די שטאָט, און ווו נאָר אַ גוט פעלד האָט יעט־ווועדער זעלנער געוואָרפן אַהין אַ שטיין, און זיי האָבן פאַרשטאָפּט יעטוועדן קוואַל וואַסער און יעטוועדן גוטן בוים האָבן זיי איינגעוואָרפן. און עס איז געבליבן בלויז די באַפעסטיקטע שטאָט קיר־חרשת. און די בויגן־שיסער האָבן זי אַרומגערינגלט און זי באַלאַגערט.

און דער מלך פון מואב האָט דערזען, אַז די שלאַכט איז צו שטאַרק פאַר אים האָט ער אין זיין פאַרצווייפלונג גענומען זיבן הונדערט מאַן, וואָס זע־נען זייער געניט צו קעמפן מיט אַ שווערד און ער האָט זיך געוואָלט דורכ־רייסן צום קעניג פון אדום, וואָס, קענטיק, איז נישט געווען צופיל גינציק צו די יידן. אָבער דער מלך פון מואב איז דורכגעפאַלן. ער האָט געמוזט זיך צוריקקערן.

און דער מלך האָט גענומען זיין עלטסטן זון וואָס דאַרף קעניגן נאָך אים, און ער האָט אים מקריב געווען פאַר אַ בראַנדאָפּפער אויף דעם מויער פון שטאָט. און עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער צאָרן אויף ישראל, און זיי האָבן אַוועקגעצויגן פון מואב און זיך אומגעקערט צו זייער לאַנד.

דער לעצטער פסוק איז געשריבן זייער פאַרשטעלט. ס'ווערט נישט קלאָר דערציילט, וואָס האָט דאָרטן אַקוראַט פאַסירט. מיר פאַרשטייען נאָר, אַז נאָך דעם ווי דער מלך פון מ'ואב האָט מקריב געווען זיין זון ווי אַ קרבן, האָבן די יידן זיך געמוזט צוריקציען פון דער שלאַכט און מואב איז גע־בליבן זעלבסטשטענדיק.

דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו דערקלערט: מישע דער מלך פון מואב האָט מקריב געווען זיין זון פאַר אַ קרבן צום געץ במוש. אָט דער קרבן האָט געמוטיקט די חיילות פון מואב און זיי האָבן צוריקגעשטויסן די חיילות פון ישראל.

דער היסטאָריקער גרעץ זאָגט: (אין דער העברעישער אויסגאַבע פון

שפ״ר) אַז אַ מגפה האָט אויסגעבראָכן אין דער מחנה פון ישראל און די חיילות האָבן זיך געדאַרפט צוריקציען.

יאָזעפוס דערציילט: ווען די יידן האָבן דערזען די פאַרצווייפלונג פון די מואבים האָבן זיי רחמנות געקראָגן, און זיך צוריקגעצויגן פון דער שלאַכט.

יידישע מפרשים קלערן אויף דעם פסוק אויף צוויי אופנים: א) ווען דער מלך פון מואב האָט זיך געוואָלט דורכרייסן און דערגרייכן דעם מלך פון אדום איז עס אים טאַקע נישט געלונגען. אָבער ער האָט געפאַנגען דעם עלטסטן זון פון מלך פון אדום. אָט אים, האָט עס דער מלך פון מואב מקריב געווען פאַר אַ קרבן. דער מלך פון אדום איז געוואָרן זייער אין כעס אויף די בני־ישראל, וואָס צוליב זיי האָט ער פאַרלוירן דעם יורש־עצר. צוליב אָט דער קריגעריי האָבן די בני־ישראל זיך געדאַרפט צוריקציען פון דער מלחמה און מואב איז געבליבן זעלבסטשטענדיק. ב) ס'איז אַ פלוגתא אין דער גמרא צו וועמען האָט דער מלך פון מואב מקריב געווען זיין זון. איין אמורא זאָגט אַז מישע האָט מקריב געווען זיין זון טאַקע צו גאָט. און גאָט האָט געזאָגט: — זעט, אָט דער געצנדינער האָט אַפילו נישט קיין רחמנות אויף זיין אייגע־נעם זון און איר דערצאָרנט מיך אַלע טאָג. און גאָט האָט געצאָרנט אויף די יידן און זיי האָבן זיך געמוזט צוריקציען. דער אַנדער אמורא זאָגט: אַז דער מלך פון מואב האָט מקריב געווען זיין זון צו דער עבודה־זרה כמוש. איי, פאַרוואָס איז גאָט אין כעס געוואָרן אויף די יידן? ער האָט זיך דערמאָנט אָן זייערע זינד. גאָט האָט דעמאָלט געזאָגט: אָט אַזעלכע ווילדע זאַכן האָב איך קיינמאָל נישט אָנגעזאָגט און קיינמאָל נישט געטראַכט אָנצוזאָגן עס צו טאָן. אָבער איר יידן כמתוקנין שבהם לא עשיתם, כמקולקלין שבהם עשיתם — ווי די בעסטע פון זיי, פון די גוים, האָט איר נישט געטאָן, ווי די ערגסטע פון זיי האָט איר יאָ געטאָן. דעמאָלט איז גאָטס צאָרן געווען גרויס אויף די יידן און זיי האָבן זיך געמוזט צוריקציען פון דער שלאַכט (זע רד״ק און רלב״ג, דער מקור איז אין סנהדרין ל״ט, עמוד ב׳ און תענית דף ד׳, עמוד א׳).

מיר האָבן איבערדערציילט די מעשה ווי זי איז פאַרשריבן אין מלכים ב׳, קאַפּיטל ג׳, ווייל דאָס איז דער איינציקער פאַל וווּ עס ווערט דערציילט וועגן אלישעס א מופת און עס ווערט אָנגעוויזן דער אָרט און די צייט ווען דער נס איז געשען. אין די אַנדערע מופתים ווערט נישט אָנגעדייט די צייט און אָפט אַפילו נישט דער אָרט.

## די וויכטיקייט פון די אלישע מעשיות

דער תנ״ך האָט נישט אַריינגענומען אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יענער תקופה. די מעשיות, כראָניקעס, די נבואות, די יחוס־צעטלען זענען אָפּגעקליבענע מאַטעריאַלן. די מאַטעריאַלן זענען אָנגעקליבן געוואָרן פון די מענטשן וואָס האָבן געגלייבט אין אַבסאָלוטן מאָנאָטעאיזם, אחדות אלהים — ס׳איז דאָ נאָר איין גאָט וואָס פירט די וועלט און גאָט איז די פאַרקערפּע־רונג פון אַבסאָלוטן יושר און צדק. און נישט נאָר דער אָפּקלייב, נאָר אויך דער צוזאַמענשטעל זענען געווען לויט אָט דער דאָזיקער אמונה.

מיר האָבן געזאָגט, אַז אין תנ״ך איז נישט אַריינגענומען געוואָרן אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יענער תקופה. אַפילו אין דער תורה זענען אויסגעלאָזן געוואָרן פּרטים. אָט למשל ווערט דערציילט אין חומש: „און עס זענען איבערגעבליבן צוויי מענטשן אין דער מחנה. דער נאָמען פון איי־נעם איז געווען אלדד און דער נאָמען פון דעם צווייטן איז געווען מידד. און עס האָט גערוט אויף זיי גאָטס גייסט און זיי זענען געווען צווישן די פאַר־שריבענע אָבער זיי זענען נישט אַרויס צום אוהל און זיי האָבן נביאות גע־זאָגט אין דער מחנה״ (במדבר י״א, כ״ו). וואָס האָבן זיי נביאות געזאָגט? עס שטייט נישט אין דער תורה. אָבער אין ספרי שטייט: זיי האָבן נביאות געזאָגט, משה וועט שטאַרבן און יהושע וועט אַריינברענגען די יידן אין ארץ־ישראל (ספרי פיסקא בהעלותך צ״ה).

וואָס איז געווען די שיטה לויט וועלכער די צוזאַמענשטעלער האָבן אויסגעקליבן די מאַטעריאַלן און אָפּגעהיט. די יידישע טראַדיציע גיט אונדז אָן דעם כלל „די נבואה, וואָס איז געווען וויכטיק פאַר ווייטערדיקע דורות איז פאַרשריבן געוואָרן, די נבואה וואָס איז נישט געווען וויכטיק פאַר ווייטערדיקע דורות איז נישט פאַרשריבן געוואָרן״ (מגילה י״ד, עמוד א׳).

אָפּט פאַרדריסט אונדז פאַרוואָס די מעשיות און כראָניקעס פון תנ״ך זע־נען אַזוי קורץ און נישט זעלטן ווערן זיי אָפּגעהאַקט אין מיטן; און זעלטענער, אָדער כמעט קיינמאָל נישט, ווערן באַשריבן די „קליינינקייטן״ אַרום דעם העלד. למשל, וויפל קלאָרער וואָלט פאַר אונדז געוואָרן אליהו הנביאס טע־טיקייט, ווען מיר וואָלטן געוווסט עפּעס וואָס פון זיין טאַטע־מאַמע, פון זיין יוגנט, פון זיינע חברים און פון זיינע קרובים. ווו האָט אליהו הנביא גע־לערנט תורה? ביי וועמען? פון וואַנען האָט ער גענומען אויף חיונה? וואָס האָט ער געטאָן ווען ער איז נישט אויפגעטראָטן ווי אַ נביא? קיין איין וואָרט אָדער אַנדייט וועגן די אַלע זאַכן. מיר ווייסן אַפילו נישט פון וועלכן שבט ער שטאַמט. ס׳זענען דאָ פאַרשיידענע טראַדיציעס וועגן דעם: ער שטאַמט

פון שבט גד, פון שבט בנימין, פון שבט לוי (אליהו רבה י״ח; אליהו זוטאַ ט״ו).

דערפאַר זענען פאַר אונדז גאָר וויכטיק די אלישע מעשיות. זיי גיבן אונדז עטוואָס אַן אָנונג פון דעם לעבנסשטייגער פון די בני־הנביאים בפרט און פון דעם אַלגעמיינעם לעבן פון די יידן פון יענער צייט בכלל.

טיילוויז די אליהו מעשיות און מער די אלישע מעשיות לערנען אונדז, אַז אין פאָלק איז געווען אַן אייגעוואָרצלטע טראַדיציע, אַז די נביאים האָבן זיך פאַראינטערעסירט נישט נאָר מיט דעם גורל פון דער מדינה און דער אומה נאָר אויך מיט דיליידן פון דעם יחיד.

די בני הנביאים האָבן געלעבט אין אָפּגעזונדערטע קליינע געמיינדעס; זיי פלעגן וווינען אין, אָדער אַרום באַשטימטע שטעט, געוויינלעך אַרום די שטעט, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַרהייליקט: בית אל, גלגל און אַנדערע שטעט.

בני־הנביאים איז נישט דער טייטש ווי אַ סך מיינען די זין פון די נביאים, אָדער תלמידים פון נביאים, נאָר מענטשן, מיטגלידער פון דער חברותא נביאים. אַט ווי בני־המשוררים מיינט מיטגלידער פון דעם מעמד זינגער (נחמיה י״ב, כ״א) אָדער ווי דער אויסדרוק בני־הגולה — מענטשן פון גלות (עזרא ו׳ ב׳ און נאָך).

די בני־הנביאים האָבן געגעסן ביי אַ געמיינשאַפטלעכן טיש. זייער רביק, הויפּט־נביא האָבן זיי גערופן אדון, האַר. זיי פלעגן זיך בוקן פאַר אים. זיי זענען נישט געווען קיין אַסקעטן; זיי האָבן חתונה געהאַט, פאַרנומעז זיך מיט אַרבעט, אפשר אויך מיט האַנדל; זיי פלעגן לייען געלט אין אַ נויט. זיי האָבן געהיילט קראַנקע.

אויף שבת און ראש חודש פלעגט מען פאָרן צום געטלעכן מאַן, וואָס איז געווען דער הויפּט פון דער חברותא. מען פלעגט אים ברענגען מתנות: ברויט קיכלעך, געלט, קליידער. מען פלעגט צו אים ברענגען ביכורים: ברויט — די ערשטע פון דעם גערשטן אָדער ווייץ.

דער געטלעכער מאַן פלעגט אָפּט אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און די רייכערע מענטשן האָבן געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד, אַז ביי זיי זאָל איינשטיין דער געטלעכער מאַן.

זיי זענען אָפּט געווען גרויסע חשובים ביי דעם מלך אָדער ביי די שררות פון הויף.

די חברותאס פון די בני־הנביאים זענען באַשטאַנען פון אָרעמע מענטשן. אלישע, אַ זון פון אַ רייכן גוטבאַזיצער, איז געווען אַן אויסנאַם אין דעם פּרט.

זיי זענען געווען רופאים, וווּנדער־טוער, בעל־מופתים און דאָס פאָלק פלעגט קומען צו זיי נאָך מופתים. אין דער תקופה פון אליהו און אלישע זע־נען געווען הונדערטער און הונדערטער בני־הנביאים אין לאַנד און דאָס פאָלק האָט שטאַרק געגלייבט אין זייער געטלעכן כוח.

## דער חילוק צווישן כישוף און ניסים

אין די ווערטער „און דאָס פאָלק האָט געגלייבט אין זייער געטלעכן כוח" ליגט דער שליסל צו דער אַנדערשקייט פון די דאָזיקע יידישע בעלי־מופתים אין פאַרגלייך מיט די מאַגיקער, חרטומים, כישוף־מאַכער פון די געצנדינערישע פעלקער. יידישע אַנדערשקייט איז דאָ בולט און קלאָר.

די גאַנצע געצנדינערישע וועלט האָט געגלייבט אַז אויך די געטער באַ־נוצן זיך מיט מאַגיק, מיט כישוף. נישט נאָר ווירקן די געטער מיט כישוף נאָר זיי ווערן באַווירקט פון כישוף. זיי האַלטן מלחמה צווישן זיך מיט שפּרוכן, קמיעות און אַלערליי כישוף־מכשירים. חוץ דעם האָבן זיי געוויסע מיסטעריעזע באַוועגונגען מיט די הענט, מיט די פיס, מיט די ליפּן, געוויסע וועגן פון אַרומשפּרייזן און נאָך און נאָך.

דער כישוף־מאַכער איז אויך אַ שטיקל גאָט. ער האָט אויסגעפונען די סודות פון די געטער און באַנוצט זיך מיט די דאָזיקע סודות און צווינגט די געטער צו טאָן זיין ווילן. כישוף שטייט העכער פון די געטער און דער נאַטור.

פון די אַלע זאַכן איז נישטאָ קיין סימן אין נבואה. די נביאים טוען זייערע מופתים מיט דעם כוח פון גאָט אָדער זיי טוען תפילה און בעטן ביי אים אויס די טובה, אַז נישט שיקט זיי גאָט אויסצופילן זיינע אַ שליחות. אויב אַ נביא באַנוצט זיך מיט אַ שטעקן, אָדער אַ האַנט־באַוועגונג, אָדער מיט וועלכע עס איז אַנדערע מכשירים איז עס נישט מער ווי אַן אָנזאָג פון גאָט. אָבער דער שטעקן אַליין פאַר זיך האָט נישט קיין מאַגישע קראַפט.

גאָר קלאָר ווערט דער דאָזיקער געדאַנק אַרויסגעבראַכט אין די צוויי מעשיות פון אלישע הנביא. אלישע גיט דעם שטעקן צו גיחזין, ער זאָל גיין מאַכן לעבעדיק דעם זון פון דער שונמית. דער פּסוק באַטאָנט „און גיחזי האָט אַרויפגעלייגט דעם שטעקן אויפן יינגלס פּנים אָבער ס'האָט זיך נישט געהערט קיין קול און קיין רויש; דאָס יינגל האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט". ערשט ווען אלישע איז געקומען און תפילה געטאָן צו גאָט, האָט דאָס יינגל געעפנט די אויגן. דער פּסוק האָט דאָ זייער גוט באַטאָנט דעם מקור פון וואַנען דער נס איז געקומען.

נאָך קלאָרער איז די מעשה מיט דעם קרעציקן חייל־פירער נעמן (נאַאַ־מאָן) פון ארם. ווען אלישע הייסט אים גיין זיך באָדן אין ירדן, ווערט נעמן אין כעס און ער זאָגט: „איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך אָוועקשטעלן און וועט רופן צום נאָמען פון גאָט זיין גאָט און אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף דעם אָרט ווו איך בין קרעציק און וועט אָוועקנעמען די קרעציקייט" — דאָ באַשרייבט קלאָר נעמן דעם שטייגער פון געצנדינערישער כישוף־מאַכע־ריי — זאָגן אַ שפּרוך און אַ מאַגישע מיסטעריעזע באַוועגונג. די נביאים האָבן נישט געהאַט קיין מיסטעריעזע שפּרוכן און השפעות. זיי האָבן תפילה געטאָן צו גאָט, צו דער מאַכט אויסער דער וועלט, וואָס איז דער מקור פון אַלע ניסים. (וועגן דעם ענין באריכות זע „תולדות האמונה הישראלית" פון יחזקאל קופמן, כרך ראשון, ספר שני, ז"ז 467 ביז 477 און פרייזער „דהי גאָלדען באו", די לעצטע פאַר זייטן אין בוך).

די ניסימדיקע מעשיות פון אליהו און איבערהויפּט פון אלישע זענען פאַר אונדז אַ קוואַל פון וואָגן צו שעפּן ידיעות פון יידישן לעבנסשטייגער און יידישער אמונה. ס'איז כדאַי זיי איבערצודערציילן נישט נאָר צוליב זייער פּאָעטישער שיינקייט, נאָר צוליב דעם טיפן זין וואָס איז אין זיי פאַרבאָרגן.

## דאָס קריגעלע בוימל

און אַ פרוי איינע פון די ווייבער פון די בני־הנביאים איז געקומען צו אלישען און צו אים געשריען אַזוי צו זאָגן:

— דיין קנעכט, מיין מאַן איז טויט. און דו ווייסט דאָך, אַז דיין קנעכט איז געווען אַ גאָטספאָרכטיקער מאַן. און דער בעל־חוב איז געקומען צוצו־נעמען פאַרן חוב מיינע צוויי זין פאַר קנעכט פאַר זיך.

האָט אלישע געזאָגט צו איר: — זאָג מיר, וואָס האָסטו ביי זיך אין הויז?

האָט זי געענטפערט: — ס'איז גאָרנישט דאָ ביי דיין דינסט אין הויז אַחוץ אַ קריגעלע בוימל.

האָט ער צו איר געזאָגט: — גיי ליי ביי דיינע שכנים ליידיקע כלים, זאָלסט לייען נישט ווייניק, דערנאָך זאָלסטו אַריינגיין און פאַרשפאַרן די טיר הינטער זיך און דיינע קינדער. און דו זאָלסט אָנגיסן די אַלע כלים.

און זי האָט אַזוי געטאָן. זי איז אַוועק פון אים און אָנגעליען וויפל כלים זי האָט געקאָנט. דערנאָך איז זי אַריין צו זיך אין הויז און האָט פאַרשפאַרט די טיר. די קינדער האָבן איר דערלאַנגט די ליידיקע כלים און זי האָט געגאָסן. און עס איז געשען, ווען די אַלע כלים זענען געוואָרן פול, האָט זי גע־

זאָגט צו אירן אַ זון: — דערלאַנג מיר נאָך אַ כלי. האָט ער געזאָגט צו איר: ס'איז נישטאָ מער קיין ליידיקע כלי אין שטוב. און באַלד האָט זיך דאָס בוימל אָפּגעשטעלט.

און זי איז געקומען און האָט עס דערציילט צום געטלעכן מאַן און ער האָט געזאָגט צו איר:

— גיי פאַרקויף דאָס בוימל און באַצאָל דיין חוב. און דו מיט דיינע קינדער וועלן לעבן אויף וואָס עס וועט דיר איבערבלייבן.

***

אין פסוק שטייט נישט ווער עס איז געווען דער געשטאָרבענער. פאַרוואָס איז ער געבליבן שולדיק געלט? ווער איז געווען דער בעל־חוב? דער מדרש גיט אַן עטישע באַרעכטיקונג פאַרן נס.

די אלמנה, זאָגט דער מדרש, איז געווען די ווייב פון עובדיה, דער פרומער שררה אין אחאָבס צייטן. עובדיה האָט אויסבאַהאַלטן הונדערט נביאים אין צוויי היילן און זיי אויסגעהאַלטן מיטן עסן און טרינקען (זע מלכים א', קאַפּיטל י"ח). עובדיה איז געווען זייער אַ רייכער מאַן אָבער ווי רייך ער איז געווען, האָט ער אין דער לעצטער צייט פון די הונגער־יאָרן געדאַרפט לייען געלט אויסצובאַהאַלטן די נביאים. דאָס געלט האָט ער געליען ביי אחאָבס צווייטן זון יהורם, וואָס איז שפּעטער געוואָרן קעניג אויף ישראל. ווען עובדיה איז געשטאָרבן און נישט באַצאָלט דעם חוב, האָט יהורם געוואָלט צונעמען דער אלמנהס צוויי זין פאַר קנעכט. די אלמנה איז אַוועק אויפן בית הקברות, זיך אויסגעצויגן אויף עובדיהס קבר און דאָרטן אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ. עובדיה האָט איר אָנגעזאָגט אין אַ חלום: גיי, נעם דאָס ביסעלע שמיר־בוימל וואָס דו האָסט און פרעג אלישען וואָס צו טאָן. און זי האָט אַזוי געטאָן און אלישע האָט באַוויזן דעם מופת אַז דאָס קריגעלע בוימל האָט זיך פאַרמערט און פאַרמערט. און זי האָט פאַרקויפט דעם בוימל און געהאַט גענוג געלט צו באַצאָלן דעם חוב און ס'איז נאָך איר איבערגעבליבן גענוג אויף אויסצולעבן אַלע אירע יאָרן, זי און די קינדער בהרחבה. זי האָט פאַרדינט אַזוי פיל אָן דעם בוימל, ווייל גאָט האָט אַזוי געמאַכט, אַז בוימל איז דעמאָלט געוואָרן זייער טייער. (מדרש רבה שמות, פרשה משפטים ל"א, ג'; זע רד"ק אויף תרגום יונתן, מלכים ב', קאַפּיטל ד', פסוק א').

שלמה סיימאָן

# די געשטאַלט פון אַ יידישער אשת-חייל

די קורצע געשיכטע ווי אלישע זאָגט צו דער פרוי פון שונם, אַז זי וועט געבוירן אַ זון און דאָס קינד שטאַרבט און דער נביא איז אים מחיה־מתים, איז אַ וואַריאַציע פון צוויי מעשיות — פון דער מעשה ווי גאָט זאָגט צו דער מוטער שרהן, אַז זי וועט געבוירן יצחקן און די אַנדערע מעשה ווי אליהו מאַכט לעבעדיק דער אלמנהס זון. אָבער מיר דאַרפן זיין דאַנקבאַר דעם צו־זאַמענשטעלער פון ספר מלכים, וואָס ער האָט נישט אויסגעלאָזן די פּראַכט־פולע דערציילונג.

אינגאַנצן פאַרנעמט די מעשה נישט מער ווי ניין און צוואַנציק פסוקים. אין די קאַרגע פופציק שורות ווערן נישט נאָר אַרויסגעפירט פיר בולטע כאַ־ראַקטערס, געשטאַלטן, נאָר עס ווערט באַלויכטן אַ ווינקל פון דעם סאָציאַלן לעבן פון די יידן פון יענער צייט.

מיר זעען די בכבודיקע פרוי „דהי גרייס ליידי״ אשה גדולה — וואָס פירט אַ באַלעבאַטישקייט מיט אַ ברייטער האַנט און וויל נישט נעמען קיין שום באַלוינונג פאַר איר גאַסטפריינדלעכקייט. ווען דער נביא פרעגט איר, צי זי דאַרף עפּעס אַ טובה פון דעם קעניג אָדער פון אַ הויכן שררה? ענטפערט זי שטאָלץ: „איך וווין צווישן אייגענע״. די יידישע מפרשים פאַרטייטשן עס פראַכטפול: איך וווין נישט צווישן פרעמדע נאָר איך בין אַרומגערינגלט מיט מיין אייגענער משפחה, מיט קרובים. איך האָב ווער עס זאָל זיך איינשטעלן פאַר מיר אין אַן עת־צרה. (רד״ק).

זי האָט אַ גרויסע דעה אין הויז. זי בויט צו אַן אויבערשטיבל צום הויז פאַרן גאַסט. זי שטעלט אַריין אַהין מעבל.

אין אַן עת־צרה, ווען עס טרעפט דער אומגליק מיטן קינד, צעוויינט זי זיך נישט און לאָזט איבער אַלץ צו איר מאַן. ניין, זי פאַרהוילט, באַהאַלט גאָר פון איר מאַן דעם אומגליק, ווען ער וווּנדערט זיך פאַרוואָס זי וויל פאָרן אין מיטן דערינען צום נביא און פרעגט: האָט עפּעס חלילה געטראָפן? ענט־פערט זי אים פאַרשטעלט: ס׳גאָרנישט, אַלץ איז ווי עס דאַרף צו זיין.

איר שטאַרקייט פון כאַראַקטער זעען מיר ווי זי לייגט אַוועק דאָס יינגל אויפן בעט אויף וועלכן דער נביא שלאָפט, פאַרשליסט די טיר און הייסט איר מאַן שיקן צו איר אַ יונג מיט אַן אייזעלין. זי זאָגט אָן דעם יונג ווי אַזוי אונטערצוטרייבן די אייזעלין: טרייב שנעל.

דעם מחבר געלינגט אין געציילטע שורות נישט נאָר איבערגעבן דעם כאַראַקטער פון דער העלדין, נאָר אויך אויסמאָלן אַ בולט לעבנס־בילד: דאָס יינגל לויפט אין פעלד צום טאַטן, ווו די שניטערס נעמען אַראָפּ די תבואה.

ער איז נאָך זייער יונג און ווייס זיך נישט ווי אַזוי אויסצוהיטן פון דער שטאַרקער מזרח־זון. אין טומל פון שניט קוקט זיך נישט קיינער אום אויף אים. ער קריגט אַ „זונען־שטאָך". ער שרייט אויס צוויי מאָל: מיין קאָפּ, מיין קאָפּ. דער טאַטע שיקט אים אָפּ מיט אַ באַדינער צו דער מאַמען. זי נעמט אים אויף די הענט, האַלט אים אַזוי אַ האַלבן טאָג און דאָס קינד גייט אויס ביי איר אויף די קני. דער מחבר גיט נישט קיין פּרטים. אָבער דער לייענער דאַרף נישט האָבן קיין צופיל פּרטים, ער קאָן זיך אַליין אָנשטויסן וואָס עס איז דאָרטן געשען:

— און עס איז געווען איינמאָל אין אַ טאָג איז ער אַרויסגעגאַנגען צו זיין טאַטן צו די שניטערס אין פעלד. און ער האָט געזאָגט: מיין קאָפּ! מיין קאָפּ! האָט דער טאַטע געזאָגט צו איינעם פון די יונגען: טראָג אים אַוועק צו זיין מאַמען. האָט ער אים אַוועקגעטראָגן און אים געבראַכט צו זיין מו־טער. און זי האָט אים געהאַלטן אויף אירע קני ביזן מיטנטאָג, און ער איז געשטאָרבן.

אַ מאָדערנער שרייבער וואָלט אָנגעשריבן מסתמא גאַנצע קאַפּיטלעך וועגן אָט דער סצענע. אָבער צענדליקער און צענדליקער זייטלעך מיט באַשרייבו־נגען וואָלטן נישט געווען אַזוי ווירקזאַם ווי די צוויי שורות אויף לשון־קודש, וואָס די סצענע פאַרנעמט אין תנ"ך. אמת, דער מחבר דערציילט נישט אַלץ וואָס עס איז געשען: ווי האָט די מוטער געפילט ווען זי האָט געהאַלטן דעם קראַנקן און דערנאָך דעם טויטן, קוים אויסגעבעטענעם, קוים דערגאַרטן און דערהאַרטן, בן־זקונים? אָבער דער לייענער שטויסט זיך אָן אויף אַלץ, וואָס דער שרייבער וואָלט דערציילט. דער דערציילער האָט נישט דערזאָגט און אַלץ דערציילט. דאָס איז דער בעסטער סימן מובהק פון אַ גרויס ווערק.

תנ"ך טאָר מען נישט לייענען, אָדער אַפילו לערנען, געכאַפּטערהייט. מען דאַרף ציילן פּסוקים, ווערטער און אותיות. ערשט דעמאָלט קאָן מען דער־פילן די גרויסקייט, שיינקייט, הייליקייט און צימצומדיקייט פון טעקסט. משל למה הדבר דומה? צו וואָס קאָן מען עס פאַרגלייכן אין דער חומרישער וועלט? צו איינעם וואָס וויל פילן דעם טעם פון גוטן, אַלטן, טייערן וויין. ער דאַרף טרינקען פּאַמעלעך, צו קליינע זופּעלעך. ערשט דעמאָלט וועט ער דערפילן דעם געשמאַק פון יעדן טראָפּן.

די מעשה וועגן דער שונמית גיט אונדז איבער אומדירעקט דעם הויכן געזעלשאַפטלעכן שטאַנד פון דער פרוי אין די צייטן פון מלכות שומרון. די מעשה גיט עס אונדז איבער אַזוי פּרטימדיק ווי דאָס קאַפּיטל „אשת־חיל" אין סוף פון משלי גיט איבער באריכות דעם הויכן סאָציאַלן שטאַנד פון דער

פרוי אין די שפּעטערדיקע צייטן — ווי אַ סך פאַרשערס ווילן האָבן, אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש.

## אלישע מאַכט לעבעדיק אַ טויט קינד

און עס איז געווען אַמאָל אין אַ טאָג און אלישע איז געקומען קיין שונם (שונאָם, אַזאַ שטאָט אין עמק־יזרעאל) און דאָרטן איז געווען אַ בכבודיקע פרוי און זי האָט אים שטאַרק געבעטן, אַז ער זאָל ביי איר עסן ברויט. און פון דעמאָלט אָן, ווען ער איז אַהין געקומען, פלעגט ער פאַרגיין צו איר עסן ברויט.

ווען זי האָט דערזען, אַז אלישע שטעלט זיך אָפּ ביי איר אין הויז, ווען ער קומט אין שטאָט, האָט זי געזאָגט:

— איך ווייס אַז דער מאַן וואָס קומט אָפט צו אונדז איז אַ הייליקער געטלעכער מענטש. לאָמיר, איך בעט דיך, מאַכן פאַר אים אַ קליין אויבער־שטיבל און אַריינשטעלן אַהין אַ בעט, אַ טיש און אַ לאָמפּ. און עס וועט זיין ווען ער וועט קומען צו אונדז, וועט ער דאָרטן איינשטיין.

די גמרא זאָגט: פון דעם פּסוק קאָנען מיר אָפּלערנען אַז אַ פרוי דער־קאָנט גיכער די טבע, די נאַטור, פון אַן אורח ווי אַ מאַן. עס מיינט אַ פרוי קאָן באַמערקן זאַכן בעסער פון אַ מאַן. ווייטער זאָגט די גמרא: פון וואַנען האָט זי געוווסט, אַז ער איז אַ הייליקער, געטלעכער מאַן? זי האָט קיינמאָל נישט געזען קיין פליג פאַרבייפליען איבער זיין עסן (ברכות י׳, עמוד ב׳).

און זיי האָבן אויפגעבויט אַן אויבערשטיבל פאַר אלישען. און עס איז געווען אין אַ טאָג ווען אלישע איז אַהין געקומען, איז ער אַריין אין דעם אויבערשטיבל און זיך דאָרטן צוגעלייגט. און ער האָט געזאָגט צו גיחזין: גיי זאָג איר: דו האָסט מיט אַזוי פיל זאָרג אונדז פאַרזאָרגט, וואָס קאָן איך פאַר דיר עפּעס טאָן? האָסט אפשר אַ בקשה צום מלך אָדער הויפּט פון חייל?

האָט זי געענטפערט צו גיחזין: — איך וווין צווישן אייגענע, צווישן מיינע קרובים.

און גיחזי האָט עס דערציילט אלישען. האָט אלישע געזאָגט צו אים:

— אָבער וואָס פאָרט קאָנען מיר טאָן פאַר איר?

האָט גיחזי געענטפערט: — זי האָט נישט קיין זון און איר מאַן איז אַלט.

האָט ער געזאָגט: — גיי רוף זי אַריין.

האָט ער זי גערופן און זי איז געקומען און איז געבליבן שטיין אין דער טיר.

און אלישע האָט געזאָגט: — פונקט צו דער צייט, וואָס עס געדויערט

צו אויסטראָגן אַ קינד (מצודת דוד) וועסטו האַלטן אַ קינד אויף די הענט.

האָט זי געענטפערט: — ניין, מיין האַר, געטלעכער מאַן, נאַר נישט דיין דינסט.

און די פרוי איז טראָגעדיק געוואָרן און האָט געבוירן אַ זון פונקט צו דער צייט, ווי אלישע האָט גערעדט צו איר.

און דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן. און עס איז געווען אין אַ טאָג, איז ער אַרויסגעגאַנגען צו זיין פאָטער וואָס איז געווען מיט די שניטערס אין פעלד. און ער האָט געזאָגט צו זיין פאָטער: „מיין קאָפּ! מיין קאָפּ! האָט דער פאָטער געזאָגט צו אַ יונג: טראָג אים אַוועק צו זיין מוטער. האָט ער אים אַוועקגעטראָגן און אים געבראַכט צו זיין מוטער. און ער איז געזעסן ביי איר אויף די קני ביזן מיטנטאָג און איז געשטאָרבן.

און זי איז אויפגעשטאַנען און זי איז אַרויפגעגאַנגען אינעם אויבער־שטיבל און האָט דאָס יינגל אַוועקגעלייגט אויפן בעט פון דעם געטלעכן מאַן און האָט פאַרשלאָסן די טיר און איז אַרויסגעגאַנגען. און זי האָט גערופן איר מאַן און האָט געזאָגט צו אים:

— שיק מיר איינעם פון די יונגען און אַן אייזעלין און איך וועל אַרי־בערלויפן צום געטלעכן מאַן און איך וועל זיך באַלד אומקערן.

האָט ער געזאָגט: — האָט עפּעס געטראָפן? פאַרוואָס גייסטו היינט צו אים? ס'איז דאָך היינט נישט ראש חודש און נישט שבת.

האָט זי געענטפערט: — אַלץ איז ווי עס דאַרף צו זיין. ס'האָט קיין שלעכטס זיך נישט געטראָפן.

און זי האָט אָנגעזאָטלט די אייזעלין און זי האָט געזאָגט צום יונג: — טרייב שנעל. דו זאָלסט נישט פאַרפּאַמעלעכן מיין רייטן, סיידן איך הייס דיר.

און זי איז אַוועק און זי איז אָנגעקומען צום געטלעכן מאַן אויפן באַרג כרמל. און עס איז געווען ווי נאָר דער געטלעכער מאַן האָט זי דערזען פון דער ווייטן, האָט ער געזאָגט צו גיחזין: — זע די שונמית איז דאָ. לויף איר אַנטקעגן און פרעג איר: וואָס מאַכט זי? וואָס מאַכט איר מאַן? וואָס מאַכט דאָס קינד?

און זי האָט געענטפערט גיחזין: — אַלץ איז ווויל ווי עס דאַרף צו זיין. און זי איז געגאַנגען און ווי זי איז צוגעקומען צום געטלעכן מאַן אויפן באַרג איז זי געפאַלן צו דער ערד און אַרומגענומען זיינע פיס. און גיחזי איז צו־געגאַנגען און זי געוואָלט אָפּשטופּן, האָט אלישע געזאָגט צו אים: — לאָז זי אָפּ. איר זעל איז פאַרביטערט און גאָט האָט עס פאַרהוילן פון מיר און האָט עס מיר נישט דערציילט.

און זי האָט געזאָגט: — האָב איך דען געבעטן אַ זון ביי מיין האַר? האָב איך דען נישט געזאָגט: נאַר נישט דיין דינסט?

און אלישע האָט שוין געוווּסט וואָס עס איז געשען, האָט ער געזאָגט צו גיחזין:

— בינד אַרום דיינע לענדן מיט אַ גאַרטל און נעם מיין שטעקן אין דיין האַנט און גיי. אויב דו וועסט עמעצן אָנטרעפן אין וועג, זאָלסטו אים נישט באַגריסן, און אויב עמעצער וועט דיך באַגריסן זאָלסטו אים נישט ענטפערן. און דו זאָלסט אַרויפלייגן מיין שטעקן אויפן קינדס פּנים.

און די מאַמע פון קינד האָט געזאָגט: — איך שווער אַזוי ווי גאָט לעבט און אַזוי ווי דיין זעל לעבט, אויב איך וועל דיך אָפּלאָזן.

און ער איז אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען מיט איר.

און גיחזי איז אַוועק פאָרויס און האָט אַרויפגעלייגט דעם שטעקן אויף דעם יינגלס פּנים. אָבער עס האָט זיך נישט געהערט קיין קול אָדער שאָרך. האָט ער זיך אומגעקערט צו אלישען, אים באַגעגנט און געזאָגט צו אים: דאָס יינגל האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט.

און אלישע איז געקומען אין הויז. ערשט אויף זיין בעט ליגט דאָס יינגל טויט. און ער איז אַריינגעגאַנגען אין דעם שטיבל און האָט פאַרשלאָסן הינ־טער ביידן די טיר און ער האָט תּפילה געטאָן צו גאָט.

און ער איז אַרויף אויפן בעט און האָט זיך געלייגט איבערן קינד און האָט אַרויפגעטאָן זיין מויל אויפן קינדס מויל, אויגן צו אויגן און הענט צו הענט און ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אים ביז דאָס לייב פון קינד איז געוואָרן וואַרעם.

און ער איז אַראָפּ פון יינגל און איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אי־בערן הויז און ער האָט זיך ווידער אויסגעצויגן אויף אים, אַזוי זיבן מאָל און דאָס יינגל האָט גענאָסן זיבן מאָל. צום זיבעטן מאָל — האָט דאָס יינגל געעפנט די אויגן.

און ער האָט צוגערופן גיחזין און ער האָט געזאָגט צו אים:

— רוף די שונמית.

האָט ער זי גערופן, און זי איז אַרויפגעקומען צו אים. האָט ער צו איר געזאָגט: — נעם דיין זון.

און זי איז געפאַלן צו זיינע פיס און זי האָט זיך געבוקט צו דער ערד. און זי האָט גענומען איר זון און איז אַרויס.

ע ט ל ע כ ע  ב אַ מ ע ר ק ו נ ג ע ן : אלישע האָט געהייסן גיחזין אַז ער זאָל זיך מיט קיינעם נישט באַגריסן און נישט ענטפערן אויף קיינעמס אַ באַגריסונג. דער פּשוטער פּשט איז, ווייל אלישע האָט געוואָלט אַז גיחזי

זאָל זיך צואיילן און זיך נישט פאַררײדן אויפן וועג. רש״י זאָגט: אלישע האָט אים געוואָרנט נישט צו ריידן מיט קיינעם, ווייל דער שטייגער פון מענטשן איז צו פרעגן: וואוהין גייסטו? וועט ער דאָך ענטפערן מחיה־מתים זיין, און ס׳איז נישט שיין זיך צו באַרימען, אַז מען גייט טאָן אַ נס. און דער מדרש זאָגט, אַז גיחזי האָט נישט אויסגעפאָלגט אלישעס אָנזאָג. פאַר־קערט גאָר, ער האָט יעדן פאַרבייגייער אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו אים: ווייסט מיר גלייבן? איך גיי מחיה־מתים זיין מיט אָט דעם שטעקן. ער האָט גאָר אָפּגעשפּאָט. דערפאַר האָט ער נישט לעבעדיק געמאַכט דאָס קינד. (פרקי אליעזר הגדול, פרק ל״ג).

דער רד״ק האַלט זיך אָלץ ביים געדאַנק אַז אויך דאָ ווי ביי אליהון איז דאָס קינד נישט געשטאָרבן, נאָר פאַרשלאָפט געוואָרן. געבליבן ליגן אַ פאַר־חלשטער. ער ברענגט אַ ראיה צו זיינע רייד פון מאמר חז״ל. עס פרעגט דעם מאמר חז״ל: איז דער זון פון שונמית איז מטמא צי נישט? דער ענטפער איז: אַ מת, אַ טויטער איז מטמא אָבער אַ לעבעדיקער איז נישט מטמא. (זע ילקוט שמעוני חקת י״ט, וואָס זאָגט עפּעס גאָר אַנדערש וועגן דעם בן שונמית).

## אַ באַגעגעניש פון צוויי וועלטן

פון די אלישע־מעשיות איז נישט קלאָר אין וועלכער צייט זיי זענען געשען. דעם מלכס נאָמען ווערט נישט דערמאָנט. מיר ווייסן נאָר, אַז זיי זענען געשריבן געוואָרן ווען ישראל איז געווען אונטערטעניק צו ארם. אָבער די גאַנצע צייט, פון אחאבס טויט ביז אַרום פערציק יאָר שפּעטער, איז ישראל געווען אונטערגעוואָרפן אונטער דעם יאָך פון ארם. די יידישע מפרשים נעמען אָן, און מיט רעכט, אַז אלישע איז געווען טעטיק בלויז אין די צייטן פון דעם מלך יהורם, אחאבס זון. פאַרוואָס ווערט נישט דערמאָנט דער נאָמען פון מלך? ווייל דער דערציילער פון תנ״ך איז געווען אויסן איבערצוגעבן דעם גייסטיקן צושטאַנד פון אַ תקופה, וואָס קאָן געבן אַ מוסר־השכל לדורות.

אין די צוויי מעשיות ווי אלישע האָט אויסגעהיילט דעם קרעציקן הויפּט פון חייל פון ארם, און ווי דער נביא האָט צייטווייליק בלינד געמאַכט אַ גאַנצע אָפּטיילונג זעלנער פון שונא און זיי געבראַכט קיין שומרון, שפּיגלט זיך אָפּ די אַנדערשקייט פון יידן אין פאַרגלייך מיט די אַרומיקע פעלקער, הן אין ענין אמונה און הן אין באַגריף פון יושר און צדק. די סצענע ווי נעמן, דער הויפּט פון חייל פון ארם באַגעגנט זיך מיט אלישען איז אַ באַגעגעניש פון צוויי וועלטן (ד. קמחי) דאָס וואָס אלישע האָט געהייסן דעם מלך פון ישראל צו מאַכן אַ סעודה פאַר די זעלנער פון די שונאים, וואָס ער, אלישע,

האָט פּאַרנאַרט, איז געווען אַ באַווייז צו די אַרומיקע פעלקער אַז יידן פירן זיך אויף אַנדערש ווי גויים. און גוטסקייט איז מער ווירקזאַם ווי רשעות. דער יידישער מלך האָט די געפאַנגענע זעלנער געוואָלט אויסהרגענען, אלישע האָט עס נישט דערלאָזן. ער האָט גאָר געהייסן זיי געבן עסן און טרינקען. זאָגט דער מדרש: אלישעס פסק־דין איז געווען מער ווירקזאַם ווי אַלע מלחמות, וואָס יהורם, דער זון פון אחאב, האָט געפירט און זיינע אַלע כלי־מלחמה (זע תנא דבי אליהו רבא, פרק ז׳ און ילקוט שמעוני מלכים ב׳ רל״א).

ביי די באַביליאָנער, אויך ביי די עגיפטער, געפינט זיך אַ וואַריאַנט פון דער מעשה מיט דעם קרעציקן נעמן. איין קעניג שיקט צום אַנדערן אַ באַפעל, אַז ער זאָל אויסהיילן פון אַ חולאת זיין טאָכטער, זיין זון אָדער זיינע אַ שררה. נאָר דאָרטן זענען עס גלאַט מעשיות מיט אינטריגעס און שלויקייטן. אָבער אין תנ״ך זענען אין דער מעשה פאַרבאָרגן הויכע יידישע מאָראַל און דערהויבענער גאָט־באַגריף.

מען דאַרף אויך באַטאָנען אַז דער יידישער נביא איז נישט קיין מאַגיקער. ער היילט נישט פאַר באַצאָלט. ער איז בכלל נישט קיין וווּנדער־רופא. ער איז אַ שליח פון גאָט און אויב ער דאַרף טאָן אַ מופת איז עס נאָר כדי די פעלקער זאָלן וויסן „אַז עס איז דאָ אַ נביא אין ישראל״.

און נעמן, דער חייל־פירער פון דעם מלך פון ארם, איז געווען זייער חשוב און אָנגעזען ביי זיין האַר דעם מלך, ווייל דורך אים האָט גאָט געגעבן אַ גרויסן זיג צו ארם. דער מאַן איז געווען אַ גרויסער העלד אָבער אַ מצורע — אַ קרעציקער.

די יידישע מפרשים (רש״י, רד״ק און אַנדערע) זאָגן פאַרוואָס איז נעמן געווען אַזוי חשוב ביי זיין מלך? נעמן איז דאָס געווען יענער זעלנער, וואָס האָט אויסגעשאָסן פון דעם בויגן גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, און געטראָפן אחאבן און אים געטייט. אָבער דער רד״ק גיט צו אַז עס איז נישט מער ווי אַ דרוש.

און די ארמים פלעגן אָפט אַרויסגיין אין באַנדעס און רויבן ישראל. און עס איז געווען איין מאָל ווען אַ באַנדע איז אַרויס צו רויבן, האָט זי געפאַנגען פון לאַנד ישראל אַ קליין מיידל. און זי האָט באַדינט נעמנס ווייב. און דאָס יידישע מיידל האָט געזאָגט:

— הלוואי וואָלט מיין האַר געקומען בעטן ביים נביא אין שומרון. ער וואָלט אים אויסגעהיילט פון זיין קרעציקייט.

און נעמנס ווייב האָט עס אים דערציילט. און ער איז געקומען צו זיין האַר דעם מלך און האָט עס אים דערציילט. האָט דער מלך פון ארם געזאָגט צו אים:

— גיי קיין שומרון און איך וועל שיקן מיט דיר אַ בריוו צום מלך פון ישראל. ער וועט שוין באַפעלן דעם נביא ער זאָל דיך אויסהיילן.

און נעמן איז געגאַנגען און האָט גענומען מיט זיך צען צענטערס זילבער און זעקס טויזנט גאָלדשטיק און צען יום־טובדיקע גאַרניטערס אַ מתנה צום נביא.

אַ צענטער זילבער איז אַ דריי טויזנט מיט זעקס הונדערט שקלים. אַ גאָלדשטיק איז דעמאָלט ווערט געווען אַרום צוויי שקלים. עס מיינט קרוב צו פופצן טויזנט שקלים האָט נעמן גענומען מיט זיך. לויט היינטיקע אונדזערע מקחים (פרייזן) איז עס קרוב אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר.

און נעמן האָט געבראַכט דעם בריוו צום מלך פון ישראל. אין דעם בריוו איז געווען געשריבן אַזוי צו זאָגן:

— ווען דו וועסט קריגן דעם דאָזיקן בריוו זאָלסטו וויסן, אַז איך האָב געשיקט צו דיר מיין קנעכט נעמן. זע דו זאָלסט אים אויסהיילן פון זיין קרעציקייט.

און עס איז געווען ווען דער מלך פון ישראל האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, אַזוי האָט ער צעריסן זיינע קליידער און האָט געזאָגט: צי בין איך דען אַ גאָט צו טייטן און מאַכן לעבעדיק, וואָס ער שיקט צו מיר אויסצוהיילן אַ מענטשן פון זיין קרעציקייט? זעט און ווייסט, אַז ער זוכט נאָר אַן אויסרייד אַרויסצוגיין אויף אַ מלחמה קעגן מיר.

ווי מען קאָן זען פון די פסוקים, האָט דער מלך נישט געטראַכט זיך צו ווענדן צום נביא. אָדער אפשר האָט ער געמיינט, אַז דער נביא וועט אים נישט העלפן, ווייל דער נביא איז דאָך געווען קעגן בית אחאָב (זע רד״ק). אָבער אלישע האָט דערהערט וועגן גאַנצן טומל אין קעניגלעכן הויף און —

— עס איז געווען ווען אלישע דער געטלעכער מאַן האָט דערהערט, אַז דער מלך פון ישראל האָט צעריסן זיינע קליידער, האָט ער געשיקט צום מלך און געזאָגט צו אים:

— פאַרוואָס האָסטו צעריסן דיינע קליידער? זאָל אָקאָרשט נעמן קומען צו מיר און ער וועט וויסן, אַז עס איז דאָ אַ נביא אין ישראל.

און נעמן איז געקומען מיט זיינע פערד און רייטוועגן און האָט זיך געשטעלט ביים אַריינגאַנג פון אלישעס הויז.

און אלישע האָט געשיקט צו אים אַ שליח אַזוי צו זאָגן: — גיי און דו זאָלסט זיך טובל זיין (אָפּטונקען) זיבן מאָל אין ירדן און דיין לייב וואָס איז פאַרצערט געוואָרן פון דער קרעציקייט וועט זיך אומקערן צו דיר און דו וועסט ווערן ריין.

און נעמן איז געוואָרן אין כעס און ער האָט געזאָגט: — זע, איך האָב

געמיינט אַז ער וועט אַרויסגיין צו מיר און וועט זיך אַוועקשטעלן און וועט רופן צום נאָמען פון זיין גאָט און דערנאָך וועט ער אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, אָנרירן דעם אָרט ווו איך בין קרעציק און ער וועט אַוועקנעמען די צרעת. הייסט ער מיר גיין און טובלען זיך זיבן מאָל אין ירדן. זענען נישט די טייכן פון דמשק, וואָס זענען באַרימט און באַוווּסט מיט זייערע קרישטאָל־קלאָרע וואַסערן, נישט בעסער ווי אַלע וואַסערן אין ישראל? קאָן איך זיך נישט באָדן אין אבנה און פרפר, די טייכן פון דמשק און ווערן ריין?

און ער האָט זיך אַוועקגעקערט און איז אַוועק מיט כעס. און זיינע קנעכט זענען צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט: — אונדזער האַר, ווען דער נביא וואָלט דיר געהייסן טאָן אַ גרויסע זאַך וואָלסטו עס דאָך געטאָן. הייַנט, אַז ער האָט דיר געהייסן טאָן אַזאַ קלייניקייט: „טונקט זיך אָפּ זיבן מאָל אין ירדן", פאַרוואָס זאָלסטו עס נישט טאָן?

האָט ער אַראָפּגענידערט און זיך געטובלט זיבן מאָל אין ירדן אַזוי ווי דער געטלעכער מאַן האָט אים געהייסן. און זיין לייב איז געוואָרן ווי דאָס לייב פון אַ קליין ייִנגל. און ער איז געוואָרן ריין.

און דער הויפּט פון חייל פון ארם האָט זיך אומגעקערט צום געטלעכן מאַן, ער און זיינע פערד מיט זיינע רייטוועגן — מיט דער גאַנצער מחנה, און ער האָט זיך געשטעלט פאַרן נביא און האָט געזאָגט:

— איצט ווייס איך, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער גאַנצער ערד, נאָר בלויז אין ישראל. און איצט בעט איך דיך נעם אַ מתנה פון דיין קנעכט.

האָט אלישע געזאָגט: — איך שווער ווי עס לעבט גאָט פאַר וועמען איך בין געשטאַנען און תפילה געטאָן, אויב איך וועל נעמען.

און ער האָט אים שטאַרק געבעטן ער זאָל נעמען, אָבער ער האָט נישט געוואָלט.

און נעמן האָט געזאָגט: — אויב נישט, בעט איך דיך, דערלויב אַז עס זאָל געגעבן ווערן דיין קנעכט אַ משא ערד, וואָס צוויי מויל־אייזלען קאָנען פירן און איך וועל ברענגען די ערד אין מיין שטאָט און דאָרטן וועל איך מאַכן אַ מזבח און איך וועל מקריב זיין קרבנות צום גאָט פון ישראל (זע רש"י און רד"ק). דיין קנעכט וועט מער נישט ברענגען קיין בראַנדאָפּפער אָדער שלאַכטאָפּפער צו אַנדערע געטער, בלויז צום גאָט פון ישראל.

דער נביא האָט נישט געענטפערט. אין זיינע אויגן זענען דאָס געווען חוזק־רייד. נאַ דיר אַ נייער גר. אָט שטייט פאַר אים דער גרויסער שׂרה מיט זיינע פערד און רייטער און זיינע זעלנער, וואָס באַגלייטן אים. ער איז דער חייל־פירער פון ארם, דעם גרעסטן יידישן שונא. ער פירט אָן מיט רויבער־באַנדעס קעגן ישראל און וועט מסתמא ווייטער אַזוי טאָן (זע אַ קאַפּיטל

שפעטער). ער וויל מען זאָל אים דערלויבן נעמען ערד פון ישראל כדי ער זאָל קאָנען בויען אַ מזבח צו גאָט אין דער געצנדינערישער שטאָט. ער גלייבט, ווי אַלע געצנדינער, אַז דער יידישער גאָט איז צוגעבונדן נאָר צו אָט דעם שטיקל ערד. ער מיינט אַז קרבנות זענען דער עיקר און נישט מעשים.

שווייגט דער נביא. ער טראַכט: זאָל ער נעמען ערד און טראָגן קיין ארם. ווער קאָן אים אָפּשטעלן? און נעמן רעדט ווייטער, ער וויל נאָך אַ קליינ־קייט: זאָל אים גאָט אויך דערלויבן „אַביסל״ געצנדינעריי:

— איך בעט דיך, בעט ביי דיין גאָט, אַז ער זאָל מיר, דיין קנעכט, מוחל זיין די דאָזיקע זאַך. ווען מיין האַר, דער מלך, גייט אין טעמפּל פון רימון צו בוקן זיך דאָרטן, איז ער אַלעמאָל אָנגעלענט אויף מיין האַנט. ווען ער בוקט זיך מוז איך זיך אויך בוקן. בעט איך דיר, ווען איך וועל זיך בוקן אין טעמפּל פון רימון, זאָל מיר גאָט פאַרגעבן די דאָזיקע זאַך.

דער נביא בלייבט שטיין ווי געפּלעפּט: אָט דער דאָזיקער געצנדינער וויל דינען צום גאָט פון ישראל אָבער ער וויל נישט פאַרלאָזן זיינע אַלע געצנ־דינערישע וועגן. ער וויל זיך אויסקויפן מיט אַביסל ערד פון יידן־לאַנד, וואָס ער וועט מיטנעמען. ער וויל זיך נישט אָפּזאָגן פון צו גיין אין טעמפּל פון אָפּגאָט רימון. ער וועט בלייבן דינען דעם מלך פון ארם און אָנפירן מיט רויבער־באַנדעס. אַלץ זאָל מען אים מוחל זיין, ווייל ער זאָגט, אַז ער גלייבט אין דעם גאָט פון ישראל. און דער נביא ענטפערט אים אין צוויי ווערטער: „לך לשלום״ — גיי געזונטערהייט.

דער נביא האָט זיכער געוואָלט ענטפערן שאַרף און ביטער. אָבער נעמן איז דער הויפּט פון דעם חייל פון ארם. און ארם איז גאָטס רוט און גאָטס האַנט, צו שטראָפן ישראל. גאָט האָט דאָך אים געגעבן דעם זיג איבער יש־ראל. און אָט דער שרה שטייט דאָ פאַרן נביא מיט רייטוועגן און רייטער און אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה באַגלייטער. ער זוכט נאָר אַן אויסרייד אָנ־צוהייבן אַ מלחמה מיט ישראל. זאָל ער גיין. זאָל ער וואָס גיכער אַוועקגיין — נישט שטיין פאַר די אויגן. גיי, גיי — געזונטערהייט, אָבער לאָמיר דיך נישט אָנקוקן (בשבילי התנ״ך פון ד. קמחי, זז׳ 47, 48).

***

גיחזי, אלישעס משרת, איז נישט ווערט געווען צו זיין דעם נביאס תלמיד (זע סוטה דף י׳, עמוד ב׳). ווי נאָר דער חייל־פירער איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג איז גיחזי אים נאָכגעלאָפן און ביי אים גענומען צוויי צענ־טערס זילבער און צוויי גאַנג קליידער. ער האָט עס באַהאַלטן ביי זיך אין

שטוב. ווען ער איז צוריקגעקומען צו אלישען, האָט דער נביא געזאָגט מיט פאַרדרוס:

— איז איצט אַ צייט צו נעמען זילבער כדי דו זאָלסט קאָנען קויפן וויינ־גערטנער, שאָף און רינדער? איך האָב געוואָלט גרויסן גאָטס נאָמען, מקדש השם זיין, האָסטו זיך פאַרמיאוסט מיט נעמען געצאָלט פאַר אַ נס פון גאָט. דערפאַר זאָל נעמנס קרעציקייט באַהעפטן זיך אָן דיר אויף אייביק.

און גיחזי איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם נביא אַ קרעציקער, ווייס ווי שניי.

# דריי מופתים

פון קאַפּיטל זעקס מלכים ב׳ ביז אינמיטן קאַפּיטל ניין זענען פאַרשריבן די פּאָליטישע מעשיות פון אלישען. אָבער אין די ערשטע זיבן פסוקים פון זעקסטן קאַפּיטל געפינט זיך דער מופת מיט דער שווימענדיקער האַק. דער מופת איז איינער פון די דריי מופתים מיט וואָס אלישע האָט אַרויסגעהאָלפן זיינע תלמידים. די אַנדערע צוויי מופתים ווערן דערציילט אין קאַפּיטל פיר פון דעם פסוק אַכט און דרייסיק ביזן סוף פון קאַפּיטל.

די דריי קורצע מעשיות זענען וויכטיק, ווייל זיי גיבן אונדז אַ באַגריף פון די לעבנסבאַדינגונגען פון די בני הנביאים און זייער סאָציאַלן שטאַנד. מיר לערנען פון די סיפּורים, אַז די בני הנביאים האָבן געלעבט אין קאָמו־נאַלע קאָלאָניעס, געבויט זייערע אייגענע וווינונגען, געאַרבעט אין די אַרומי־קע פעלדער און אָפט געקראָגן מתנות פון זייערע חסידים — נאָכפאָלגער. זיי האָבן געלעבט אָרעם, אַזוי אַז ווען אַ האַק איז אַריינגעפאַלן אין די וואַ־סערן פון ירדן איז עס געווען אַ גרויסער אומגליק. אלישע האָט עס געהאַלטן פאַר אַזאַ גרויסן שאָדן, אַז ער איז געווען גרייט צו באַווייזן אַ מופת. די דריי ניסים־מעשיות זענען וויכטיק צוליב זייער סאָציאַלן כאַראַקטער.

און אלישע האָט זיך אומגעקערט קיין גלגל און אַ הונגער איז דעמאָלט געווען אין לאַנד, און די בני הנביאים זענען געזעסן אַרום אים, און ער האָט געזאָגט צו זיין משרת: שטעל אויף דעם גרויסן טאָפּ און קאָך אָפּ אַ גע־קעכטס פאַר די בני הנביאים. און איינער פון די בני הנביאים איז אַוועק אין פעלד אָנצוקלייבן קרייטעכער, גרינסן, האָט ער געפונען שוואָמען. (אַזוי האָט ער רבי געטייטשט פקעות), און ער האָט אָנגעקליבן אַ פולע פאָלע און ער איז געקומען און האָט זיי צעשניטן און אַריינגעוואָרפן אין טאָפּ פון גע־קעכטס. ער האָט נישט געוווּסט אַז די שוואָמען זענען גיפטיקע. און דאָס עסן האָט זיך אָפּגעקאָכט און מען האָט עס אַריינגעגאָסן פאַר די מענטשן. און עס איז געווען, ווי זיי האָבן אָנגעהויבן עסן, האָבן זיי אויסגעשריען:

— געטלעכער מאַן, גיפט איז אין טאָפּ!

און אלישע האָט געזאָגט: ברענגט מעל. און ער האָט דאָס מעל אַרייַנגעשאָטן אין טאָפּ און ער האָט געזאָגט: גיט דאָס עסן צו די מענטשן. און עס איז נישט געווען קיין גיפט אין טאָפּ.

און אַ מאַן איז געקומען פון בעל שלישה און האָט געבראַכט פאַרן געטלעכן מאַן ביכורים־ברויט — ברויט פון דער ערשטער תבואה — צוואַנציק גערשטענע ברויטן און פרישע זאַנגען האָט ער געבראַכט אין זיין זאַק. האָט ער געזאָגט צו זיין משרת: גיב עס דעם פאָלק און זאָלן זיי עסן. האָט דער משרת געזאָגט: וואָס זאָל איך דאָ געבן פאַר הונדערט מענטשן? האָט ער געענטפערט: גיב עס די מענטשן און זאָלן זיי עסן, ווייל אַזוי האָט געזאָגט גאָט: זיי וועלן עסן און נאָך איבערלאָזן. און ער האָט עס זיי געגעבן און זיי האָבן געגעסן און נאָך איבערגעלאָזן, אַזוי ווי גאָט האָט געזאָגט.

און די בני־הנביאים האָבן געזאָגט צו אלישען: — זע דאָס אָרט וווּ מיר וווינען איז געוואָרן צו ענג פאַר אונדז. לאָמיר גיין ביזן ירדן און יעדער איינער פון אונדז וועט נעמען אַ קלאָץ און מיר וועלן דאָרטן אויפבויען אַן אָרט צום וווינען.

האָט ער צו זיי געזאָגט: — גייט און טוט עס. האָט איינער פון די בני־הנביאים געזאָגט צו אים: — מיר בעטן דיך, גיי מיט אונדז. האָט ער געזאָגט: — גוט, איך וועל גיין מיט אייך.

און ער איז געגאַנגען מיט זיי. און זיי זענען צוגעקומען צום ירדן און זיך געשטעלט אויסהאַקן ביימער.

און עס איז געווען ווען איינער האָט אומגעוואָרפן אַ בוים איז דאָס אייזערנע האַק אַריינגעפאַלן אין וואַסער. האָט ער אויסגעשריען און געזאָגט:

— אַ, ווי מיין האַר, די האַק איז אַ געליענע.

האָט דער געטלעכער מאַן געזאָגט: — וווּ איז זי אַריינגעפאַלן.

האָט ער אים אָנגעוויזן דאָס אָרט, און אלישע האָט אָפּגעשניטן אַ שטיקל האָלץ און האָט עס אַריינגעוואָרפן אַהין. און די האַק איז אַרויפגעשווומען. און ער האָט געזאָגט: הייב עס אויף. האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט זי אַרויסגענומען.

די מעשה מיט דער האַק שטייט באַלד נאָך דער מעשה ווי גיחזי, אלישעס תלמיד, איז קרעציק געוואָרן. די חז״ל דרשנען: פאַרוואָס שטייט באַלד נאָך דעם ווי גיחזי איז קרעציק געוואָרן „און די בני הנביאים האָבן געזאָגט צו אלישען: דאָס אָרט וווּ מיר וווינען איז געוואָרן צו ענג?“. דער תירוץ איז — גיחזי איז געווען נישט קיין פאַסיקער תלמיד פון אלישען. ער פלעגט נישט צולאָזן קיין תלמידים צום נביא. ווי נאָר אלישע האָט פאַרטריבן גיחזין,

האָבן זיך פאַרמערט די תלמידים און דאָס אָרט איז געוואָרן ענג. (סוטה מ״ז, זע אויך דער רד״ק אויפן פסוק).

## אלישע און די באַנדעס פון ארם

ווען מיר לערנען תנ״ך דאַרפן מיר געדענקען, אַז אין די אַלע געשעע־נישן, וואָס ווערן דערציילט זענען דאָ צוויי עלעמענטן: די בשותפותדיקע גלויבנס און גרויזאַמקייטן, וואָס יידן האָבן געהאַט גלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער און יידישע אַנדערשקייט. פאַר אונדז און פאַר דער וועלט איז וויכטיק אין דער יידישער היסטאָ־ריאָגראַפיע די ספּעציפישע יידישע אַנדערש־קייט. דאָס דאַרפן מיר באַטאָנען.

זאָגט נישט־קיין־יידישער תנ״ך־קאָמענטאַטאָר: „ס׳איז כמעט נישטאָ אין די אַלע אַנאַלן, וואָס זענען אונדז געבליבן פון די גרויסע אימפּעריעס: אשור, בבל און עגיפּטן, עפּעס וואָס צו פאַרגלייכן מיט די געשיכטלעכע דערציילונ־גען, וואָס זענען אונדז געבליבן פון די יידן אין תנ״ך. די גאַנצע עשירות, וואָס איז אונדז געבליבן פון דער אַשוריש־באַבילאָנישער עפּאָכע זענען נישט מער ווי רשימות פון וויכטיקע געשעענישן, כראָנאָלאָגיעס, לויטן לוח, פּינקט־לעכע דאַטעס פון די מלכים און צייכנס (אָמענס) און אָנווייזונגען פון די געטער אין די הימלען און איבערגעטריבענע באַשרייבונגען פון די גבורות פון די מלכים. אין דער ליטעראַטור וואָס איז אונדז געבליבן פון מצרים זענען דאָ געציילטע פּאָעטישע באַשרייבונגען בלויז פון צוויי מלחמות פון טוטיאָס דעם דריטן (פופצן הונדערט יאָר פאַר אונדזער צייט־רעכענונג). דאָס איבע־ריקע זענען איבערגעטריבענע שבחים, לויב־געזאַנגען צו די פּרעהס און עט־לעכע קורצע נאָוועלן. אין דער ליטעראַטור, וואָס איז אונדז געבליבן פון בבל איז דאָ איין אויסנאַם: די אויטאָביאָגראַפיע פון אשורבאַניפּאַל (אַרום זיבן הונדערט יאָר פאַר אונדזער צייט־רעכענונג). אָבער דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דעם יידישן היסטאָריקער איז דער גייסט, וואָס זיצט און משפּט דעם קע־ניג און די גאַנצע פירונג פון דער מלוכה (און אויך די געזעלשאַפט. — ש. ס.) כמעט אַלעמאָל איז דער היסטאָריקער אַן אַנטי־מלך, פון נתן דעם נביא ביז דער נביאהטע חולדה (דזשיימס מאָנטגאָמערי, אינטערנעשאָנעל ביבליקל קאָ־מענטאַרי, מלכים ב׳ הקדמה, זז׳ 27, 28).

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז דער יידישער היסטאָריקער איז נישט געווען קיין גלייכגילטיקער צוקוקער. ער איז געקומען אין שליחות פון דעם גאָט פון גערעכטיקייט. די יידישע היסטאָריקערס, ווי די נביאים, זענען געווען פול מיט פּאַטאָס און צאָרן. אין זייערע שריפטן איז דאָ די שרעק פאַרן

גורל פון דער וועלט, פאַר דעם גורל פון די מענטשן, און אַ ווידערווילן צו רשעות און אומרעכט. דערפאַר קומען אַרויס ביי זיי די געשעענישן און די מענטשן לעבעדיק, פולבלוטיק און אמתדיק.

ביי דעם יידישן היסטאָריקער איבערגעוועלטיקט די אידייע די צייט־לעכע פּרטים און דער צייט־גייסט, דאָס ניסימדיקע, דאָס איבערנאַטירלעכע ווערן טפל. דער עיקר איז אַ ליידנשאַפט פאַר גערעכטיקייט, פאַר יושר צווישן מענטש און מענטש, צווישן יחיד און פאָלק און צווישן פאָלק און פאָלק.

אַ גוטער מוסטער איז די מעשה ווי אלישע מאַכט בלינד אַ באַנדע זעל־נער. אַזעלכע מעשיות געפינען זיך ביי אַלע אַנדערע פעלקער — אַ וווּנדער־מענטש מאַכט בלינד אַ באַנדע אָנפאַלערס. אָבער דער סוף, דער קלימאַקס פון דער מעשה אין תנ״ך גיט גאָר אַ נייעם וועלט־באַנעם אין די באַציאונגען צו שונאים. צוליב די לעצטע צוויי פסוקים פון דער מעשה ווערט די געשעע־ניש נישט מער גלאַט אַ נס, וואָס אַן עקסטאַטישער גלויביקער דערציילט. עס ווערט גאָר אַרויסגעבראַכט אַן עטישע אידייע, וואָס דאַרף ערשט ווערן אַ רעאַליטעט. עס איז נישט וויכטיק צי עס האָט טאַקע אַזוי פּאַסירט ווי עס איז פאַרצייכנט אין תנ״ך, ווייל אויב עס האָט נישט פּאַסירט האָט עס גע־דאַרפט פּאַסירן. די געשעעניש איז אפשר נישט גענומען געוואָרן פון לעבן, זי האָט אָבער זיכער געשילדערט דעם נביאס לעבנס־באַנעם. אַט אַזוי האָט געדאַרפט געשען. דאָס איז אפשר וויכטיקער, ניין טאַקע וויכטיקער פון אַן איין מאָל געשעענעם פאַקט.

און איצט די מעשה ווי זי ווערט דערציילט אין מלכים ב׳, קאַפּיטל ו׳.

און דער מלך פון ארם פלעגט אָנפירן מיט באַנדעס קעגן ישראל. און ער האָט אָפּגערעדט מיט זיינע קנעכט אַזוי צו זאָגן: אויף יענעם און יענעם אָרט וועלן מיר לאַגערן.

און דער געטלעכער מאַן האָט געשיקט צום מלך פון ישראל אַזוי צו זאָגן:

— היט זיך פון פאַרבייצוגיין יענעם און יענעם אָרט, ווייל דאָרטן לאַ־גערן די ארמים.

און דער מלך פון ישראל האָט עטלעכע מאָל געשיקט אויסקוקערס צו דעם אָרט, וואָס דער געטלעכער מאַן האָט אים געזאָגט און געוואָרנט. און ס׳איז געווען אמת, ווי דער נביא האָט געזאָגט. און דער מלך פון ישראל האָט זיך אויסגעהיט פון אַן אומגליק נישט איין מאָל און נישט צוויי מאָל.

און דאָס האַרץ פון מלך פון ארם איז אויפגעשטורעמט געוואָרן איבער דעם און ער האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: קענט איר מיר זאָגן ווער פון אונ־דזערע גיט אַלץ איבער צום מלך פון ישראל

האָט איינער פון זיינע קנעכט געזאָגט צו אים: — ניין, מיין האַר דער

מלך, קיינער פון אונדז דערציילט עס נישט. עס איז אלישע דער נביא וואָס איז אין ישראל, ער דערציילט דעם מלך פון ישראל אַפילו די רייד וואָס דו רעדסט אין דיין שלאָפקאַמער.

האָט דער מלך פון ארם געזאָגט: — גייט און געפינט אויס ווו ער איז און איך וועל שיקן און אים נעמען.

און זיי זענען אַוועק און אויסגעפונען ווו אלישע איז, און זיי האָבן געזאָגט צום קעניג: — ער געפינט זיך אין דותן.

און דער מלך פון ארם האָט געשיקט אַהין פערד און רייטוועגן און אַ גרויסן חייל. און זיי זענען געקומען ביינאַכט און זיי האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט.

און דער משרת פון דעם געטלעכן מאַן איז אויפגעשטאַנען פרי און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב — ערשט אַ חייל רינגלט אַרום די שטאָט, מיט פערד און רייטוועגן. און דער יונג האָט געזאָגט צו אלישען: — וויי, מיין האר, וואָס זאָלן מיר איצט טאָן?

האָט אלישע געענטפערט: — שרעק זיך נישט. די וואָס זענען מיט אונדז זענען מער ווי די, וואָס זענען מיט זיי.

און אלישע האָט תפילה געטאָן צו גאָט און האָט געזאָגט: — עפן, איך בעט דיך, זיינע אויגן און זאָל ער זען.

און גאָט האָט געעפנט די אויגן פון דעם יונג און ער האָט דערזען ערשט דער באַרג אַרום שטאָט איז פול מיט פייערדיקע רייטער און רייטוועגן.

און די זעלנער פון ארם האָבן אַראָפּגענידערט אין שטאָט צו פאַנגען אים, האָט אלישע תפילה געטאָן צו גאָט און געזאָגט:

— שלאָג דאָס דאָזיקע פאָלק מיט בלינדקייט.

און גאָט האָט זיי געשלאָגן מיט בלינדקייט ווי אלישע האָט געבעטן. און אלישע האָט געזאָגט צו די זעלנער: — נישט דאָס איז דער וועג און נישט דאָס איז די שטאָט, ווו אלישע געפינט זיך. גייט מיר נאָך און איך וועל אייך פירן צו דעם מאַן, וואָס איר זוכט.

און זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען און ער האָט זיי אַוועקגעפירט קיין שומרון. און עס איז געווען ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין שומרון, האָט אלישע געזאָגט:

— גאָט, עפן זייערע אויגן און זאָלן זיי זען.

און גאָט האָט געעפנט זייערע אויגן און זיי האָבן דערזען, אַז זיי זענען אין שומרון.

און ווען דער מלך פון ישראל האָט דערזען די מחנה זעלנער פון די ארמים, האָט ער געזאָגט צו אלישען: — זאָל איך זיי צעשלאָגן, מיין האַר?

האָט אלישע געענטפערט:

— ניין, זאָלסט זיי נישט צעשלאָגן, האָסטו דען זיי געפאַנגען מיט דיין שווערד און בויגן? איך האָב זיי צו דיר געבראַכט מיטן כוח פון גאָט. שטעל פאַר זיי ברויט און וואַסער און זאָלן זיי עסן און טרינקען און גיין צו זייער האַר.

און ער האָט פאַר זיי געמאַכט אַ גרויסע סעודה. און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען און ער האָט זיי אַוועקגעשיקט. און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען צו זייער האַר.

און די באַנדעס פון ארם זענען מער נישט באַפאַלן דאָס לאַנד פון ישראל.

**
*

די יידישע מפרשים פרעגן: וואָס מיינט, וואָס דער פסוק זאָגט: „און די באַנדעס פון ארם זענען מער נישט באַפאַלן דאָס לאַנד פון ישראל". אָט שטייט אין פסוק נאָך דער מעשה: „און עס איז געווען נאָך דעם האָט בן־הדד, דער מלך פון ארם צונויפגעקליבן אַלע זיינע חיילות און איז אַרויף און באַלאַגערט שומרון"? דער תירוץ איז, אַז דער פסוק מ'יינט, אַז די זעלנער פון ארם זענען מער נישט באַפאַלן דאָס לאַנד פון ישראל ווי זיי האָבן פריער געטאָן — באַהאַלטענערהייט, ווי באַנדעס רויבער. אָבער אָפענע מלחמות, ווי די פעלקער פירן אַלע מאָל, האָבן זיי יאָ געפירט. (רלב"ג און מצודת דוד).

דער תנא דבי אליהו זאָגט: דער אויפטו פון אלישע האָט געווירקט מער ווי דער גאַנצער כלי־זין פון דעם מלך יורם, דער זון פון אחאב.

## דער מלך יהורם און אלישע

דער ספר מלכים, ווי אַלע אנדערע היסטאָרישע ספרים פון תנ"ך איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן סכעמאַטיש פון מענטשן, וואָס זענען געווען געטרייע תלמידים פון די נביאים. נישט נאָר איז דער צוזאַמענשטעל סכעמאַטיש נאָר דער גאַנצער מאַטעריאַל: די מעשיות, די נבואות, די כראָניקעס זענען איבערגעשריבן געוואָרן לויט אַ געוויסער שיטה אַ געדאַנקען־גאַנג. מיר זאָגן איבערגעשריבן געוואָרן, ווייל מיר זעען אַז אַ סך פון די זעלביקע דערציילונגען וואָס זענען אין ספר מלכים, זענען גאָר אַנדערש איבערדערציילט אין דברי הימים.

געוויינלעך זענען טענדענציעזע דערציילונגען און אַ געשיכטע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן סכעמאַטיש, נישט אינטערעסאַנט און ווירקט

זייער ווייניק אויפֿן לייענער. טענדענציעזע ליטעראַטור ווירקט נישט, ווייל בדרך כלל איז אַזאַ שרייבן לעבנסלאָז און בלוטלאָז. אין אַזעלכע דערציילונגען און כראָניקעס זענען נישטאָ קיין לעבעדיקע מענטשן, ווייל די געשטאַלטן ווערן געמאָלן לויט אַ סכעמע — גוט און שלעכט. דער פֿריינד איז גוט און פֿרום און דער שונא איז אַ רשע, אַ פֿאַרדאָרבענער מענטש. ס'איז אַן אָנגענומענער כלל, אַז אין וועלכער ס'איז טענדענציעזער באַשרייבונג זענען די העלדן שטרויענע געשטאַלטן, אָדער מענטשן, וואָס גייען אויף שטאַלצעס.

אָבער אין תנ"ך גילט נישט דער כלל. אַלע געשטאַלטן זענען לעבעדיק, דינאַמיש און פֿול מיט פּאַטאָס. די דערציילערס און די צונויפֿשטעלערס איז געלונגען בייצוקומען אַלע שטרויכלונגען, ווייל נישט געקוקט אויף זייער טענדענציעזן דרך, פֿאַרלייקענען זיי נישט דעם אמת. די אַלגעמיינע ראַם איז אַ טענדענציעזע, אָבער די פּרטים זענען אַלעמאָל רעאַל, אָפֿט אַפֿילו כמעט נאַטוראַליסטיש.

מיר זעען עס קלאָר אין זעקסטן קאַפּיטל פֿון מלכים ב'. פֿון דעם דאָזיקן קאַפּיטל הייבט זיך אָן די באַשרייבונג פֿון דער פּאָליטישער טעטיקייט פֿון אלישען. קאָנטיק, אַז די באַלאַגערונג פֿון שומרון און דער הונגער אין שטאָט האָט פּאַסירט אין די צייטן ווען יהורם, אחאבס אַ צווייטער זון, איז געווען מלך. דער נביא רופֿט אים בן־המרצח — דער זון פֿון דעם מערדער. דער גאַנצער קאַפּיטל איז אויסן צו אויסמאָלן דעם מלך אין די שוואַרצסטע פֿאַרבן. דאָך אין דער עצם דערציילונג זעען מיר גאָר אַן אַנדער געשטאַלט. יהורם איז אַ גרויסער פּאַטריאָט, האָט ליב דאָס פֿאָלק און איז זיך משתתף אין זיין צער. אין אַ צייט פֿון הונגער טראָגט ער אַ זאַק אונטער די קעניגלעכע בגדים. קיינער ווייס עס נישט. נאָר ווען דער קעניג הערט ווי צוליבן הונגער האָט אַ מאַמע אָפּגעקאָכט דעם אייגענעם זון און אים אויפֿגעגעסן, צערייסט ער זיינע קליידער, דערמאָלט דערזעט דאָס פֿאָלק, אַז דער קעניג טראָגט אַ זאַק אונטער די בגדי מלכות.

דער קעניג גלייבט אין דעם געטלעכן כוח פֿון נביא. דערפֿאַר טאַקע באַשולדיקט ער אים אין דעם הונגער און אין דער באַלאַגערונג פֿון שומרון. ווען דער מלך דערהערט, אַז אַ מאַמע האָט אָפּגעקאָכט און אויפֿגעגעסן איר אייגענעם זון, רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ שבועה פֿון מויל — אַז נאָך היינט וועט ער אַראָפּנעמען דעם קאָפּביים נביא. אָבער ווען ער קומט צום נביא, רופֿט ער אויס פּאַטעטיש:

— זע דעם גרויסן אומגליק, וואָס גאָט האָט געבראַכט אויף אונדז, קאָנען מיר נאָך האָפֿן אויף זיין חסד?

יהורם איז אַ בעל רחמים, דאָס לעבן פון קלענסטן איז טייער ביי אים. ווען עס קומט אָן די ידיעה, אַז די ארמים האָבן זיך צעלאָפן און די שררות אַרום דעם קעניג עצהן אים צו שיקן פינף רייטערס צו זען צי עס איז אמת, שיקט ער נישט מער ווי צוויי. ער וויל פאַרהיטן מענטשלעכע לעבנס.

נישט געקוקט וואָס דער צוזאַמענשטעלער איז אויסן געווען צו באַווייזן די רשעות פון דעם קעניג, שטערט עס אים נישט איבערצוגעבן די געשעע־נישן אַזוי אמת, אַז עס ווערט אונדז קלאָר אַז די נביאים זענען געווען די אָנ־גרייפערס. עס ווערט נישט דערציילט, אַז יהורם איז געווען זייער זינדיק. פאַרקערט גאָר, ער וויל אַלעמאָל התקרבות פון נביא. אָבער די נביאים האָבן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט אחאָבס דינאַסטיע. אפשר ווייל איזבל האָט געהאַט אַ צו גרויסן איינפלוס אויף איר זון, דעם מלך פון ישראל, און אויף איר איידעם, דעם מלך פון יהודה. דאָס פאָלק איז געווען צעטיילט. די נביאים האָט נישט געאַרט וואָס די מיליטערישע און פאָליטישע מאַכט פון ישראל איז געפאַלן צוליב דער קריגעריי. זאָגט אַ יידישער געלערנטער: — אליהו איז ווי געקומען צו דערוועקן דעם מידת־הדין און מאָנען שטראָף פאַרן פאָלק. אין די דאָזיקע לעגענדעס איז סימבאַליזירט די אידייע, וואָס האָט אַרויסגע־שפּאַרט און איז אויפגעקומען פון דער טיפעניש פון דער יידישער פאָלקס־אמונה: דער רעליגיעזער גלויבן און נישט דער נאַציאָנאַלער קיום איז דאָס העכסטע ווערטזאַך (ערך העליון). ישראל איז אַ ווערטזאַך נאָר כל־זמן ער איז גאָטס פאָלק, גאָט אַליין איז דער גאָט און נישט די נאַציאָנאַלע עקזיס־טענץ איז דער סימבאָל פון ישראל. די העכסטע התחייבות פון ישראל איז צו זיין לאָיאַל צו גאָט, און אויב ער דערפילט נישט די דאָזיקע התחייבות, פאָדערט דער נביא אַ שטראָף פאַרן פאָלק. אין דעם געדאַנק איז איינגעוויקלט די האָפענונג פון דעם לעתיד לבוא: אין דעם פייער פון די פורעניותן וועט אויסגעלייטערט ווערן דאָס פאָלק, און אין דעם פלאַם פון שטראָף וועט פאַר־לענדט ווערן דער זינדיקער ישראל. און דעמאָלט וועט קומען די גליקלעכע תקופה פון דעם באחרית הימים — דער סוף פון די טעג ווען דאָס יידישע פאָלק און די גאַנצע וועלט וועט זיין גליקלעך. (זע תולדות האמונה פון יחזקאל קופמאַן, כרך שני, ספר ראשון, זז׳ 290, 291).

## שומרון ווערט באַלאַגערט

און עס איז געווען נאָך דעם האָט בן־הדד, דער מלך פון ארם, איינגע־זאַמלט זיין גאַנצן חייל און איז געקומען און באַלאַגערט שומרון. און עס איז געוואָרן אַ גרויסער הונגער אין שומרון, בעת זי איז באַלאַגערט געוואָרן: אַ

קאָפּ פון אַן אייזל האָט געקאָסט אַכציק זילבערשטיק און איין פערטל קב (אַזאַ מאָס) טויבנמיסט — פינף זילבערשטיק. און עס איז געווען ווען דער מלך איז געגאַנגען אויף דער מויער־וואַנט צו זען ווי די פאַרטיידיקונג ווערט אָנגעפירט, איז אַ פרוי צו אים צוגעגאַנגען און געשריען צו אים אַזוי צו זאָגן: — העלף, מיין האַר מלך!

און דער מלך האָט געמיינט, אַז זי בעט ביי אים שפּייז, עסן. האָט ער געענטפערט:

— אויב גאָט העלפט דיר נישט, פון וואַנען זאָל איך דיר העלפן? פון שייער אָדער פון קעלטער? אָבער די פרוי האָט אַלץ געשריען: — העלף מיר, מיין האַר מלך. און דער מלך האָט געזאָגט צו איר: — וואָס ווילסטו?

האָט זי געזאָגט: — זע, אָט די פרוי, וואָס איך האָב געבראַכט צו דיר, האָט געזאָגט צו מיר: ברענג אַהער דיין זון און מיר וועלן אים אויפעסן היינט און מיין זון וועלן מיר אויפעסן מאָרגן. האָבן מיר אָפּגעקאָכט מיין זון און אים אויפגעגעסן. און אַז איך האָב צו איר געזאָגט אויף מאָרגן: ברענג אַהער דיין זון און מיר וועלן אים היינט אויפעסן, האָט זי באַהאַלטן איר זון.

און ווי דער מלך האָט דערהערט די רייד פון דער פרוי, האָט ער צע־ריסן זיינע קליידער און דאָס פאָלק האָט דערזען ערשט אַ זאַק איז אויף זיין לייב אונטער די קעניגלעכע קליידער. און דער קעניג האָט געזאָגט:

— זאָל מיר גאָט אַזוי העלפן אויב דער קאָפּ פון אלישען וועט אויף אים היינט בלייבן.

און אלישע איז דעמאָלט געזעסן אין זיין הויז און די עלטסטע פון ישראל זענען געזעסן מיט אים. און דער מלך האָט געשיקט אַ מאַן פאַר אים. אָבער איידער דער שליח איז געקומען צו אלישען, האָט ער געזאָגט צו די זקנים:

— זעט נאָר דער זון פון דעם מערדער שיקט אַראָפּצונעמען מיין קאָפּ. ווי נאָר דער שליח וועט אָנקומען, שפּאַרט צו די טיר און איר זאָלט זיך אָנ־שפּאַרן אויף איר און אים נישט אַריינלאָזן. אָבער אָט הער איך זיין האַרס פּיס נאָך אים.

ווי אלישע האָט גערעדט מיט זיי, איז דער מלך אַריין אין הויז און ער האָט געזאָגט:

— זע דעם גרויסן אומגליק, וואָס גאָט האָט געבראַכט אויף אונדז. קאָן איך נאָך האָפן אויף גאָטס חסד?

האָט אלישע געענטפערט און געזאָגט:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט: מאָרגן אין דער צייט וועט אַ מאָס זעמל־מעל פאַרקויפט ווערן אין דעם מאַרק פון שומרון פאַר אַ שקל און צוויי מאָס גערשטן — פאַר צוויי שקלים.

האָט דער הויפּטמאַן, וואָס דער מלך איז געווען אָנגעלענט אויף זיין האַנט, געענטפערט דעם געטלעכן מאַן און געזאָגט: — און אַז אַפילו ווען גאָט זאָל מאַכן פענצטער אין הימל, קאָן אַזאַ זאַך זיין מעגלעך?

האָט דער נביא געענטפערט: — דו וועסט עס זען מיט דיינע אויגן, אָבער עסן דערפון וועסטו נישט.

## די פיר מצורעים

און די פיר מצורעים, קרעציקע מענטשן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויסער דער שטאָט ביים אַריינגאַנג פון טויער, האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן:

— וואָס זיצן מיר דאָ און וואַרטן אויפן טויט? זאָלן מיר אַריינגיין אין שטאָט באַהאַלטענערהייט, איז דאָך דער הונגער אין שטאָט און מיר וועלן דאָרטן שטאַרבן. וועלן מיר דאָ בלייבן זיצן, וועלן מיר אויך שטאַרבן פון הונגער. דערפאַר קומט, לאָמיר בעסער אַריינגיין צום לאַגער פון ארם. וועלן זיי אונדז לאָזן לעבן, וועלן מיר דאָך טאַקע בלייבן לעבן. וועלן זיי אונדז טייטן, וועלן מיר נישט מער ווי שטאַרבן און זיך נישט מאַטערן מיט אַ הונ־גער־טויט.

זענען זיי אויפגעשטאַנען און אין אָוונט זענען זיי אַוועק צום לאַגער פון ארם. און זיי זענען אָנגעקומען צום ברעג פון לאַגער — ערשט דאָרטן איז נישטאָ קיין מוטער מענטש, ווייל גאָט האָט געמאַכט, אַז דער מחנה פון ארם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי הערט אַ ליאַרם פון רייטוועגן, פערד און רייטער — אַ ליאַרם פון אַ גרויסן חייל. האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנ־דערן: „זעט, דער מלך פון ישראל האָט געדונגען די מלכים פון די חתים און די מלכים פון מצרים, זיי זאָלן אָנפאַלן אויף אונדז". און זיי זענען אויפגע־שטאַנען און אַנטלאָפן און האָבן איבערגעלאָזט זייערע געצעלטן, זייערע פערד און זייערע אייזלען; זיי האָבן איבערגעלאָזן דעם לאַגער ווי ער איז, און זיי זענען אַנטלאָפן מיטן לעבן.

און די מצורעים זענען אַריין אין איין געצעלט און האָבן געגעסן און געטרונקען און אַרויסגעטראָגן פון דאָרטן זילבער און גאָלד און קליידער און זיי זענען אַוועק און עס באַהאַלטן. און זיי זענען צוריקגעקומען און זיי זע־אַריין אין אַן אַנדער געצעלט און אויך פון דאָרטן האָבן זיי אַלץ אַרויסגע־טראָגן און באַהאַלטן. און דערנאָך האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: — ס'איז נישט ריכטיק וואָס מיר טוען. ס'איז דאָך איצט אַ צייט פון בשורה און

מיר שווייגן. וועלן מיר וואַרטן ביז פרימאָרגן וועלן מיר באַגיין אַ זינד. איצט לאָמיר גיין און אָנזאָגן דעם מלך.

און זיי זענען צוגעקומען צום טויער פון שטאָט און אויסגערופן צו די שומרים:

— מיר זענען געווען אין לאַגער פון ארם און ס׳איז דאָרטן קיינער נישטאָ — קיין קול פון אַ מענטשן. נאָר די פערד שטייען צוגעבונדן, די אייזלען זענען צוגעבונדן און די געצעלטן זענען געבליבן שטיין ווי די מחנה וואָלט דאָרט געווען.

האָבן די שומרים פון דעם טויער אויסגערופן צו די שומרים פון קעניגס פּאַלאַץ. און מען האָט עס אָנגעזאָגט דעם מלך. און דער מלך איז אויפגע־שטאַנען אין מיטן נאַכט און ער האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: — לאָמיר אייך זאָגן, וואָס די ארמים האָבן קעגן אונדז פאַרטראַכט. זיי ווייסן, אַז מיר הונגערן, זענען זיי דערפאַר אַרויס פון לאַגער און זיך באַהאַלטן אין פעלד און געזאָגט צו זיך: ווען זיי וועלן אַרויס פון שטאָט וועלן מיר זיי פאַנגען לעבעדיקערהייט און אַריינגיין אין דער געעפנטער שטאָט אָן אַ שטרייט.

און איינער פון זיינע קנעכט האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— איך בעט דיך, זאָל מיין האַר אַרויסשיקן פינף פון די איבערגעבלי־בענע פערד, וואָס זענען נאָך אונדז פאַרבליבן, און מיר וועלן זען.

האָבן זיי גענומען צוויי רייטוועגן מיט פערד. און דער מלך האָט זיי אַרויסגעשיקט און געזאָגט צו זיי: גייט און זוכט.

און די צוויי רייטער האָבן געריטן ביזן ירדן. ערשט דער גאַנצער וועג איז פול מיט קליידער און כלים, וואָס די זעלנער פון ארם האָבן אַוועקגע־וואָרפן אין איילעניש. און די שלוחים האָבן זיך אומגעקערט און האָבן עס דערציילט דעם מלך. דעמאָלט איז דאָס גאַנצע פאָלק אַרויס און האָבן צע־רויבט דעם לאַגער פון ארם. און עס איז געווען ווי דער געטלעכער מאַן האָט פאָרויסגעזאָגט: אַ מאָס זעלמלמעל האָט זיך פאַרקויפט פאַר אַ שקל און צוויי מאָס גערשטן — פאַר איין שקל.

און דער הויפּטמאַן, וואָס דער מלך איז געווען אָנגעלענט אויף זיין האַנט, ווען ער איז געקומען צום נביא, איז אָנגעשטעלט געוואָרן פון דעם מלך אַכטונג צו געבן אויפן טויער פון שטאָט. און דאָס פאָלק האָט זיך גע־שפּאַרט אַרויסצוגיין פון שטאָט צום לאַגער פון ארם. אין אָט דער שטופּע־ניש האָט דאָס פאָלק צעטראָטן דעם הויפּטמאַן און ער איז געשטאָרבן. און עס איז געשען אַזוי ווי דער געטלעכער מאַן האָט פאָרויסגעזאָגט. דער הויפּט־מאַן האָט געזען מיט זיינע אויגן ווי אַ מאָס זעמלמעל ווערט פאַרקויפט פאַר

אַ שקל און צוויי מאָס גערשטן פאַר איין שקל, אָבער געגעסן האָט ער דער־
פון נישט געגעסן.

## אלישעס שווער געמיט

אין די קאַפּיטלעך אַכט און נײַן פון מלכים ב׳ ווערט דערציילט ווי אלישע האָט דורכגעפירט די שליחות, וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט אליהון דורכצופירן: זאַלבן חזאלן מלך אויף ארם און יהוא, דעם זון פון נימשין, מלך אויף ישראל. עס זענען אַריבערגעגאַנגען אַרום 25 יאָר פון דער צייט פון דעם אָנזאָג פון אליהון ביז דעם טאָג, וואָס אלישע האָט עס אויסגעפירט.

עס איז וויכטיק צו באַמערקן, וואָס אין אָנהייב פון קאַפּיטל ח׳, איידער עס ווערט דערציילט פון אלישעס רייזע קיין דמשק, וווּ ער האָט פאַקטיש „געזאַלבט” חזאלן פאַרן מלך פון ארם, ווערט איבערגעגעבן אַ שמועס צווישן דעם קעניג פון ישראל און אלישעס משרת גיחזי. דער קעניג בעט דעם משרת פון געטלעכן מאַן:

— דערצייל מיר די אַלע גרויסע זאַכן וואָס אלישע האָט אויפגעטאָן.

און גיחזי דערציילט אַלע מופתים פון אלישע און דער קעניג הערט זיך צו. באַלד ווייזט זיך די פרוי וואָס אלישע האָט לעבעדיק געמאַכט איר זון. זי איז געקומען שרייען צום מלך וועגן אַן עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן איר. דער קעניג העלפט איר תיכף אַרויס.

פון אָט דעם קליינעם עפּיזאָד לערנען מיר, אַז אחאָבס זון, דער מלך פון ישראל, האָט זיך דווקא געוואָלט מתקרב זיין צום נביא, אָבער דער נביא האָט זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס פון אים. אלישע האָט געהאַט אַן אָנזאָג פון זיין רבין אליהו צו פאַרניכטן עמריס דינאַסטיע. אמת יהורם, אחאָבס זון, דער איצטיקער מלך איז נישט געווען אַזוי זינדיק ווי זיין פאָטער; דאָס דינסט צום בעל איז שוואַכער געוואָרן. אָבער אינגאַנצן בטל געוואָרן איז עס נישט. נאָך עפּעס ערגערס — איזבל האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף איר זון, דעם מלך פון ישראל און איר איידעם, דער מלך פון יהודה, איז געווען אונ־טערן איינפלוס פון איר טאָכטער עתליה.

און אלישע האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז נישט געקוקט וואָס לפנים האָט יהורם, דער מלך פון ישראל, אויסגעבעסערט זיינע וועגן, איז גאָטס צאָרן אַלץ גרויס. מואב האָט ווידערגעשפּעניקט קעגן ישראל און גאָט האָט נישט געהאָלפן די יידן זיי צו אונטערדריקן. אדום און לבנה האָבן אַראָפּגע־וואָרפן דעם יאָך פון יהודה און גאָט האָט זיי געהאָלפן. די ארמים דריקן די יידן, פאַלן אָן אָפט אויפן לאַנד און רויבן און מאָרדן. אַפילו שומרון, די

הויפּטשטאָט פון ישראל, איז באַלאַגערט געוואָרן פון שונא. באַנדעס פּלישתים און אַראַבער זענען באַפאַלן יהודה, זי צעררויבט, געפאַנגען דעם מלכס ווייבער און זין, נאָר איין קליין יינגל איז איבערגעבליבן פון אַלע זין פון דעם קעניג. הונגער נאָך הונגער קומט אין לאַנד.

פאַרוואָס זענען געקומען די אַלע אומגליקן אויף די בני־ישראל? ווייל עמריס דינאַסטיע הערשט איבער זיי. איזבל האָט אויך פאַרשפּרייט איר גײַץ אויף יהודה. דאָס גאַנצע הויז פון עמרי מוז אויסגעראָטן ווערן. חזאל מוז ווערן מלך פון ארם, און ער וועט עס זיין דער שטעקן אין גאָטס האַנט וואָס וועט שלאָגן די יידן און זיי מחזיר למוטב זיין. יהוא מוז געזאַלבט ווערן מלך אויף ישראל און ער וועט אויסרייסן מיטן וואָרצל דעם בעל־דינסט, וואָס די פאַרשאָלטענע איזבל, די פרעמדע פּרינצעסין האָט איינגעפירט אין ישראל.

פון די מעשיות, ווי אלישע האָט זיך אויפגעפירט ווען ער האָט איינגעשטעלט חזאלן פאַר אַ קעניג אויף ארם און געזאַלבט יהואן, זעען מיר אַז דער נביא האָט עס נישט געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן. ער האָט דורכגעפירט גאָטס שליחות מיט אַ שווער געמיט. ער האָט געזען די גרויסע אומגליקן, וואָס חזאל וועט ברענגען אויף ישראל און זיין האַרץ איז אים געוואָרן שווער. ער האָט פאָרויסגעזען די גרויסע בלוט־באָד וואָס יהוא וועט דורכפירן, און עס איז אים נאָך שווערער געוואָרן אויפן האַרצן. גאָטס וועגן טאָרן נישט אָפּגעפרעגט ווערן. אָבער אלישע האָט פאָרט נישט דאָס האַרץ צו זאַלבן יהואן. ער שיקט איינעם פון די נביאים דורכצופירן די שליחות. אין דעם אויפשטאַנד נעמט ער נישט קיין אַקטיוון אָנטייל. נאָך דעם ווי יהוא ווערט קעניג, הערן מיר מער נישט פון אלישען. ערשט אַ פערציק יאָר שפּעטער, ווען יהואס אַן אייניקל איז מלך אויף ישראל און אלישע איז דעמאָלט אויפן טויטן־בעט, האַלט ער אַ נבואה פון האָפענונג פאַר דעם פאַרצווייפלטן קעניג.

נאָך יהואס איבערקערעניש הערן מיר בכלל זייער ווייניק פון די נביאים. זיי זענען נישט געווען צופרידן פון יהואס רציחות. זעכציק יאָר שפּעטער זאָגט עס אַרויס קלאָר דער נביא הושע. ער זאָגט צום אור־אייניקל פון יהואן:

— אָט, אין גאָר אַ קורצער צייט, וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט דעם הויז פון יהואן פאַר דעם בלוט, וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן אין עמק יזרעאל. איך וועל פאַרניכטן די מלוכה פון דעם הויז פון ישראל — דורך גלות.

דער נביא הושע האָט שוין האָט מער נישט דערמוטיקט קיין אויפשטאַנדן. ער, ווי עמוס, דער ערשטער פון די שריפט־נביאים, האָבן נישט געלייגט שוין מער קיין האָפענונג אויף אַ נייעם מלך. זיי האָבן פאָרויסגעזאָגט אומגליק און גלות, וואָס וועלן קומען ווי אַ שטראָף פון גאָט. די נביאים האָבן דערזען,

אַז די איבערקערענישן וואָס זיי האָבן דערמוטיקט אָדער טאַקע דורכגעפירט, האָבן געבראַכט בלוט־פאַרגיסונג און נייע רשעות, אָבער נישט קיין מלכות שדי. הושע רעדט ביטער וועגן אַלע אויפשטאַנדן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין זיין צייט. ער האָפט שוין מער נישט אַז דער נייער קעניג וועט זיין בע־סער פון דעם פריערדיקן. יידן וועלן ליידן און אין דעם פיין פון די צרות וועלן זיי געלייטערט ווערן.

## אלישע אין דמשק

אָבער אלישע האָט געמוזט דורכפירן גאָטס שליחות. ער גייט אַוועק אין דמשק אַרויסצוהעלפן אין דער פאַרשווערונג פון חזאלן קעגן דעם מלך בן־הדד. פון דער קורצער דראַמאַטישער דערציילונג שפּאַרט אַרויס אלישעס שרעק און צער פאַר דעם קומענדיקן אומגליק, וואָס ער ווייס אַז עס וועט קו־מען אויף ישראל דורך חזאלן און ער, אלישע, העלפט אים זאַלבן פאַר אַ מלך! קיין וווּנדער נישט וואָס דער נביא האָט געוויינט.

— און אלישע איז אָנגעקומען קיין דמשק, און בן־הדד, דער מלך פון ארם, איז דעמאָלט געלעגן קראַנק. און עס איז דערציילט געוואָרן צו בן־הדד, דעם מלך פון ארם, אַזוי צו זאָגן: דער געטלעכער מאַן איז אָנגעקומען אין שטאָט. האָט דער מלך געזאָגט צו חזאלן:

— נעם מיט זיך אַ מתנה און גיי און טרעף דעם געטלעכן מאַן און זאָלסט פרעגן דורך אים ביי זיין גאָט, צי איך וועל געזונט ווערן פון דער דאָזיקער קראַנקייט.

און חזאל איז אַוועק אים טרעפן. און ער האָט מיטגענומען אַ מתנה פון אַלדאָס גוטס פון דמשק — פערציק אָנגעלאָדענע קעמלען. און ער איז גע־קומען און האָט זיך געשטעלט פאַר אים און ער האָט געזאָגט:

— דיין זון בן־הדד, דער מלך פון ארם, האָט מיך געשיקט צו דיר פרעגן: וועל איך געזונט ווערן פון דער דאָזיקער קראַנקייט?

— האָט אלישע צו אים געזאָגט: — גיי זאָג אים: דו וועסט געזונט ווערן פון דער קראַנקייט, אָבער דיר זאָג איך, אַז גאָט האָט מיר באַוויזן אַז אַלץ איינס וועט ער שטאַרבן.

דער נביא האָט אים געזאָגט פאַרשטעלטערהייט, אַז ער ווייס אַז ער, חזאל, פלאַנעוועט אַ פאַרשווערונג קעגן בן־הדדן און סוף־כל־סוף וועט עס אים געלינגען און ער וועט אים הרגענען און זאָל חזאל וויסן, אַז גאָט גיט זיין צושטימונג צו דער פאַרשווערונג.

אָבער חזאל ענטפערט אים נישט. אפשר האָט ער נישט פאַרשטאַנען

אלישעס פאַרשטעלטע רייד און עס קאָן אויך זיין אַז ער האָט נישט געוואָלט ריידן מיט אלישען פון דער געהיימער פאַרשוועררונג איידער ער געפינט אויס וויפל ווייס דערפון דער געטלעכער מאַן. און — ער האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויפן נביא און געקוקט אויף אים אַ לאַנגע צייט. דער נביא האָט לאַנג אויסגעהאַלטן. אָבער נאָך אַ לאַנגער צייט האָט זיך דער געטלעכער מאַן צעוויינט.

און חזאל האָט געפרעגט: — פאַרוואָס וויינט מיין האַר?

און אלישע האָט געענטפערט באַצערט:

— ווייל איך ווייס דעם אומגליק, וואָס דו וועסט ברענגען אויף ישראל. זייערע פעסטונגען וועסטו אָוועקלאָזן מיטן פייער, זייערע יונגעלייט וועסטו טייטן מיט דער שווערד, זייערע קליינע קינדער וועסטו צעשמעטערן, און זייערע טראָגעדיקע פרויען וועסטו אויפשפּאַלטן די בייכער.

חזאל ווערט נישט אויפגעציטערט פון די אַלע גרויזאַמקייטן וואָס דער נביא רעכנט אויס פאַר אים. פאַרקערט גאָר, ביי אים זענען דאָס „גרויסע זאַכן" — העלדישע מעשים. ער וויל אַלץ אַרויסקריגן פון דעם נביא וויפל ער ווייס. מאַכט ער זיך קליין ביי זיך:

— ווער איז דיין קנעכט, דער הונט, וו אָ ס ז אָ ל ט אָ ן אַ ז ע ל־כ ע ג ר ו י ס ע ז אַ כ ן?

און אלישע ענטפערט אים:

— גאָט האָט מיר געוויזן, אַז דו וועסט זיין מלך פון ארם.

עס שטייט מער נישט אין פסוק. מיר ווייסן נישט פאַרוואָס עס איז געווען וויכטיק פאַר חזאלן אלישעס הילף. אָבער מיר זעען, אַז גלייך אויף מאָרגן, נאָך דער נבואה, האָט חזאל דערשטיקט זיין האַר, דעם מלך פון ארם, און איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

— און חזאל איז אָוועקגעגאַנגען פון אלישען און איז געקומען צו זיין האַר. און בן־הדד האָט געפרעגט: — וואָס האָט אלישע דיר געזאָגט?

און חזאל האָט געענטפערט: — ער האָט מיר געזאָגט: דו וועסט געזונט ווערן.

און עס איז געווען אויף מאָרגן האָט חזאל גענומען די געשטריקטע בעט־דעקע און זי איינגעטונקט אין וואַסער און זי פאַרשפרייט אויף בן־הדדס פנים. און ער איז געשטאָרבן.

קאָנטיק אַז חזאל האָט אים דערשטיקט.

בן־הדד איז געשטאָרבן און חזאל איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

# די צוויי יהורמס

אחאָב דער מלך פון ישראל האָט געהאַט אַ זון מיטן נאָמען יהורם, וואָס איז געוואָרן קעניג אויף ישראל. יהושפט דער מלך פון יהודה האָט אויך געהאַט אַ זון מיטן נאָמען יהורם, וואָס איז געוואָרן קעניג אויף יהודה. די צוויי זענען געווען שוואָגערס. דער מלך פון יהודה האָט חתונה געהאַט מיט אחאָבס טאָכטער עתליה. ווי מיר האָבן פריער דערציילט, האָט יהורם דער מלך פון יהודה אויסגעהרגעט אַלע זיינע ברידער. דער ספר דברי הימים זאָגט וועגן אים שאַרף: ער איז געגאַנגען אין די וועגן פון אחאָבס הויז, ווייל זיין ווייב עתליה איז געווען אחאָבס אַ טאָכטער. די צוויי שוואָגערס האָבן געלעבט זייער פריינדלעך צווישן זיך. ווען יהורם, דער מלך פון יהודה, איז געשטאָרבן און זיין זון אחזיהו איז געווען מלך אין יהודה, איז דער בונד צווישן די צוויי יידישע מלוכות נאָך געוואָרן שטאַרקער. סיי יהודה און סיי ישראל זענען דערמאָלט געווען אין אַ שפּלער מדרגה. ישראל איז געווען אונטער דעם יאָך פון ארם. יהודה איז שוין געווען שוואַך אין יהורמס צייטן. ווען ער איז געוואָרן קעניג זענען די פלישתים און די אַראַבער באַפאַלן יהודה, צערויבט דאָס לאַנד און גענומען אין געפאַנגענשאַפט דעם קעניגס ווייבער און אַלע זין. בלויז יהורם, עתליהס זון, איז געבליבן. ווען ער איז געוואָרן קעניג איז יהודה געווען פאַקטיש אַ פּראָווינץ פון ישראל.

די איבערקערעניש אין ארם האָט דערוועקט פאַלשע האָפענונגען ביי יהורם דעם מלך פון ישראל. ער האָט געמיינט אַז איצט איז געקומען די פּאַסיקע צייט זיך אָפּצורייסן פון ארם, אָדער אפשר, האָט ער געטראַכט וועט אים געלינגען טאַקע צעקלאַפּן ארם. אחזיהוס שררות, די יועצי המלך, האָבן אים געראָטן אַרויסהעלפן יהורמען. עס איז קאָנטיק, אַז די הויכע רעגירונגס־לייט אין יהודה זענען געווען מקורבים צו אחאָבס הויז. מסתמא אָנגעשטעלט פון דעם מלכס מוטער עתליה, און אפשר גאָר פון איזבלן, אחאָבס ווייב. זאָגט דער פסוק:

— ער איז אויך געגאַנגען אין די וועגן פון אחאָבס הויז, ווייל זיין מאַמע, אחאָבס טאָכטער, איז געווען זיין עצה־געבערין אויף צו טאָן שלעכטס. און ער האָט געטאָן, וואָס עס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט אַזוי ווי דאָס הויז פון אחאָב, ווייל זיי, פון אחאָבס הויז, זענען געווען זיינע יועצים.

און די צוויי מלכים זענען ארויס אויף מלחמה קעגן ארם, אין רמת גלעד. און די ארמים האָבן צעשלאָגן דאָס יידישע חייל. די שלאַכט איז נישט געווען קיין אַנטשיידנדיקע, ענדגילטיקע. אָבער יהורם, דער מלך פון ישראל, איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער שלאַכט. ער איז אַוועק זיך היילן אין יזרעאל.

אחזיהו דער מלך פון יהודה איז אַוועק אין יזרעאל צו באַזוכן זיין פעטער. די אַרמיי איז געבליבן אין רמת גלעד אונטער דער פירערשאַפט פון יהוא דעם זון פון נימשי.

די לאַגע אין לאַנד איז געווען אַ קריטישע. מען האָט שוין קלאָר געזען אַז דער נייער מלך פון ארם, חזאל, וועט נאָך זיין ערגער פון בן־הדדן, דעם פריערדיקן מלך פון ארם. עס איז אַפּנים געווען אַ גרויסע אומצופרידנקייט צווישן דעם פאָלק צוליב דער מפּלה, וואָס יידן האָבן געליטן. אלישע האָט איצט געזען די פּאַסיקע צייט צו זאַלבן יהואן אַלס מלך אויף ישראל, ווי גאָט האָט געזאַלבט אליהון. אָבער ווי עס איז פריער באַמערקט געוואָרן, האָט אלישע עס אַליין נישט דורכגעפירט. ער האָט באַפוילן איינעם פון זיינע תלמידים עס צו טאָן.

## יהואס אויפשטאַנד

אַלע פאָרשערס זענען מסכים אַז די קאַפּיטלעך ניין און צען אין מלכים ב׳ זענען אויטענטישע דאָקומענטן. די פאַרשווערונג פון יהוא קעגן דער אחאבס דינאַסטיע און זיין זיג זענען פאַרשריבן געוואָרן פון איינעם פון די בני־הנביאים, וואָס האָט בייגעוווינט די גאַנצע איבערקערעניש. ס׳איז נישטאָ אין די קאַפּיטלעך קיין אַנדייט פון טאַדלונג אויף יהואס בלוט־פאַרגיסונג. אָבער זיינע אכזריותן ווערן אַזוי רעאַליסטיש און בולט באַשריבן אַז ביי אונדז שאַפט זיך אַן אומצופרידנקייט מיט יהואס מעשים און אין לייענען דערפילן מיר די שרעק פון דער באַפעלקערונג און איר הילפלאָזיקייט. קיין אָפענער טאַדל איז טאַקע נישטאָ. נאָך אַלעמען איז יהוא געזאַלבט געוואָרן פאַר אַ מלך לויט דעם אָנזאָג פון גאָט צו אלישען, אָבער עס פילט זיך אין די פּסוקים עפּעס אַן אונטערטאָן פון פאַרדרוס: צוליב וואָס אַ נייע פאַר־שווערונג און איבערקערעניש אַז אַלץ בלייבטביים אַלטן. זיי זענען אַלע צדיקים איידער זיי קריגן מאַכט. אָבער ווי זיי ווערן הערשער, ווערן זיי די זעלבע רשעים ווי די פריערדיקע מושלים. זאָגט דער תנא דבי אליהו:

„יהוא בן נימשי איז געווען אַ ירא שמים און ער איז נישט געגאַנגען נאָך די קעלבער פון ירבעם בן נבט, אָבער ווי ער איז עולה לגדולה געוואָרן, ווען ער איז געוואָרן קעניג, איז ער קאַליע געוואָרן און אָנגעהויבן צו זינדיקן (תנא דבי אליהו זוטא, פרק ז׳).

ס׳איז כדאַי דאָ ווידער איבערצוחזרן, אַז נאָך דעם ווי אלישעס תלמיד האָט געזאַלבט יהואן פאַר אַ מלך, נעמט אלישע נישט קיין אָנטייל אין דעם אויפשטאַנד און ווייזט זיך נישט צום נייעם מושל. עס ווערט דערציילט ווי

יהונדב, רכבס זון, וועגן וועמען מיר וועלן ריידן באַריכות שפּעטער, האָט בייגעוווינט איינע פון די הריגות. אָבער די נביאים האָבן זיך נישט געמישט. בכלל איז דאָס געווען די לעצטע פאַרשווערונג, וואָס די נביאים האָבן אינס־טיגירט, מעורר געווען. נאָך יהואס אויפשטאַנד הערן מיר נישט פון קיין נביא כמעט פולע פופציק יאָר.

די צוויי קאַפּיטלעך גייען און צען זענען אַנגעשריבן אַזוי רעאַליסטיש, אַז מיר הערן ממש דעם אָטעם פון די העלדן. דער דיאַלאָג, געשפּרעך, איז קורץ, שאַרף און אָפט סאַטיריש בייסנדיק. די גאַנצע האַנדלונג איז אימפּע־דיק, אָט ווי דאָס יאָגן זיך פון יהואס רייטוואָגן פון רמת־גלעד קיין יזרעאל. דער מחבר איז קאַרג אין ווערטער און נאָך קאַרגער אין שילדערונג, אָבער די דערציילונג געווינט נאָך פון דעם. דעם מחבר איז געלונגען צו פאַרוואַנדלען אַ טרוקענע כראָניק אין אַ גרויסער דראַמאַטישער געשעעניש.

— און אלישע דער נביא האָט גערופן איינעם פון די יונגע נביאים און האָט געזאָגט צו אים: — פאַרגאַרטל דיינע לענדן, נעם דאָס קריגעלע בוימל אין דיין האַנט און גיי קיין רמת־גלעד. ווען דו וועסט קומען אַהין, זוך אויף יהוא בן נימשין. דו זאָלסט אים אַריינפירן אין אַן אינעווייניקסטן חדר, און דו זאָלסט נעמען דאָס קריגעלע בוימל און דו זאָלסט אויסגיסן דאָס בוימל אויף זיין קאָפּ און דו זאָלסט זאָגן:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר, איך האָב דיך געזאַלבט פאַר אַ מלך אויף ישראל.

און דו זאָלסט עפענען די טיר און דו זאָלסט אַנטלויפן. דו זאָלסט נישט וואַרטן צו זען צי די הויפּטן פון חייל וועלן צושטיין צום אויפשטאַנד.

און דער יונגער נביא איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק קיין רמת־גלעד. און ער איז אַנגעקומען קיין רמת־גלעד און ער האָט געזען די הויפּטלייט פון חייל זיצן און יהוא איז צווישן זיי. האָט דער נביא געזאָגט:

— איך האָב אַ שליחות צו דיר, מיין האַר.

האָט יהוא געזאָגט: — צו וועמען פון אונדז אַלעמען?

— האָט ער געזאָגט: — צו דיר, האַר.

און יהוא איז אַריין מיט אים אין הויז. און דער יונגער נביא האָט גע־נומען און האָט אַרויפגעגאָסן דאָס בוימל אויף יהואס קאָפּ און האָט גע־זאָגט צו אים:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער גאָט פון ישראל: איך האָב דיך גע־זאַלבט פאַר אַ מלך איבער גאָטס פאָלק, אויף ישראל...

און ער האָט געעפנט די טיר און איז אַנטלאָפן.

און יהוא איז אַרויסגעגאַנגען צו די קנעכט פון זיין האַר און זיי האָבן

געזאָגט צו אים: — איז אַלץ פרידלעך? וועגן וואָס איז אָט דער משוגענער געקומען צו דיר?

האָט ער זיי געענטפערט: — אָ, איר קאָנט דאָך די דאָזיקע מענטשן און זייערע רייד.

קאָנטיק אַז יהוא האָט זיי נישט געוואָלט דערציילן וואָס דער נביא האָט אים געזאָגט. עס זענען דאָ צוויי השערות: ס׳קאָן זיין, אַז ער האָט אַליין נישט געגלייבט אין דעם נביאס רייד און אפשר האָט ער זיי נישט געוואָלט דערציילן דעם אמת, ווייל ער האָט נישט געוווּסט צי זיי וועלן מסכים זיין מיט אים צו מאַכן אַן אויפשטאַנד. אָבער זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער פאַרהוילט פון זיי עפּעס, האָבן זיי געזאָגט צו אים:

— דו זאָגסט ליגן, דערצייל אונדז דעם אמת.

און יהוא האָט געזאָגט: — דאָס האָט ער מיר געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איך האָב דיך געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער ישראל.

און ווי זיי האָבן עס דערהערט, האָבן זיי זיך געאיילט און איטלעכער האָט גענומען זיין אויבערמאַנטל און עס אַוועקגעלייגט אויף דעם אויבערשטן טרעפּ, און עס איז געוואָרן אַ צייטווייליקער טראָן און זיי האָבן אים דאָרטן אַוועקגעזעצט און געבלאָזן אין שופרות און אויסגערופן: — יהוא איז געוואָרן מלך!

און יהוא האָט געזאָגט צו זיי: — אויב דאָס איז אייער ווילן, זעט אַז קיינער זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן פון שטאָט און גיין אָנזאָגן דעם מלך יהורם, וואָס היילט זיך אין יזרעאל.

אָט אַזוי איז אויסגעבראָכן דער בונט וואָס יהוא, דער זון פון נימשי, האָט געמאַכט אויף יהורמען.

און יהוא האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ רייטוואָגן און גענומען מיט זיך רייטער און רייטוועגן און איז אַוועק קיין יזרעאל, ווו יהורם דער מלך פון ישראל האָט זיך געהיילט פון זיינע ווונדן, וואָס די ארמים האָבן אים פאַרווונדעט. און דאָרטן איז מיט אים געווען אחזיהו דער מלך פון יהודה, וואָס איז געקומען זען, וואָס עס מאַכט יהורם.

און דער וועכטער וואָס איז געשטאַנען אויפן טורעם אין יזרעאל, האָט געזען ווי די מחנה פון יהוא קומט אָן, האָט ער נישט געוווּסט צי די מחנה איז פון אייגענע צי פון פרעמדע. האָט ער געזאָגט צום מלך:

— איך זע אַ מחנה קומט.

האָט יהורם געזאָגט: — נעם אַ רייטער און שיק אים אַרויס אַנטקעגן זיי און זאָל ער זען צי זיי קומען אין פרידן.

און דער רייטער אויפן פערד איז אַוועק קעגן זיי און געזאָגט צו יהואן:

— אַזוי האָט געזאָגט דער מלך, זייט איר געקומען אין פרידן?

האָט יהוא געזאָגט צום רייטער: — מיש זיך נישט. דריי זיך אויס הינ־טער מיר און גיי מיט דער מחנה.

האָט דער וועכטער אויפן טורעם אָנגעזאָגט:

— דער שליח איז אָנגעקומען צו זיי אָבער ער האָט זיך נישט אומגע־קערט.

און יהורם האָט געשיקט אַ צווייטן רייטער און ער האָט זיך אויך נישט אומגעקערט.

האָט דער וועכטער אָנגעזאָגט:

— אויך דער רייטער האָט זיך נישט אומגעקערט. איך דערקען ווער עס פירט די מחנה. ס׳איז יהוא. איך דערקען זיין טרייבן. ער טרייבט ווי אַ משוגענער.

האָט יהורם באַפוילן: שפאַן איין.

און מען האָט איינגעשפּאַנט רייטוועגן. און יהורם דער מלך פון ישראל און אחזיהו דער מלך פון יהודה זענען אַרויס איטלעכער אין זיין רייטוואָגן צו באַגעגענען יהואן. און זיי האָבן אים באַגעגנט אין דעם פעלד פון נבות דעם יזרעאלי.

און עס איז געווען ווען יהורם האָט דערזען יהואן האָט ער צו אים געזאָגט:

— ביסט געקומען אין פרידן?

און יהוא האָט אים געענטפערט:

— וואָס פאַר אַ פרידן? קאָן זיין פרידן אין ישראל כל־זמן דיין מוטער איזבל פאַרדאַרבט דאָס פאָלק מיט איר זנות און מיט איר כישוף?

האָט יהורם אויסגערופן צו אחזיהון: ס׳איז אַ פאַרשווערונג, אחזיהו! און ער האָט אויסגעדרייט זיין רייטוואָגן צו אַנטלויפן.

און יהוא האָט אָנגעצויגן מיט זיין האַנט דעם בויגן און אויסגעשאָסן אַ פייל און געטראָפן יהורמען צווישן זיינע אָרעמס. און די פייל איז אַרויס־געגאַנגען דורכן האַרצן און יהורם איז געפאַלן טויט אין זיין רייטוואָגן.

און יהוא האָט געזאָגט צו בידקר זיין עלטסטן:

— נעם, וואַרף אים אַוועק אין דעם שטיק פעלד פון נבות דעם יזרעאלי, ווייל דו געדענקסט ווי מיר ביידע זענען באַנאַנד געריטן הינטער זיין פאָטער אחאָב, און גאָט האָט באַפוילן אליהון צו האַלטן די דאָזיקע נבואה: „איך האָב נעכטן געזען דאָס בלוט פון נבותן און דאָס בלוט פון זיינע קינדער, זאָגט גאָט, אויף דעם דאָזיקן שטיק פעלד וועל איך דיר אָפּצאָלן“. איצט נעם און וואַרף אים אַהין אַוועק, ווי דאָס וואָרט פון גאָט.

און ווי אחזיהו דער מלך פון יהודה האָט עס דערזען, איז ער אַנטלאָפן דורך דעם גאָרטנהויז. אָבער יהוא האָט אים נאָכגעיאָגט און באַפוילן:
— טויט אים אין רייטוואָגן.
און זיי האָבן אים שטאַרק פאַרוווּנדעט און ער איז אַנטלאָפן קיין מגידו און איז דאָרטן געשטאָרבן פון די וווּנדן.

# איזבלס טויט

אין תנ״ך און אין דער יידישער טראַדיציע איז איזבל די פּערזאָניפיקאַציע, דער סימבאָל פון רשעות, צעלאָזנקייט, כישוף און זינדיקייט. זי האָט עס פאַרפירט אחאָבן, אירע זין און איר איידעם, דעם מלך פון יהודה. אָבער דער נביא באַשרייבט איר טויט מיט אַ גרויסער מאָס דרך־ארץ צוליב איר מוט און שטאָלצער האַלטונג. ווען זי האָט באַגעגנט יהואן, האָט זי געקוקט דעם טויט אין די אויגן, איז זי נישט געפאַלן צו זיינע פיס און געבעטן פאַר איר לעבן. זי האָט נישט געוויינט, נישט געקלאָגט און נישט געווען דערשראָקן אַפילו. אַן אויסגעפּוצטע, אַן אָנגעשמינקטע, מיט די האָר פאַרפּוצט האָט זי באַגעגנט דעם שונא און אים געוואָרפן אין פּנים איר פאַראַכטונג. בייסיק איראָניש האָט זי פון אים געשפּאָט.
„ס׳איז דיר וויל, זימרי, דער מערדער פון דיין האַר״.
זי האָט נישט מורא געהאַט פאַרן טויט און אָנגערופן יהואן, זימרי, וואָס איז געווען אַן אומוויכטיקער האַר פון חייל, בלויז אַ הויפּטמאַן איבער אַ העלפט פון די רייטוועגן פון אלה, דעם מלך פון ישראל, און ער האָט געמאַכט אַ בונט און געטויט דעם מלך. דער סוף פון זימרין איז געווען אַ מיאוסער. ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ער האָט אָנגעצונדן איבער זיך דעם מלכס הויז אין פייער און איז פאַרברענט געוואָרן. זי האָט אָנגעטייט, אַז דאָס וועט אויך זיין יהואס סוף.
זי האָט געוווּסט אַז יהוא וועט זי באַלד טויטן. אָבער זי האָט באַגעגנט דעם טויט מיט שפּאָט צו דעם פאַרשווערער. דער פאַרצייכענער מוז צוגעבן, אַז די פאַרשאָלטענע איז דאָך געווען אַ מלכּס אַ טאָכטער. דאָס ווייזט ווי אָפּגעהיט דער תנ״ך איז צו דערציילן דעם אמת אַפילו ווען ער שטעלט אַוועק אין אַ שיינעם ליכט אַ בלוטיקן שונא.

**
*

און יהוא איז געקומען קיין יזרעאל. און איזבל האָט געהערט פון זיין קומען. האָט זי אָפּגעפאַרבט אירע אויגן און פאַרפּוצט אירע האָר און אַרויס־

געקוקט דורכן פענצטער. און ווי יהוא איז אַריבערגעטראָטן דעם טויער האָט זי געזאָגט:

— ס׳איז דיר וויל, זימרי, דער מערדער פון זיין האַר.

האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום פענצטער און האָט אויסגערופן:

— ווער האַלט מיט מיר?

און עס האָבן אַרויסגעקוקט צוויי הויפדינער. האָט ער געזאָגט צו זיי:

— וואַרפט זי אַרויס! האָט מען זי אַרויסגעוואָרפן. און איר בלוט האָט אויפגעשפריצט אויף דער וואַנט און אויף די פערד. און מען איז אויף איר אַרויפגעפאָרן מיטן רייטוואָגן און די פערד האָבן זי צעטראָטן.

און ער איז אַריין אין פּאַלאַץ און האָט געגעסן און געטרונקען און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— באַזאָרגט זי, איך בעט אייך, די פאַרשאָלטענע איז דאָך אַ מלכס אַ טאָכטער.

זענען זיי געגאַנגען זי באַגראָבן. אָבער זיי האָבן געפונען בלויז דעם שאַרבן, די פיס און די האַנטפלאַכן. האָבן זיי זיך אומגעקערט און אים דערציילט. האָט ער געזאָגט:

— ס׳איז מקויים געוואָרן גאָטס וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט דורך זיין קנעכט אליהו דעם תשבי אַזוי צו זאָגן: — אויף דעם שטיק פעלד פון יזרעאל וועלן די הינט עסן דאָס פלייש פון איזבלן.

דרשנט דער מדרש:

פאַרוואָס זענען געבליבן פון איזבלן דער שאַרבן, די פיס און די האַנטפלאַכן? ווייל איזבל האָט געהאַט אַ שיינע מידה. די פענצטער פון איר שטוב זענען אַרויס צום גאַס. ווען זי פלעגט זען ווי מען פירט חתן־כלה צו דער חופה, פלעגט זי אַרויסגיין און זינגען מיט איר מויל צו דער כלה, צופּאַטשן פון פרייד מיט די הענט און באַגלייטן חתן־כלה צען טריט. און ווען זי האָט דערזען דורכן פענצטער אַ לוויה, פלעגט זי אַרויסגיין און באַקלאָגן מיטן מויל דעם מת, פּאַטשן פון טרויער מיט די הענט און באַגלייטן דעם מת צען טריט. (פרקי דרבי אליעזר, פרק י״ז, וועגן ריכטיקן נוסח זע הרד״ל).

## די אויסראָטונג פון אחאָבס דינאַסטיע

נאָך דעם ווי יהוא האָט געטויט יהורמען און איזבלן איז ער אַלץ נישט געווען זיכער מיטן טראָן. אין שומרון האָט זיך געפונען די גאַנצע משפחה פון אחאָב, זיבעציק נפשות: זין און אייניקלעך. ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז יהוא נישט געווען זיכער צי שומרון וועט זיך אונטערגעבן צו אים פריד־

לעך צי נישט, האָט ער אַרויסגעשיקט צו די זקנים, די עלטסטע פון שומרון אַ בריוו מיט אַן אַרויסרוף, „אַ טשאַלענדזש“. ער האָט געשריבן צו זיי:

— און איצט, ווען עס וועט אָנקומען צו אייך דער בריוו, ווינטש איך אייך פרידן. ביי אייך געפינען זיך די זין פון אייער האַר. איר זייט אין אַ פעסטונג־שטאָט, איר האָט אויך רייטוועגן און פערד. איז אויב איר ווילט קלייבט אויס דעם בעסטן פון אייער האַרס זין און זעצט אים אַרויף אויף דעם פאָטערס טראָן און האַלט מיט מיר מלחמה פאַר אייער מלכס הויז.

און דער פסוק דערציילט, אַז די זקנים האָבן זיך דערשראָקן און זיי האָבן מורא געהאַט זיך צו שטעלן קעגן יהואן. זיי האָבן געזאָגט:

— די צוויי מלכים האָבן זיך נישט געקאָנט שטעלן אַנטקעגן אים, ווי וועלן מיר זיך קאָנען שטעלן אַנטקעגן אים?

און די אַלע שררות פון שומרון האָבן געענטפערט מיט אַ בריוו:

— מיר זענען דיינע קנעכט, אַלץ וואָס דו וועסט אונדז הייסן טאָן, וועלן מיר טאָן. מיר ווילן קיינעם נישט מאַכן פאַר אַ מלך אָן דיין רשות. וואָס עס געפעלט דיר דאָס טו.

האָט יהוא געשיקט צו זיי אַ בריוו צום צווייטן מאָל:

— אויב איר זייט מיט מיר, פאָלגט וואָס איך באַפעל. נעמט די קעפ פון אַלע זין פון אייער האַר און קומט צו מיר מאָרגן קיין יזרעאל.

און אין שומרון האָבן זיך געפונען זיבעציק זין און אייניקלעך פון דעם מלך. און ווי דער בריוו איז אָנגעקומען, האָבן די שררות גענומען און גע־שאָכטן אַלע זיבעציק און אַריינגעטאָן זייערע קעפ אין קערב און אַוועקגעשיקט צו אים קיין יזרעאל.

און יהוא האָט אויסגעהרגעט אַלע, וואָס זענען געבליבן פון אחאָבן אין יזרעאל און אַלע גרויסע לייט און אַלע גוטע פריינד פון אחאָבן און זיינע כוהנים. ער האָט קיינעם נישט איבערגעלאָזן. און נאָך דעם האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן קיין שומרון. אונטערוועגס האָט יהוא אָנגעטראָפן די ברידער פון אחזיהו דעם מלך פון יהודה. האָט ער געכאַפּט און האָט זיי אויסגע־שאָכטן, צוויי און זעכציק מאַן. ער האָט זיי אויסגעשאָכטן אין אַ שטיבל וווּ מען שערט שעפּסן.

## יהונדב דער זון פון רכב

און יהוא איז געגאַנגען פון דאָרטן און ער האָט אָנגעטראָפן יהונדב דעם זון פון רכב. און ער האָט אים באַגריסט און געזאָגט צו אים:

— איז דיין האַרץ גלייך, ווי מיין האַרץ איז צו דיין האַרצן? עס מיינט אין אונדזער לשון: ביסטו מיט מיר אין מיין קאַמף קעגן אחאָבן?

דער פרומער יהונדב האָט געענטפערט: — יאָ.

האָט יהוא געזאָגט: — אויב אַזוי, גיב מיר דיין האַנט.

און יהונדב האָט אים געגעבן די האַנט און יהוא האָט אים אַרויפגענו־מען צו זיך אין רייטוואָגן און געזאָגט: — קום מיט מיר און זע ווי איך נעם זיך אָן פאַר גאָט.

און דער פסוק ענדיקט צווידייטיק: און ער האָט אים געמאַכט רייטן אין זיין רייטוואָגן. עס מיינט, אַז יהונדב איז נישט געווען אַזוי באַגייסטערט צו רייטן צוזאַמען מיטן נייעם מושל.

און יהוא איז געקומען אין שומרון און האָט אויסגעהרגעט אַלע וואָס זענען געבליבן פון אחאָבן, אַלעמען פאַרטיליקט ווי דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו אליהון.

***

ווער איז געווען יהונדב, וואָס יהוא האָט זיך געוואָלט איינקויפן ביי אים אין יחוס? יהונדב איז געווען דער זון פון רכב. ס'איז אַ סברה אַז די משפחה האָט געשטאַמט פון דעם שבט יהודה. דער אורפאָטער איז געווען כלב, דער זון פון יפונה, וואָס איז געווען איינער פון די מרגלים, וואָס משה האָט געשיקט אויסקוקן דאָס לאַנד.

יהונדב איז לויט אונדזער מאָדערנער טערמינאָלאָגיע געווען דער גרינ־דער פון אַ סעקטע, א כת, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דאָס ציוויליזירטע לעבן פון כנען, האָט קאָרומפּירט די יידן. די שטאָט און אַלע אירע מותרותן זע־נען שעדלעך און פירן אַראָפּ יידן פון דרך הישר. דערפאַר האָט יהונדב אָנ־געזאָגט אַלע זיינע נאָכפאָלגער, דער משפחה זיינער, אַז מען טאָר נישט טרינקען קיין וויין, בויען הייזער, באַארבעטן פעלדער אָדער וווינען אין שטעט. זיי מוזן וווינען אין געצעלטן און קיינמאָל נישט אויף איין אָרט — זיי דאַרפן וואַנדערן. זיי האָבן געפאָלגט. מיר הערן פון די רכבים אַרום צוויי הונדערט יאָר שפּעטער אין ירמיהוס צייטן. זיי אַלע זענען אַנטלאָפן קיין ירושלים צוליב דער מלחמה וואָס די יידן האָבן געפירט מיט נבוכדנאצרן. ירמיהו שטעלט זיי אַרויס פאַר די איינוווינער פון ירושלים ווי אַ מוסטער און יידן דאַרפן אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל פון זיי.

דער העברעישער שרייבער ד. קימחי פון מדינת ישראל דרשנט זייער שיין אָט די פסוקים וועגן יהואס באַגעגעניש מיט יהונדבן:

„די רכבים, אַ משפחה אָדער אַ קיבוץ מענטשן, וואָס האָט געדינט ווי־אַ לעבעדיקער שטומער פראָטעסט, אָדער ווי מיר זאָגן היינט, אַ גרופּע פון פאַסיוון ווידערשטאַנד קעגן אַלץ וואָס איז געטאָן געוואָרן אין יענע אור־אַלטע צייטן אין ישראל. אַ גאַנצע גרופּע יידן האָט אַרומגעוואַנדערט איבערן

לאַנד און „גאָרנישט נישט געטאָן״: נישט געזייט, נישט געאַקערט, נישט געפלאַנצט קיין ווייַנגערטנער, נישט געבויט קיין הייזער, נישט געהאָרעוועט און נישט באַמיט זיך. פרייע פייגל, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון אַלץ וואָס בינדט צו דעם מענטשן צו פראַקטישקייט. זיי האָבן נישט געווינט אין שטעט, ווייל דאָס איז געאָסרט געוואָרן פאַר זיי פון דעם גרינדער פון דער סעקטע. זיי זענען אַרומגעגאַנגען איבערן לאַנד ווי אַ לעבעדיקער פּראָטעסט קעגן דעם גאַנצן ציוויליזירטן לעבן, וואָס דער מענטש האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיך כדי צו טאָן זיך שלעכטס.

„און אַזוי זענען זיי אַרומגעגאַנגען פּוסט־און־פּאַס״, כדי מענטשן זאָלן זיי נאָכקוקן, באַוואונדערן, אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל און זיי אַרט נישט אויב מענטשן וועלן אָפּשפּאָטן פון זיי.״

און עס האָט געטראָפן אַז דער גרינדער פון אָט דער סעקטע יהונדב, דער זון פון רכב, גייט אין פעלד, ווי אַ פרייער פויגל, און אַוודאי ווייס ער וואָס עס איז געשען איצט, אין זיין צייט, אין דער מלוכה: דאָס גאַנצע הויז פון אחאָב איז אויסגעראָט געוואָרן מיט אַ שווידערלעכער אכזריות. איזבל איז אַרויס־געוואָרפן געוואָרן פון איר פענצטער פון איר פּאַלאַץ אין יזרעאל און די הינט האָבן געלעקט איר בלוט. און ער ווייס ווער עס האָט עס געטאָן: יהוא, יענער לייכטזיניקער הויפּט פון חייל, אָפיציר, וואָס פירט זיך ווי אַ צעדרייטער; אַזוי רעדט מען וועגן אים.

„אָבער ער, יהונדב, מישט זיך נישט אין די אַלע עסקים. עס גייען אים נישט אָן קיין פּאָליטישע איבערקערענישן. שפּאַצירט זיך יהונדב אויף גאָטס וועלטל, וויַיט פון שטאָט און מענטשן, שפּרייזט גלייך אַזוי צוליב הנאה וועגן. און אָט זעט ער ווי פון דער ווייטנס ווייזט זיך אַ רייטוואָגן. צופעליק פאָרט פאַרביי דער רייטוואָגן פון דעם נייעם מלך יהוא, וואָס האָט נאַר־וואָס פאַרענדיקט די איבערקערעניש. אין פלוג, וואָס האָט צו טאָן דער נייער רע־וואָלוציאָנער, דער נייער מלך, דער זיגער פון דער רעוואָלוציע, מיט אָט דעם „בטלן״, נזיר, ליידיקגייער, וואָס ער האָט דאָ באַגעגנט?

אָבער אָט דער בטלן, נזיר, ליידיקגייער איז דער שטומער געוויסן וואָס שפּאַצירט אַזוי פריי אויף גאָטס וועלטל. אָט דער יהונדב מאָנט, פאָדערט און שטראָפט. אָפּט אָן ווערטער — שטום און פאַרהוילן. און דער נייער קעניג שטעלט אָפּ דעם רייטוואָגן און פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט אָט דעם געוויסן אין דער געשטאַלט פון יהונדב בן רכב.

— איז דיין האַרץ גלייך, אַזוי ווי מיין האַרץ איז צו דיין האַרצן? — ס׳מיינט, געפינסטו אַ באַרעכטיקונג, לויט דיין עטישן איינשטעל, פאַר מיינע אכזריותדיקע מעשים וואָס איך האָב היינט אָפּגעטאָן?

און יהונדב ענטפערט: — יאָ... בעצם איז עס געווען רעכט צו טאָן: אויסצוראמען די זינד און טומאה פון לאַנד. אָבער...

און יהוא זאָגט: — גיב מיר דיין האַנט.

„און יהונדב גיט אים די האַנט און יהוא נעמט אים אַרויף צו זיך אויפן רייטוואָגן. פאָרן ביידע: דער נייער רעוואָלוציאָנערער זיגער און דער לעבע־דיקער געוויסן, וואָס מאָנט, פאָדערט, וואָס איז אַ לעבעדיקער, שטענדיקער קעגנער צו אַלץ, „וואָס מוז געטאָן ווערן צוליב אומשטענדן: פאַרגיסן בלוט, אויסצורייסן און בויען, בויען און אויסרייסן.

„דער „געוויסן" וועט נישט בלייבן לאַנג מיטן זיגער. אַט באַלד וועט ער אַראָפּשטייגן פון רייטוואָגן און אומקערן צו זיין געצעלט אין פעלד; און ער וועט ווידער אַרומשפּאַצירן פריי אָן אַרבעט: נישט בויען, נישט זייען און נישט אָקערן, נישט פלאַנצן און נישט אַראָפּנעמען קיין פּירות — פריי, גאָר־נישט!

אַ גרויסער, שטענדיקער מענטשלעכער לעבעדיקער פּראָטעסט (ד. קימחי, בשבילי התנ״ך, זז' 44 — 47)".

## די אויסראָטונג פון די דינער פון בעל

איין גוטע זאַך האָט יהוא יאָ אָפּגעטאָן: ער האָט פאַרטיליקט און אויס־געראָט די דינער פון בעל, וואָס זענען געווען נישט קיין סך, אָבער האָבן גע־האַט, קאָנטיק, אַ שטאַרקע ווירקונג אויפן פאָלק. נאָך יהואן איז דער בעל־דינסט שוין מער נישט אויפגעשטאַנען צום לעבן.

יהוא איז געווען אַ שלויער, אַ כיטרער פאַרשווערער; אָן ענערגישער דיי־נאַמישער מענטש, וואָס האָט אָפּגעטאָן זאַכן מיט אימפּעט, אָבער גרינטלעך, קיין זאַך נישט פאַרקוקט. מיר זעען עס ווי ער האָט אָפּגענאַרט די בעל־דינער. זיי האָבן דאָך געוווסט, אַז יהוא האָט דערהרגעט יהורמען, דערמאָרדעט איזבלן און איז געזאַלבט געוואָרן פאַר אַ מלך פון דעם נביא אלישען. מסתמא האָבן זיי זיך געקליבן צו שטעלן זיך אים אַנטקעגן. האָט ער זיי אָפּגענאַרט. ער האָט צו זיי געזאָגט: איר האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן. יהורמען און איזבלן האָב איך געהרגעט צוליב פּאָליטישע טעמים. אָבער די דינער פון בעל וועל איך נישט אָנרירן. אָ, איך ווייס ווי וויכטיק איז דער בעל־דינסט פאַר אָנהאַלטן פריינדלעכע באַציאונגען מיט די פעלקער אַרום. „דאָס הויז פון אחאָב האָט געדינט צום בעל אַביסל, אָבער איך וועל דינען אַ סך". און יהוא האָט אַפילו מקריב געווען אַ קרבן צום בעל. אַט אַזוי האָט ער זיי אָפּגענאַרט און באַרואיקט און באַלד זיי אויסגעראָט. אַט וואָס דער פּסוק דערציילט:

— און יהוא האָט איינגעזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק און האָט צו זיי געזאָגט:

— אחאָב האָט געדינט צום בעל אַביסל, אָבער יהוא וועט אים דינען אַ סך מער. און איצט רופט צונויף אַלע נביאים פון בעל, אַלע זיינע דינער און אַלע זיינע כוהנים. קיינער זאָל נישט פעלן, ווייל איך וועל מקריב זיין אַ סך קרבנות צום בעל. דער וואָס וועט פעלן, וועט נישט בלייבן לעבן.

און דער פסוק זאָגט: און יהוא האָט עס געטאָן מיט אָפּנאַרערייִ כדי אומצוברענגען אַלע דינער פון בעל.

און ווען אַלע נביאים, כוהנים און דינער פון בעל האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָט יהוא געזאָגט: — פאַררופט אַ הייליקע איינזאַמלונג צום בעל. האָט מען פאַררופן.

און אַלע דינער פון בעל זענען אַריינגעגאַנגען אין טעמפּל פון בעל. און דער טעמפּל איז געוואָרן אָנגעפילט פון ברעג צו ברעג.

און יהוא האָט געזאָגט צו דעם מאַן, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט איי־בער דער קליידער־קאַמער: — גיב אַרויס די מלבושים צו אַלע דינער פון בעל.

האָט ער זיי אַרויסגעגעבן די קליידער, וואָס מען האָט אָנגעטאָן ווען מען האָט געדינט צום בעל.

און יהוא איז אַריינגעגאַנגען מיט יהונדבן דעם זון פון רכב אין טעמפּל פון בעל און ער האָט געזאָגט צו די דינער פון בעל:

— זוכט נאָך און זעט טאָמער געפינט זיך דאָ צווישן אייך עמעצער פון די דינער צו גאָט. דאָ זאָלן זיין נאָר די בעל־דינער אַליין.

און יהוא האָט נאָך פריער אויסגעשטעלט אין דרויסן פון טעמפּל אַכ־ציק באַוואָפנטע מענער און זיי אָנגעזאָגט:

— אויב עמיצער וועט אַנטלויפן פון די מענטשן, וואָס זענען דאָ אין טעמפּל, וואָס איך גיב איבער אין אייערע הענט, וועט איר באַצאָלן מיט אייער לעבן.

און יהוא איז אַריין און מקריב געווען דעם בראַנדאָפּפער. און ווען ער האָט געענדיקט מקריב צו זיין דעם קרבן, איז ער אַרויס פון טעמפּל און גע־זאָגט צו די הויפּטלייט פון חייל:

— גייט אַריין און הרגעט זיי אויס. קיינער זאָל נישט אַנטרינען.

און זיי האָבן אויסגעהרגעט מיט דער שאַרף פון דער שווערד אַלע בעל־דינער און די טויטע קערפּערס האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן. און זיי האָבן אַרויסגענומען די זייל־שטיינער פון בעלס הויז און זיי פאַרברענט. און זיי האָבן צעבראָכן דעם מזבח פון בעל, און דאָס גאַנצע הויז פון בעל און

זיי האָבן עס געמאַכט פאַר אָפּטריטן (בית־הכסאס) ביז היינטיקן טאָג. און יהוא האָט פאַרטיליקט דעם בעל פון ישראל.

## אויך יהוא זינדיקט

דאָס וואָס יהוא האָט אויסגעראָט די דינער פון בעל איז געווען אַ גוטע טאָט און דער פּסוק זאָגט:

— און גאָט האָט געזאָגט צו יהואן: ווייל דו האָסט געטאָן גוטס וואָס איז מיר געפעלן — דו האָסט פאַרטיליקט אחאַבס הויז, וואָס האָט געמאַכט זינדיקן ישראל. דערפאַר וועלן פיר דורות דיינע זיצן אויף דעם טראָן פון ישראל.

— אָבער פון די זינד פון ירבעם בן נבט, מיט וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישראל — פון די גילדערנע קעלבער, וואָס אין בית־אל און אין דן — האָט יהוא זיך נישט אָפּגעקערט. און גאָטס צאָרן האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון די יידן.

— אין יענער צייט האָט גאָט אָנגעהויבן אָפּצוהאַקן שטיקער פון ישראל. און חזאל האָט זיי געשלאָגן אין גאַנצן גרענעץ פון ישראל. ער האָט צוגענומען דעם גאַנצן עבר הירדן.

און אין יהודה איז די לאַגע נישט געווען בעסער. נאָך אחזיהוס טויט האָט עתליהו, איזבלס טאָכטער, אויסגעהרגעט דעם גאַנצן קעניגלעכן אָפּשטאַם, נאָר עס איז געבליבן איין יינגל, וואָס איז אַרויסגעגנבעט געוואָרן פון זיינער אַ שוועסטער און זי האָט אים באַהאַלטן. זיבן יאָר שפּעטער האָט דער כוהן גדול דורכגעפירט אַ רעוואָלוציע און געהרגעט עתליהון און געמאַכט יהואשן פאַרן מלך. צוליב די אַלע אומרוען און מהומות אין ישראל און אין יהודה, האָט חזאל דער מלך פון ארם, באַזיגט ישראל און יהודה. פון דער אַמאָליקער יידישער גרויסקייט איז גאָרנישט נישט געבליבן. דערציילט דער פּסוק ווי שפּל עס איז געווען די לאַגע אין ישראל און יהודה:

„און גאָט איז געווען אין כעס אויף ישראל און ער האָט זיי איבערגעגעבן אין דער האַנט פון חזאלן, דעם מלך פון ארם, און אין דער האַנט פון בן־הדד, דעם זון פון חזאלן. און עס איז געבליבן אין ישראל בלויז פופציק רייטער און צען רייטוועגן — ווייל דער מלך פון ארם האָט אומגעבראַכט דעם יידישן חייל און אים געמאַכט ווי שטויב צו טרעטן.“

חזאל האָט זיך אויך פאַרמאָסטן אויף ירושלים:

— און חזאל האָט אַ קער געטאָן זיין פּנים אויף ירושלים, האָט יהואש גענומען אַלע הייליקע זאַכן און דאָס גאַנצע גאָלד וואָס האָט זיך געפונען

אין די שאַצקאַמערן פון גאָטס הויז און אין דעם מלכס הויז און ער האָט עס אַוועקגעשיקט צו חזאל, צו דעם מלך פון ארם, און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון ירושלים.

נאָך יהואס זאַלבונג פון דעם נביא הערן מיר מער נישט פון קיין נביאים. אָט איז דאָס לאַנד פול געווען מיט זיי און מיט אַמאָל אַפילו קיין אָפּקלאַנג פון זיי. מיר הערן נישט אַפילו פון אלישען. מיר הערן פון אים ערשט אַרום פופציק יאָר שפּעטער. וואָס האָט ער געטאָן די גאַנצע צייט? ווו האָט ער געוווינט? נישטאָ קיין וואָרט וועגן די אַלע זאַכן. עס איז קאָנטיק, אַז די נביאים האָבן זיך געפילט שטאַרק אָפּגענאַרט פון יהואס רעוואָלוציע. ער אויך איז געוואָרן אַ רשע און האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון די צוויי קעלבער וואָס ירבעם בן נבט האָט אויפגעשטעלט אין בית־אל און דן. מסתמא האָט יהוא אויך אָפּגעהיט די נייע יום־טובים, וואָס ירבעם האָט איינגעפירט און די אשרה איז געבליבן אין שומרון. אַזוי פיל שפיכת־דמים און אַלץ איז געבליבן ביים אַלטן.

עס געפינט זיך אַן אָפּקלאַנג אין דער יידישער טראַדיציע ווי די נביאים זענען אָפּגענאַרט געוואָרן פון די מלכים. זאָגט די גמרא:

„עס שטייט אין פסוק „ויועץ המלך ויעש שני עגלים" — און דער מלך האָט זיך אַן עצה געהאַלטן, האָט זיך באַקלערט, צו מאַכן צוויי גילדענע קעלבער. וואָס מיינט „ער האָט זיך אַן עצה געהאַלטן"? עס מיינט ער האָט עס געטאָן מיט אָפּנאַרעריי. ווי אַזוי האָט ער עס געטאָן?:

— ער האָט צוגעגרייט אַן אָפּמאַך אויף פּאַפּיר און ער האָט אַוועקגעזעצט אַ רשע לעבן אַ צדיק און האָט געזאָגט צו זיי: וועט איר חתמענען, אַז איר זייט מסכים אויף אַלץ וואָס איך וועל טאָן? האָבן זיי געזאָגט: — גוט. האָט ער געזאָגט צו זיי: — אַלץ וואָס איך וועל הייסן וועט איר טאָן? האָבן זיי געענטפערט: — יאָ. אַפילו צו דינען עבודה זרה? האָט דער צדיק געענטפערט: חס ושלום. האָט געזאָגט דער רשע וואָס איז געזעסן לעבן אים: ווי קומט דיר אַרויף אַפילו אויפן זינען אַז אַ מענטש ווי ירבעם וועט דינען עבודה זרה? נאָר וואָס? ער וויל דיך אויספּרובירן צי דו וועסט אָננעמען אַלץ וואָס דו וועסט הייסן. האָט דער צדיק געחתמעט. דעמאָלט האָט אַפילו דער נביא אחיה השילוני געמאַכט אַ טעות און געחתמעט. דער מלך יהוא איז געווען אַ גרויסער צדיק. אָבער ווען ער האָט געזען דעם דאָקומענט מיטן אָפּמאַך, וואָס אחיה האָט געחתמעט, האָט ער געמיינט אַז ער מעג דינען די גילדענע קעלבער. דערפאַר האָט יהוא זיך נישט אָפּגעקערט פון די זינד פון ירבעמען, וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישראל (סנהדרין דף ק"א, עמוד ב' און דף ק"ב, עמוד א').

# אלישעס לעצטע נבואה

קרוב פופציק יאָר נאָך דעם ווי אלישע האָט געזאַלבט יהואן פאַר אַ מלך איבער ישראל, הערן מיר ווידער פון דעם אַלטן נביא. ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען קרוב נײַנציק יאָר. דערציילט דער פסוק:

— און אלישע איז קראַנק געוואָרן אויף אַ חולאת פון וועלכער ער איז געשטאָרבן. און יהואש דער מלך פון ישראל, יהואס אַן אייניקל, האָט אַראָפּגענידערט צום נביא און געוויינט פאַר אים:

— פאָטער מײַנער, פאָטער מײַנער, רייטוועגן און רייטער פון ישראל. אויף וועמען לאָזט דו מיך איבער? די שונאים פון ישראל זענען שטאַרק באַוואָפנט און מיר, דײַן פאָלק ישראל, זענען הילפלאָז. צו וואָס טויג מיר מײַן לעבן? בעסער זאָל איך שוין שטאַרבן מיט דיר.

האָט אלישע געזאָגט צו אים: — ברענג אַ בויגן און פײַלן.

האָט ער געבראַכט אַ בויגן און פײַלן.

און אלישע האָט געזאָגט צום מלך פון ישראל: — לייג אַרויף דײַן האַנט אויפן בויגן.

האָט ער אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויפן בויגן און אלישע האָט אַרויפגעלייגט זײַנע הענט אויף די הענט פון דעם מלך און ער האָט געזאָגט:

— עפן דאָס פענצטער צו מזרח צו.

האָט ער געעפנט. האָט אלישע געזאָגט: — שיס! דאָס איז אַ פײַל פון נצחון פון גאָט. אַ זיג־פײַל איבער ארם. דו וועסט שלאָגן ארם, אין אפק, ביז צו פאַרלענדן.

און דער נביא האָט ווײַטער געזאָגט:

— נעם די פײַלן.

האָט ער גענומען.

האָט דער נביא געזאָגט צום מלך: — שלאָג אָן דער ערד.

און יהואש האָט געשלאָגן דריי מאָל און האָט זיך אָפּגעשטעלט. און דער געטלעכער מאַן איז בייז געוואָרן און געזאָגט:

— האָסט געדאַרפט שלאָגן פינף אָדער זעקס מאָל, דעמאָלט וואָלסטו דערשלאָגן ארם ביז צום פאַרניכטן. אָבער איצט וועסטו צעשלאָגן ארם דריי מאָל בלויז.

און אלישע איז געשטאָרבן און מען האָט אים מקבר געווען.

יהואש איז געשטאָרבן און זײַן זון ירבעם דער צווייטער איז געוואָרן מלך איבער ישראל. אין זײַנע צײַטן איז ישראל צוריק געוואָרן אַ גרויסע און מעכטיקע מלוכה. אָבער מיט יהואשס טויט ווערט פאַררעכנט איז אָפּגע־

שלאָסן די תקופה פון די נביאים ראשונים. אין ירבעמס צייטן האָט זיך גע־וויזן דער נביא עמוס. ס׳איז געקומען אַ נייע תקופה פון נבואה. אַ תקופה וואָס איז בעצם געווען אַ המשך פון דער פריערדיקער תקופה, דאָך אַ נייע, אַ גרעסערע, אַ טיפערע. פון דער נייער תקופה זענען אונדז געבליבן גאַנצע פופצן ספרים: ישעיהו, ירמיהו און יחזקאל און די זאַמלונג תרי־עשר, אַ זאַמלונג פון צוועלף קלענערע ספרים פון נבואה. ספרים קלענערע אין כמות אָבער נישט אין איכות, עס מיינט קליין אין צאָל, קאַפּיטלעך און זייטן, אָבער נישט קליין אין אינהאַלט און קוואַליטעט.

# דער נביא יונה

## וואָס מיינט תשובה?

אין תנ״ך, די קרוין פון יידישן פאָלק, געפינען זיך אַ סך דימענטן. איי־נער פון די געשליפנסטע ברילִיאַנטן אין איר איז דער ספר יונה. אין דער דאָזיקער מעשה וועגן יונה הנביא וואָס פאַרנעמט אינגאַנצן דריי זייטלעך, האָט זיך דער יידישער גייסט דערהויבן צו דער העכסטער הייך פון רחמנות און ליבשאַפט. נישט קיין רחמנות און ליבשאַפט צו די מיטגלידער פון דער אייגענער משפחה, קרייז אָדער פאָלק, נאָר צו פרעמדע, צו נישט־יידן, וואָס האָבן תשובה געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן. „ווייל ווי קאָן גאָט נישט רחמנות האָבן אויף אַזאַ גרויסער שטאָט ווי נינוה, וואָס האָט צוועלף מאָל צען טויזנט מענטשן, וואָס ווייסן נישט דעם חילוק צווישן זייער רעכטער האַנט און זייער לינקער און אויך אַזוי פיל בהמות?״

דער ספר יונה איז נישט קיין זאַמלונג פון נבואות, פון שטראָף־רייד, וואָרנונגען אָדער טרייסט־נבואות פון אַ נביא. ס׳איז אַ מעשה וועגן דעם נביא יונה, אָט ווי די זאַמלונג פון מעשיות און וואונדער־טואונגען וועגן אליהו און אלישע. אָבער די עובדה, דער צוועק פונעם ספר איז נישט גלאַט צו דער־ציילן אַ מעשה נאָר אונדז איבערגעבן אַן אידייע און דעם גייסט פון די נבי־אים. ס׳איז אַ טענדענציעזע מעשה אָבער ווי אַלע מאָל אין תנ״ך די טענ־דענץ מאַכט נישט קאַליע דעם סיפור המעשה. דאָס איז געווען די גבורה פון די תנ״ך־דערציילערס.

יונה הנביא ווערט דערמאָנט אין מלכים ב׳: „ער — ירבעם — האָט צוריק איינגעשטעלט די גרענעצן פון ישראל פון אַריינגאַנג אין חמת ביז דעם ים לעבן דער וויסטעניש, ווי די רייד פון גאָט, דער גאָט פון ישראל וואָס האָט גערעדט דורכן קנעכט יונה, דעם זון פון אמיתי, דעם נביא וואָס איז געווען פון גת־חפר״. עס מיינט אַז יונה איז געווען עפּעס עלטער פון דעם נביא עמוס, ווייל יונה האָט דאָך נביאות געזאָגט אַז ירבעם וועט מצליח זיין אין זיינע מלחמות קעגן ארם, און עמוס האָט געהאַלטן זיינע נבואות נאָך ירבעמס גרויסע נצחונות.

דער נביא איז דער העלד פון דער מעשה, אָבער ער אַליין שרייבט עס נישט. די מעשה ווערט דערציילט אין דריטער פּערזאָן. עמיצער האָט באַ־שריבן, דערציילט וואָס עס איז געשען מיטן נביא ווען ער איז געשיקט גע־וואָרן מיט אַ שליחות צו דער געצנדינערישער שטאָט נינוה. אָט איז דער קיצור פון דער מעשה:

גאָט האָט געשיקט יונהן צו נינוה, דער גרויסער שטאָט, אויסצורופן אין איר אַז אין פערציק טעג אַרום וועט זי איבערגעקערט ווערן צוליב דער רשעות פון אירע איינוווינער וואָס „דער רויב איז אין זייערע הענט״. יונה וויל נישט גיין אין גאָטס שליחות. דער נביא וויל נישט וואָרענען די רשעים. זאָלן זיי אומקומען. ער שטייט אויף צו אַנטלויפן קיין תרשיש ווען יונה געפינט זיך אין אַ שיף אויפן ים, הייבט אויף גאָט אַ שטורעם. די שיף האַלט ביים אונ־טערגיין. די מאַטראָסן געפינען אויס, טאַקע פון דעם נביא יונה אַליין, אַז צוליב אים האָט גאָט אויפגעהויבן דעם שטורעם. זיי וואַרפן אים אַריין אין ים און דער שטורעם שטילט זיך איין. גאָט שיקט צו אַ גרויסן פיש און דער פיש שלינגט איין דעם נביא.

יונה איז אין די געדערים פון פיש דריי טעג און דריי נעכט. ער טוט תפילה צו גאָט און דער פיש שפייט אים אויס אויף דער יבשה. יונה ווערט ווידער געשיקט קיין נינוה. איצט פאָלגט ער. ער קומט אין שטאָט און רופט אויס: אין פערציק טעג אַרום וועט די שטאָט איבערגעקערט ווערן. די איינ־וווינער פון נינוה גלייבן דעם נביא און זיי רופן אויס אַ תענית, טוען זיך אָן זעק, ווי אַ סימן פון טרויער, פון גרויס ביז קליין. און די זאַך האָט דער־גרייכט צום קעניג און ער גלייבט אויך דעם נביא. ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין טראָן, אויסגעטאָן זיין קעניגלעכן מאַנטל און אָנגעטאָן אַ זאַק און זיך געזעצט אויף אַש. ער רופט אויס אַ תענית און באַפעלט די איינוווינער זיך אומצוקערן פון זייער שלעכטן וועג און פון דער גזילה, וואָס זיי האָבן אין זייערע הענט. גאָט דערזעט אַז זיי האָבן באמת תשובה געטאָן און זיך אומ־געקערט פון זייער שלעכטן וועג, האָט ער חרטה אויף דעם בייז וואָס ער האָט געוואָלט טאָן און ער פירט נישט אויס די פאַרחתמטע גזירה.

יונהן פאַרדריסט די זאַך זייער שטאַרק. ער באַקלאָגט זיך אַז ער איז אור־מישנע אַנטלאָפן קיין תרשיש, ווייל ער האָט לכתחילה געוווסט, אַז גאָט איז אַ גוטער, אַ באַרמהערציקער, האַלט איין זיין צאָרן און איז רייך מיט חסד און האָט חרטה אויף בייז. און גאָט ענטפערט אים: נינוה איז אַ גרויסע שטאָט און אין איר געפינען זיך מער ווי הונדערט צוואַנציק טויזנט מענטשן וואָס ווייסן נישט פון זייער רעכטער האַנט און זייער לינקער, אויך אַ סך בהמות, איז ווי זאָל דער באַשאַפער נישט רחמנות האָבן און נישט גאָרן אַז זיי זאָלן תשובה טאָן און בלייבן לעבן?

און די דאָזיקע מעשה, וואָס איז לפנים אַ לעגענדע פון ניסים און נפלאות, איז פאַרהוילן אַ שלל מיט פּראָבלעמען און אידייען. מיר ווילן דאָ באַרירן די לייזונג וואָס דער ספר גיט צו דער הויפּט־פּראָבלעם — תשובה און טאָטאַלע רשעות.

## תשובה און טאָטאַלע רשעות

דער ענין טאָטאַלע רשעות האָט שטאַרק באַאומרואיקט דעם יידישן געדאַנק. דער מוסטער פון אַ געזעמל, וואָס איז אינגאַנצן רשעותדיק זענען סדום און עמורה. אַ וואַריאַציע פון סדום און עמורה איז די מעשה פון פלגש בגבעה אין שופטים קאַפּיטלעך ניינצן ביזן סוף פונעם ספר. אויך דער מבול און ספר יונה זענען וואַריאַנטן פון דער זעלביקער מעשה.

אין חומש ווערט דערציילט אַז גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען: דאָס געשריי וועגן סדום און עמורה איז באמת זייער גרויס און זייער זינד איז גאַר שווער (בראשית י״ח, כ׳). וואָס זענען געווען די זינד פון סדום און עמורה? פאַרוואָס איז אויפגעקומען אַ גרויס געשריי וועגן די צוויי שטעט? דאָס ווערט נישט געזאָגט: ערשט נאָך דעם ווי אברהם טענהט זיך אויס מיט גאָט ווערט דערציילט, אַז די מלאכים וואָס זענען געקומען צו לוטן, אין גע־שטאַלט פון מענטשן, זענען באַפאַלן געוואָרן. די איינוווינער פון סדום און עמורה האָבן פאַרבראָכן קעגן דעם געזעץ פון הכנסת אורחים, וואָס איז אָנ־גענומען געוואָרן פון אַלע פעלקער, אויך האָבן זיי געוואָלט באַגיין די זינד פון משכב זכר, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר אַן עבירה אויף דער גאַנצער וועלט. ס׳איז קלאָר פון דעם טעקסט אין חומש און אויך פון די מעשיות פון גמרא אין מדרש וועגן סדום (זע מדרש רבה, פרשה וירא מ״ט, י׳; פרקי דרבי אלעזר כ״ה; סנהדרין ק״ט, עמוד ב׳), אַז די איינוווינער פון סדום און עמורה זענען באַשטראָפט געוואָרן פאַר זייער פאַרברעכן קעגן סאָציאַלע און עטישע געזעצן, נישט קיין ריטואַלע. עס מיינט, זיי זענען באַגאַנגען גניבה, גזילה און ניאוף, דערפאַר זענען זיי באַשטראָפט געוואָרן, נישט פאַר דינען עבודה זרה.

מערקווירדיק איז וואָס אַפילו דאָס פאַרברעכן פון די יידן אין גבעה איז אויך געווען אַן עטיש־סאָציאַלער פאַרברעכן, נישט קיין ריטואַלער. אין גבעה האָט פאַסירט אַז אַפילו אַ פרעמדער איינוווינער האָט נישט געקאָנט אַריינ־געמען קיין דורכפאָרער צו זיך איבערצונעכטיקן. אַזאַ שטאָט טאָר נישט זיין ביי יידן. ווען די בני־בנימין האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן די שולדיקע, קלייבן זיך צונויף אַלע שבטים אָפּצומעקן די שאַנד און אויסצוראָטן דאָס בייז.

אין חומש איז דאָ אויך אַן אָנזאָג וועגן טאָטאַלע רשעות פון אַ שטאָט, וואָס באַגייט אַ ריטואַלן פאַרברעכן, עיר הנידחת, אַ שטאָט וואָס ווערט פאַר־פירט מיט געצנדינעריי, אָבער עס ווערט נישט דערציילט, אַז עס איז ווען עס איז געווען אַזאַ שטאָט. און לויט דער גמרא האָט אַזאַ שטאָט נישט געקאָנט זיין. (סנהדרין ע״א, עמוד א׳).

דער דור־המבול װערט אױך געמשפּט פאַר סאָציאַלע זינד אַט װי נינוה. אױף די אײנװױנער פון נינוה װערט געזאָגט, אַז זײ װעלן באַשטראָפט װערן „מן החמס אשר בכפיהם“ — צוליב דער גזילה װאָס איז אין זײערע הענט; אױפן דור־המבול װערט געזאָגט „כי מלאה הארץ חמס מפניהם“ — װײל דאָס לאַנד איז געװען פול מיט גזילה צוליב זײ. מען דאַרף װידער באַטאָנען אַז אין אַלע דרײ פאַלן: דור־המבול, סדום און עמורה און נינוה װערן די גױים נישט באַשטראָפט פאַר געצנדינסט. גאָט פאָדערט עס נישט פון זײ. ער פאַרלאַנגט פון זײ בלױז יראת ה׳ — גאָטספאַרכטיקײט, עס מײנט מענטשלעכע אױפפירונג, אַט װי אברהם זאָגט צו אבימלכן: איך האָב גע־טראַכט אַז עס איז נישטאָ קײן גאָטספאַרכטיקײט אין דעם דאָזיקן אָרט און זײ װעלן איך טײטן צוליב מײן װײב (בראשית כ׳ י״א). אָדער װי יוסף זאָגט צו פּוטיפרס װײב: װי קאָן איך טאָן די דאָזיקע אומװירדיקײט און זינדיקן צו גאָט (בראשית ל״ט, ט׳). ער זאָגט נישט „צו מײן גאָט“, נאָר צו גאָט — צו דער אַנגענומענער אױפפירונג פון מענטשן װאָס האַלטן פון גאָט. װען יוסף רעדט צו זײנע ברידער און פאַרשטעלט זיך פאַר זײ װי אַ מצרי, זאָגט ער צו זײ: דאָס טוט און איר װעט בלײבן לעבן, װײל איך פאָרכט גאָט (מ״ב, י״ח). דער זין פון די רײד איז, אַז ער פירט זיך אױף װי אַן עטישער מענטש, װאָס האַלט פון גאָט.

דער חילוק צװישן די מעשׂיות פון דור־המבול און סדום און די מעשׂה פון נינוה איז װאָס אין די ערשטע צװײ פעלט אינגאַנצן דער מאָטיװ פון תשובה. װעגן דור־המבול װערט נאָר דערצײלט װעגן זינד און שטראָף. קײ־נער װאָרנט זײ נישט און קײנער רופט זײ נישט צו תשובה טאָן. דער מדרש און תלמוד דערצײלן װעגן אַ רוף צו תשובה און װאָרנונג צום דור־המבול און צו סדום און עמורה אָבער דאָס איז אַ שפּעטערדיקער באַגריף. דער מאָ־טיװ פון תשובה פעלט בכלל בײ די ערשטע נביאים. װען משה רבנו װיל אָפּטאָן דעם כעס פון גאָט פון די יידן נאָך דעם װי זײ האָבן געזינדיקט מיטן עגל, איז ער נישט מעורר זײ צו תשובה, נאָר ער טוט תפילה צו גאָט. משה דערמאָנט אים אָן דער שבועה װאָס ער האָט געגעבן צו די אָבות און זײַן כבוד, גאָטס כבוד, זאָל נישט פאַרשװעכט װערן צװישן די פעלקער. דאָס זעלביקע געשעט װען יידן זינדיקן מיט די מרגלים. דער זעלביקער געדאַנק װערט איבערגעחזרט אין ספר דברים (ט׳, כ״ו־כ״ט), װען משה דערצײלט װעגן דער מעשׂה־עגל.

ערשט בײ נתן הנביא, די מעשׂה דוד און בת־שבע, װערט דערמאָנט תשובה. אָבער אַפילו נאָך דודס חרטה האָבן און תשובה טאָן פאַרגיט אים נישט גאָט אינגאַנצן. דוד װערט באַשטראָפט. אחאָב האָט אױך חרטה אױף

דעם מאָרד וואָס ער איז באַגאַנגען און ער ווערט אונטערטעניק צו גאָט. דער־פאַר פאַרלייכטערט אים גאָט די שטראָף אָבער אינגאַנצן איז ער אים נישט מוחל.

ביז יונה הנביא איז געווען אָנגענומען, אַז תשובה מעקט נישט אָפּ די זינד, וואָס אַ מענטש איז באַגאַנגען. ערשט אין ספר יונה ווערט אַרויסגע־בראַכט דער געדאַנק, אַז תשובה רייניקט אָפּ דעם מענטשן אינגאַנצן פון זיי־נע זינד און ער ווערט אַן אַנדער מענטש און די פריערדיקע זינד ווערן אים נישט פאַררעכנט.

אין יונה איז דאָ דער קאָנפליקט פון אַלטן באַגריף וועגן תשובה און זינד און דעם נייעם. יונה האַלט אַז תשובה דאַרף נישט העלפן אינגאַנצן. זינדיקייט מוז פריער באַשטראָפט ווערן, ערשט דעמאָלט ווערט דער מענטש ריין. גאָט זאָגט צו אים: ניין; תשובה רייניקט אינגאַנצן דעם מענטשן און די פריערדיקע זינד ווערן אים נישט דערמאָנט.

יונה ווערט געשיקט פון גאָט צו נינוה, צו אַ זינדיקער שטאָט פול מיט אומרעכט. איר גזר־דין איז געחתמעט געוואָרן. זי דאַרף אָפּגעמעקט ווערן ווי סדום און עמורה. דער נביא ווערט געשיקט צו איר צו וואָרענען זי און דערוועקן זי צו תשובה. אויב זי וועט תשובה טאָן, וועט דער אומגליק נישט געשען. יונה וויל נישט גיין. ער שטעלט זיך קעגן דעם בעל־רחמים. דער נביא וויל אַז די שטאָט זאָל באַשטראָפט ווערן. חרטה קאָן נישט אָפּמעקן די אומרעכטן וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן. עס מוז אָנגעווענדט ווערן דער מידת־הדין. גאָט באַשטראָפט אים פאַר זיין ווידערשפּעניקייט. יונה פאָלגט און גייט און וואָרנט די שטאָט. ווען זיי טוען תשובה און די שטאָט ווערט נישט איבערגעקערט, איז יונה נישט צופרידן: זיי האָבן געדאַרפט קריגן זייער שטראָף, יאָ תשובה צי נישט תשובה. גאָט ענטפערט אים אַז ער מאַכט אַ טעות. אמתע תשובה ברענגט אין דעם מענטשן אַן ענדערונג. די דאָזיקע ענ־דערונג וואָס קומט פאַר אין מענטשן דורך זיין פרייען ווילן מעקט אָפּ די באַגאַנגענע זינד. אַ רשע, וואָס ווערט אַ צדיק, איז אים גאָט מוחל זיינע אַלע פריערדיקע זינד. תשובה איז דער זיג פון דאָס גוטע אין דעם מענטשן אי־בער דעם שלעכטס וואָס איז אין אים.

הונדערט און פינף און זיבעציק יאָר נאָך דעם נביא יונה טענהט זיך אויס דער נביא יחזקאל מיט די גולים פון בבל וועגן דעם זעלביקן ענין, וועגן תשובה. די יידן האַלטן זיך נאָך אַלץ ביים אַלטן געדאַנק אַז וויבאַלד מען איז איין מאָל באַגאַנגען אַ זינד, מוז די שטראָף קומען צי מען טוט יאָ תשובה צי נישט. יחזקאל אָבער האַלט אַז אויב דער רשע טוט תשובה, האָט חרטה אויף זיינע זינד און היט זיך פון עבירות, היט אָפּ אַלע מצוות, טוט רעכט

און גערעכטיקייט, װעט ער נישט שטאַרבן. „אַ ל ע   ז ײ נ ע   פ אַ ר־ ב ר ע כ נ ס   װ אָ ס   ע ר   ה אָ ט   פ ר י ע ר   ג ע ט אָ ן   װ ע ל ן   א י ם   נ י ש ט   ד ע ר מ אָ נ ט   װ ע ר ן". און דער נביא װענדט זיך צו זײַנע צוהערער און דערציילט זיי אַז דאָס איז דער װעג פון גאָט, אָבער:

— איר װעט זאָגן אַז גאָטס װעג איז נישט ריכטיק, זאָג איך אײַך: זע־ בען מײַנע װעגן נישט ריכטיק, הויז פון ישראל? באמת אייערע װעגן זענען נישט ריכטיק (זע יחזקאל י״ח, גאַנצן קאַפּיטל).

תשובה מיינט נישט דורכצופירן אַ באַשטימטן צערעמאָניאַל און רי־ טואַל, װייל דער דאָזיקער ריטואַל אָדער צערעמאָניאַל האָט אין זיך אַ מאַ־ גישע קראַפט אָפּצוווישן די זינד. עס דאַרף באַמערקט װערן אַז װען די מענטשן פון נינוה טוען תשובה, גייען זיי נישט אין זייערע טעמפּלען, זיי זענען נישט מקריב קיין קרבנות צו גאָט, זיי נעמען נישט אויף זיך קיין נדרים. ז י י פ ר ע ג ן   נ י ש ט   ד ע ם   נ ב י א   װ אָ ס   ז י י   װ ע ל ן   ט אָ ן   א י ב ע ר צ ו ב ע ט ן   ג אָ ט. זיי פאַסטן, זיי דעקן זיך צו מיט זעק, זיי זיצן אויף אַש. דאָס זענען אַלץ פּרימיטיװע אויסדרוקן פון צער און חרטה. חרטה און אויפהערן צו טאָן די אומרעכטן — דאָס זענען די עיקרים פון תשובה. געװיסע צערעמאָניעס און ריטואַלן האָבן אין זיך נישט די מאַגישע קראַפט אָפּצוווישן זינד.

געצנדינערײַ װייס אויך פון דער אידייע פון פאַרגעבן פון זינד, פון מתודה זיין זיך, פון בעטן מחילה און פון דעם צערעמאָניאַל פון רייניקן זיך. אָבער געצנדינערײַ װייס נישט פון דעם געדאַנק פון תשובה און דעם יידישן באַנעם — דאָס פאַרגעבן פון זינד, דאָס אָפּמעקן פון זינד צוליב חרטה און אָפּזאָגן זיך פון עבירות מיט מער נישט זינדיקן. געצנדינערײַ פאַסט אויף זינד װי דער שעדלעכער כוח פון טומאה, װאָס קריגט די השפעה פון שלעכ־ טע שעדלעכע געטער. דער צװעק פון פאַרגעבן מיינט זיך רייניקן און אויס־ ראַמען דעם שעדלעכן כוח פון טומאה. דערפאַר איז דער גאַנצער צערעמאָ־ ניאַל קאָנצענטרירט אויף דעם באַגאַנגענעם חטא. דאָס בעטן פון פאַרגעבן איז דירעקט פאַרבונדן מיטן ריטואַל. אָט דער איינגעשטעלטער ריטואַל און צערעמאָניאַל, נישט קיין אַנדערער; מען טאָר פון אים נישט אָפּבייגן אַפילו אויף קיין האָר. נאָר אַ באַשטימטער איינגעשטעלטער ריטואַל האָט דעם כוח צו צעשטערן דעם באַגאַנגענעם חטא.

יידישע אמונה האָט אינגאַנצן אַרויסגענומען זינדיקייט פון איר מאַגישן מעטאַפיזישן באַנעם. יידישער װעלט־באַנעם האַלט אַז זינד קומט פון דעם מענטשנס פרייען װילן, אָט װי גוטסקייט און פרומקייט קומט פון מענטשנס פרייען װילן. די שטראָף פאַר זינד איז נישט דער דירעקטער רעזולטאַט פון

דעם באַגאַנגענעם חטא, נאָר די שטראָף קומט פון גאָט. לויט אָט דעם וועלט־באַנעם איז תשובה אויך אַ רעזולטאַט פון פרייען ווילן פון דעם מענטשן. חרטה מיינט אַז דער מענטש בייט זיך. דאָס ברענגט, אַז גאָט וועט דעם גע־ביטענעם מענטשן נישט באַשטראָפן פאַר די באַגאַנגענע זינד. דער מידת־הרחמים איבערגעוועלטיקט דעם מידת־הדין. יידישע אמונה לייקנט נישט אָפּ אינגאַנצן דעם ריטואַל פון תשובה. אָבער דער ריטואַל פון תשובה איז נישט דער עיקר. דער עיקר איז די חרטה און אָפּזאָגן זיך פון זינדיקייט, דאָס בייטן פון ווילן. קיין ריטואַל העלפט נישט אין יידישער תשובה סיידן די מעשים זאָלן זיך ענדערן. דאָס בייטן פון די מעשים איז אַ באַווייז אין דער ענדערונג און דעם רצון פון מענטשן. דאָס איז דער עיקר־געדאַנק אין ספר יונה (זען תולדות האמונה הישראלית פון יחזקאל קויפמן, פרק שני, ספר ראשון, „ספר יונה", זז' 279 — 287).

פאַר אונדז הײַנט מיינט דער יידישער באַגריף פון תשובה אַז דער מענטש האָט אַ פרייען ווילן און האָט די בחירה צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס. נישט די סביבה אָדער די ירושה זענען די הויפּט־פאַקטאָרן אין דעם אויפ־פיר פון דעם מענטשן, נישט זיי באַשטימען דעם גורל פון מענטשן נאָר זיין אייגענער רצון „צו זיין גאַנץ מיט גאָט" איז דער הויפּט־פאַקטאָר. קיינער טאָר נישט באַרעכטיקן זיין שלעכטע הנהגה מיט עקאָנאָמישע אָדער פּאָלי־טישע סיבות. דער מענטש אַליין איז פאַר זיך פאַראַנטוואָרטלעך. אין דעם אָננעמען פון דעם דאָזיקן באַגריף פון יידישער תשובה ליגט דער גורל פון דער וועלט.

## גאָט שיקט יונהן קיין נינוה

און דאָס וואָרט פון גאָט איז געוועזן צו יונה דעם זון פון אמיתי, אַזוי צו זאָגן: שטיי אויף און גיי צו דער גרויסער שטאָט נינוה און דו זאָלסט אין איר אויסרופן אַז איר רשעות איז אַרויפגעקומען צו מיר. און יונה איז אויפ־געשטאַנען צו אַנטלויפן פון גאָט קיין תרשיש. און ער האָט אַראָפּגענידערט קיין יפו און ער האָט דאָרטן געפונען אַ שיף וואָס גייט אָפּ קיין תרשיש, האָט ער באַצאָלט איר לוין און איז אַריין אין איר כדי צו גיין קיין תרשיש ווייל ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון גאָט.

און גאָט האָט אָנגעשיקט אַ גרויסן ווינט אויפן ים און עס איז געוואָרן אַ גרויסער שטורעם אויפן ים, און די שיף האָט געהאַלטן ביים צעבראָכן ווערן. און די מאַטראָסן האָבן זיך דערשראָקן און זיי האָבן געשריען יעדערער

צו זיין גאָט. און זיי האָבן אַריינגעוואָרפן אַלע כלים וואָס זענען געווען אויף דער שיף אין ים, כדי זיך גרינגער מאַכן.

און יונה איז אַראָפּ אין אינעווייניק פון שיף, זיך געלייגט אין אַ ווינקל און איז שטאַרק איינגעשלאָפן. און דער קאַפּיטאַן פון דער שיף איז צוגע־גאַנגען צו אים און געזאָגט: וואָס איז מיט דיר וואָס דו שלאָפסט? שטיי אויף און רוף צו דיין גאָט. אפשר וועט גאָט אַ טראַכט טאָן וועגן אונדז און מיר וועלן נישט אונטערגיין.

און די מאַטראָסן האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: קומט לאָמיר וואַרפן גורל כדי מיר זאָלן אויסגעפינען צוליב וועמען איז געקומען דער דאָזיקער אומגליק אויף אונדז. האָבן זיי געוואָרפן גורל און דער גורל איז געפאַלן אויף יונהן. און זיי האָבן געזאָגט צו אים:

— זאָג אונדז אָקאָרשט, פאַרוואָס איז געקומען דער דאָזיקער אומגליק אויף אונדז. וואָס איז דיין אַרבעט? פון וואַנען קומסטו? וואָס איז דיין לאַנד? פון וואָס פאַר אַ פאָלק ביסטו?

און יונה האָט צו זיי געזאָגט:

— אַן עברי, אַ ייִד, בין איך, און איך גלייב אין דעם גאָט וואָס האָט באַשאַפן דעם הימל און ערד און פון אים אַנטלויף איך.

און די מענטשן האָבן זיך זייער דערשראָקן ווייל ער האָט זיי דערציילט אַז ער אַנטלויפט פון גאָט. האָבן זיי צו אים געזאָגט:

— וואָס האָסטו דאָ אָפּגעטאָן?

און זיי האָבן ווידער געזאָגט צו אים:

— וואָס זאָלן מיר טאָן אַז דער ים זאָל זיך איינשטילן? ווייל דער ים איז געוואָרן אַלץ שטורעמדיקער און שטורעמדיקער.

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— הייבט מיך אויף און וואַרפט מיך אַריין אין ים, וועט זיך דער ים איינשטילן, ווייל איך ווייס אַז צוליב מיר איז דער דאָזיקער גרויסער שטור־דעם געקומען אויף אייך.

אָבער די מאַטראָסן האָבן דאָס נישט געוואָלט טאָן. זיי האָבן בעסער געוואָלט זיך אומקערן, האָבן זיי גערודערט זיך אומצוקערן צו דער יבשה. אָבער זיי האָבן נישט געקענט, ווייל דער ים איז געוואָרן אַלץ מער און מער שטורעמדיק.

האָבן זיי תפילה געטאָן צו גאָט און געזאָגט:

— מיר בעטן דיך, גאָט, זאָלסט אונדז עס נישט פאַררעכענען, וואָס מיר ווילן טאָן, אַז מיר פאַרגיסן אומשולדיק בלוט. מיר ווילן אונטערגיין

צוליב דעם לעבן פון דעם דאָזיקן מענטשן. דו האָסט דאָך געטאָן ווי דו האָסט געוואָלט. דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף אים.

און זיי האָבן אויפגעהויבן יונהן און אים אַריינגעוואָרפן אין ים. און דער ים האָט אויפגעהערט צו שטורעמען.

און די מענטשן האָבן זיך דערשראָקן פאַר גאָט און זיי האָבן געשאָכטן קרבנות און גענומען אויף זיך נדרים.

און גאָט האָט אָנגעגרייט אַ גרויסן פיש איינצושלינגען יונהן. און יונה איז געווען אין די געדערים פון דעם פיש דריי טעג און דריי נעכט. און יונה האָט תפילה געטאָן צו זיין גאָט פון די געדערים פון דעם פיש. און גאָט האָט זיך צוגעהערט צו יונהס תפילה און ער האָט באַפוילן דעם פיש אויסצו־שפייען יונהן. און דער פיש האָט אויסגעשפיגן יונהן אויף דער יבשה.

און גאָט האָט ווידער באַפוילן יונהן:

— שטיי אויף און גיי קיין נינוה, צו דער גרויסער שטאָט און רוף אויס אין איר דעם אויפרוף וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט. און יונה איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק קיין נינוה ווי גאָט האָט אים באַפוילן.

***

דער נביא יונה זאָגט זיך אָפּ צו נעמען אויף זיך די שליחות פון גאָט. אַלע נביאים האָבן נישט אָנגענומען גערן גאָטס שליחות. אָבער זיי האָבן עס נישט געוואָלט, ווייל זיי האָבן בדרך כלל זיך געהאַלטן צו קליין אויסצופילן גאָטס באַפעל, אָדער זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר דער התחייבות, וואָס גאָט האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. אָבער יונהס נישט וועלן נעמען אויף זיך די שליחות איז צוליב אַן אַנדער סיבה. ער וויל נישט, אַז נינוה זאָל תשובה טאָן. ער וויל אַז די זינדיקע זאָלן באַשטראָפט ווערן.

דער מדרש זאָגט, אַז צוליב צוויי סיבות האָט זיך דער נביא יונה אָפּגע־זאָגט צו נעמען אויף זיך די שליחות. ער איז אַנטלאָפן ווייל די ערשטע נבואה זיינע איז מקוים געוואָרן און די צווייטע נבואה איז נישט מקוים גע־וואָרן. די ערשטע נבואה פון יונהן איז געווען צום מלך ירבעם: גאָט וועט גרעסער מאַכן די גרענעצן פון ישראל, און עס איז טאַקע מקוים געוואָרן. ירבעם האָט באַזיגט די יידישע שונאים און פאַרברייטערט די יידישע גרע־נעצן. צום צווייטן מאָל האָט גאָט געשיקט יונהן נביאות זאָגן, אַז ירושלים וועט חרוב ווערן. די יידן אין ירושלים האָבן תשובה געטאָן און די שטאָט איז נישט חרוב געוואָרן. האָבן די יידן אים גערופן „פאַלשער נביא". זיין נבואה איז דאָך נישט מקוים געוואָרן. איצט צום דריטן מאָל האָט אים גאָט

געשיקט נביאות צו זאָגן אויף נינוה, האָט יונה געזאָגט צו זיך: איך ווייס אַז דאָס דאָזיקע פאָלק האַלט ביים תשובה טאָן. זיי וועלן תשובה טאָן און גאָט וועט דערנאָך אויסלאָזן זיין כעס אויף די יידן. ער וועט זאָגן: זעט די גויים טוען תשובה און די יידן נישט. וועל איך זיך אָננעמען דעם כבוד פון די יידן און נישט גיין. חוץ דעם איז נאָך נישט געניג וואָס די יידן רופן מיך פאַלשער נביא, וועלן די גויים מיך אויך רופן פאַלשער נביא. איך וועל בע־סער אַנטלויפן און נישט נעמען אויף זיך גאָטס שליחות (פרקי דרבי אלעזר הגדול, פרק י׳).

אַ סך יידישע און נישט־יידישע פאָרשער באַטאָנען, אַז דאָס וואָס יונה איז אַנטלאָפן פון גאָט איז אַ באַווייז אַז יידן האָבן נאָך אין זיין צייט גע־גלייבט, אַז דער יידישער גאָט איז בלויז אַ גאָט אין זיין אייגן לאַנד, אין יידן־לאַנד, אין ארץ־ישראל. אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל האָט ער נישט קיין שליטה אויפן מענטשן.

די הנחה פון די מאָדערנע פאָרשער קאָן גרינג אָפּגעפרעגט ווערן. ראשית דער עצם ענין אַז גאָט שיקט יונהן צו וואָרענען נינוה, אַ נישט־יידישע שטאָט אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל, איז דאָך אַ סימן, אַז די יידן האָבן שוין דעמאָלט געהאַלטן, אַז גאָט איז דער מלך איבער דער גאַנצער וועלט. שוין אין חומש איז קלאָר אַז גאָט איז דער איינציקער גאָט, דער שופט איבער דער וועלט: ער ברענגט אַ מבול, ער באַשטראָפט דעם דור הפלגה און ער באַ־שטראָפט מצרים. ווי מיר וועלן זען פון די ווייטערדיקע פסוקים, וואָס מיר וועלן ברענגען צוליב דעם מדרש, האָט עמוס אויך געהאַלטן, אַז גאָט איז דער הערשער איבער הימל און ערד. אַ סך לאָגישער און אמתער פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז די דערקלערונג פון מדרש וועגן יונהס אַנט־לויפן. זאָגט דער מדרש:

— עס שטייט אין פסוק: „און יונה איז אויפגעשטאַנען צו אַנטלויפן פון גאָט", ווי קאָן מען אַנטלויפן פון גאָט? עס שטייט דאָך געשריבן: וווהין קאָן איך אַוועקגיין פון דיין גייסט, און וווהין קאָן איך אַנטלויפן פון דיר? וועל איך אַרויפגיין אין הימל, ביסטו דאָרטן. וועל איך מאַכן די אונטערערד מיין בעט, ערשט ביסטו דאָ. זאָל איך נעמען די פליגל פון פרימאָרגן און וווינען הינטערן ים, אויך דאָרטן וועט דיין לינקע האַנט מיך פירן און די רעכטע האַנט וועט מיך אָנהאַלטן. (תהלים קל״ט, ז׳־י׳). אויך שטייט דאָך געשריבן: וועלן זיי זיך איינגראָבן אין אונטערערד, וועט זיי פון דאָרטן מיין האַנט אַרויסנעמען. וועלן זיי אַרויפשטייגן צום הימל, וועל איך זיי פון דאָרטן אַראָפּ־נידערן — וועלן זיי זיך פאַרבאָרגן פון מיינע אויגן אויפן גרונט פון ים, וועל איך דאָרטן באַפוילן די שלאַנג און זי וועט זיי בייסן (עמוס ט׳, ב׳, ג׳).

נאָר יונה האָט געזאָגט: איך וועל גיין קיין חוץ־לארץ וווּ די שכינה אַנט־פּלעקט זיך נישט. האָט גאָט געזאָגט: יונה, איך האָב שליחים, וואָס איך קאָן שיקן נאָך דיר און ברענגען דיך צו מיר. און גאָט האָט געשיקט אַ שטורעם נאָך אים (ילקוט שמעוני, יונה. זען אויך פּרקי דרבי אלעזר הגדול און מדרש יונה. דער מקור איז אין פּרקי דרבי אלעזר, נאָר יעדער דרשן גיט עפּעס צו).

אין דריטן פּסוק פון קאַפּיטל איינס פון יונה שטייט: און ער האָט גע־געבן איר לוין, עס מיינט ער האָט באַצאָלט און איז אַראָפּ אין שיף. עס פרעגט אַ מאָדערנער פאָרשער: ס'איז דאָך אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע זאַך אַז יונה דאַרף באַצאָלן פאַרן פאָרן. צו וואָס דאַרף עס דער פּסוק דערציילן? גע־ווייזלעך איז דער פּסוק זייער קאַרג אויף רייד. פאַרענטפערט מען עס, אַז די מאַטראָסן האָבן דערפילט אַז יונה איז נייגעריק צו אַנטלויפן, האָבן זיי אים גערעכנט אַ סך מער ווי אַלע אַנדערע מיטפּאַרערס (ספר יונה, סינסיני פּרעס, ענגליש). דער מדרש און די גמרא דרשנען דעם פּסוק נאָך שענער:

— גאָט האָט געוואָלט שטעלן יונהן צום נסיון. דער נביא איז געקומען קיין יפו צו אַנטלויפן, האָט ער דאָרט נישט געטראָפן קיין שיף, און די שיף אין וועלכער יונה איז אַנטלאָפן, איז געווען ווייט פון יפו, צוויי טעג פאָרן. וואָס האָט גאָט געטאָן? ער האָט אויפגעהויבן אַ שטורעם און זי אומגעקערט קיין יפו. ווען יונה האָט עס דערזען, האָט ער זיך דערפרייט און געזאָגט: איצט ווייס איך אַז איך טו די ריכטיקע זאַך. איך וועל פאָרן מיט זיי קיין תרשיש און ער האָט באַצאָלט פאַר דער גאַנצער שיף (נדרים ל"ח, עמוד א', פּרקי דרבי אלעזר הגדול, פּרק י').

נאָך דעם ווי דער קאַפּיטאַן איז צוגעגאַנגען צו יונהן און געפרעגט פאַר־וואָס ער איז נישט מתפּלל צו זיין גאָט, שטייט נישט וואָס יונה האָט אים געענטפערט. די מערסטע מפרשים זאָגן אַז יונה האָט אים געענטפערט אַז ער קאָן דאָך נישט מתפּלל זיין, ער אַנטלויפט דאָך פון גאָט. האָבן די שיפס־לייט געוואָרפן גורל צו זען ווער עס איז שולדיק אין דעם שטורעם. פרעגט דער רד"ק און דער אבן עזרא: פאַרוואָס איז זיי אין מיטן דערינען איינגע־פאַלן צו וואַרפן גורל? וואָס פאַר אַ נייס איז אַ שטורעם אויפן ים? ענטפערט דער רד"ק מיטן מדרש פון דרבי אלעזר הגדול: די שיפסלייט האָבן געזען ווי די אַנדערע שיפן גייען פון ביידע זייטן פון זייער שיף אין שטילע וואַסערן, נאָר בלויז אונטער זייער שיף שטורעמט און ברויזט. האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז דער שטורעם איז געקומען אויף זיי ווי אַ שטראָף. עס געפינט זיך עמעצער אויף דער שיף וואָס האָט געזינדיקט צו גאָט.

ווען דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף יונהן, האָבן די מאַטראָסן נישט געכאַפּט און תיכף אַריינגעוואָרפן יונהן אין ים אַריין. אַ, ניין. צוערשט האָבן

זיי אַריינגעוואָרפן אין ים די אַלע סחורות, וואָס זיי האָבן געפירט אויף דער שיף, כדי גרינגער צו מאַכן די שיף; אַז עס האָט נישט געהאָלפן, האָבן זיי געפרווט זיך אומקערן צו דער יבשה. האָבן זיי גערודערט און גערודערט און נישט געקאָנט צוקומען צו דער יבשה, ווייל דער שטורעם איז געווען שטאַרק. דעמאָלט האָבן זיי גענומען יונהן און אים אַריינגעשטעקט אין וואַסער ביז איבער די קני. דער ים האָט אויפגעהערט צו שטורעמען. האָבן זיי אים אַרויפגעצויגן אויף דער שיף, האָט זיך דער ים צוריק צעשטורעמט. האָבן זיי אָנגענומען יונהן און אים אַריינגעשטעקט אין וואַסער ביז איבערן נאַפּל, האָט זיך דער ים איינגעשטילט. האָבן זיי אים אַרויפגענומען אויף דער שיף, האָט זיך דער ים ווידער צעבושעוועט. האָבן זיי אים אַריינגעוואָרפן אין ים. דער ים איז געוואָרן שטיל.

און גאָט האָט צוגעשיקט אַ גרויסן פיש, אַ פיש וואָס ער האָט אָנגעגרייט נאָך פון די טעג פון וועלט־באַשאַף, פון ששת ימי בראשית, און דער פיש האָט איינגעשלונגען יונהן באַלד, איידער יונה האָט זיך געקאָנט דערטרינקען.

דער אבן עזרא זאָגט קורץ און שאַרף: קיין מענטש קאָן נישט לעבן אין די געדערים פון אַ פיש אַפילו קיין איין שעה נישט. על אחת כמה וכמה דריי טעג און דריי נעכט, אַפילו ווען דאָס ווערט דערציילט בדרך נס. אלא וואָס דען? די מעשה יונה איז נישט קיין געשעענער פאַקט, נאָר געזען ווי אַ וויזיע. דאָס פאַלט צו מיטן געדאַנק פון די מאָדערנע פאָרשער, וואָס זאָגן, אַז די מעשה יונה איז אַן אַלטע אגדה, און דער מחבר האָט זי אויסגענוצט כדי אַרויסצוברענגען אַ יידישן מוסר השכל.

## נינוה טוט תשובה

און יונה איז אָנגעקומען קיין נינוה, און נינוה איז געווען זייער אַ גרויסע שטאָט אַפילו ביי גאָט אין די אויגן, אַ שטאָט פון דריי טאָג גאַנג. און יונה איז אַריינגעגאַנגען אין דער שטאָט איין טאָג גאַנג און ער האָט אויסגערופן און געזאָגט: אין פערציק טעג אַרום וועט נינוה איבערגעקערט ווערן. און די איינוווינער פון נינוה האָבן געגלייבט אין גאָט און זיי האָבן אויסגערופן אַ תענית און זיי האָבן זיך אָנגעטאָן אין זאַק־קליידער פון דעם גרעסטן ביזן קלענסטן. און די ידיעה האָט דערגרייכט צום מלך פון נינוה און ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין טראָן און ער האָט אויסגעטאָן זיין קעניגלעכן מאַנטל פון זיך, און ער האָט זיך צוגעדעקט מיט אַ זאַק און זיך געזעצט אויף

אַש. און ער האָט געלאָזן אויסרופן אין גאַנץ נינוה און געזאָגט: אַזוי איז דער באַפעל פון דעם מלך און זיינע גרויסע לייט: קיין מענטש און קיין בהמה, שאָף אָדער רינד זאָל גאָרנישט נישט פאַרזוכן, זיי זאָלן זיך נישט פיטערן און נישט טרינקען קיין וואַסער. און מענטש און בהמה זאָל זיין צוגעדעקט מיט זאַק און מען זאָל שטאַרק שרייען צו גאָט און איטלעכער זאָל זיך אומקערן פון זיין שלעכטן וועג און פון דער גזילה אין זיינע הענט. ווער ווייס, אפשר וועט גאָט זיך אומקערן און חרטה האָבן און זיך אומקערן פון זיין גרימצאָרן און מיר וועלן נישט אונטערגיין. און גאָט האָט דערזען זייערע מעשים אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט פון זייער שלעכטן וועג, האָט גאָט חרטה געהאַט אויף דעם אומגליק וואָס ער האָט געוואָלט ברענגען אויף זיי און ער האָט עס נישט געטאָן.

און יונהן האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, אַז ער איז געוואָרן אין כעס. און ער האָט תפילה געטאָן צו גאָט און ער האָט געזאָגט:

— איך בעט דיך, גאָט, האָב איך דאָס נאָך נישט געטראַכט, ווען איך בין געווען אין מיין לאַנד? דערפאַר האָב איך זיך געאיילט צו אַנטלויפן קיין תרשיש ווייל איך האָב געוווּסט אַז דו ביסט אַ באַרמהערציקער, אַ בעל־רחמים, איינגעהאַלטן אין צאָרן, רייך אין חסד און דו האָסט חרטה אויף אומגליק. דערפאַר איצט, גאָט, נעם צו, איך בעט דיך, מיין נשמה. ס׳איז מיר בעסער דער טויט ווי דאָס לעבן.

און גאָט האָט געזאָגט:

— איך זע, עס האָט דיך גוט פאַרדראָסן.

און יונה איז נאָך פריער אַרויס פון שטאָט און זיך באַזעצט אין דער מזרח־זייט אויסער דער שטאָט. ער האָט זיך געמאַכט אַ סוכה, אַ ביידל און איז געזעסן אין איר שאָטן. ער איז דאָרטן געזעסן ווייל ער האָט געוואָלט זען וואָס גאָט וועט טאָן מיט דער שטאָט.

און גאָט האָט אָנגעגרייט אַ קיקיון (אַזאַ ביימל מיט גרויסע בלעטער) און ער איז אויסגעוואַקסן איבער יונהן צו זיין אַ שאָטן איבער זיין קאָפּ כדי גרינגער צו מאַכן זיין שווער געמיט. און יונה האָט זיך זייער געפרייט מיטן קיקיון.

און גאָט האָט אָנגעשיקט אַ וואָרעם ווי נאָר דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען אויפן צווייטן טאָג, און דער וואָרעם האָט צעפרעסן דעם קיקיון און ער איז פאַרטריקנט געוואָרן. און ווען די זון איז אויפגעגאַנגען האָט גאָט אָנגעשיקט אַ שטילן הייסן מזרח־ווינט און די זון האָט געשלאָגן אויף יונהס קאָפּ און ער איז פאַרחלשט געוואָרן און ער האָט זיך געבעטן אויף זיך דעם טויט און ער האָט געזאָגט: מיר איז בעסער דער טויט ווי דאָס לעבן.

און גאָט האָט געזאָגט צו יונהן:
— האָט דיך שטאַרק פאַרדראָסן וועגן דעם קיקיון?
און יונה האָט געענטפערט:
— ס׳איז מיר געווען זייער אַ שאָד וואָס דער קיקיון איז פאַרטריקנט געוואָרן. ס׳האָט מיך פאַרדראָסן ביזן טויט.
און גאָט האָט געזאָגט צו אים:
— דיר איז געווען אַ שאָד דער קיקיון וואָס נישט דו האָסט געאַרבעט אויף אים און נישט דו האָסט אים געמאַכט וואַקסן. איבער נאַכט איז ער געוואָרן און איבער נאַכט איז ער פאַרגאַנגען. און מיר, זאָל נישט זיין אַ שאָד אויף דער גרויסער שטאָט נינוה וואָס אין איר זענען דאָ מער ווי צוועלף מאָל צען טויזנט מענטשן, וואָס ווייסן נישט צווישן זייער רעכטער האַנט און זייער לינקער האַנט און אויך אַ סך בהמות?

***

עס ווערט נישט דערציילט וואָס עס האָט ווייטער פּאַסירט מיט יונהן. דער תנ״ך איז נישט אויסן געווען צו דערציילן די לעבנסגעשיכטע פון אַ מענטשן. דער ספר האָט געהאַט די כוונה צו לערנען אונדז אַז גאָט האָט רחמנות אויף אַלע באַשעפענישן. יעדער מענטש ווערט געמשפּט לויט זיינע מעשים און תשובה ווישט אָפּ די פריערדיקע זינד.

עס איז אַ טענדענציעזע מעשה, אַ דערציילונג מיט אַ מוסר־השכל. ווי נאָר דער מוסר־השכל איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן, ווערט די מעשה פאַרענדיקט. דער לייענער דאַרף פאַרשטיין אַז די ניסים, די וווּנדער, די דעטאַלן אַפילו די פאָרמע פון דער מעשה זענען נישט וויכטיק. וויכטיק איז ביים מחבר דער גרויסער געדאַנק וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען.

אין תנ״ך גופא ווערט נישט דערציילט די פרטים פון זייער תשובה טאָן אָבער די גמרא דערציילט עס:

„נישט קיין זאַק און נישט קיין תענית זענען גורמים, די סיבות, די אורזאַכן, פון פאַרגעבונג, נאָר תשובה, אמתע חרטה און מעשים טובים — גוטע טאַטן. ווייל אַזוי זעען מיר ביי די איינוווינער פון נינוה. עס שטייט נישט אין פסוק „און גאָט האָט דערזען זייער זאַק און זייער תענית און ער האָט חרטה געהאַט וועגן דעם אומגליק וואָס ער האָט געטראַכט וועגן זיי״. עס שטייט געשריבן: „און גאָט האָט דערזען זייערע מעשים אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט פון זייער שלעכטן וועג״. דאָס איז געווען דער עיקר. וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן צוגעבונדן די בהמות צו איין אָרט און די קעלבער צו אַן

אַנדער אָרט און זיי האָבן געזאָגט צו אים: רבונו של עולם, אויב דו האָסט נישט קיין רחמנות אויף אונדז, וועלן מיר אויף די דאָזיקע נישט רחמנות האָבן. עס שטייט אויך געשריבן: „און פון דער גזילה וואָס אין זייערע הענט" האָט שמואל געזאָגט, אַפילו ווען איינער האָט געגזלט אַ באַלקן און עס אַריינ־געבויט אין אַ פּאַלאַץ, האָט ער עס אַרויסגעבראָכן פון דעם פּאַלאַץ און עס אומגעקערט צום אייגנטימער. ר׳ אדא דער זון פון אהבה, האָט געזאָגט: אַ מענטש וואָס באַגייט אַן עבירה און ער איז זיך מודה און האָט נישט קיין חרטה, איז געגליכן צו איינעם, וואָס האַלט אַ שרץ אין האַנט — אַפילו ווען ער טובלט זיך אין אַלע וואַסערן פון דער וועלט העלפן אים נישט די טבי־לות צו ווערן ריין. ער בלייבט טמא. אָבער ווען ער וואַרפט אַוועק דעם שרץ און איז זיך טובל אין פערציק מאָס וואַסער ווערט ער ריין (תענית ט״ז, עמוד א׳).

און ווי נאָר גאָט האָט דערזען אַז די איינוווינער פון נינוה האָבן זיך אומגעקערט פון זייער שלעכטן וועג און זיי האָבן תשובה געטאָן, איז ער אַראָפּ פון דעם שטול פון דעם מידת־הדין און זיך געזעצט אויף דעם שטול פון מידת־הרחמים און אויסגערופן: „איך האָב אייך מוחל געווען!" (ילקוט שמעוני תק׳ נא ד׳).

## ווען איז דער ספר געשריבן געוואָרן?

איצטער זענען דאָ אַ סך תנ״ך־פאַרשער, יידישע און נישט־יידישע, וואָס האַלטן אַז ספר יונה איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ הונדערט און פופציק יאָר און אפשר נאָך מער נאָך שיבת־ציון. דאָס בוך איז אַ פּראָטעסט קעגן יידישער ענגהאַרציקייט און אָפּגעשלאָסנקייט פון דער וועלט. יונה איז דער טיפּ ייד וואָס האַלט, אַז גאָט איז נאָר דער גאָט פון די יידן און ער וועט צעשטערן אַלע געצנדינער. דער מחבר פון בוך לערנט אים, אַז גאָט איז אוניווערסאַל און ער האָט רחמנות אויף אַלע מענטשן. דער מחבר האָט אויסגעקליבן נינוה די הויפּטשטאָט פון איינעם פון די גרעסטע יידישע שונאים — אשור, וואָס האָט פאַרטריבן די צען שבטים און אונטער דער פירערשאַפט פון סנחריב האָט זיך דער שונא פאַרמאָסטן אויף ירושלים. אַפילו אויף דער דאָזיקער ני־נוה האָט גאָט רחמנות „דער מחבר איז אַ מוטיקער מענטש. ווער האָט ווען עס איז געטאַדלט די סעקטע צו וועלכער ער געהערט און האָט נישט דער־וועקט דעם חשד אויף זיך און נישט אַרויסגערופן קיין שנאה אויף זיך? ביי די שטרענג־אָפּגעהיטע יידן זענען די נישט־יידן געווען פאַרהאַסט. אָבער דער מחבר פון ספר יונה האַלט און גלויבט, אַז גאָט איז נישט נאָר דער גאָט פון

די יידן נאָר אויך פון די גויים" (אָלד טעסטאַמענט היסטאָרי פון הענרי פּרעז־סערוודסמיט, ז' 425).

נאָך שאַרפער זאָגט זיך אַרויס אַן אַנדער תנ"ך־פאַרשער:

— דער מחבר האָט פון ברעקלעך און שטיקלעך וועלט־פאָלקלאָר צוזאַמענגעשטעלט זייער אַ חנעוודיקע מעשה מיט אַ קלאָרן מוסר־השכל צום סוף: גאָטס ליבשאַפט און רחמים זענען נישט נאָר באַגרענעצט אויף יידן, נאָר דערגרייכט אויך צו די געצנדינער. אַזוי ווי די מעשה רות איז אַ פּראָטעסט קעגן דעם ענגהאַרציקן נאַציאָנאַליזם פון נחמיה, וואָס האָט געצוווּנגען די יידן אָפּצוגטן זייערע געצנדינערישע ווייבער, אַזוי איז דער ספר יונה אַ פּראָטעסט קעגן יידישן שטאָלץ און פאַרריסנקייט, וואָס זיי האָבן געקראָגן נאָך דער קאַנאָניזירונג פון חומש. זיי האָבן געהאַפט און געוואַרט אַז אַט באַלד וועט זייער גאָט פאַרניכטן אַלע געצנדינער פאַר דעם גליק פון די יידן. אַ בלוטדורשטיקע האָפענונג ווי מיר האָבן עס געזען אויסגעדריקט אין עובדיה. אַט די פאַראַכטנדיקע באַציאונג פון געוויסע יידן צו די גויים אין דער צייט פון מחבר פון יונה, וואָס ווערט פאַרגעשטעלט אין יונהס ביטערע אַנטוישונג, וואָס דער גאָט פון רחמים האָט נישט צעשטערט נינוה, ווערט יונה געטאַדלט אין גאָטס שאַרפן ענטפער צו אים. דער מחבר פאַרדאַמט די עקסקלוסיוויקייט, אָפּגעשלאָסנקייט פון נחמיה און די בלוטיקע אַפּאָקאַליפּטישע חלומות פון ווי גאָט פאַרניכטעט די געצנדינערישע פעלקער — אין יחזקאל זענען עס גוג ומגוג, אין יואל און עובדיה די אַנדערע גויים. עס ווייזט אונדז, אַז די ווירקונג פון די נביאישע אוניווערסאַלע חלומות, אייניזעניש מיט אַלע מענטשן, איז איינגאַנצן נישט פאַרשוווּנדן ביי די יידן נאָך גלות־בבל (אינטראָדאַקשן טו דהי אָלד טעסטאַמענט, פון ראָבערט ה. פפייפער, זז' 588 — 589).

דאָ איז נישט דער אָרט אָנצווייזן דעם מחבר זיינע טעותים. אַמבעסטן ענטפערט די אַלע פאַרשער פּראָפ' יחזקאל קאופמאַן:

„נינוה איז נישט די הויפּטשטאָט פון אשור — די וועלט־דעראָבערער, זי איז אויך נישט דער סימבאָל פון געצנדינעריי, וואָס איז געווען פאַרהאַסט ביי יידן. נינוה איז דאָ אַ מין „ארץ עוץ", וואָס ווערט דערמאָנט אין איוב אָדער אַ מין סדום, אָדער אַ סתם „ארץ" — אַ לאַנד וואָס ווערט דערמאָנט אָפט אין ספר יחזקאל. ס'איז אַ לעגענדאַרישע שטאָט וואָס איז קיינמאָל נישט געווען. ס'איז אַ גרויסע שטאָט, וואָס אַ מלך געוועלטיקט איבער איר. אַ באַזונדערער מלך אָן אַ נאָמען (און אָן אַן אָנגעגעבענער צייט), עס ווערט אַפילו נישט דערמאָנט אַז די שטאָט איז אַ געצנדינערישע. די שטראָף, וואָס יונה רופט אויס אויף דער שטאָט איז אַ לעגענדאַרישע. די געוויינלעכע שטראָפן

וואָס די נביאים זאָגן פאָרויס זענען שווערד, הונגער, מגפה, ערדציטערניש, טריקעניש א״אַנד. דאָ ווערט די שטאָט איבערגעקערט ווערן ווי סדום. דער כאַראַקטער פון דער מעשה איז אַזאַ אַז עס באַווייזט אַז דער ספר איז נישט געשאַפן געוואָרן נאָך דעם ווי נינוה איז צעשטערט געוואָרן, עס מיינט נאָך דעם ווי די אַשורישע אימפּעריע איז אונטערגעגאַנגען. קיין יידישער מחבר וואָלט נישט געקאָנט פאַרגעסן די רשעותדיקע, בלוטיקע מלוכה פון אשור וואָס האָט פאַרטריבן די עשרת השבטים און וואָס האָט געדריקט אַזוי לאַנג יהודה. די יידן האָבן נישט פאַרגעסן נישט מצרים, נישט אשור, נישט בבל, נישט רוים נאָך אַ צייט־אָפּשניט פון איבער צוויי טויזנט יאָר.

„די גאַנצע געשטאַלט פון אַזאַ שטאָט ווי נינוה האָט געקאָנט געשאַפן ווערן נאָר אין דער צייט איידער סנחריב האָט זי געמאַכט פאַר דער הויפּט־שטאָט פון אַן אימפּעריע. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז די נינוה פון ספר יונה איז נאָך פון פאַר דער צייט פון תגלת פלאסר — עס מיינט איידער חורבן שומרון.

„דער ספר ווערט צוגעשריבן צו יונה הנביא, וואָס האָט געלעבט אין די צייטן פון ירבעם און יהואש, אין עמוס צייטן, פאַר דער צייט פון תגלת פלאסר. אַזוי ווי די מעשיות וועגן אליהו און אלישע האָט מען נאָך דערציילט ביי זייער לעבן, מען האָט געוועבט אַרום זיי מעשיות פון זייערע גרויסע אויפ־טואונגען און מופתים, אַזוי האָט אויך די מעשה יונה געקענט געשאַפן ווערן וועגן יונה וואָס איז אַנטלאָפן פון גאָט טאַקע נאָך אין דער צייט פון נביא. דער ספר איז די ירושה פון אפרים שומרון״ (תולדות האמונה הישראלית, כרך שני, ספר ראשון, זז׳ 287 - 284).

## מדרש-אויסטייטשונג

עס איז קלאָר אַז דער ספר יונה באַהאַנדלט די פּראָבלעם פון תשובה וואָס עמוס האָט זי שוין באַטאָנט; ספר יונה דערקלערט וואָס איז תשובה לויטן יידישן וועלט־באַנעם. אָבער עס זענען אויך פאַראַן אַלעגאָרישע אויס־טייטשונגען פון ספר. יונה איז אַ סימבאָלישער נאָמען פאַר יידן. יידן ווערן גערופן טויב פון נביא הושע און אויך פון משורר אין תהילים „און אפרים איז געווען ווי אַ נאַרישע טויב״ (הושע ז׳ י״א) און ווי אַ טויב פון לאַנד אשור (י״א, י״א), „דו זאָלסט נישט איבערגעבן צו אַ חיה די זעל פון דיין טורטלטויב״ (תהילים ע״ד, י״ט). טייטשט מען אַזוי: די כנסת ישראל, די טויב, יונה, האָט געדאַרפט ברענגען דעם אמת פון גאָט צו דער וועלט. אָבער די כנסת האָט געזינדיקט און נישט געוואָלט אויספירן די שליחות, איז יש־

ראל איינגעשלונגען געוואָרן פון דעם לויתן בבל. אין בבל האָט די כנסת ישראל תשובה געטאָן, ווי יונה אין די געדערים פון דעם פיש, און גאָט האָט די יידן אומגעקערט צו זייער לאַנד; גאָט האָט באַפרייט די יידן פון די גע־דערים פון בבל.

אין „מדרש יונה" וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט, ווערט אויך גע־בראַכט אַן אַלעגאָרישע אויסטייטשונג פון ספר יונה. די אויסטייטשונג איז גענומען פון זוהר: יונה וואָס האָט גענידערט אין שיף דאָס איז די נשמה וואָס איז אַראָפּ אויף אונדזער חומרישער וועלט און איז אַריין אין גוף וואָס איז געגליכן צו אַ שיף. און דער מענטש גייט אַרום אויף דער נאַרישער וועלט ווי אַ שיף אין מיטן ים... אַזוי ביזן סוף פון דעם ספר.

יידן האָבן אָבער גוט פאַרשטאַנען דעם זין פון ספר יונה. דער גאַנצער ספר איז די הפטורה צו דער יום־כיפורדיקער מנחה. דער שענסטער שלוס צווישן הייליקסטן טאָג פון יאָר.

# דער חילוק צווישן די נביאים ראשונים און די נביאים אחרונים

דאָס וואָרט תנ״ך איז אַ ראשי־תיבות — דריי אותיות, וואָס מיינען דריי ווערטער. דער תיו מיינט תורה, דער נון מיינט נביאים און דער כף מיינט כתובים. דער ערשטער טייל — תורה נעמט אַריין די פינף חומשים: בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים. דער דריטער טייל — כתובים נעמט אַריין: תילים (אַזוי ווערט עס אויסגעלייגט אָפט אין תלמוד), איוב, משלי, די פינף מגילות: שיר השירים, רות, איכה, קהלת און אסתר; דניאל, עזרא, נחמיה און דברי הימים א׳ און ב׳. דער צווייטער טייל איז נביאים. דער טייל נביאים ווערט צעטיילט אויף נביאים ראשונים און נביאים אחרונים — די ערשטע נביאים און די שפּעטערדיקע נביאים. די ספרים פון די ערשטע נביאים זענען: יהושע, שופטים, שמואל א׳, שמואל ב׳, מלכים א׳ און מלכים ב׳. די שפּעטערדיקע נביאים באַשטייען פון פופצן ספרים; דריי לענגערע ספרים: ישעיה, ירמיהו און יחזקאל און צוועלף קלענערע ספרים, איין ספר אַזוי קליין ווי איין בלעטל. די צוועלף ספרים זענען: הושע, יואל עמוס, עובדיה, יונה (פאַראַן פאַרשער וואָס האַלטן, אַז יונה לויט דער פאָרמע געהערט צו די נביאים ראשונים), מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי. די צוועלף קליינע ספרים ווערן פאַררעכנט פאַר איין ספר. די ספרים זענען אַזוי קליין, אַז מען האָט מורא געהאַט אַז טאָמער וועט מען זיי נישט אויפשרייבן אויף איין מגילה, קענען זיי נאָך פאַרפאַלן ווערן. די גמרא זאָגט: איידי דזוטא מירבס (בבא בתרא י״ד, עמוד ב׳), ווייל זיי זענען קליין קענען זיי פאַרלוירן גיין אין באַזונדערע מגילות.

די מאָדערנע פאָרשער רופן די נביאים אחרונים, די שפּעטערדיקע נביאים, שריפט־נביאים, אָדער „ליטעראַרישע פּראָפעטן״. מען באַצייכנט אויך די שפּעטערדיקע נביאים מיטן נאָמען די גרויסע נביאים. די אַלע נעמען זענען נישט קיין איבעריק געלונגענע. מען קאָן זיי אָפּפרעגן. מיר באַנוצן זיך אַלעמאָל מיט יידישע טראַדיציאָנעלע לשון־קודשדיקע נעמען „נביאים ראשונים״ און „נביאים אחרונים״.

וואָס איז דער גרונט־אונטערשייד צווישן די נביאים ראשונים און נביאים אחרונים? דער הויפּט־חילוק טעכניש איז, וואָס די ספרים פון די נביאים ראשונים באַשטייען פון געשיכטעס, כראָניקעס, היסטאָרישע געשעענישן און סיפורים (דערציילונגען) וועגן נביאים. עס געפינען זיך אין די דאָזיקע ספרים

גאָר וויינציק פון די רייד, די נבואות, פון די נביאים. אין די ספרים פון די נביאים ראשונים געפינען זיך אַ סך מעשיות וועגן שמואל, גד, נתן, אחיה פון שילו, נביאים אָן אַ נאָמען — אַנשי־אלהים, געטלעכע מענטשן, יהוא בן חנני, אליהו, מיכיהו בן נמלי, אלישע, יונה און ישעיה און נאָך נביאים. אַ סך מעשיות און גאָר וויניק נבואות. אָבער אין די ספרים פון די נביאים אחרונים איז פאַראַן גאָר וויניק דערציילונגען, מעשיות, זיי באַשטייען כמעט אינגאַנצן פון נבואות, פון רעדעס פון די נביאים.

ס'איז דאָ אָבער נאָך אַ טיפערער חילוק צווישן די נביאים ראשונים און די נביאים אחרונים. די נביאים ראשונים (משה און שמואל זענען טיילוויז אַ יוצא מן הכלל) זענען געווען אַקטיווע פּאָליטישע פירער, אַגיטאַטאָרן אין אונדזער לשון, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין אויפשטאַנדן. ריידן האָבן זיי גערעדט צו יחידים, צו די מלכים, צו די שררות אָבער נישט צום גאַנצן פאָלק. אַפילו אין די געשעענישן אויפן הר הכרמל שפּילט דאָס פאָלק אַ פּאַסיווע ראָלע. אָבער די נביאים אחרונים זענען אין עיקר געווען שטראָפער, מוכיחים־בשער און גערעדט צום גאַנצן פאָלק. זיי האָבן גערעדט אין די גאַסן, אין מאַרק, אין בית־המקדש, ווו נאָר יידן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן.

נאָך אַן אונטערשייד. די נביאים ראשונים זענען געווייינלעך געווען בעלי־מופתים, זיי האָבן באַוויזן וואונדער און עס זענען געשען ניסים מיט זיי. ביי די נביאים אחרונים זענען נישטאָ קיין ניסים. ס'איז נאָר דאָ איין אויסנאַם ביים גרויסן נביא ישעיה, ער האָט געמאַכט, אַז דער שאָטן זאָל זיך אומקערן אויף צוריק צען טריט. עס מיינט אַז די צייט זאָל צוריקגיין צען שעה.

די תקופה פון נביאים ראשונים האָט געדויערט קרוב דריי הונדערט און פופציק יאָר — פון שמואל הנביא ביז דעם נשיא אלישע. די תקופה פון די נביאים אחרונים האָט אויך געדויערט אַרום אַזאַ צייט־אָפּשניט פון דעם נביא עמוס ביז דעם נביא מלאכי.

עס דאַרף זיין קלאָר פאַר דעם יידישן לייענער, אַז די נביאים אחרונים זענען נישט געקומען מיט קיין נייער תורה, מיט עפּעס אומבאַקאַנטע עטישע באַגריפן און אַ נייעם גאָט־באַגעם, ווי עס האַלטן אַ סך נישט־יידישע און אויך יידישע פאַרשער. די נביאים אחרונים האָבן בלויז באַטאָנט אידייען, געבאָטן און באַשטימטע מצוות, וואָס זענען געווען באַקאַנט צו יידן מקדמונים אָן. נאָר וואָס? זיי זענען נישט אָפּגעהיט געוואָרן ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָבן די נביאים באַטאָנט די חשיבות פון די דאָזיקע געבאָטן. גערעכט איז די גמרא וואָס זאָגט: „די נביאים האָבן גאָרנישט נישט צוגעגעבן אָדער געענדערט פון וואָס עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין דער תורה, חוץ לייענען די מגילה אום פורים (מגילה דף י"ד, עמוד א').

נישט עמוס, נישט הושע, נישט ישעיה און נישט ירמיהו אָדער וועל־כער עס איז אַנדער נביא איז געווען קעגן קרבנות, תפילה אָדער נישט גע־האַלטן פון דער קדושה, הייליקייט פון בית־המקדש. לויט די נייע פאַרשער קומט אויס, אַז די נביאים אחרונים האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַן אמונה, אַ דת, אַ רעליגיע, אַן תפילה, אַן יום־טובים, אַן שבת און אַן קיין שום צערע־מאָניאַל. ס׳איז דאָך אַן אומזין. ישעיהו, מיכה, ירמיהו און זכריה, וואָס זע־נען כלומרשט געווען קעגן וועלכן ס׳איז ריטואַל און צערעמאָניאַל, קעגן קרבנות און קעגן בית־המקדש, האָבן פאַרהייליקט ירושלים און דעם בית־המקדש, ווו מען האָט מקריב געווען קרבנות און זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער בית־המקדש איז די וווינונג פון גאָט, זייריידן אויך וועגן דער שיינקייט פון דעם צערעמאָניאַל פון קרבנות און דעם בית־המקדש פון דעם לעתיד לבוא. דער נביא זכריה איז געווען איינער פון די בויער פון דעם צווייטן בית־המקדש. אַזוי דאַרפן מיר אויך אויפפאַסן די באַציאונג פון דעם נביא עמוס צו קרבנות. (זע תולדות האמונה הישראלית, כרך שלישי, ספר ראשון, זז׳ 71־76).

צו וואָס קענען מיר פאַרגלייכן די „קעגנערשאַפט״ פון די נביאים אחרו־נים צו קרבנות, צערעמאָניאַל און ריטואַל? צו די בעלי־מוסר פון אונדזערע צייטן, וואָס באַטאָנען געוויסע מצוות. למשל, דער חפץ חיים ז״ל האָט אָנ־געשריבן צוויי ספרים קעגן דער זינד פון לשון־הרע און רכילות. קאָן קומען אַ פאָרשער און באַווייזן, אַז דער חפץ חיים האָט נישט געהאַלטן פון שמירת שבת, תפילה און לימוד תורה. וואָסי? זעט זיינע ספרים וואָס באַטאָנען די וויכטיקייט פון אָפּהיטן זיך פון לשון־הרע און רכילות.

***

די נביאים אחרונים זענען אויפגעקומען צוליב אַ געביטענעם באַגריף פון דער ראָלע פון דעם יחיד אין דעם לעבן פון דער אומה. אויף אונדזער מאָדערנעם לשון קענען מיר עס דערקלערן אויף אַזאַ אופן: פריער האָבן די נביאים געהאַלטן אַז די דערלייזונג פון דעם מענטשן און פון דער גאַנצער אומה קאָן קומען פון אַ גערעכטן שטאַט, פון אַ פרומען און גוטן מלך. ווען דער מלך וועט גיין אין גאָטס וועגן, ווען ער וועט זיין גוט און פרום און ער וועט איינפירן יושר און צדק אין דער מדינה, וועט דאָס פאָלק נישט זינדיקן. דער שטאַט וועט דערציען דעם יחיד.

שפּעטער האָבן די נביאים איינגעזען, אַז דאָס פאָלק וועט נישט גע־האָלפן ווערן סיידן די גאַנצע אומה, יעדער יחיד באַזונדער וועט זיך ענ־

דערן און וועט דערזען די גרויסקייט און גערעכטיקייט פון גאָט. דעמאָלט וועט דער מלך שוין במילא זיין גוט און פרום און די מדינה וועט זיך פירן מיט גערעכטיקייט (זע מבוא המקרא, מ. צ. סגל, ספר שני, זז׳ 246־250).

די נביאים ראשונים פון שמואלן ביז אלישען האָבן אויפגעשטעלט מלכים און זיי אַראָפּגעוואָרפן פון זייער גדולה. שמואל האָט געזאַלבט שאולן פאַר אַ מלך און באַלד הערט דער נביא גאָטס רייד: „איך האָב חרטה געקראָגן, וואָס איך האָב געמאַכט שאולן פאַר אַ מלך, ווייל ער האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר, און מיין אָנזאָג האָט ער נישט אויסגעפירט". — „גיי, איך וועל דיך שיקן צו ישי פון בית לחם, ווייל איך האָב געזען צווישן זיינע זין אַ מלך פאַר מיר". און דער רד״ק טייטשט עס וווּנדערלעך: עס שטייט „ראיתי בבניו לי מלך" — איך האָב געזען צווישן זיינע זין אַ מלך פאַר מיר. און עס שטייט נישט „לישראל מלך" — אַ מלך איבער ישראל, עס מיינט גאָט האָט געזאָגט: „איך האָב אויסגעקליבן איינעם וואָס וועט גיין אין מיינע וועגן, אין גאָטס וועגן, נישט ווי שאול, וואָס האָט נישט געפּאָלגט". אָבער שוין דודס זון, שלמה, האָט אַזוי שטאַרק געזינדיקט, אַז דער נביא אחיה פון שילו, לויט גאָטס באַ־פעל, רייסט אָפּ פון דודס הויז צען שבטים.

אחיה האָט אויסגעקליבן פאַר אַ מלך ירבעמען דעם זון פון נבט, אַן ער־לעכן און פרומען מענטשן, אַ מענטש אָן אַ פלעק. זאָגט די גמרא: עס שטייט געשריבן „און ירבעם איז אַרויס פון ירושלים און אָנגעטראָפן דעם נביא אחיה פון שילו, און ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נייעם מאַנטל, און נאָר זיי ביידע זענען געווען אין פעלד (מלכים א׳, י״א, כ״ט). וואָס מיינט אין אַ נייעם מאַנטל? זאָגט ר׳ נחמן אַזוי ווי אַ נייער מאַנטל האָט נישט קיין חסרון, אַזוי איז אויך ירבעמס תורה געווען אָן אַ חסרון. נאָך אַ טייטש פון שאלה חדשה „אַ נייעם מאַנטל", זיי האָבן מחדש געווען אַזעלכע חידושי תורה, וואָס קיין אויער האָט עס פריער נישט געהערט. עס שטייט אויך געשריבן „און זיי זענען געווען אַליין אין פעלד" — האָט ר׳ יהודה געזאָגט, אַז רב האָט גע־זאָגט: אַלע תלמידי חכמים זענען געווען אַנטקעגן זיי גלייך צו גראָז פון פעלד (סנהדרין ק״ב).

און אָט דער פרומער, אָנגעשטאָפּטער מיט תורה, ירבעם בן נבט, איז נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן קעניג, געוואָרן דער זינדיקסטער מענטש (חוץ דעם מלך מנשה) אין דער יידישער געשיכטע. ער איז פאַררעכנט ווי דער פּראָ־טאָטיפּ, דער ערשטער, פון די וואָס האָבן אַליין געזינדיקט און געמאַכט אַנ־דערע צו זינדיקן. ווי נאָר ער איז געוואָרן מלך, האָט ער אויפגעשטעלט צוויי גילדענע קעלבער און האָט אויסגערופן: „אָט דאָס זענען דיינע געטער, יש־ראל!" פאַרוואָס? דער פסוק דערקלערט עס אָפן: ער האָט געוואָלט אָנהאַלטן

די מאַכט, וואָס ער האָט אַריינגעקראָגן אין זיינע הענט „און ירבעם האָט גע־טראַכט ביי זיך אין האַרצן, איצט קאָן זיך די מלוכה אומקערן צו בית־דוד. אויב דאָס פאָלק וועט אַרויפגיין ברענגען קרבנות אין בית־המקדש פון גאָט אין ירושלים, וועט דאָס האַרץ פון פאָלק זיך אומקערן צו זייער האַר, צו רחבעמען דעם מלך פון יהודה. האָט ירבעם געמאַכט צוויי גילדענע קעלבער, איינס האָט ער אַוועקגעשטעלט אין בית־אל און איינס האָט ער אַוועקגע־שטעלט אין דן" (מלכים א׳, י"ב, כ"ו, כ"ח).

די בלוטיקסטע רעוואָלוציע האָט דורכגעפירט יהוא, וואָס האָט אַראָפּ־געוואָרפן דעם מלך יהורם פון דער הויז פון עמרי. די אחאָב־משפחה איז גע־ווען אַ זינדיקע משפחה און יהוא איז געווען אַ פרומער און גאָטספאָרכטי־קער. אָבער ווי ער האָט אַריינגעקראָגן די מאַכט איז ער געוואָרן אַזוי זינדיק ווי די מלכים פאַר אים. זאָגט דער מדרש: „מען האָט געזאָגט אויף יהואן, דעם זון פון נימשי, אַז ער איז געווען אַ ירא שמים און ער איז נישט נאָכ־געגאַנגען נאָך די גילדענע קעלבער, וואָס עס האָט געמאַכט ירבעם דער זון פון נבט. אָבער נאָך דעם ווי ער איז עולה לגדולה געוואָרן און איז געוואָרן מלך איז ער קאַליע געוואָרן — נתקלקל" (אליהו זוטא, סוף פרק ז׳).

מיר הערן ווייניק פון די נביאים נאָך דער איבערקערעניש, וואָס יהוא האָט געמאַכט. די נביאים האָבן אים געהאָלפן אין זיין קאַמף. זיי האָבן גע־האָפט, אַז נאָך דער אויסראָטונג פון דער זינדיקער אחאָב־משפחה און נאָך איזבלס טויט, וועט געצנדינערייַ אָפּגעשאַפט ווערן. גאָטס חסד וועט זיך אומ־קערן און ישראל וועט ווידער ווערן גרויס און שטאַרק. אָבער דאָס פאַרקער־טע האָט פאַסירט. שוין אין יהואס צייטן „האָט גאָט אָנגעהויבן אָפּצוהאַקן שטיקער פון ישראל און חזאל דער מלך פון ארם האָט זיי צעשלאָגן אין אַלע גרענעצן פון ישראל". אין די צייטן פון יהואס זון, יהואחז, איז די לאַגע גע־וואָרן נאָך ערגער: „און גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעלאָזן אויף ישראל. און ער האָט זיי איבערגעגעבן אין דער האַנט פון חזאל, פון דעם מלך פון ארם און אין דער האַנט פון בן הדד, דער זון פון חזאלן. — — — ווייל די בני־ישראל האָבן זיך נישט אָפּגעקערט פון די אַלע זינד פון דער הויז פון ירבעם, וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישראל. אויך די אשרה איז געבליבן שטיין אין שומרון. און עס איז נישט איבערגעבליבן ביי יהואחזן נאָר 50 רייטערס מיט 10 רייטוואָגנס און 10 טויזנט פוסגייער, ווייל דער מלך פון ארם האָט אומגעבראַכט (די איבעריקע), און ער האָט זיי געמאַכט ווי ערד צום טרעטן (מלכים ב׳, י"ג).

איינער פון די ערשטע נביאים אחרונים, הושע, זאָגט: „אין גאָר אַ קור־צער צייט וועל איך זיך אָפּרעכענען פאַר דעם בלוט פון יזרעאל מיט דעם

הויז פון יהוא". מאַכט רש"י: ער מיינט פאַר דעם בלוט פון אחאָבס הויז, וואָס יהוא האָט פאַרגאָסן אין יזרעאל, ווייל דאָס הויז פון אחאָב האָט געדינט צום בעל. אָבער וויבאַלד אַז אויך ער, יהוא, און זיינע זין האָבן געדינט צום בעל דערפאַר פאַררעכן איך דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון אחאָבס הויז ווי אומשול־דיק פאַרגאָסן בלוט (רש"י אויף פסוק ד' אין הושע).

פון יהואס אויפשטייג אויפן טראָן פון ישראל ביז די צייטן פון זיין אוראייניקל ירבעם דעם צווייטן, קרוב זיבעציק יאָר, הערן מיר ווייניק פון די נביאים. אין ירבעמס צייטן הייבט אָן עמוס נביאות זאָגן. ער איז געקומען קיין בית־אל, אין דעם הויפּט־טעמפּל פון מלכות שומרון און דאָרטן געהאַלטן זיינע נביאות. דער הויפּט־פּריסטער אמציה נעמט אָן עמוסן פאַר איינעם פון דער חברותא פון די בני־הנביאים, וואָס האָבן אַמאָל געהעצט צו אויפשטאַנדן. אמציה שיקט און זאָגט צום מלך ירבעם: „עמוס העצט אויף אַ בונט קעגן דיר צווישן די קינדער פון ישראל". אָבער עמוס ענטפערט דעם הויפּט־פּריסטער:

— איך בין נישט קיין נביא און נישט איינער פון די בני־נביאים, ווי דו מיינסט. איך בין אַ פּאַסטעך פון שאָף און אַ צורעכטמאַכער פון ווילדע פייגן.

אמציה האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז עמוס האָט אָנגעהויבן אַ נייע תקופה פון נבואה — די תקופה פון נביאים אחרונים.

די נביאים אחרונים האָבן נישט געהאַט קיין וויזיעס פון אַן אוטאָפּישן שטאַט אָבער זיי האָבן געהאַט וויזיעס פון דעם אידעאַלן יחיד. זיי האָבן באַ־טאָנט, אַז די גאולה פון דער געזעלשאַפט וועט קומען ווען דער יחיד וועט ווערן אַ בעסערער מענטש. דער אידעאַלער שטאַט וועט אויפקומען און גאָטס תורה וועט זיין אויפגעשריבן ביי יעדן מענטשן אויפן האַרצן; מען וועט קיי־נעם נישט דאַרפן לערנען: „קענט גאָט", ווייל אַלע פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן וועלן קענען גאָט. דעמאָלט „וועל איך זיין זייער גאָט און זיי וועלן זיין מיין פאָלק" (ירמיהו ל"א, ל"ב, ל"ג).

עד היום האָט די וועלט נישט אָנגענומען דעם נביאישן וועלט־באַגריף. קריסטנטום האָט געוואָלט שאַפן אַן אידעאַלע געזעלשאַפט און דורך דער געהייליקטער געזעלשאַפט האָט זי געמיינט וועט זי ענדערן דעם יחיד. דער־פאַר האָט קריסטנטום זיך געמיט אָפּצושמדן גאַנצע פעלקער — וועט דער שטאַט אָננעמען קריסטנטום וועט שוין דער יחיד במילא ווערן גוט און פרום. קאָמוניזם האָט געוואָלט איינפירן דעם אידעאַלן שטאַט — אין דעם אי־דעאַלן שטאַט וועט דער יחיד נישט וועלן און נישט קענען זינדיקן. ביידן איז

עס נישט געלונגען. די וועלט איז געבליבן מיט איר רשעות. די דערלייזונג פון דעם מענטשן אין דער וועלט וועט קומען ווען עס וועלן מקוים ווערן די רייד פון דעם נביא:

און די ערד וועט זיין פול מיט גאָטס וויסן,

ווי די וואַסערן וואָס באַדעקן דעם גרונט פון ים.

(ישעיה י״א ט׳).

# נאָכוואָרט

# פאַרוואָס שרייבט מען אַזוי פיל וועגן תנ״ך

ס׳איז געווען מיט אַ 25 יאָר צוריק. חיים שויס ע״ה האָט נאָר־וואָס געענדיקט זיין „יום־טוב־בוך״, וואָס איך האָב געהאָלפן רעדאַקטירן. ער האָט דעמאָלט פאַרטראַכט זיין סעריע „נביאים״, וואָס צוויי בענד זענען שפּעטער דערשינען מיט דער הילף פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. ער האָט געמאַכט אַ צעטל פון ביכער און ספרים, וועגן די נביאים פון פאַרן גלות בבל און האָט מיר געגעבן אַ רשימה פון אַכט ביכער וועגן די נביאים עמוס און הושע, וואָס ער האָט געוואָלט האָבן. אפשר וועל איך קענען איינקויפן די דאָזיקע ביכער אין אַ ביכער־געשעפט פון אַלטע ביכער. ער האָט מיר אָנגערופן אַ געוויסן געשעפט אויף דער פערטער עוועניו.

אין אַ דאָנערשטיק נאָכמיטאָג בין איך אַריין אין יענעם געשעפט און זיך נאָכגעפרעגט אויף די ביכער. דאָס מיידל ביים פאַרקויף־טיש האָט אַ קוק געטאָן אויף דער רשימה און האָט געזאָגט צו מיר:

— גייט אַראָפּ אין דעם עמוס צימער און זוכט נאָך. מיר האָבן נישט קיין דעטאַליזירטן קאַטאַלאָג.

איך האָב געפרעגט אומגלויבלעך: „אין עמוס צימער?״. — „יאָ, האָט זי געענטפערט, גייט אַראָפּ אונטן אין קעלער, טוט זיך אַ קער רעכטס, איר וועט זען דעם אויפשריפט אויפן צימער״.

איך בין אַראָפּ אין קעלער, געפונען דאָס צימער, אַריבערגעטראָטן די שוועל און געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער: אַ צימער אַרום צוואַנציק פוס די לענג, אַ פופצן פוס די ברייט און אַ זעקס פוס די הויך. אַלע פיר ווענט פאַרשטעלט מיט פּאָליצעס אָנגעפּראָפּט מיט ביכער: אַלטע, נייע, דיקע, דינע, צעריסענע רוקנס און אויך גלאַנציקע רוקנס מיט גליישטן גאָלד. איך האָב נישט געגלייבט, אַז די אַלע ביכער זענען נאָר וועגן עמוסן. איך האָב אַרויסגענומען בוך נאָך בוך — יאָ, אַלע וועגן עמוסן.

דער ספר עמוס פאַרנעמט קאַרגע אַכט זייטן אין דעם תנ״ך געדרוקט אין ירושלים תש״ג אונטער דער השגחה פון ר׳ משה דוד קאַסוטו ז״ל. אין דעם קעשענע־פאָרמאַט תנ״ך פאַרנעמט דער ספר עמוס עפּעס מער ווי ניין זייטן. און תרגום יהואש — עלף זייטן.

דער ספר הושע פֿאַרנעמט עפּעס אַ דריי זייטן מער ווי עמוס. פֿאַר מיר ליגט אַ בוך אין ענגליש — עמוס און הושע — אַ קריטיק און פּירוש פֿון וויליאַם האַרפּער פֿון דער סעריע „דהי אינטערנעשאַנעל קריטיקל קאָמענטאַרי“, צווייטע אויפֿלאַגע 1926, פֿאַרנעמט דאָס בוך פֿולע זעקס הונדערט זייטן. די הקדמה צו די צוויי ספרים איז הונדערט און איין און אכציק זייטן און דער פּירוש אויף עמוס (אָן דעם טעקסט) פֿולע צוויי הונדערט זייטן און דער פּירוש אויף הושע די איבעריקע צאָל זייטן. די „קעמברידזש בייבל“ צעשפּרייט זיך שוין ניט אַזוי. איר עמוס — הקדמה און פּירוש — האַלט הונדערט און אַכט און פֿופֿציק זייטן, געדרוקט אין פּעטיט...

ס׳איז כדאַי צו דערמאָנען אַז אין „תולדות האמונה הישראלית“ פֿון יחזקאל קויפֿמאַן, וואָס איז ניט קיין פּירוש, אויפֿן תנ״ך נאָר אַ געשיכטע פֿון דער יידישער אמונה, פֿאַרנעמט דאָס קאַפּיטל וועגן עמוסן זעקס און דרייסיק זייטן, די גרעסטע טייל געדרוקט אין פּעטיט.

אין פֿלוג קען טראַכטן דער דורכשניטלעכער לייענער, אַז די אַלע פּירושים זענען ניט מער ווי פּילפּול, ניט קיין אויסטייטשונגען נאָר אַריינטייטשונגען אין דעם ספר, וואָס האָט בעצם גאָרניט וואָס צו טאָן מיטן טעקסט. דער פּסוק איז ניט מער ווי אַ תירוץ פֿאַר דעם מחברס געדאַנקען, ווייל וואָס איז דאָ צו שרייבן וועגן אַכט־ניין בלעטלעך? אַפֿילו ווען מען זאָל אַנאַליזירן יעדן וואָרט און אות איז עס צופֿיל געשריבן. גאַנץ עמוס פֿאַרנעמט דאָך ניט מער ווי הונדערט און זעקס און פֿערציק פּסוקים.

אָבער עס איז ניט אַזוי ווי עס קאָן זיך אויסדוכטן אויבנאויף. מען דאַרף צוערשט באַנעמען דעם מהות פֿון דעם תנ״ך און דעם אופֿן ווי דער טעקסט איז אויפֿגעהיט געוואָרן און די תקופֿות וואָס ער נעמט אַרום.

לויט די מאָדערנע פֿאַרשערס פֿאַרנעמט דער תנ״ך אַ צייט־אָפּשניט פֿון קרוב עלף הונדערט יאָר. „די ביבל איז באמת אַ קאָלעקציע פֿון קליינע און גרעסערע ביכער, פֿון אַלערליי זשאַנערן און מוסטערן, וואָס עס איז אויפֿגעשריבן געוואָרן אין אַ משך פֿון גאָר אַ לאַנגער צייט. די עלטסטע טעקסטן זענען טיילווייז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אַזוי לאַנג צוריק, ווי העכער צוועלף הונדערט יאָר צוריק, די שפּעטערדיקע טעקסטן — אַרום הונדערט און פֿופֿציק יאָר פֿאַר אונדזער צייט־רעכענונג, מיט אַן איין און צוואַנציק הונדערט יאָר צוריק“ (מערי עללען טשייס). עס מיינט עס האָט געדויערט העכער עלף הונדערט יאָר אָנצושרייבן דעם תנ״ך.

דעם טראַדיציאָנעלן יידן קאָן אין פֿלוג שאָקירן אַזאַ באַהויפּטונג. אָבער נאָך אַביסל אַריינטראַכטן זיך, איז די יידישע טראַדיציע ניט ווייט פֿון אַט דער באַהויפּטונג. זאָגט די גמרא: משה האָט געשריבן זיין ספר און די־

פרשה בלעם (מאַכט רש״י אַפילו ס׳איז נישט משהס תורה און זיינע אויפ־טואונגען) און איוב. יהושע האָט געשריבן זיין ספר און די לעצטע אַכט פסוקים פון ספר דברים. שמואל האָט געשריבן זיין ספר, שופטים און רות; דוד — דעם ספר תהילים דורך די צען זקנים: מלכי צדק, אברהם, משה, השמן, ידותן, אָסף און די דריי בני קורח. (טייטשט רש״י: ער האָט פאַרשריבן די רייד פון די זקנים וואָס זענען געווען פאַר זיין צייט און אויך פון די וואָס האָבן געלעבט אין זיין צייט). ירמיהו — זיין ספר, דעם ספר מלכים און איכה. חזקיהו און זיינע אַרויסהעלפערס — ישעיה, משלי, שיר השירים און קהלת. די אנשי כנסת הגדולה — יחזקאל און תרי־עשר, דניאל און מגילת אסתר. עזרא — זיין ספר און דעם יחוס־צעטל פון דברי־הימים (בבא בתרא י״ד, ט״ו, עמוד א׳). פון משה רבנו ביז די אנשי כנסת הגדולה איז אַ צייט־אָפּשניט פון העכער עלף הונדערט יאָר.

דער תנ״ך איז אויפגעקומען אין פאַרשיידענע לענדער אויך לויט דער טראַדיציע. ביז „לך־לך״ דערציילט די תורה, וואָס איז געשען מיט דער גאַנ־צער מענטשהייט אויף דער וועלט אויסער ארץ־ישראל. פון דער סדרה „לך־לך״ — וואָס עס איז געשען מיט דעם אור־פּאַטער פון די יידן אין ארץ־ישראל. אָבער טיילן פון דער תורה זענען דאָך אויך פאַרצייכנט געוואָרן אין מצרים, די איבעריקע טיילן זענען געגעבן געוואָרן אין מדבר. דערנאָך זענען די ספרים פון יהושע ביז יחזקאל געשאַפן געוואָרן אין ארץ־ישראל; יחזקאל אין בבל. איוב לויט דער טראַדיציע פון משה רבנו אין מדבר; הושע און עמוס אין שומרון, די איבעריקע נביאים אין יהודה; עזרא און נחמיה און דניאל זענען געשריבן געוואָרן פון גלות־יידן, טיילווייז נישט אין לשון־קודש. מגילת אסתר אין פרס. אין תנ״ך ווערט אָפּגעשפּיגלט די יידישע קולטור; אויך די קולטורן פון מצרים, בבל, אשור און נאָך די עלטערע קולטורן פון אברהם אבינוס צייטן, אין מעסאָפּאָטאַמיע.

פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט איז דער תנ״ך רייך און וואַריאירט און פאַרשיידן. אַן אוצר פון טעמעס און געשטאַלטן. זאָגט אַ פאָרשער:

„דער תנ״ך איז פול מיט מעשיות, דערציילונגען און כראָניקעס. אָט איז די מעשה פון וועלט־באַשאַף און מבול; די זאגאס פון יעקב און יוסף; די העלדן־געשיכטעס וועגן גדעון, יפתח און שמשון; אַ ראָמאַנס וועגן דודן; די טראַגעדיע וועגן שאול המלך; רעאַליסטישע דערציילונגען: די דעטאַלן וועגן די נישט־זויבערע געשעענישן אין דוד המלכס הויף, די רשעותן פון אחאָב און איזבלן. פאַראַן אידיליעס אין תנ״ך — רות, אַ נאָוועלע — אסתר״.

„די מעשה־דערציילער פון תנ״ך האָבן גוט פאַרשטאַנען די כאַראַקטערן פון די פאַרשיידענע מענטשן, וואָס זיי האָבן געשילדערט, סיי פון די מענער

און סיי פון די פרויען. עס זענען נישטאָ קיין שום טיפּן און כאַראַקטערן וואָס דער תנ״ך האָט פאַרקוקט. עס ווערט דערציילט דאָרטן וועגן קלוגן און נאַר, רייך און אָרעם, פאַרעטער און גינציקן, אומשולדיקן און שולדיקן, כיטרען און תמימותדיקן, קאַרגן און פאַרשווענדער, יונג און אַלט, פאַרליבטן און בעל־תאווהניק, אַ פריינד וואָס איז גרייט אַלץ אַוועקגעבן פאַר פריינדשאַפט און אַ פאַררעטער, קינדער מיט שלעכטע מאַניערן און קינדער גוט־דערצויגענע, אַ קליין יינגל וואָס האָט געקראָגן אַ קאַפּווייטיק זומער אין פעלד און אַ דינסטמיידל, וואָס האָט אַזוי געזאָרגט וועגן איר באַלעבאָס, אַז זי האָט אים געגעבן אַ נישט־געבעטענע עצה, וואָס איז אים נישט געפעלן געוואָרן, און ער איז דאָך געהאָלפן געוואָרן דורך איר״.

„די מעשיות וועגן די מענער און פרויען, יונג און אַלט, פאַרנעמען אַ גרויסן טייל פון תנ״ך אָבער נישט דעם גרעסטן טייל. דער גרעסטער טייל באַשטייט פון גרויסע פּאָעטישע שאַפונגען: אַלטע מלחמה־לידער, לירישע לידער, אָדעס, קינות, אַלערליי הימנס — סעקולאַרע און הייליקע און דראַמאַטישע מאָנאָלאָגן. אָבער וויכטיקער פון אַלץ איז וואָס דער גרעסטער טייל פון תנ״ך באַשטייט פון די עקזאַלטירטע רייד פון די נביאים, די דערהויבענע שאַפונג פון איוב און די מיזמורים פון תהילים״ (דהי ביבל ענד דהי קאָממאָן, פון מערי עללען טשייס, זז׳ 5־6).

אַלץ וואָס די סעקולאַרע פאַרשעריין האָט געזאָגט וועגן תנ״ך איז אמת. אָבער זי האָט געמאַכט איין גרונט־טעות. נישט די תורה און נישט די ספרים פון תנ״ך זענען אויסן געווען צו דערציילן מעשיות כדי אונדז צו באַקענען מיט דעם לעבן פון די מענטשן פון יענע תקופות. דער תנ״ך האָט נישט געשריבן געשיכטע לשם געשיכטע אין דעם זין פון דעם וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג — אַט אַזוי איז עס געשען און זאָל עס פאַרשריבן ווערן לדורות. דער צוועק פון די אַלע זשאַנערן איז געווען לשם רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער דערציאונג. דערפאַר האָבן די צוזאַמענשטעלער פון תנ״ך, די רעדאַקטאָרן, ווי מיר רופן זיי היינט, אַריינגענומען בלויז דעם מאַטעריאַל, וואָס מען קאָן פון אים עפּעס לערנען לדורות, וואָס קאָן זיין אַ רעליגיעזער אָדער נאַציאָנאַלער וועגווייזער.

מיר זעען עס קלאָר פון די מעשיות פון די אבות, וואָס די תורה האָט אַריינגענומען. זי האָט געוואָלט דורך דעם באַטאָנען דריי זאַכן: א) אברהם אבינו האָט דערקענט דעם באַשאַפער פון דער וועלט און האָט זיך איבערגעגעבן צו עבודת הבורא. ער איז דערפאַר אויסדערוויילט געוואָרן צו טראָגן דעם בונד, וואָס גאָט האָט מיט אים געמאַכט, כדי ער זאָל ווערן דער פאָטער פון אַ פאָלק וואָס האָט אַן אמונה, וואָס איז הימל־הייך לגבי די געצנדינערי־

שע אמונות פון יענער צייט; ער זאָל אויך דערציען די קינדער זיינע צו גיין אין גאָטס וועגן צו טאָן משפט און גערעכטיקייט; ב) אברהם אבינו האָט געקראָגן הבטחות, צוזאָגונגען וועגן דער צוקונפט פון זיינע קינדער און זייער פאַרמערונג, אַז זיי וועלן ווערן אַזוי אַרום גרויס אין צאָל אַז זיי וועלן נישט קענען איבערגעציילט ווערן; ג) אַלע געשעענישן וואָס האָבן פּאַסירט מיט אברהמען זענען ענלעך, אידענטיש מיטן שפּעטערדיקן גורל פון יידישן פאָלק. „מעשי אָבות סימן לבנים", די געשעענישן מיט די אבות זענען אַ סימבאָל פאַר די קינדער. דער לייענער פון חומש קאָן זען אַז דאָס וואָס עס האָט **שפּעטער פּאַסירט מיטן יידישן פאָלק, איז נישט גלאַט קיין צופאַל נאָר אַן אויסגעלייג־טער פּלאַן, וואָס די השגחה האָט אויסגעפּלאַ־נירט און אָנגעדייט אין די געשעענישן וואָס האָבן געטראָפן מיט דעם פאָטער פון יידישן פאָלק** (זען מנח עד אברהם, פון מ. ד. קאַסוטו, זז' 204, 205, 251 און נאָך ערטער אין ספר).

די כראָניקעס פון תנ"ך זענען נישט גלאַט קיין רשימות פון מלכים אָדער דינאַסטיעס, עמעצן צו גלאָריפיצירן נאָר עפּעס אונדז צו לערנען און צו דערקלערן. אָט למשל „ואלה תולדות בני נח" אין בראשית י"א א' ביז נאָכן דור הפלגה. זאָגט מ. ד. קאַסוטו: „די פּרשה וויל אונדז באַווייזן אַז די צעשפּרייטונג פון דער מענטשהייט איז נישט געווען קיין צופעליקע, צוליב דער פאַרמערונג פון די מענטשן, נאָר די צעשפּרייטונג איז געווען לויט גאָטס פּלאַן, אַזוי איינגעשטעלט, אַז די מענטשן זאָלן עס אַפילו נישט דערפילן. אויך לערנט אונדז די פּרשה די שייכות צווישן די יידן און די אַנדערע פעל־קער פון דער וועלט. עס לערנט אונדז אויך, אַז די מענטשהייט האָט זיך נאָכן מבול פאַרצווייגט פון איין משפּחה, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון אומ־גליק. נישטאָ קיין מיוחסים.

דער תנ"ך איז נישט מער ווי אַ קליינער אָפּקלייב וואָס די חז"ל האָבן פאַר אונדז אויפגעהיט. מיר, היינטיקע מענטשן, וואָס ווילן פאַרשטיין די דעמאָלטיקע, דאַרפן צוגיין צום תנ"ך ווי צו אַ טעקסט, וואָס אין אים זענען פאַרהוילן רזין דרזין. מיר דאַרפן פאַרזיכטיק אַנאַליזירן און עקזאַמינירן יעדן וואָרט וואָס מיר ווילן עפּעס וואָס פאַרשטיין פון וואָס עס האָט זיך געטאָן אין דער אַמאָליקער וועלט. למה הדבר דומה — צו וואָס קאָן מען עס פאַר־גלייכן? מיר דאַרפן זיך פאָרשטעלן ווי פון אונדזער איצטיקער ציוויליזאַ־ציע בלייבט טויזנטער יאָרן שפּעטער אַ קליין ביכל. דאָרט ווערט נישט דער־

ציילט די איינשטעלונג פון אונדזער צייט, פון אונדזער אינדוסטריע, קונסט און רעליגיעזן לעבן. מיר געפינען דאָרטן אַזאַ פאַרצייכענונג:

„היינט אָוונט, אַכט אַזייגער, וועט אין זאַל פון קאַרנעגי, פאָרקומען אַ קאָנצערט פון דעם פילהאַרמאָניע־אָרקעסטער. צוויי הונדערט מוזיקער און צוועלף זינגער. איינטריט אַ טאָלער."

פאַר דעם פאָרשער איז אָט די קורצע נאָטיץ אַן אוצר פון אינפאָרמאַציע. פון די דאָזיקע געציילטע ווערטער קאָן ער רעסטאַווירן אַ גרויסן טייל פון אונדזער ציוויליזאַציע.

די חז"ל האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען די צימצומדיקייט פון פסוק. זאָגט דער מדרש: „ער האָט אונדז געגעבן די תורה שבכתב אויפן וווּנק, פאַרשטעלט און פאַרהוילן, אין דער תורה שבעל־פה האָט ער אַלץ מגלה געווען, דערקלערט; נאָך מער, אין דער תורה שבכתב האָט ער געגעבן דעם כלל, דעם אַלגעמיינעם דין, למשל, מען טאָר נישט טאָן קיין מלאכה אום שבת, אָבער אין דער תורה שבעל־פה האָט ער אונדז געגעבן פרטים, איינצלהייטן, וועלכע אַרבעט מען מעג טאָן און וועלכע נישט (מדרש תנחומא, פרשה נ"ח, סעיף ג'). די גמרא זאָגט: עס שטייט געשריבן ווי אַ האַמער האָט צעקלאַפּט אַ שטיין (ירמיהו כ"ג, כ"ט) אָט אַזוי ווי מען קלאַפּט מיט אַ האַמער אָן אַ שטיין שפּריצן אַרויס אַ סך פונקען, אַזוי קאָן אויך אַ פּסוק פאַרשטאַנען ווערן אויף אַ סך אופנים (סנהדרין ל"ד, עמוד, ב'). פאַרשטייט זיך אַז דאָס נעמט נישט אַוועק דעם כלל, אַז יעדער פּסוק האָט זיין פּשוטן טייטש (שבת ס"ג, עמוד א').

דערפאַר טאַקע האָט מען דעם תנ"ך נישט געלייענט נאָר געלערנט. דער תנ"ך איז, ביז איצט, ביי דער מענטשהייט נישט געווען קיין צייט־פאַרטרייב, ווי ליטעראַטור איז איצט ביי דעם מאָדערנעם מענטשן, נאָר אַ ספר, וואָס האָט פאָרמירט דעם כאַראַקטער פון מענטשן און פעלקער. דער תנ"ך איז נישט בלויז ליטעראַטור, דער תנ"ך האָט אין זיך די גרונטזיילן פון דער וועלט־ציוויליזאַציע.

# אינהאַלט

## אַריינפיר


I נבואה און נביאים — 7
II פאַרוואָס נביאים בלויז ביי יידן? — 12


## די נביאה דבורה


די כנענים אין די שטעט — 21
דבורה און ברק — 22
די שלאַכט — 23
די וויכטיקייט פון דעם זיג — 24
דבורהס נבואה־ליד — 25


## דער נביא שמואל


דער לעצטער פון די שופטים און דער ערשטער פון די נביאים 33
שמואל הנביא אין דער יידישער געשיכטע — 35
שמואל הנביאס יוגנט — 39
עליס זין — חפני און פנחס — 41
גאָט אַנטפּלעקט זיך צו שמואלן — 41
די נבואה ווערט מקוים — 43
חורבן שילה — 44
צוואַנציק גורלדיקע יאָרן — 46
דער זיג איבער די פלישתים — 47
שמואל און מלוכה — 48
שאול ווערט קעניג — 50
שמואל געזעגנט זיך מיטן פאָלק — 52
דער ערשטער ריס צווישן שמואל און שאולן — 54
שאול פאַרלירט נישט דעם מוט — 56
שמואל פאַרלאָזט שאולן — 57
שאול און דוד — 59
שאולס לעצטע שלאַכט — 61
נבואה און נביאים אין שאולס צייטן — 63
נבואה און נביאים אין דודס צייטן — 65

די שטראָף־רייד פון נביא גד — 66
נתן, דו ביסט עס דער מאַן — 67

## דער נביא אחיה פון שילה

נביאים אין די צייטן פון שלמה המלך — 75
ירבעם און דער נביא אחיה — 77
דער גרעסטער ווענדפונקט אין דער יידישער געשיכטע — 82
דריי נבואות — 85

## אליהו הנביא

בירגער־קריג אין ישראל — 91
עמרי — 92
חיאל בויט אויף די חרם שטאָט יריחו — 95
אליהו דורך דורות — 98
צוויי מעשיות — צוויי עטישע מדרגות — 101
דער קאַמף קעגן בעל — 105
די גמרא איז נישט צופרידן פון אליהוס קפדנות — 110
אליהו ווייזט זיך צו אחאָבן — 111
דער נס אויפן באַרג כרמל — 114
אליהו אַנטלויפט פון איזבלן — 117
אליהו הייליקט אלישען פאַר אַ נביא — 121
דריי שליחותן — 122
די ערשטע מלחמה מיט ארם — 123
די צווייטע מלחמה מיט ארם — 125
אַ יונגער נביא פאַרשטעלט זיך — 126
טענות צו די נביאים — 127
אחאָבס זינדיקייט — 129
איזבל לאָזט טויטן נבותן — 131
האָסט געהרגעט און געירשנט? — 133
דער סדר פון קאַפּיטלעך — 135
די פיר הונדערט פאַלשע נביאים — 137
דער אמתער נביא — 138
די פאַלשע נביאים — 140
די שלאַכט — 141
אליהו און אחזיה — 142
אליהו ווערט אַרויפגענומען אין הימל — 145
ניסים און נאַטור־געזעצן — 147
וועגן ניסים אין תלמוד און מדרש — 149

די מאָדערנע פאָרשערס וועגן ניסים 151
דער הימלישער אליהו אויף אונדזער וועלט 154
אַ בריוו נאָכן טויט 154
אליהו פאַרשטעלט זיך פאַר אַ קאַמערדינער 156
אליהו הנביא און נחום איש גם זו 157
אליהו הנביא און רבי עקיבא 160
האַלט זיך נישט גרויס ביי זיך 165
צוליב אַ קאָרב פישעלעך 167
אַנטלויף 169
אויס אָרעמעלייט — נישטאָ אליהו 169
אליהו העלפט אַ זינדיקע געווינערין 169

## דער נביא אלישע

רבי און תלמיד 175
דער ערשטער נס 179
דער צווייטער נס 180
אלישע אויפן שלאַכטפעלד 181
די וויכטיקייט פון אלישע מעשיות 187
דער חילוק צווישן כישוף און ניסים 189
דאָס קריגעלע בוימל 190
די געשטאַלט פון אַ יידישער אשת חיל 192
אלישע מאַכט לעבעדיק אַ טויט קינד 194
אַ באַגעגעניש פון צוויי וועלטן 197
דריי מופתים 202
אלישע און די באַנדעס פון ארם 204
דער מלך יהורם און אלישע 207
שומרון ווערט באַלאַגערט 209
די פיר מצורעים 211
אלישעס שווער געמיט 213
אלישע אין דמשק 215
די צוויי יהורמס 217
יהואס אויפשטאַנד 218
איזבלס טויט 222
די אויסראָטונג פון אחאָבס דינאַסטיע 223
יהונדב דער זון פון רכב 224
די אויסראָטונג פון די דינער פון בעל 227
אויך יהוא זינדיקט 229
אלישעס לעצטע נבואה 231

## דער נביא יונה


וואָס מיינט תשובה — — — — — — — — — — — — — — — — 235
תשובה און טאָטאַלע רשעות — — — — — — — — — — — — — 237
גאָט שיקט יונהן קיין נינוה — — — — — — — — — — — — 241
נינוה טוט תשובה — — — — — — — — — — — — — — — — 246
ווען איז דער ספר געשריבן געוואָרן? — — — — — — — — — 249
מדרש־אויסטייטשונג — — — — — — — — — — — — — — — 251
דער קילוק צווישן די נביאים ראשונים און די נביאים אחרונים 253


## נאָכוואָרט


פאַרוואָס שרייבט מען אַזויפיל וועגן תנ״ך? — — — — — — — 263

פארלאג־אדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

קיום פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

## דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ־ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלס לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים

## אין שפּאַניש:

**Marie Syrkin:** Al Servicio de una Causa

## אין צוגרייטונג:

15. אפרים אויערבאַך — לידער
16. זלמן שזר — ליכטיקע פערזענלעכקייטן
17. יוסף וייץ — זכרונות
18. מרדכי שטריגלער — עסייען.

Este libro se terminó de imprimir
el día 12 de diciembre de 1958,
en los Tall. Gráf. Julio Kaufman,
S.R.L., Corrientes 1976. Bs. Aires.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
S. Seimon
New York

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
**Poale Sion Hitajdut**
Departamento
Ediciones "**KIUM**"

S. SEIMON

# EN LOS DIAS DE LOS PRIMEROS PROFETAS

*

BUENOS AIRES

1958